STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10058

IDISHE GESHIKHTE

Samuel Rosenfeld

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע געשיכטע
אין מאנאגראפיעס

צווייטער טייל

ש. ראָזענפעלד

אידישע געשיכטע

(אין מאָנאָגראַפיעס)

צווייטער טייל

ארויסגעגעבן פון
„טאָג“, ניו יאָרק
1927

Copyright, 1927
by
S. ROSENFELD

פינסקי־מזל פרעס, אינק.
446
84 בויערי, ניו יארק

אינהאלט:

דער רמב"ם (רבי משה בן מימון) 7
שלמה בן גבירול 21
משה די־ליאָן 30
די אידן אין פראנקרייך 37
רש"י (רבי שלמה יצחקי) 56
די אידן אין ענגלאנד 66
משה מאָנטעפיאָרע 80
די אידן אין דייטשלאנד 91
משה מענדעלסזאָן 104
נחמן קראָכמאל 120
די אידן אין פוילן 131
קבלה און חסידות 147
די הייליגע שטאָט צפת 159
רבי משה קאָרדאָווירע 168
רבי יצחק לוריא (דער „אר"י הקדוש") 177
רבי חיים וויטאל 195
שבתי צבי 203
דער בעל־שם 215
דער ווילנער גאון 230
די אידן אין רוסלאנד 242
פרץ בן משה סמאָלענסקין 258
ד"ר לעאָן פינסקער 268
משה לייב ליליענבלום 282
ד"ר הרצל 304
די אידן אין אמעריקא 319
די אידן אין ארץ־ישראל 331

דער רמב״ם (רבי משה בן מימון)

גרויכ און שיין און רייך איז געווען די שפּאַנישע שטאָט קאָרדאָווא, אין אָנהויב פון צוועלפטן יאָרהונדערט. ג ר ו י ס — מיט איר מיליאָניגער באַפעלקערונג. ש י י ן — מיט אירע זעכציג טויזנט פּראַכט־בנינים, און ר י י ך מיט אירע מאַטעריעלע און גייסטיגע גיטער. ד י ל ע צ ט ע, ווערטפולער ווי די ערשטע — ווייל ו ו י י ט ע ר ־ לייכטנדיגע, ל ע נ ג ע ר ־ אומשטערבליכע. אכטציג אָנפאַנגס־ און מיטל־שולן האָט זי געהאַט, א הויך־שול פאַר פאַרשידענע צווייגן פון מענשליכן וויסן, און א ביבליאָטעק מיט איבער זעקס מאָל הונדערט טויזנט געשריבענע ביכער. און ג ע ל ע ר נ ט ע — ניט צו ציילן און ניט צו שאַצן! פול־באַזעצט איז געווען דער שפּאַנישער הימל מיט „לייכטנדיגע שטערן״ — ווי מ׳איז געוואוינט געווען צו רופן די גרויסע חכמים.

און אידן האָבען דאָס גליק געהאַט אויך ז י י ע ר ע שטערן אין שפּאַנישן הימל אָנצוצינדן. פיל, זייער פיל זענען געווען די גרויסע און די מעכטיגע אידישע גייסטער, וואָס האָבן צו יענער צייט געווירקט אין שפּאַניען בכלל און אין קאָרדאָווא בפרט. און צווישן אלע געלערנטע און חשוב׳ע האָט זיך אויסגעצייכנט איין משפחה, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך די גרויסע גאָלדענע קייט פון אידישן יחוס. די לעגענדע קניפּט אָן דעם ערשטן רינג פון דער קייט אָן דוד המלך, פון דאָרט ציט זי זיך ביז הלל׳ן, פון הלל׳ן ביז רבי יהודה הנשיא און פון דאַנען ביז דער משפחה פון גרויסע רבנים אין שפּאַניען. א דור נאָך א דור, ביז דעם דיין רבי מימון. און אין יאָר פיר טויזנט אכט הונדערט פינף און נייגציג, פערצן טעג אין חודש ניסן (30טן מערץ, 1135), צוואַנציג מינוט נאָך איינס בייטאָג, איז בא רבי מימון געבוירן געוואָרן א זון, ווען מ׳האָט א נאָמען געגעבן מ ש ה. ער איז עס דער משה בן מימון, וואָס איז באַרימט מיט׳ן נאָמען ר מ ב ״ם.

גרויסע פייאיקייטן האָט משה געהאַט. אַן ערלאַכע נאַטור און א טיפן חוש פאר לאָגישער אָרדנונג און סיסטעמאַטישקייט. אָבער אויך מוט האָט ער פארמאָגט אין זעלבסטבאַוואוסטקייט און צוטרוי צו זיך. דאָס איז געווען צו מערקן אין אים נאָך אין די יונגע יאָרן. לערנט ער אידישע למודים באַ זיין פאָטער. לערנט ער אַלגעמיין וויסן פון אראבישע פראָפעסאָרן. און אַלץ מיט'ן גרעסטן ערפאָלג. און אויף אַלץ האָט ער זיין אייגענעם קוק, צו אַלץ — זיין באַזונדערע שטעלונג. און דאָך איז ער באַשיידן. ניט קיין בעל־גאוה און ניט קיין כעסן. געוועלטיגט איבער זיך. פארשטייט צו אורטיילן וועגן צווייטן, ווי וועגן זיך אליין. און אזוי שפּאַנט ער אויפ'ן וועג צו פערזענלאַכן פולקאָמענהייט.

אָבער ניט אויף לאַנג איז אים באַשערט דאָס רואיגע לעבן און לערנען. קוים דרייצן יאָר אַלט, — און דאָס יונגע קינד דערקענט דעם אַלטן גלות, זיינע שוידערליכקייטן און זיין פיין. אין דער צייט קומען די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן (געווען שוין אמאָל א רייד וועגן זיי) פון אפריקא קיין שפּאַניען און נעמען איין קאָרדאָווא און גאַנץ אַנדאַלוזיע. אין גרויסן אייפער פאַר מחמד'ן מאַכן זיי די שוידערליכסטע פּאָגראָמען אויף קריסטן און אויף אידן און אפילו אויף מחמדאנער אין שפּאַניען — ווייל אויך ז י י זענען ניט מחמדניש־פרום געגוג. זייער פאָדערונג איז: „איד אָדער קריסט זאָל אָננעמען מחמדענטום אָדער פארלאָזן דאָס לאַנד. ווער ס'טוט ניט איינס פון די ביידע. ווערט דער'הרג'ט און זיין פארמעגן קאָנפיסקירט". האָבן אידן פארשידן געהאַנדלט: אַנדערע האָבן זיך גע'שמד'ט מיט אן אמת; אַנדערע האָבן זיך גע'שמד'ט נאָר לפנים און אין פארבאָרגנשאַפט האָבן זיי געהיט אידישקייט. און נאָך אַנדערע האָבן גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט און זיך געלאָזט וואַנדערן און זוכן אַ פּלאַץ. וואו זיי זאָלן קאָנען רואיג דעם קאָפּ אנידערלייגן און פריי קאָנען גאָט'ס נאָמען דערמאָנען. צווישן די לעצטע איז אויך געווען דעם רמב"מ'ס פאמיליע. פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד האָבן זיי געוואַנדערט —

א משך פון צען יאָר. פיל מאָל האָט דאָס מחמדנישע שווערד געפּאָכט איבער די קעפּ פון דער וואנדערנדיגער פאמיליע. אָבער ווי דורך נסים זענען זיי ניצל געוואָרן. ערשט אין יאָר 1160 געלינגט עס זיי אריבערצושווימען דעם ים קיין פעץ, אפריקא. אָבער דאָ איז זיי אויך ניט פיל בעסער. פינף יאָר מאטערן זיי זיך דאָ אָפּ. און אין יאָר 1165 פאָרן זיי אריבער קיין ארץ ישראל — קיין עכו. פון דאָרט קיין ירושלים, וואו זיי פארבלייבן א קורצע צייט. פון דאָרט פאָרן זיי אריבער קיין מצרים און באזעצן זיך אין פאָסטאט (קאירא).

אָבער דאָס וואנדערן קומט צו גוטן דעם יונגן געלערנטן. ער דערקענט די וועלט און די מענשן. און אויך דעם צער פון די מענשן, דערהויפּט אידן, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט. ער קען אויך זייער גייסטיגן צושטאנד. ווי די מענשן פארלירן זיך „אין ברייטן ים פון תלמוד", ניט ארויסצובאקומען פון דאָרט דעם ע י ק ר — דעם דין, כדי צו וויסן ווי זיך אויפצופירן. וואָרים דעמאָלט איז נאָך ניט געווען פארשפרייט דער קוק, אז דאָס לערנען גופא, ס ת ם לערנען, פון לערנען וועגן, איז א מצוה און איז א חוב אויף יעדן אידן. דער רמב״ם האָט גערעכנט, אז לערנען דארף מען, כדי צו וויסן, וואָס א איד ד א ר ף וויסן אין לעבן. און וואָס גרינגער און גיכער ער וועט דאָס דאָזיגע וויסן דערגרייכן, אַלץ בעסער פאר׳ן אידן. אַלץ געזינטער פאר׳ן אידנטום. און נאָך אין משך פון וואנדערן נעמט ער זיך אונטער: צו העלפן אידן אין דעם פּרט. צום דריי־און־צוואנציגסטן יאָר זיינעם האָט ער פארטיג זיין פירוש, אין אראבישער שפּראך, אויף פארשידענע מסכתות אין תלמוד. אָבער דאָס באפרידיגט אים ניט. עס בלייבט אַלץ נאָך איבער צופיל צו לערנען, ביז מ׳קאָן וויסן א דין. איז צו דריי־און־צוואנציג יאָר נעמט ער עס אונטער אָנצושרייבן א פירוש צום משניות — דעם תמצית פון דער גמרא. יעדע משנה טיילט ער איין, לויט די הלכות, וואָס זענען אין איר באהאנדלט, נאָכ־דעם פארטייטשט ער די שווערע ווערטער. און דערנאָך ערשט ערקלערט ער זי אין אַלע פּרטים, לויט די א ו י ס פ י ר ו נ ג ע ן

פון דער גמרא. פאר אנפאנגער זאל עס גילטן ווי אן איינלייטונג צום תלמוד. פאר קענער — צום איבער'חזר'ן קורץ, וואס זיי האבן געלערנט לאנג, און פאר יענע, וואס ווילן געפינען א קלארן דין — וועלן זיי דא דעם דין געפינען גיכער און גרינגער, ווי אנדערש־וואו. און געשריבן איז דאס אלץ מיט גרויסער רו, מיט טיפע קענטנישן און מיט קלארן פארשטאנד. אויף זיין וואנדערונג באקענען זיך מענשן מיט זיין ארבעט — הגם נאך ניט קיין פארענדיגטע. מען מאכט קאפיעס פון איר. און אינאיינעם מיט די קאפיעס ווערט אויך פארשפרייט דער נאמען „פונ'ם נייעם שטערן, וואס גייט אויף אויפ'ן אידישן הימל".

און נאך צוליב איין זאך איז געוואקסן די פאפולאריטעט פון דעם יונגן געלערנטן.

איינער פון די גע'שמד'טע לפנים, אבער באהאלטענערהייט איז ער טריי געבליבן דעם אידנטום, האט זיך געווענדט צו איינעם א רב אין אן אנדער לאנד און געפרעגט בא אים: ווי אז דער הערשער פאדערט פון אים ער זאל ארויסברענגען דעם באקאנטן זאץ: „ניטא קיין גאט אויסער גאט, און מחמד גאט'ס שליח", — צי זאל ער דעם זאץ זאגן און דערמיט זיך ראטעווען פון טויט און זיינע קינדער פון נאציאנאלן אונטערגאנג, אדער ער זאל זיך לאזן הרג'ענען און דעם זאץ ניט ארויסברענגען? דער רב האט געענטפערט זייער שטרענג: „ווער ס'איז מודה אין מחמד'ס שליחות, דער איז אן אמת'ער משומד. שטארבן דארף א איד, און מחמד'ס שליחות ניט נאכגעבן!"

און שליחים זענען ארומגעפארן איבער די שטעט, וואו די שמד־גזרות זענען אנגעגאנגען, און האבן דעם רב'ס תשובה פארשפרייט צווישן אידן. דאס שאפט גרויסע אויפרעגונג און ווארפט אן אימה אין פאלק. „אויב א זוי, מוזן מיר אלע אומקומען! איז דאס גאט'ס ווילן — וועלן מיר אים צוליב טאן, און גיין דינען אנדערע געטער!"... אזוי צי אזוי, נאר א פולשטענדיגער אונטערגאנג איז פארגעשטאנען גרויסע אידישע קהלות. און דער רמב"ם האט דעם צער ניט געקאנט צוזען. און מיט אן אפענער ערקלע־

רונג ג ע ג ן יענעם פאנאטישן רב איז ער ארויסגעטראָטן. מיט שאַרפע ווערטער רעדט ער צו אים. און מיט אַ טיפער לומדות באַווייזט ער, אַז די אידן, וואָס זענען געצוואונגען געווען אַ ליגן צו זאָגן, אַז זיי אנערקענען מחמד'ס שליחות, אָבער אין הארצן און אין שטוב זענען זיי איבערגעגעבן דעם אידנטום, — זיי זענען כשר'ע אידן. און בפרט אַז די מחמד'נער גלויבן דאָך אויך אין איינציגן גאָט, און צווינגען ניט די אידן צו ט אָ ן עבירות, צו ה א נ ד ל ע ן אזוי, ווי ס'איז דעם אידן פארבאָטן. אָבער מען דאַרף זיך דערמיט ניט באַרואיגן. יעדער איינער מוז אָנשטרענגען אַלע כחות זיך ארויסצוראטעווען פון דעם לאנד, וואו מען איז ניט פריי, אָפן זיך אָנצוערקענען אלס איד. די דאָזיגע ערקלערונג, וואָס הייסט: „מאמר קדוש השם", און געשריבן אין אראביש, האָט אריינגעבראכט גרוים רואיגקייט אין אידישע הערצער, האָט געוועקט פיל ליבע צו איר פארפאסער. און קומענדיג קיין מצרים איז ער שוין באַרימט געווען אין ווייטע עקן, וואו אידן האָבן געלעבט.

דאָ, אין מצרים, האָבן געהערשט גוטע הערשער. אָבער די אידן זענען אין אידישקייט געווען געפאלן. רייך אין סחורה, אָבער אָרים אין תורה. און די קאראַימען געוועלטיגן איבער זיי.

און ער פילט זיך באַרופן צו שטעלן זיך בראש פון די אידן אין זיין לאנד און אין זיין שטאָט, און זיי ארויפצופירן אויפ'ן רעכטן וועג. יונג אין יאָרן — קוים איין־און־דרייסיג — אָבער אַלט אין תורה און אין חכמה און אין לעבנס־ערפארונג, האָט ער דעם נויטיגן מוט און דאָס נויטיגע זעלבסטבאַוואוסטזיין, כדי אַ פירער צו ווערן. דערצו איז ער זעלבסטשטענדיג מאַטעריעל. זיין ביסל פארמעגן געפינט זיך בא זיין ברודער, אַ סוחר מיט עדלשטיי־נער, און ער, דער רמב"ם, באַקומט אַ חלק פון פארדינסט. דערמיט איז ער זיך מפרנס — ווייל ער האלט עס פאר אַ בזיון צו נעמען געלט פאר לערנען, פאר פסק'ענען, אָדער פאר פירערשאַפט. באַוואָרנט פון אויסן, זיכער אינעווייניג, הויבט ער אָן צו זאמלען יונגע־

לייט ארום זיך און עפנט א גרויסע ישיבה. אינאיינעם מיט די חשוב'ע אין שטאָט מאַכט ער תקנות פאַר די אידישע קבוצים אין לאַנד, און באַפעלט: „ווער עס וועט עובר זיין אויף די תקנות, וועט ווערן אויסגעשלאָסן פון קהל". און דער עולם שפירט דעם כח, וואָס שטעקט אין די דאָזיגע ווערטער, און פאָלגט. און פון דעם פאָלגן, וואָס דאָס פאָלק פאָלגט אים, שעפּט ער נייעם כח. און זיין נאָמען דערגרייכט אזוי ווייט — ביז וואַנען עס גרייכן די קאָמערציעלע און פּאָליטישע פאַרבינדונגען, וואָס מצרים האָט מיט דער ארומיגער וועלט. זיינע פּערזענליכע אומגליקן — דער טויט פון זיין פאָטער, די הריגה פון זיין ברודער — צוליב וואָס ער פאַרלירט זיין גאַנץ פאַרמעגן — רירן אים טיף; ער באַקלאָגט זיך אויף זיי לאַנג און טראָגט זיי אריבער שווער, אָבער זיין אויפשטייגן שטערן זיי ניט. נאָכ'ן ברודער'ס טויט הויבט ער אָן זיך צו פאַרנעמען מיט מעדיצין. ער היילט קראַנקע, און מיט גרויס ערפאָלג. איינגיכן ווערט ער דער הויף־דאָקטאָר ביים גוטן סולטאַן סאַלאַדין. ער באַקלאָגט זיך אָפט, אז די ערצטליכע פּראַקטיק נעמט־צו בא אים די גאַנצע צייט. פונדעסטוועגן הערט ער ניט אויף אונטערצונעמען אַלץ נייע, אַלץ גרעסערע ליטעראַרישע אַרבעטן, וועלכע האָבן יאָרטויזנטער געשפּייזט דאָס אידישע פאָלק. און פונדעסטוועגן געפינט ער גענוג צייט זיך צוצוהערן צו אַלץ, וואָס עס קומט פאַר מיט די געפּייניגטע אידן אין די פאַרשידענסטע לענדער. און פונדעסטוועגן ענטפערט ער תשובות אויף די פאַרשידנסטע שאלות, מיט וועלכע מען ווענדט זיך צו אים פון גאָר דער וועלט. און דערביי האַלט ער אויס די שווערסטע, און אָפט פיינדליכע און אומגערעכטע אטאַקעס פון פאַרשידענע זייטן.

איצט ע נ ד י ג ט ער זיין פּירוש אויף משניות. שוין אין דעם פּירוש ווייזט ער, בא געלעגנהייט, ארויס זיין גרויסע קענטשאַפט אין די פאַרשידנסטע וועלטליכע חכמות, ווי: מאַטעמאַטיק און אסטראָנאָמיע, מעדיצין און פיזיק, פילאָזאָפיע און אסטראָלאָגיע. אַלע די וויסנשאַפטן באַנוצט ער, וואו עס איז אים נויטיג, צו ערקלערן דורך זיי פאַרשידענע שטעלן אין דער משנה.

אַ גאַנצע אויסגעשפּראָכענע, ראַציאָנאַליסטישע — אויפ'ן שכל און אויף לאָגיק געבויטע — וועלט־אַנשויאונג אַנטוויקלט ער דאָרט. און עס שרעקט אים ניט, אויב ער איז ניט מסכים מיט אַנדערע. אפילו בנוגע זאכן, וואָס גילטן ווי די הויפּט־יסודות פון אידנטום. ער לאַכט אויס די נאַרן, וואָס גלויבן אין כשוף און אין שטערן־זעעריי און אין דער ווירקונג פון כשוף אָדער פון די שטערן אויפ'ן מענשנס גליק אָדער אומגליק. ער זאָגט זיך אָפּ אַרויס אויך ג ע ג ן יענע, וואָס האַלטן, אַז שדים און רוחות גייען אום אויף דער וועלט און לויערן אויפ'ן מענשנס טריט און אויפ'ן מענשנס לעבן. ער רעדט סאַרקאַסטיש וועגן יענע, וואָס גלויבן, אַז תחית־המתים וועט פּאַרקומען אַזוי, אַז יעדע נשמה וועט זיך אומקערן אין איר טויטן גוף אַריין; אָדער אַז די עולם־הבא באַשטייט אין אַזוינע פאַרגעניגנס, ווי דער מענש האָט אויף ד ע ר וועלט. ער גיט אויך צו פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס מען רעדט פון „משיח'ס צייטן", באַטייט נאָר: אַז אידן וועלן זיך אומקערן צוריק אין זייער לאַנד אַריין, אַז זיי וועלן האָבן זייער אייגענע מלוכה; אַז זייער מלך וועט זיין אַ גערעכטער מלך, אַ גרויסער מלך און אַלע וועלן מיט אים לעבן בשלום. קיין זאַך וועט אָבער אין דער נאַטור ניט איבערגעאַנדערשט ווערן, ווי עס איז איצט. אין משיח'ס צייטן וועלן אויך זיין אָרימע און רייכע, שטאַרקע און שוואַכע, א. אז. וו. און אַז משיח וועט שטאַרבן, וועט זיין זון קעניגן נאָך אים, און נאָכ'ן זון, זיין אייניקל — ווי דער שטייגער פון דער וועלט איז. נאָר וועלן מענשן לעבן ערליכער, נאָרמאַלער, אָן מלחמות, וועלן זיי לעבן רואיגער, וועלן זיי לעבן לענגער. אָבער די וועלט־אָרדנונג וועט ניט געענדערט ווערן, א. אז. וו. און דאָ שוין שטעלט ער פעסט די צאָל פּרינציפּן פון אידישן גלויבן, אָדער די עקרים, אויף דרייצן. צ ע ן י אָ ר האָט ער אויף דעם ספר געאַרבעט. און אַז ער איז פאַרטיג געוואָרן און אַז ער איז פאַר־שפּרייט געוואָרן, האָט ער דעם פאַרפאַסער פאַרשאַפט ס מ י כ ה פון די אידן פון אַלע לענדער, וואוהין דער ספר האָט געגרייכט. און ער איז דאַן אַלט געווען קוים דריי־און־דרייסיג יאָר!...

דער אנערקענטער פירער אין אידנטום איז ער געוואָרן. אין אפריקא, ווי אין אזיען, ווי אין איירָאָפּא. אין תימן ווי אין פראנקרייך. און אז די אידן אין תימן לעבן איבער גזרות פון מחמד'נישן סולטאַן און א אידישן פאלשן משיח — ווענדט מען זיך צום רמב"ם נאָך עצות און נאָך טרייסט, און זיי געפינען עס בא אים; און אז א פּריוואַט מאַן אפילו פילט זיך באליידיגט פון אַן אַנגעזועענעם מענשן אין זיין שטאָט, גיסט ער אויס זיין שווער געמיט פאַר'ן רמב"ם, און ווערט באפרידיגט — אויב דער רמב"ם אנערקענט זיין גערעכטיגקייט. און צו אים קומט מען מיט אַנקלאָגן אויף פארשידענע משפּטים פון פארשידענע רבנים — אויב עס דאכט זיך, אז דער משפּט איז ניט געווען גערעכט. יעדער מיט זיין בינטל צרות און באליידיגונגען. א גר, אן עגונה, א קהלה און הונדערטער פּריוואַט־לייט.

און ווידער זעט ער זיך ארום, אז די דינים, וואָס א איד דאַרף וויסן, זענען צעוואָרפן און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער, ווייטער און פארצווייגטער אידישער ליטעראטור. און כדי זיי צו געפינען, פאָדערט זיך זייער פיל צייט. און ער באשליסט צו שאַפן, פ א ר ז י ך, א זאַמלונג פון אלע דינים, און אזוי סיסטעמאַטיזירט, אז ער זאָל פארשפּאָרן צו ז ו כ ן דעם דין, וואָס ער וועט נויטיג האָבן. אָבער קוים אָנגעהויבן די ארבעט, און ער זעט זיך ארום, אז אזא מין חבור קען זייער נוצליך זיין „פאַר'ן ג א נ צ ן פאָלק, וואָס עס פעלט אים א געזעץ־בוך, וואו ס'זאָל זיין דער סך־הכל פון אמת'ן נאָכפאָרשן אָן מחלוקת און אָן גרייזן". און ער הויבט אָן צו שרייבן אזא ספר, ווי דאָס פאָלק האָט נויטיג. ער הויבט אָן צונויפנעמען אין דעם ספר די גאַנצע „תורה שבעל־פּה", מיט אַלע תקנות, מנהגים און גזרות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון משה רבנו'ס צייט אָן, ביז אין זיין צייט; און שרייבט אים קלאָר, קורץ און מיט'ן לשון פון דער משנה — כדי די גאַנצע תורה שבעל־פּה זאָל זיין געלויפיג אין יעדענס מויל, אָן קשיות און אָן תירוצים; פאַר קליין און פאַר גרויס זאָלן אלע דינים זיין אָפן. קורץ: „דער מענש זאָל ניט דאַרפן האָבן מער קיין שום אנדער ספר, כדי צו

וויסן א אידישן דין. ער וועט בלויז לערנען חומש און נאָכדעם ד ע ם ספר, און ער וועט קענען די גאַנצע תורה שבעל־פה". א שווערע ארבעט איז דאָס. און בפרט, אז ער האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט פ ר א ק ט י ש ע ד י נ י ם. ער האַלט, אז גוטע מדות געהערן אויך צום פּראַקטישן אידנטום; אַז ריכ־טיגע מיינונגען וועגן געטליכקייט און גייסטיגקייט געהערן אויך צו פּראַקטישער אידישקייט. פּרינציפּן פון גלויבן און פּרינציפּן פון מענשליכן האַנדלען — ביידערליי אינאיינעם בילדן דאָס אידנ־טום. דערום האָט ער צונויפגענומען אין דעם ספר אַלץ דאָס גוטע און דערהויבענע, וואָס דער אידישער גייסט האָט געשאַפן אויף אַלע געביטן פון מענשליכן גלויבן און וויסן און ווירקן. רעליגיע און פילאָזאָפיע און עטיק. און אַלץ איז געאָרדנט און אַלץ איז סיסטעמאַטיזירט אַזוי, אַז עס זאָל דעם לערנער גרינג זיין עס צו באַגרייפן און צו געדענקען. פ ע ר צ ן באַזונדערע אָפּטיילונגען זענען דאָ אין דעם ספר. דערפאַר הייסט ער „יד החזקה" (י"ד באַטרעפט 14). אין אים ווערט א י ב ע ר ג ע ׳ ח ז ר ׳ ט די אידישע תורה, מיט אַלע אירע פאַרצווייגונגען, דערפאַר הייסט ער אויך: „משנה תורה" (מ ש נ ה איז טייטש: איבער׳חזר׳ן). און אַזוי האָט אים אויך די אידישע וועלט אויפגענומען. און צו־ליב אים איז געזאָגט געוואָרן: „פון משה׳ן (משה רבנו) ביז משה׳ן (משה בן מימון) איז ניט געווען אַזאַ ווי משה".

דער גרויסער ספר, ווייל געשריבן פאַר׳ן גאַנצן פאָלק, איז געשריבן העברעאיש, גרינג און קורץ, ווערט ער גיך פאַרשפּרייט צווישן אידן. וועקט ער גרויסע אויפמערקזאַמקייט. ברענגט ער אריין דעם רמב"ם פיל אנערקענונג, כבוד און ליבע. ברענגט ער אויך קנאה און שנאה און אומענדליכע אינטריגעס. און פאַרשי־דענע מאָטיוון האָבן אַרויסגערופן די גרויסע געגנערשאַפט: די איינע — ווי דער גאון פון בבל, למשל — ווייל צוליב דער גרויס, ווי דער רמב"ם האָט זיך אַרויסגעוויזן אין „יד החזקה", איז ער געוואָרן דער „ערשטער און איינציגער אויטאָריטעט בא אידן". אויב ביז איצט איז דאָס אידישע פאָלק, אין אַלץ, וואָס האָט נוגע

געוועזן אידישקייט, נכנע געווען צום גאון אין בבל, האָט עס איצט אויפגעהערט. די אַנדערע האָבן פּשוט מקנא געווען דער גרויס און דער אויטאָריטעט פון'ם רמב"ם און געזוכט צו פּסל'ן דעם ספר דורך קליינע פעלער, וואָס זיי האָבן דאָרט ארויסגעזוכט. און אויך צו פּסל'ן דעם רמב"ם גופא — ווייל מ'האָט אנטדעקט בלומרשטע אפיקורסות אין זיינע מיינונגען; און דריטע האָבן מורא געהאט, אז צוליב דעם ספר, וואָס נעמט ארום דאָס גאַנצע תלמודישע וויסן, וועט מען אויפהערן צו לערנען גמרא. אנדערע פון זיי זענען ארויסגעטראָטן מיט זידלערייען און א גראָבער שפּראַך. אָבער דער רמב"ם נעמט עס ניט טרויעריג. די פעלערן, וואָס מען האָט ווירקלאַך געפונען, באריקזיכטיגט ער מיט דאנק. די חשדים אין אפּיקורסות ווארפט ער אָפּ מיט פאראכטונג. און די קנאה־שנאה לאָזט ער אָן א זייט אומבאמערקט. און טאָמער קומען זיינע פריינד און אנהענגער זיך אָנצונעמען זיין קריוודע, בעט ער זיי און באשווערט זיי, זיי זאָלן דאָס ניט טאָן, כדי ניט צו שטיצן קיין מחלוקת בא אידן... אין דער צייט ווערט ער אויך באשטימט פון דער רעגירונג פאר'ן „נגיד" איבער אלע אידן אין מצרים. נוצט ער אוים זיין לאגע צו גונסטן פון די אידן. און אין קעניגליכן הויף ברענגט ער ביסלאכווייז אריין תלמודישע אידן, אנשטאט די קאראימען, וואָס פלעגן דאָרט העצן געגן דעם תלמוד און זיינע אָנהענגער.

אָפּגעטאָן א ריזן־ארבעט פאר'ן אידנ'ס נשמה, נעמט ער אויף די זאָרג פאר זיין גוף. שרייבט ער, אויף אראביש, פארשיידענע ווערק וועגן מעדיצין, וועגן טעראַפּיע און א מעדיצינישן „קצור שלחן־ערוך" פאר'ן מענשן, ווי ער האָט צו לעבן און ווי זיך אויפ־צופירן, כדי ניט צו שעדיגן זיין געזונט.

אָבער ער האָט זיך אלץ נאָך ניט בארואיגט. איין־און־פופציג יאָר איז ער איצט אלט, און נאָך האָט ער אוצרות פון וויסן, פון פילאָזאָפיע, וואָס די אידישע וועלט נויטיגט זיך אין זיי אזוי שטארק. און ער קאָן ברענגען די נויטיגע הילף אין דער נויט. אידן פארנעמען זיך מיט חקירה. און אז זיי דרינגען אריין אין טיפן

זינען פון דער תורה, אָדער אפילו אין „משנה תורה", שטויסן זיי זיך אָפּט אָן אויף פּונקטן און אויף באַהויפּטונגען, וואָס ליגן זיך ניט אויס'ן שכל, מוז מען זעען דעם שכל פּאַראייניקן מיט דער תורה. אויספּאַסן יענע פּונקטן אין דער תורה ביים ליכט פון קלאָרן פאַר־שטאַנד, ביים ליכט פון די עקזיסטירענדיגע פאַקטן, און זיכער פעסטגעשטעלטע באַהויפּטונגען אין די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן. דאָס אַלץ שטימט מיט דער תורה. דאָס אַלץ אין דער תורה אַריינגעדרונגען, אָדער פון איר אַרויסגעדרונגען, איז די „סתרי־תורה", וואָס פאַרציייטען אַמאָל זענען זיי באַקאַנט געווען דעם אידישען פאָלק, אָבער נאָר צו די חכמים פון פאָלק און צו די פּייאיגע, אַזוינע דינגע חקירות אויפצופאַסן, צו באַגרייפן. אָבער „אפילו דאָס פּשוט'ע פאָלק מוז וויסן, אַז אמונה איז ניט קיין זאַך, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט מיט'ן מויל, נאָר אַן ענין, וואָס מ'שטעלט זיך פאָר אין שכל. וואָרים די פראַגע איז דאָך ניט: ווי אַזוי צו זאָגן, נאָר אין וואָס צו גלויבן. דאָס ריכטיגע גלויבן איז אָבער נאָר דאָס, צו וועלכן אַ מענטש קומט דורך טיפן איינזען מיט'ן שכל".

און איינזעענדיג דאָס אַלץ, הויבט ער אָן צו שרייבן זיין פּי־לאָזאָפיש ווערק: „מורה נבוכים". אַ ווערק, וואָס האָט אין אַ משך פון אכט הונדערט יאָר געשפּייזט דאָס פילאָזאָפישע דענקען בּאַ אידן, ביז ניט לאַנג צוריק האָט יעדער פילאָזאָפישער דענקער בּאַ אידן אָנגעהויבן מיטן „מורה נבוכים". אפילו „פילאָזאָפן פון פאַך", אַזוי צו זאָגן, ווי אַ שפּינאָזאַ, שלמה מימון, אָדער מענדעלסאָן — אַלע הויבן אָן מיט'ן רמב"ם.

דאָ שטעלט ער פעסט, אַז „די וועלט האָט גאָט באַשאַפן פון גאָרנישט". דאָס איז דער הויפּט פּרינציפּ פון אידישן גלויבן אין וועלכן די ניט־אידישע פילאָזאָפן גלויבן ניט. באַווייזט ער די אומבאַגרינדעטקייט פון די מיינונגען פון די גריכישע פילאָזאָפן, ווי אַריסטאָטל און פון די וואָס האַלטן מיט אים. עס איז אָבער כלל נישט נויטיג אָנצונעמען, אַז די וועלט מוז דוקא אַמאָל אונ־טערגיין. פון דער אַנדערער זייט ווידער באַווייזט ער, אַז פיל

פסוקים אין דער תורה, וואָס שילדערן גאָט אין אַ מענשלאַך געשטאַלט, מיט מענשלאַכע גלידער און מענשלאַכע אייגנ־שאַפטן, דאַרף ניט אָנגענומען ווערן ווערטערלאַך, נאָר דאַר פילאָזאָפיש באַגריפן ווערן — ווייל קיינער פון די אידישע גרוי־סע האָט ניט אויפגעפאַסט גאָט ווי אַ גשמיות. און וועגן גאָט'ס השגחה רעדט ער, און ווי זי שטערט דאָך ניט דעם מענשן צו האָבן זיין פרייען ווילן ביים ווילן צו טאָן דאָס גוטע און אויסמיידן דאָס שלעכטע. הגם די געטלאַכע השגחה איז נוגע אַלע פּרטים פון מענשנ'ס לעבן און האַנדלען אויך אין אונזער ני־דעריגער וועלט. און די נבואה איז אים דער רעזולטאַט דערפון, וואָס דעם מענשנ'ס שכל איז זיך מקרב צום געטלאַכן שכל — אַ מדרגה, צו וועלכער יעדער מענש קאָן דערגרייכן, אויב ער פאַרמאָגט נאָר די נויטיגע פאָרבאַרייטונגען דערצו. און „קרבנות" זענען אים בלויז אַ ה נ ח ה, וואָס גאָט האָט גע־מאַכט צו די אידן אין יענער צייט — ווייל זיי זענען געווען שטאַרק צוגעוואוינט צו דעם אַרט גאָט־דינסט, צוליב די אַרו־מיגע פעלקער, וואָס האָבן זיך אַזוי נוהג געווען. און אַ מענש קאָן דאָך ניט פון היינט אויף מאָרגן ענדערן זיינע רגילות'ן און אָנשוויאונגען. האָט גאָט זיי דערלויבט אַביסל קרבנות. אָבער דער שכל פון יעדן ד ע נ ק ע נ ד ן מענשן איז מחייב, אַז קרבנות זענען אַן אָפּגעלעבטע זאַך. און דאָס דענקען איז אים וויכטיגער ווי דאָס פילן. דאָס לעצטע מוז קאָנטראָלירט ווערן פונ'ם ערשטן. אַלע מצוות זענען די אידן געגעבן געוואָרן, כדי צו לייטערן און צו באַגרעניצן און רעגולירן זייערע פאַרלאַנגען און זייערע תאוות. צו אַלץ, מיט וואָס דעם אידן קומט אויס זיך צו באַגעגענען אין זיין לעבן און האַנדלען, האָט דער רמב"ם צוגעלייגט די מאָס פון העכערן שכל. אויף אַלץ אַרויפגעשטעלט אַ ראַציאָנאַליסטישן שטעמפּל — ווייל די פאַרנונפט איז אים איבער אַלץ.

די אַראַבישע אָרטאָדאָקסישע שריפטשטעלער האָבן אין דעם ווערק געזען אַ געפאַר פאַר דער רעליגיע. די קריסטלאַכע גע־

לערענטע האָבן מיט איין יאָר הונדערט שפעטער, פיל פון זיינע לערן אָנגענומען און בארימט געמאכט. און צווישן אידן האָט זיך צוליב'ן „מורה נבוכים" פארשטארקט די געגנערשאַפט צום רמב"ם, און פאראלעל מיט איר אויך אָנהענגערשאַפט. אָבער די ביידע גרופן האָבן ווייט איבערגעלעבט דעם רמב"ם. די מחלוקת ארום אים האָט זיך בא אידן געצויגן אין די יאָרהונדערטער אריין.

אָבער ניט בלויז זיין לערנען און זיין שרייבן, נאָר אויך זיין שטייגער לעבן איז אינטערעסאנט. ער שרייבט וועגן דעם צו זיין איבערזעצער פון „מורה נבוכים" אויף העברעאיש, שמואל אבן־תיבון. דער לעצטער, וועלכער האָט געלעבט אין פראנקרייך, מעלדעט דעם רמב"ם, אז ער וואָלט וועלן אריבערקומען צו אים און דער רמב"ם ענטפערט:

„. . . מיט פרייד וועל איך דיך באהארבערגן אין מיין הויז. זאָלסט אָבער ניט מיינען, אז דו וועסט קענען ריידן מיט מיר, אפגעזונדערט, וועגן וואָס עס איז, אפילו בלויז איין שעה, באטאָג אָדער באנאכט. די זאַך איז די. איך וואוין אין פוסטאט, און דער קעניג אין קאירא. צווישן די צוויי ערטער איז אַ שטח פון צוויי תחום־שבת'ן. איך מוז זען דעם קעניג יעדן טאָג אינדערפרי. טרעפט אז ער איז שוואַך, אָדער אַ קינד זיינס אָדער אַ קעפס־ווייב, פארברייננג איך שוין דעם רוב טאָג אין קאירא. און ס'גייט ניט אוועק דער טאָג, אז עפּעס אַ באאמטער אָדער צוויי זאָלן ניט קראנק ווערן און איך מוז זיך פארנעמען מיט היילן זיי. קורץ. טאָג־טעגלאַך רייט איך גאנץ פרי קיין קאירא. איז דאָרט אַלץ אין אָרדנונג בין איך צו האַלבן טאָג צוריק אין דער היים, ניט פריער. איך בין הונגעריג, און די פּאָדרצימערן טרעף איך פול מיט מענטשן, גויים און אידן, חשוב'ע און ניט קיין חשוב'ע, און באאמטע און מיליציאנטן, און פריינט און פיינט — אַלע ווייסן ווען איך קער זיך אום. קריך איך אראָפּ פונ'ם פיך, וואַש זיך און בעט אנטשולדיגונג בא די פארזאמלטע, זיי זאָלן מיר ערלויבן צוזובייסן (איין מאָל אין מעת לעת). נאָכדעם

הויב איך אָן זיי אָנצוגעמען און זיי געבן רעצעפּטן, וואָס דויערט אַמאָל ביז צוויי שעה אין דער נאַכט אריין, אָדער נאָך מער. אַמאָל נעם איך זיי אָן ליגנדיג, — אזוי מיד בין איך. און אַמאָל טרעפט, אז צו נאַכט קאָן איך גאָרנישט רעדן אָדער פאַרברייינגען אויסער שבת. דאַן איז נאָכ'ן דאַוונען, קומט צו מיר קהל, רעדט מען וועגן דעם, וואָס די קומענדע וואָך דאַרף געטאָן ווערן, אביסל לערנט מען אויך. אזוי ביז האַלבן טאָג. נאָך דעם גייען זיי זיך פאַנאַנדער. אַנדערע קומען ווידער צווישן מנחה און מעריב. דאָס איז דאָס פּראָגראַם פון מיין לעבן".

איז ער טאַקע געפאַלן אונטער דער שווערער לאַסט. און דעם 20טן טבת, פיר טויזנט ניין הונדערט פינף און זעכ־ציג (1204), נאָך ניט קיין 70 יאָר אַלט, איז ער געשטאָרבן. דער טרויער צווישן אידן איז געווען זייער גרויס, די אראַבער האָבן זיך באַטייליגט אין טרויער מיט זייערע אידישע שכנים. אין ירושלים האָט מען געמאַכט גרויסע הספדים נאָך אים. מען האָט געליינט אין דער תורה די פּרשה פון דער תוכחה און מפטיר האָט מען געליינט פון שמואל, דאָס קאַפּיטל וואָס לאָזט זיך אוים מיט די ווערטער: „פאַרשוואונדן איז דער כבוד פון די אידן, ווייל גאָט'ס ארון איז צוגענומען געוואָרן".

נאָכ'ן טרויער האָבן אידן געטראָגן דעם ארון קיין ארץ ישראל, כדי דאָרט אים מקבר צו זיין. אויפ'ן וועג — דערציילט די לעגענדע — זענען אים רויבער איבערגעפאַלן. האָבן די טרע־גער געלאָזט שטיין דעם ארון און זענען אַנטלאָפן. די רויבער האָבן געוואָלט דעם ארון אריינוואַרפן אין ים אריין, האָבן אים אָבער ניט געקענט רירן פון אָרט — כאָטש זיי זענען געווען דרייסיג מאַן. האָבן זיי פאַרשטאַנען אז דאָ מוז ליגן אַ געטליכער מאַן. האָבן זיי צוריקגערופן די טרעגער, זיי באַגלייט ביז טבריה, און דאָרט האָט מען דעם רמב"ם מקבר געווען. און אויף דער מצבה האָט מען אויסגעקריצט די ווערטער:

„דאָ איז באַהאַלטן רבי משה מימון דער בחיר פון דער מענטשהייט"...

שלמה בן גבירול

אין יאָר 1020 האָבען די שפּאַנישע אידן און די שפּאַנישע אַראַבער דאָס גרויסע וואונדער ביינעוואוינט: „דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און אַ קאָלאָסאַלער מעטעאָר האָט די לופט דורכגעשוועבט. און שוועבענדיג, האָט ער אַרום זיך, ווייט און ברייט, ליכט פאַרשפּרייט. פייער געשאָטען. פּריצייטיגע פרוכט פון באָדען אַרויסגעבראַכט, פאַרטיגע פרוכט — אויסגעברענט און אין דער גאַנצער אַטמאָספּערע אַן ענדערונג געבראַכט".

אין דעם יאָר איז שלמה בן גבירול געבוירן געוואָרן. פאָטער און מוטער זענען אים יונג געשטאָרבן. שווינדזוכט — דאָס איז געווען די איינציגע ירושה, וואָס זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט. לעבט ער אין עלענד, אין נויט און אין קראַנקשאַפט. אָבער די עלענד און די נויט צייטיגט פרי דעם מענשן. שמידט פרי זיין כאַראַקטער. מאַכט אים האַרט, שניידיג, אומצוטרויליך און עקיג. זיין געמיט ווערט פול עצבות. זיין וועלט־אויפפאַסונג פעסימיסטיש. און איז ער דערצו באַגאַבט, און איז ער גאָר ג ע נ י א ל — טראָציג ווערט ער געגן אַלע אַרום. גאוה'דיג און אַרויסרופעריש. און וואָס מער עס וואַקסט די זעלבסטפאַרגעטערונג, אַלץ מער פאַלט זיין אָנזען בא אַנדערע. און יענע, וואָס ער רירט אָן, ווערן אים שונאים. די שנאה־אַטמאָספערע וואָס ער שאַפט אַרום זיך, מאַכט אים נאָך האַרטער, נאָך אומצוטרויליכער, נאָך שניידיגער, ווערט דאָס באַגעגענען זיך מיט אים נאָך אומגעווינשטער. מ'מיידט אים אויס. דאָס גיט אים שטאָף צום שפּאָט, צום אויסלאַכן די סביבה א. אַז. וו. אַזוי גייט־אָן ווירקונג און געגן־ווירקונג, און דער עלענדער און פאַרביטערטער קאָן פון זיין הויט ניט אַרויס. אויף זיין גאַנץ לעבן ניט. שטענדיג

האַסט ער און שטענדיג ווערט ער געהאַסט — אפילו ווען ער ווערט באַוואונדערט. דאָס איז דער גורל פון יעדן עלענדן און אויף זיך בלויז און אויף זיינע פעאיגקייטן אָנגעוויזענעם יוגנדלאַכן. דאָס איז אויך געווען דער גורל פון שלמה בן גבירול.

אַ קורצע צייט נאָר האָט ער, אַלס יתום, אַ שיצער. אַ חשוב'ער איד אין סאַראַגאָסע און אַ „קרוב למלכות" נעמט דעם יונגען שלמה צו זיך. זאָרגט פאַר אים. לאָזט אים לערנען וויסנשאַפטן". אָבער שוין צום אַכצענטן אָדער נײַנצענטן יאָר, האָט ער צו באַוויינען זיין גרויסן פריינט, יקותיאל האַסאַן, וואָס אין זיין טויט זעט ער ניט בלויז אַ שאָדן פאַר זיך, נאָר אַן אומגליק פאַר'ן גאַנצן דעמאָלטיגן אידנטום.

אָבער נאָך פריער, שוין צו זעכצן יאָר, שרייבט ער לידער, וואָס זענען פול מיט פאַרצווייפלונג. שוין אין ד ע ם עלטער, זאָגט ער וועגן זיך: „אַלט בין איך בלויז זעכצן, אָבער חכמה פאַרמאָג איך, ווי צו אַכציג". און דאָס איז ניט געווען בלויז גוזמא, אָדער דיכטערישע גרענעצלאָזיגקייט. שוין צו דער צייט האָט ער גרויס וויסן, ניט בלויז אין תנ"ך און תלמוד, דקדוק, העברעאיש און אַראַביש, נאָר אויך אַסטראָנאָמיע קען ער און מאַטעמאַטיק און לאָגיק און פילאָזאָפיע. נאָר פון דער — דעמאָלט אָנערקענטער — אַסטראָלאָגיע (שטערן-זעעריי) האַלט ער ניט. „ווייל, אַזוי שרייבט ער, גאָט האָט געשאַפן די שטערן צום לייכטן, זיי טוען אָבער ניט קיין בייז און ניט קיין גוטס"; און שוין אין ד ע ם עלטער איז ער זאַט מיט איבערלעבונגען, וואָס קענען איינעם פאַר'מיאוס'ן דאָס לעבן. און בפרט נאָך אַ צאַרטן, טיף־פילנדיגן און פיל־געפּרובטן מענשן. און דאַן שוין פאַרמאָגט ער די דיכטערישע קראַפט און די גרויסע שפּראַך־מיטלען אויסצודריקן זיינע טרויעריגע ערפאַרונגען אַזוי שיין, אַזוי בילדלאַך און אַזוי קרעפטיג, אַז זיי זאָלן דעם לעזער דערשיטערן און מאַכן שטוינען. און וואָס ווייטער, אַלץ גרעסער וואַקסט ער. גלייך גרויס און גלייך געניאַל איז ער, סיי ווען ער זינגט פון זיין אינווענייגסטער וועלט, סיי ווען ער זינגט פון דער אויסן־וועלט. סיי ווען זיין טעמע איז די נאַטור, אָדער זיין טעמע

איז — די אַלגעמיין־מענשלאַכע ליידנשאַפטן. סיי דען טאָן פון די לידער איז אַן ערנסטער, און סיי אַ הומאָריסטישער. סיי ווען ער לויבט, סיי ווען ער טאַדלט. גאַנץ גלייך: צי ער באַהאַנדלט אייביגע פראַגן, צי טאָג־פראַגן. נאָר ניט גלייך זענען פאַר אים די פ אָ ל ג ן פון די לידער. די לידער אויף טאָג־פראַגן זענען ס'רוב נוגע טאָג־העלדן, ווערן זיי אים שונאים. שטייען זיי אָן אויף זיין לעבן און זייער האַס און פאַרפאָלגונגס־אייפער האָט קיין גרעניץ ניט.

טרייבט מען אים טאַקע אין גיכן אַרויס פון סאַראַגאָסע און ער וואַנדערט אַריבער קיין גראַנאַדאַ. דאָס איז דער גרויסער, אידיש־אַראַבישער קולטור־צענטער און דאָ לעבט און ווירקט דער גרויסער רבי שמואל הנגיד. אַליין אַ גרויסער תלמיד־חכם, אַ געלערנטער און אַ דיכטער, דערצו אַ מיניסטער און דעם כאַליפ'ס ראַטגעבער — נעמט ער אויף דעם גע'רודפ'טן יונגענמאַן מיט גרויס כבוד. שטיצט אים און שיצט אים און וואַרט, אַז דער יונגער־מאַן זאָל באַוואונדערן זיינע, רבי שמואל הנגיד'ס, שירים. ער האָט דאָך די באַוואונדערונג געהערט פון פיל מיילער, שוין לאַנג פאַר אים. אָבער בן גבירול איז ניט נתפעל פון זיין שטיצער'ס ריכטונג. און באַזינגענדיג אַמאָל „אַ פינסטערע נאַכט", האָט ער וועגן איר געשריבן, אַז „קאַלט איז זי, ווי דער שניי פונ'ם חרמון, אָדער ווי די פּאָעזיע פונ'ם נגיד". דאָס מאַכט פיל בייז בלוט. רבי שמואל הנגיד פילט זיך באַליידיגט. קערט זיך אָפּ פונ'ם עלענדן. אָבער אינגיכן בעטן זיי זיך איבער. אגב איז ער אין דער צייט שוין ניט אַזוי אָנגעוויזן אויף שטיצע פון פרעמדע. פינף און צוואַנציג יאָר איז ער שוין איצט אַלט. און אין גראַנאַדאַ געפינען זיך בעלנים, וואָס קויפן אָפּ בא אים זיינע געניאַלע לידער און צאָלן פאַר זיי מיט גוטן געלט.

אָבער ניט בלויז וועלטליכע לידער האָט בן־גבירול געשריבן. ניט בלויז שטאָלץ און גאוה פאַר זיך, טאַדל און פאַראַכטונג פאַר אַנדערע האָט ער פאַרמאָגט. אויך רעליגיעזע שירים האָט בן־גבירול געשריבן; אויך צ ו גאָט און וו ע ג ן גאָט האָט ער גערעדט.

און דאָ איז ער פרום, באַשיידן, דערנידעריגט און געפאַלן באַ זיך. קיין רעליגיעזער דיכטער האָט נאָך ניט אַזוי שטאַרק, אַזוי בולט אויסגעדריקט זיין נ י ש ט י ק י י ט, אין באַצוג אויף גאָט, ווי בן גבירול. קיינעם איז עס ניט צוגעקומען אָנצושרייבן אַזאַ רעליגיעזן הימן, ווי זיין „כתר מלכות" — וואָס ניט בלויז ספרדים, נאָר אפילו אשכנזים האָבן אים אַריינגענומען אין די יום־כפור'דיגע תפלות. די העכסטע רעליגיאָזיטעט, סיי געפילמעסיג, סיי באַגריפס־מעסיג דערגרייכט ער אין דעם דאָזיגן שיר. ניט בלויז דיכטעריש, נאָר אויך פילאָזאָפיש איז דאָס אַ מייסטער־ווערק. פיל האָבן עס פּרובירט, אָבער קיינעם האָט זיך ניט איינגעגעבן צו שאַפן עטוואָס ענלאַכעס. און נאַציאָנאַלע לידער האָט ער געשריבן, זענען זיי דורכגעדרונגען מיט אַזויפיל ליבע צום פאָלק, מיט אַזויפיל מיטלייד און מיט אַזויפיל צער, אַז דאָס פאָלק האָט זיי אַריינגענומען אין די קינות פון תשעה־באב. וואָרים מיט בלוט און מיט טרערן זענען זיי געשריבן. רעדן צ ו ם אידנ'ס האַרץ און פ ו ן זיין האַרץ. ער דריקט אוים דעם ווייטאָג פון דורות, פאַר ווייטסטע דורות. די לידער זיינע זענען געהייליגט געוואָרן — הגם זיי זענען כלל ניט ענלאך צום געוויינלאַכן פּיוט, אָדער תפלות, צו וועלכע דאָס רעליגיעזע אידנטום איז געוואוינט. ל י ד ע ר זענען דאָס, געשריבן לויט די נייעסטע פאָרמען פון דער אַראַבישער דיכטונג אין זיין צייט. אָבער דאָס שטערט ניט. די עכטקייט פון דער רעליגיעזער איבערלעבונג, צו וועלכער זיינע לידער ברענגען, די טיפקייט פונ'ם צער, וואָס דער איד דערפילט לייענענדיג זיין נאַציאָנאַלע דיכטונג, ברענגט זיי אַריין אין שול אַריין, צום עמוד, פאַר'ן ארון קודש... דאָס העכסטע, מיט וואָס דער איד קאָן קרוינען זיין אויסדערוויילטן. און דאָס ניט־דערבענענדיג זיך דערמיט, וואָס אַזוינע גרויסע גייסטער ווי דער רמב"ם און דעם רמב"מ'ס געגנער, דער ראב"ד, האָבן ניט געשפּאָרט קיין טאַדל פאַר אים און פאַר זיינע גייסטיגע לייסטונגען — און דערהויפּט טאַקע פאַר'ן כתר מלכות. ווייל א נ י י ל י ד האָט ער געזונגען. ניט פאַר אים, ניט נאָך אים, האָט מען אַזוינס געהערט אין דער אידישער דיכטונג —

אזוי האָט אים אָפּגעשאַצט דער גרויסער דיכטער פון עלפטן יאָר־הונדערט: מ ש ה א ב ן ע ז ר א, אַזוי האָט אים אָפּגעשאַצט דער גרויסער דיכטער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט: ה י י נ ר י ך ה י י נ ע.

אַ נײַ ליד האָט דער דיכטער בן־גבירול געזונגען, און אַ נײַעם געדאַנק האָט דער פילאָזאָף בן־גבירול געדאַכט. און ביידע זענען אים איינס געווען. ווי יעדער גרויסער פילאָזאָף, איז אויך ער: דיכטער אין דער פילאָזאָפיע. און, ווי יעדער גרויסער דיכטער, איז אויך ער: פילאָזאָף אין דער דיכטונג. און אין ביידע איז ער אָרי־גינעל, זעלבסטשטענדיג און ריקזיכטלאָז.

זיין פאַרדינסט איז עס, ארויסצופיהרן דעם פילאָזאָפישן גע־דאַנק פון די ראַמען פון דער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע — וואָס די גאַנצע אידיש־אַראַבישע פילאָזאָפיע האָט געשטעקט — ביז זיין צייט; באַפרייען אים פון דער איינציגער אויפגאַבע: צו באַרעכ־טיגן אָדער פאַרטיידיגן אָדער באַגרינדן דאָס אידנטום, און אים — דעם פילאָזאָפישן געדאַנק — מאַכן זעלבסטשטענדיג. אַ ציל פאַר זיך. זעלבסטווערטיג פאַר זיך און די אמת'ן, צו וועלכע ער גרייכט, האָבן זיך ניט צו אינטערעסירן מיט דער זייטיגער פראַגע: צי שטימט ער מיט דער אמונה, צי ניט? די אמונה קאָן ניט און דאַרף ניט קאָנטראָלירן די פילאָזאָפיע — וואָרים דער ריינער אמת איז העכער פון אַלץ. דערפאַר מיידט ער עס אויס אין זיינע פילאָזאָ־פישע ווערק צו ברענגען פסוקים פון תנ"ך, מאמרים פון תלמוד א. ד. גל. כדי זיך צו שטיצן אויף זיי, אָדער זיי צו באַגרינדן ווי מ'טרעפט עס אַזוי אָפט באַ ר' סעדיה גאון, למשל, ביים רמב"ם, אין כוזרי און אַנדערע. אָבער אין די גרעניצן פון אידישער גאָט־און וועלט־אויפפאַסונג בלייבט ער דאָך. בלייבט אומגערן און ניט־ווילנדיג.

גאָט איז און בלייבט אים דער שאַפער פון דער וועלט. דער קוואַל פון לעבן פאַר דער וועלט. וועגן גאָט ווייסן מיר בלויז, אַז ער א י ז (דאָ). אָבער זיין מ ה ו ת וואָס איז — דאָס קאָן דער מענש ניט באַגרייפן. דעם מענשן פעלן, פשוט, די נויטיגע חושים

דערצו. אָבער זיין „איז׳ן“, אָדער „זיין“, באַגרייפן מיר לויט זיינע מעשים. לויט דעם, וואָס עס איז פון אים געשאַפן. ער איז אָבער ניט בלויז פּאַסיוו „זענענדיג“, נאָר אויך טעטיג, שעפּעריש. און שטענדיג שעפּעריש. אָהן אָפּרו און אָהן אויפהער. ער איז דער ערשטער פון אַלעם זענענדיגן. פון אים — די ערשטע אַקטיוויטעט. פון אים די גייסטיגע, אוניווערסאַלע מאַטעריע, וואו די געטליכע אַקטיוויטעט זאָל, דורך זיין ווילן, טעטיג זיין. פונ׳ם ווילן, וואָס איז אייגנטליך ניט אָפּצושיידן פון גאָט, שטאַמט די אוניווערסאַלע פאָרם, וואָס אָהן איר קאָן קיין מאַטעריע, — ווי גייסטיג מ׳זאָל זי אויך זיך פאָרשטעלן — ניט געמאָלט זיין. און מ׳קען זי ניט תופס זיין. דאָס שטענדיגע אָנגיין מיט דער שאַפונג באַשטייט אין דער מאַטעריע׳ס אָננעמען אַלץ נייע און נייע פאָרמען. דער געטליכער ווילן, ער פאָרט זיי, די מאַטעריע מיט דער פאָרם. דער ווילן — ער איז די שטענדיגע, אומאויפהערליכע אַקטיוויטעט, וואָס שלאָגט שטענדיג, ווי אַ קוואַל, פון וועלכן ס׳קוועלט לעבן. ברייננגט צו אַלץ נייע און נייע פאַרבינדונגען, אָדער פאַראייניגונגען צווישן מאַטעריע און פאָרם. ד. ה. אַלץ נייע און נייע שאַפונגען — ווייל נייע און נייע ענדערונגען. און אַזוי ווי קוואַל־וואַסער איז באַם סאַמע אָנהויב אַרויסקוועלן גאָר לויטער, און וואָס ווייטער זי פליסט, אַלץ אומלויטערער, אַלץ מוטנער ווערט זי, אַזוי קומט עס פאָר אויך מיט די שטענדיגע פאַרבינדונגען צווישן מאַטעריע און פאָרם, ד. ה. מיט דעם אייביגן גאַנג פון די אַלץ נייע און נייע שאַפונגען, ווי זיי קומען אַרויס איינע פון דער אַנדערער. איינע דורך דער אַנדערער. אַלע קומען זיי פון איין קוואַל. די העכערע שאַפונג שטראַלט אויס פון זיך אַ נידעריגערע שאַפונג, און די נידעריגערע נאָך אַ נידעריגערע און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז ס׳קומט צו אַ פונקט, פון וועלכן עס ווערט שוין מער קיין נייע שאַפונג ניט אויסגעשטראַלט. און וואָס ווייטער פון ערשטן אָנהויב, אַלץ ממשות׳דיגער ווערט די מאַטעריע, אָדער די שאַפונג, אַלץ געדיכטער, אַלץ אומלויטערער — הגם זי אַליין ווערט, אין עצם, ניט געענדערט. עס ענדערט זיך

נאָר איר אָפּשיין, „ווי דער אָפּשיין פון ווייסע ליינען, ווען מ׳ווי־קעלט זי אַרום אַ שווארצע זאַך״. אָבער אַלע שאַפונגען פון אָנהויב ביז צום סוף, אָדער פון אויבן ביז אונטן, זענען אויסשטראַלונגען פון גאָט, פון שטופע צו שטופע. פון מדרגה צו מדרגה. דורכגעשטראַלט דורך אָדער מיט זיין ווילן. און דער ווילן, וואָס שטראַלט דורך אַלע שאַפונגען, אַלע וועלטן, דאָס איז די באַוועגונג אָדער דאָס שטרעבן צו גאָט — דער העכסטער פאַרלאַנג און דאָס העכס־טע ציל און דאָס העכסטע גליק פון יעדן געשאַפענעם אין גאָט׳ס פאָרם.

דער מענש איז אים די וועלט אין מיניאַטור: דער קערפּער איז געגליכן צו דער מאַטעריע. זיין אויסזען, אָדער צוזאַ־מענשטעל — די פאָרם. די נשמה — דער ווילן. און דער שכל — די ערשטע און העכסטע סובסטאַנץ — גאָט. דער שכל, הגם מ׳זעט אים ניט, פירט דאָך אָן מיט׳ן ווילן. דער ווילן ברייינגט אַלע גלידער אין באַוועגונג, באַלעבט זיי, מאַכט זיי ווירקן און שאַפן לעבן. דורך ריכטיגן זיך דערקענען, דערקענט דער מענש גאָט. און נאָר דורכ׳ן דערקענען קערט זיך דער מענש אום צו דעם ערשטן קוואַל, פון וואַנען ער איז אויסגעקוואַלן — דאָס איינציגע ציל פון לעבן.

די וועלט אין גרויסן לאָזט ער זיך פאָרשטעלן, ווי אַ שטענגל ווייַנטרויבן. די טרויבן הענגען, דאַכט זיך, יעדע פאַר זיך. אָבער אין אמת׳ן הענגט איינע אָן דער אַנדערער. די נידעריגע אָן דער העכערער, די העכערע אָן נאָך אַ העכערער א. אַז. וו. גאַנצע רייען־ווייז. אַלע האַלטן זיך אָן שטענגל, מיט זיין כח, און מיט דער השפעה פון זיין זאַפט לעבן זיי.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז וואָס דאָ איז געזאָגט, איז ניט מער ווי אַ שוואַכער וואונק אויף דער פילאָזאָפיע פון בן־גבירול, ווי ער האָט זי אויספירליך געשילדערט אין זיין ספר: „מקור חיים״ (קוואַל פון לעבן). געשריבן האָט ער דאָס ווערק אויף אַראַ־ביש. שפּעטער איז דאָס איבערגעזעצט געוואָרן אויף שפּאַניש, און פון שפּאַניש אויף רוימיש. אינ׳ם אַראַבישן אָריגינאַל און אין דער

רוימישער איבערזעצונג איז געווען אָנגעגעבן דער נאָמען פון אויטאָר: אַ ב י צ ע ב ר אָ ן. האָט מען אינגיכן פארגעסן זיין אַ י ד י ש ע אָפּשטאַמונג. דאָס גאַנצע מיטלאַלטער, ווען דאָס ווערק איז געווען שטארק אָנגעזען אין דער פילאָזאָפישער וועלט — און דערהויפּט בא די קירכלאַכע פילאָזאָפן — און ביז'ן פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט האָט דאָס בוך (געהייסן: Fons Vitea) געגאָלטן ווי אַ ווערק פון אַן אַראַביש־קריסטליכן פילאָזאָף. ערשט אינמיטן דעם 19טן יאָרהונדערט איז עס אַנטדעקט געוואָרן, אַז אַ ב י צ ע ב ר אָ ן איז בן גבירול. און ערשט דאָס לעצטע יאָר (תרפ"ו־1926), איז דאָס בוך פאַרעפענטליכט געוואָרן אין אַ העב־רעאישער איבערזעצונג (פון רוימיש)*). אידן האָבן לכתחילה ניט געפרעגט אויף דעם ווערק — ווייל ס'האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דער רעליגיע אָדער מיט'ן אידנטום, נאָר איז געווען „אַלגעמיין־מענשליך" — ווי איינער פון זיינע געגנער האָט זיך אויסגעדריקט און בפרט, אַז ער האָט אָפּגענויגט פון אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע, וואָס איז געווען די איינציג־אַנערקענטע ביי אידן אין יענער צייט, און נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער. און אויב דער ספר איז אונז דערהאַלטן געוואָרן פון גויים, האָט מען עס אפשר צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס מ'האָט זיין אידישן אויטאָר פאַרגעסן...

בן־גבירול האָט אויך געשריבן אַ ווערק וועגן עטיק. אין דער העבראַאישער איבערזעצונג: „תקון מדות־הנפש." אָבער אויך די מאָראַל שטיצט ער ניט אויף קיין פסוקים און ניט אויף דער רע־ליגיע, נאָר אויף אַ ריין פּסיכאָפיזישן יסוד. ער האַלט, אַז די אויפ־גאַבע פון דער מאָראַל איז צו רעגולירן די פאַרשידענע נייגונגען פון מענשן, גוטע ווי שלעכטע, וואָס זענען אָפּהענגיג פונ'ם מענשנס חושים. אויך דאָס בוך האָט לכתחילה ניט נושא־חן געווען בא אידן — ווייל אויך דאָ האָבן אַלגעמיין־מענשליכע מאָטיוון ארויסגע־שטופּט די ספּעציפיש־אידישע אָדער רעליגיעזע מאָטיוון פון דער

*) ספר „מקור חיים" לרבי שלמה בן גבירול, תרגום דר. בלובשטין, בעריכת הדר. צפרוני, עם מבוא מאת הדר. יוסף קלוזנר, ירושלים, תרפ"ו.

עטיק. ערשט מיט פיל יאָרן שפּעטער איז דאָס ווערק אנערקענט געוואָרן ווי א אידישער מוסר־ספר.

און בכלל: ד ר י י ה ו נ ד ע ר ט שירים האָט בן־גבירול געזונגען און צ ו ו א נ צ י ג ספרים האָט ער געשריבן, און געלעבט האָט ער אינגאַנצן אַן ערך 38 יאָר. געשטאָרבן איז ער פון שווינדזוכט, עלנט, ווי ער האָט געלעבט. קיין פאַמיליע האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט. קיין גאַנץ נאָענטע, איבערגעבענע פריינט ווייזט אויס, אויך ניט. נאָר די לעגענדע האָט אים ניט פאַרלאָזט:

א טערק, אַזוי דערציילט די לעגענדע, האָט ניט פאַרגונען בן־גבירול׳ן זיין גרויסע חכמה, קענטשאַפט און פּאָעטישן גייסט, האָט ער אים דער׳הרג׳עט און באַגראָבן אין זיין גאָרטן, אונטער א פייגן־בוים. האָט זיך דער בוים צעבליט פאַר דער צייט. האָבן זיך מענשן געוואונדערט דאַרויף. דער וואונדער איז דערגאַנגען צום כאַליף. האָט מען די זאַך אָנגעהויבן חוקר ודורש צו זיין, און מ׳איז דער־גאַנגען די אמת׳ע סיבה פונ׳ם וואונדער. דער רוצח האָט זיך מודה געווען אין מאָרד און מ׳האָט אים אויפגעהאַנגען.

א מערקווירדיגע לעגענדע!

און דאָך איז דער פאַקט פון דעם פ י ל א ז א ף בן־גבירול׳ס אויפשטיין ת ח י ת ־ ה מ ת י ם — נאָך אַכט־הונדערט יאָריגן פאַרגעסן זיין — וואונדערבאַרער, ווי די לעגענדע וועגן זיין טויט!

משה די־ליאָן

נאָכדעם ווי די אידן אין מיטל־איירָאָפּע האָבן זיך כמה וכמה דורות און יאָרהונדערטער געשפּייזט מיט טרוקענער תורה און מצוות, לויט'ן שטרענגן, אויסגערעכנטן תלמוד; נאָכדעם ווי דיזעלבע אידן האָבן זיך אַן ערך פון דריי הונדערט יאָר געזעטיגט מיט דער שכל'דיגער אָבער טרוקענער אַראַביש־אידישער פילאָזאָפיע, „וואָס האָט ניט קיין פּרוכטן, נאָר בלויז בליאונג", און נאָכדעם ווי די קירכלאַכע, אידן־פיינטלאַכע געזעצגעבונג אין פאַרשיידענע לענדער, אינאיינעם מיט די קרייצצוגן האָבן דעם אידן שווער אונטער־דריקט: טויזנטער און טויזנטער אידישע לעבנס אומגעבראַכט, טויזנטער און טויזנטער אידישע עקזיסטענצן חרוב געמאַכט און קיין אויסזיכט אויף אַ נאַטירלאַכן אויסוועג איז ניט געווען; ווען די אידישע געמיטער זיינען געווען געפאַלן, דאָס ווירקלאַכע, מענש־לאַכע, אָבער פינסטערע לעבן פאַרלירט זיין כשוף־מאַכט צו באַרו־איגן און צו באַפרידיגן דעם לעבעדיגן מענשן — דעמאָלט הויבן אידן אָן צו זוכן באַרואיגונג אין אומווירקלאַכן לעבן, אין פאַנטאַס־טישן און איבערמענשלאַכן. הויבן אידן אָן צו גראָבן פאַר זיך פאַנ־טאַסטישע, אָדער מיסטישע ברונעמער. פון דאָרטן שעפּן זיי חיות און פאַרגעסנקייט פאַר דער געגנוואַרט, פון דאָרטן — וואונקען און אָנווייזונגען פאַר דער צוקונפט, פאַר דער אויסלייזונג, פאַר משיח'ס צייטן.

דעמאָלט קומט דאָס דרייצנטע יאָרהונדערט און געבוירט פיל מענשן, באַגאַבטע און עקזאַלטירטע, וועלכע רופן זיך „מקובלים" און פּ אָ פּ ו ל אַ ר י ז י ר ן די לערן פון דער קבלה, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען צוגענגלאַך בלויז פאַר איינצלנע, פאַר יחידי־סגולה און פאַר אַזוינע, וואָס פאַרשטייען צו מאַכן דערפון אַ סוד. שפּאַניען און דרום־פראַנקרייך, וואָס האָבן אַ לאַנגע צייט אויסגעמאַכט איין קולטור־קרייז, איז אין 13טן יאָרהונדערט רייך מיט מענשן, וואָס שרייבן קבלה־ספרים און מאַכן זיי פּאָפּולער פאַר

ברייטערע שיכטן. געשטאַרקט און גענערט דורך די קבלה־אמת'ן און מיסטישע זעאונגען, ברענגט דאָס אידנטום, אין דערמאַנטן יאָרהונדערט, אַרויס איין „משיח" נאָכ'ן אַנדערן, וואָס נעמען זיך עס אונטער, מיט'ן כח פון דער קבלה, ברענגען די גאולה. מענשן ווערן היסטעריש. די צאָל עקזאַלטירטע — וואַקסט. דער באָדן ווערט טיף צעאַקערט און ווערט פייאיג געמאַכט אויפצונעמען, מאַכן שפּראָצן און וואַקסן די זאָמען פון דער קבלה, אָדער „באַהאַלטענער חכמה" („חכמת הנסתר"), וואָס ווערט פון איצט אָן אַרויסגעפירט פון איר באַהעלטעניש.

דעמאָלט געשעט עס מיט דער קבלה, וואָס עס איז מיט יאָר־טויזנטער און מיט יאָר־הונדערטער פריער פאָרגעקומען מיט'ן תנ"ך, מיט דער משנה, מיט'ן תלמוד. עס איז, נעמלאָך געקומען דער מאַן, וואָס האָט געזאַמלט די איינצלנע, צעוואָרפענע — געשריי־בענע — פראַגמענטן פון קבלה־לערן. זיי געקליבן, געאָרדנט, רעדאַגירט און געשאַפן דעם ספר, אָדער די „תורה", פון די מקובלים, און דעם ספר אַ נאָמען געגעבן: זהר, וואָס באַדייט: גלאַנץ.

און ווי די „תורה" אַזוי איר שאַפער. פאַרהוילן איז די „תורה" פון קבלה און פאַרהוילן איז דער שאַפער אירער. שווער איז דאָס אַריינדרינגען אין דער געהיימניש פון די זהר־לערן און שווער איז דאָס אַריינדרינגען אין דער געהיימניש פונ'ם שאַפער זיינעם. און ניט בלויז אין אונזערע צייטן, אין קנאַפּע זיבן הונדערט יאָר נאָך זיין אַנטפּלעקונג, נאָר אויך שוין אין דעם זעלבן יאָרהונדערט, ווען ער איז צוערשט אַנטפּלעקט געוואָרן. און אפילו מקובלים זיינען ניט זיכער געווען ניט בנוגע דער אָפּשטאַמונג פון די לערן, וואָס זיינען פאַרשריבן אין זהר, און ניט בנוגע דעם זאַמלער און שאַפער פון דעם ספר.

די ערשטע פרשיות פון דעם זהר האָבן זיך באַוויזן אין שפּאַניען. און אַ יחוס־בריוו האָבן די פרשיות מיטגעהאַט, אַז זיי שטאַמען פונ'ם תנא רבי שמעון בן יוחאי. מיט רבי שמעון בן יוחאי האָט אַמאָל אַן אומגליק און אַ נס געטראָפן: ער האָט שאַרף קריטיקירט די רוימישע הערשער אין ארץ־ישראל. אַז עס איז אָנגעקומען צו

די הערשער, האָט מען רבי שמעון בן יוחאי'ן פאַר'משפט צום טויט. דאָס דערהערט, האָט ער גענומען זיין זון מיט זיך און אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין בית־מדרש. זיין פרוי האָט אים אַלע טאָג אהין געבראַכט ברויט מיט וואַסער און ער איז געזעסן און געלערנט. אז מ'האָט אָנגעהויבן שטאַרק זיי נאָכצוזוכן, האָט רבי שמעון מורא געהאַט, טאָמער אז מ'וועט זיין פרוי פייניגן וועט זי אים ארויס־געבן, איז ער מיט'ן זון אַנטלאָפן אין א הייל, זיך פאַרגראָבן אין זאמד און דאָרט געזעסן. און א נס איז אים געשען: פאַר'ן הייל איז אויסגעוואַקסן א באָקסער בוים און א קוואַל וואַסער האָט זיך געעפנט... גאַנצע צוועלף יאָר זענען זיי אזוי געזעסן אין דער הייל, ביז וואַנען אין רוים איז דער קיסר געשטאָרבן און רבי שמעונ'ס טויט־שטראָף איז בטל געוואָרן. זאָגט מען — ניט אין תלמוד — אז זיצנדיק אין הייל, האָט עם רבי שמעון בן יוחאי געשאַפען דעם זהר. האָט דער ספר מער ווי טויזנט יאָר זיך געפונען אין ארץ־ישראל. נאָר אז דער רמב"ן איז אהינגעקומען (1267) און האָט דאָרט דערזען די כתבים, האָט ער זיי אריבערגעשיקט צו זיין זון קיין קאַטאַלאָניע (שפּאַניע), זיינען זיי אריינגעפאַלן צום געלערטן משה דע־ליאָן אין אווילא. אריינבאַקומען אזא אוצר מיט סודות פון דער תורה, האָט ער פאַר גרויס־געלט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן קאָפּיעס פון איינצלנע שטיקער, אָדער פרשיות פון רבי שמעון בן יוחאי'ס קבלה־פירוש אויף דער תורה, וואָס האָבן, צוזאַמענ־גענומען, געהאַט דעם נאָמען: ז ה ר.

וויפיל צוטרוי פאַרדינט אָבער משה דע־ליאָנ'ס באַהויפּטונג וועגן בן יוחאי'ס אויטאָרשאַפט פון זהר? טויזנטער האָבן זיך די דאָזיגע פראַגע קיינמאָל ניט געשטעלט. אָבער צענדליגער און הונ־דערטער מקובלים און תלמוד'יסטן האָבן זיך די דאָזיגע פראַגע יאָ געשטעלט. און שוין אפילו באַם לעבן פון משה־דע־ליאָן. ניט קיין קלענערער ווי יצחק פון עכו (א בעל־מקובל פון ארץ־ישראל און דעם רמב"נ'ס א תלמיד), וועלכער איז פאַרוואָרפן געוואָרן קיין שפּאַניען און האָט זיך דאָרט באַקענט מיט'ן זהר, האָט אָנגעהויבן חוקר־ודורש זיין נאָך זיין אמת'ן טאַטן. האָט מען אים איבער־

געגעבן, אַז אייגנטלאַך איז משה דע־ליאָן אַליין דער פֿאַרפֿאַסער פֿון זהר, נאָר כדי צו באַקומען בעסער באַצאָלט, פֿאַרלייקנט ער זיין אייגענעם נאָמען און גיט אָן דעם נאָמען פֿון מחבר: רבי שמעון בן יוחאי.

„...און אַז איך בין געקומען קיין שפּאַניען — דערציילט דער דערמאָנטער רבי יצחק — אין דער שטאָט וואַלאַדאָליד, האָב איך דאָרט געפֿונען רבי משה'ן, גערעדט מיט אים, האָט ער געשוואָרן, אַז דער ספר איז פֿון רבי שמעון בן יוחאי, און ער האָט אים בא זיך אין דערהיים, אין אווילאַ. איך זאָל מיטפֿאָרן מיט אים, האָט ער געזאָגט, וועט ער מיר ווייזן. בין איך געפֿאָרן. אָבער אונטער־וועגס איז רבי משה געשטאָרבן. בין איך אַליין ווייטער געפֿאָרן אין אווילאַ. דאָרט האָב איז געטראָפֿן אַן אַלטן מאַן, אַ גרויסן געלערטן און האָב בא אים געפֿרעגט, וואָס ער ווייסט וועגן זהר. און ער האָט מיר געענטפֿערט: „ס'איז בא מיר קיין ספק ניט, אַז קיינמאָל איז צו דעם רבי משה'ן אין האַנט אריין ניט אריינגע־פֿאַלן אַזאַ ספר, און אַז אַ ספר זהר איז אויף דער וועלט ניטאָ. און די זאַך איז מיר קלאָר געוואָרן אויף פֿאָלגענדן אופֿן: דער רבי משה איז געווען אַ גרויסער פֿאַרשווענדער. ס'איז רעכט געווען, אַז היינט זאָל ער האָבן אַ פֿולע שטוב מיט גאָלד, וואָס ער באַקומט פֿון די רייכע מקובלים פֿאַר די קבלה־כתבים, און מאָרגן זאָל ער ניט האָבן קיין ביסן ברויט אין שטוב. און אויך דאָס מאָל, אַז ער איז אוועקגעפֿאָרן קיין וואַלאַדאָליד, איז די פֿאַמיליע געבליבן אין גרויס דחקות. אַז ס'איז דאָ אַהער אָנגעקומען די ידיעה וועגן זיין טויט, בין איך אריינגעקומען צום גביר פֿון שטאָט, וואָס פֿלעגט פֿון צייט צו צייט קויפֿן כתבים פֿון רבי משה'ן און אים געזאָגט: איצט קאָנסטו איינהאַנדלען דעם גאַנצן זהר מיט אַמאָל. שיק נאָר רופֿן רבי משה'ס ווייב, וואָס געפֿינט זיך אין גרויס נויט, און זאָג איר צו גוט צו באַצאָלן, וועט זי דיר דעם גאַנצן זהר פֿאַרקויפֿן. האָט ער אַזוי געטאָן. ער האָט געשיקט רופֿן די אלמנה און איר פֿאָרגעלייגט צו פֿאַרקויפֿן אים דעם זהר. האָט אָבער די אידענע געשוואוירן בא גאָט, אַז אַלץ וואָס איר מאַן האָט געשריבן, האָט

ער געשריבן פון קאָפּ און קיין שום ספר, פון וואַנען ער זאָל איבערשרייבן האָט ער ניט געהאַט פאַר זיך. און אַמאָל האָב איך אים געזאָגט: צו וואָס זאָלסטו זאָגן, אַז דאָס וואָס דו שרייבסט געהערט נ י ט צו דיר, בעסער זאָג דעם אמת, אַז ס'איז דיינס, וועסטו דאָך האָבן מער כבוד. האָט ער געענטפערט: אַז איך וועל זאָגן, אַז דאָס איז מיינס, וועט קיינער ניט וועלן קוקן דערויף, אָבער אַז איך זאָג, אַז דאָס געהערט צו רבי שמעון בן יוחאי, וואָס ער האָט פאַרפאַסט מיט רוח־הקודש, וועט מען דאָס קויפן כּסדר און פאַר א הויכן פּרייז." אָבער אין די זעלבע שטעט האבן זיך געפונען חשוב'ע מענטשן, וואָס האָבן געשוואָרן, אַז דער זהר איז טאַקע געוועזן רבי שמעון בן יוחאי'ס און רבי משה האָט נאָר געמאכט קאָפּיעס פון אים. און פון דעמאָלט ביז איצט האָט מען ניט אויפגעהערט צו ערפאָרשן די זאַך, און אויך היינט איז ניט דער גאַנצער שלייער אראָפּגענומען פון דער פראַגע, און קיינער קאָן ניט מיט הונדערט־פּראָצענטיגער זיכערקייט זאָגן, ווער איז דער אמת'ער פאַרפאַסער פון זוהר. עס איז נאָר זיכער, ווער עס איז נ י ט זיין פאַרפאַסער; אַז ער איז נ י ט רבי שמעון בן יוחאי, אָבער ווער איז דאָס יאָ? דאָס בלייבט אונטער אַ פראַגע־צייכן. און ווי לאַנג מ'קאָן ניט דעם פראַגע־צייכן אַראָפּנעמען, בלייבט מען באַ דער וואַרשיינליכער השערה, אַז דער מחבר פון זהר איז רבי משה דע־ליאָן. די דאָזיגע איינציג־מעגליכע השערה מינערט די ק ד ו ש ה פונ'ם זהר, דעם יחוס, דעם גלאַנץ פון רוח־הקודש, מיט וועלכן רבי שמעון בן יוחאי זאָל אים האָבן געשריבן. אָבער פון זיין אינערליכן ווערט, לויט זיין אינהאַלט, פאַרלירט ער ניט. און דער מחבר פונ'ם זהר, ווער ער זאָל אויך זיין, געווינט נאָר דערפון.

וואָרים געניאַליטעט שטעקט דאָך אין איינעם, וואָס איז אימשטאַנד צוזאַמענצושטעלן אַ ווערק, וואָס זאָל גאַנצע דורות און יאָרהונדערטער נעהרן גרויסע פאָלקס־שיכטן מיט הייליגקייט, מיט געטליכקייט און מיט דעם כח זיך צו האַלטן ווייט־הויך איבער דער ערד און דעם ערדישן. גאונות געהערט דערצו, אַז מ'זאָל אין אַ באַשיידענער פאָרם (אַ פּירוש אויף דער תורה) שאַפן אַ ווערק, וואָס

זאָל זיין דורכגעוועבט מיט פֿילאָזאָפֿישע אַנשויאונגען, מעטאַפֿיזישע פֿאַרשטעלונגען און פּאָעטישע שילדערונגען וועגן גאָט, וועלט און מענטש, וואָס זאָל עקזאַלטירן און דערהויבן דורות און דורות.

הגם איינהייטליך איז דער זהר ניט, און סיסטעמאַטיש איז ער ניט. פֿינף באַזונדערע קבלה־שאַפֿונגען זענען פֿאַרוועבט אין אים („רעיא מהימנא“, „מדרש הנעלם“, „אדרא רבא“, „אדרא זוטא“ „ספרא דצניעותא“) און אַלע פֿאַרנעמען זיך מיט דער זעלבער טעמע: מיט אויסטייטשן און אויסדרינגען די באַהאַלטענע סודות, וואָס שטעקן אין יעדן פּסוק, יעדן וואָרט און אין יעדן אות פֿון דער תורה. וואָרים „נאָר טפּשים באַנוגענען זיך בלויז מיט׳ן אויסערן שלייער, מיט די ערציילונגען פֿון דער תורה און ווייסן ניט מער און קוקן ניט דאַרויף, וואָס איז באַהאַלטן א ו נ ט ע ר ׳ ן שלייער“; „ווער עס מיינט, אַז אָט דער שלייער איז עס די תורה ממש און מער קיין וואָרט ניט, זאָל זיין אָטעם אויסגעבלאָזן ווערן“; „אַלע ווערטער פֿון דער תורה זענען געהויבענע ווערטער און געהויבענע סודות,“ אַזוי ווערט די גאַנצע אידנטומס־וועלט אַנדערש, אין ליכט פֿונ׳ם זהר. גאָט אַן אַנדערער, די תורה אַן אַנדערע און די באַציאונג צווישן גאָט און מענטש, גאָט און וועלט איז אַן אַנדערע. ניט דאָס גרייפֿבאַרע, באַגרייפֿליכע און קלאָרע איז דאָס ווירקליכע, נאָר דאָס אומבאַגרייפֿליכע, אומגרייפֿבאַרע, פֿאַרוואָלקנטע איז דאָס ווירקליכע. ג א ט איז אים די „הייליגע אוראַלטקייט,“ די אייביגע אומענדליכקייט, אָן איינגנשאַפֿטן, אָן געשטאַלט, אָן קוואַליטעט, אָן רעאַליטעט. ממילא איז ער, באַגריפֿליך, דאָס אַבסאָלוט־נעגאַטיווע. דאָס „נישט“. דער באַגריף: אַבסאָלוט־נעגאַטיוו, אָדער נ י ש ט, דעקט זיך מיט׳ן אַבסטראַקטן באַגריף: אַ ל ץ. דאַרום שליסט דער גאָט־באַגריף איין אין זיך אַלע מעגליכקייטן, יכולת׳ן, אָדער פּאָטענצן. דערפֿאַר הייסט גאָט אויך: „מקום,“ „דאָס אָרט פֿון דער וועלט.“ דערפֿאַר הייסט עס אויך, אַז פֿון נ י ש ט האָט ער געשאַפֿן אַלע, אומענדליך־פֿיל וועלטן און אַלץ, וואָס איז אין זיי. און די שאַפֿונג איז פֿאָרגעקומען אין איין הרף־עין, אין איין אויגנבליק, און אינגאַנצן מיט איין מאָל. ווי פֿונקען פֿון אונטער׳ן האַמער־

קלאפּ, אזוי זענען אַלע וועלטן, „מיט איין קלאַפּ" געשאַפן, צעשאָטן און צעשפּליטערט, געוואָרן, אין זייער גאַנצער פאַרשידנקייט איבער'ן גאַנצן אומעטום...

און דער מענש איז די קרוין פון אַלעם געשאַפענעם. ער איז „דער לייטער, וואָס שטייט אויף דר'ערד און גרייכט צום הימל." ער איז אויף דער ערד דאָס אייגענע, וואָס גאָט איז אין הימעל. וואָרים ערשט ווען דער מענש איז באַשאַפן געוואָרן, האָט די גאַנצע בריאה באַקומען חיות. און דער א י ד איז דער תכלית, דער צוועק און דער זין פון דער גאַנצער בריאה — די אַנדערע מענשן שוין אַריינגערעכנט. דער איד שטייט אפילו אויף אַ העכערער מדרגה, ווי די מלאכים. זיי בענקען נאָכ'ן אידן, קוקן אים נאָך, דאַוונען אים נאָך. און ו ו י ל דער איד — קאָן ער זיך מיט גאָט באַהעפטן, קאָן ער צו גאָט גענליכן זיין. ער קאָן דאָס דערגרייכן דורך גאָט דינען, מיט דער ליבע פון טיפן האַרצן — ווייל די ליבע פאַראייניגט אַלע וועלטן, די אונטערשטע מיט די אויבערשטע, די ערדישע מיט די הימלשע.

די אמונה — דאָס איז דער תוך פון אידנ'ס גרויסע יכולת'ן. און דער תוך פון אַלע תוכ'ן איז די קבלה. זי איז דער זין פון דער תורה. אין איר, ערשט, האָט די תורה געפונען איר תקון, דער מענש — זיין באַשטימונג, דער איד — זיין געטליך באַוואוסטזיין. און די קבלה איז אויפגעריכט געוואָרן דורכ'ן זהר — די ספר־תורה פון דער קבלה. וואָרים אויך דער זהר איז געגעבן פון באַרג סיני, און איז העכער, ווערטפולער ווי די אַנדערע צוויי תורה'ס (שבכתב און בעל־פה). נאָכמער, דער זהר איז ניט בלויז טעאָרעטישע קבלה, נאָר אויך פּראַקטישע. אַנדערש אויסגעדריקט: דער א י נ ה א ל ט פון זהר איז טעאָרעטישע קבלה, אָבער די קדושה זיינע איז אַזוי גרויס, אַז דער דאָזיגער אינהאַלט ווירקט אויך פּראַקטיש. „שוין דאָס ז אָ ג ן זהר, אפילו ווען מ'פאַרשטייט ניט, וואָס מ'זאָגט, קלעקט, אז אין דעם זכות זאָלן אידן אויסגעליייזט ווערן; פרייהייט זאָל אויף דר'ערד פּראָקלאַמירט ווערן, און אַלע מענשן אויף דער וועלט זאָלן פריי לעבן אין אַזאַ רו, וואָס האָט ניט איר גלייכן..."

די אידן אין פראַנקרייך

אַלט איז די געשיכטע פון די אידן אין פראַנקרייך. און דאָס הייסט, אַז אַלט איז די געשיכטע פון אידישע באַליידיגונגען און אונטערדריקונגען אין דעם לאַנד. וואָרים וואָס איז דען אידישע געשיכטע אין לאַנד און לאַנד, אויב ניט די געשיכטע פון אידישער אונטערדריקונג דאָרט ? אַזוי איז עס אומעטום, אַזוי איז עס אויך אין פראַנקרייך. און די אונטערדריקונגען האַלטן אָן יאָר־הונדערטער נאָך יאָר־הונדערטער, אַ יאָר־טויזנט נאָך אַ יאָר־טויזנט. און ווי טרויעריג זיי זענען אויך, ווערן זיי דאָך שאַבלאָן, לאַנגווייליג און ניט אינטערעסאַנט. פאַר׳ן איבערלעזער מער ווי פאַר׳ן איבערלעבער. אָבער צו דער עהרע פון׳ם פראַנצויזישן פאָלקס־זשעני מוז געזאָגט ווערן, אַז אויך אין פּרט פון „מאַכן אידישע געשיכטע" האָט פראַנקרייך אַרויסגעוויזן אָריגינאַליטעט. בלבולים אויף אידן האָט זי געמאַכט, וואָס האָבן פיל יאָר־הונדערטער געפונען נאָכאַמער. און אידישע ה נ ח ו ת האָט זי פעסטגעשטעלט, וואָס יאָרהונדערטער זענען אַוועק און ניט אַלע פעלקער קאָנען זיך נאָך דערהויבן צו אַזאַ מאָראַלישער הויך, אַז זיי זאָלן זיי נאָכטאָן.

נאָך פון די רוימישע צייטן אָן האָבן אידן געלעבט אויף פראַנצויזישער טעריטאָריע, און געלעבט לויט די רוימישע געזעצן, מיט אַלע רעכט פון רוימישע בירגער. דערהויפּט זענען זיי קאָנצענטרירט געווען אין די גרעסערע שטעט — אַמאָליגע רוימישע אַדמיניסטראַטיווע צענטרן, לענגאויס די גרויסע האַנדלס־וועגן. אידן האָבן פאַרנומען רעגירונגס־שטעלעס. דערהויפט טרעפט מען זיי ווי פאַרשיידענע פינאַנס־אַגענטן. זיי האָבן זיך אָבער פאַרנומען אויך מיט האַנדל, מיט ערד־אַרבעט, מיט פלאַנצן וויינגערטנער, מאַכן וויין, מיט מלאכה. אָבער די חשוב׳סטע באַשעפטיגונג איז געווען דער האַנדל. פאַראַן אויך

אידן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט שיקן שיפן אויף די ים־וואסערן; פאַראַן אויך אידן־מאַטראָסן, אידן־דאָקטוירים, אידן־געלערנטע. ביז וואַנען דער קאַטוילּיציזם האָט זיך ניט באַפעסטיגט אין פראַנקרייך, האָבן אידן געלעבט אין פרידן מיט דער ניט אידי־שער באַפעלקערונג. אפילו מיט די גייסטלאַכע, וואָס זענען זייער אָפטע געסט בא אידישע סעודות. און אידן באַטייליגן זיך מיט די ניט־אידן אין ז י י ע ר ע ליידן און פריידן. אפילו די בישאָפן, — אָפּשטאַמונגען פון די אַלטע רוימישע סענאַטאָרן, אייגנטימער פון וויכטיגע שטעט, וואו אידן האָבן געלעבט, — קימערן זיך ניט וועגן דעם, וואָס אין זייערע גיטער לעבן אַנ־דערש־גלויביגע, און אין אָנהויב זעקסטן יאָר־הונדערט קעמפן די אידן אינאיינעם מיט זייערע מיטבירגער באַם פאַרטיידיגן די שטעט געגן די פראַנקישע און בורגונדישע איבערפאַלער. מ׳לעבט ברידערלאַך. עס קומט דערצו, אַז קריסטן נעמען אָן אידישן גלויבן. ס׳קומען פאָר געמישטע חתונות, הגם זייער זעלטן.

אָבער שוין אין פינפטן יאָר־הונדערט וואַכט אויף דער בייזער גייסט פון דער קאַטוילישער קירך, און זיין בייז־אויג ווערט גע־ווענדט אויף אידן. און וואָס ווייטער, אַלץ גרעסער וואַקסט ער, אַלץ מער אויגן באַקומט ער. שוין אין פינפטן יאָר־הונדערט באַשליסט אַ פאַרזאַמלונג פון גייסטלאַכע צו באַגרעניצן די פריי־הייט פון אידן אין דער וואַל פון זייערע באַשעפטיגונגען; גייסט־לאַכע ווערן געוואָרנט ניט צו פאַרקערן מיט אידן און ניט צו זיצן בא זייער טיש. מ׳פאָדערט שיידונג פאַר געמישטע חתונות, און שטרייגגע שטראָף פאַר יענע, וואָס ווילן זיך ניט שיידן. דאָס אַלץ ווערט געטאָן, כדי צו פאַרהיטן דאָס אומשולדיגע פאָלק פון צו זען די מעלות פון דער אידישער אמונה אין פאַרגלייך מיט דער קריסטלאַכער. מ׳איז אויסן אויסצוגראָבן אַ תהום צווישן אידן און קריסטן, כדי ניט צו באַגעגענען קיין שטערונג באַם פאַרשפרייטן דאָס קריסטנטום. וואָס וויינעיגער באַגעגניש צווישן קריסטן און אידן, וואָס מער צו דערנידעריגן דעם אידן אין די אויגן פון דעם ניט־איד, פאַרבאָט מען אידן האַנדלען מיט קנעכט.

פאַרבאָט מען זיי צו האַלטן ניט־אידישע דינערשאַפט, פאַרבאָט מען זיי צו האָבן אַזאַ באַשעפטיגונג, וואָס קאָן זיי ברענגען אין פאַרקער מיט ניט־אידן. פאַרווערט מען עפנטלאַכע אידיש־רעליגיעזע צערעמאָניעס — אפילו תהלים־זאָגן בײַ אידישע לוויות ווערט פאַרבאָטן.

און אַלדאָס בייז ווערט מאָטיווירט דערמיט, אַז אידן, אַלס פאָלק, זענען מאָראַליש נידעריג, דערפאַר זענען זיי געזעלשאַפטלאַך געפערלאַך — ווי ענלאַכע באַגרעניצונגען זענען מאָטיווירט געוואָרן שפּעטער. די געלערנטע גייסטלאַכע האָבן בלויז איין מאָטיוו: „גאָט אין הימל איז אומצופרידן דערמיט, וואָס אידן ווערן מענשלאַך באַהאַנדלט פון קריסטן“. די פּויבסטן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די פליכט גאָט צופרידנצושטעלן, מאַכן פאַרוואורפן די מלכים, וואָס זענען מענשלאַך צו אידן. און פאַרקערט: פאַנאַטישע מלכים וואַרפן פאַר אַנדערע פּויבסטן, דראָען זיי אפילו מיט אראָפּזעצן פון פאַבסטלאַכן טראָן, דערפאַר וואָס זיי פאַרקערן פרײַנטלאַך מיט אידן. ביידע האָפן צו געפינען לייטזעליגקייט אין גאָט'ס אויגן דורך דעם, וואָס זיי צווינגען אידן אָנצונעמען דעם קריסטלאַכן גלויבן. טרעפט, אַז דער עפּיסקאָפּ טרייבט אַרויס אַלע אידן פון זיינע נחלאות, כדי נושא־חן צו זיין בײַם מלך, און ס'טרעפט אויך, אַז דער מלך טרייבט אַרויס זיינע אידן, כדי צו געפעלן אַן איינפלוסרייכן עפּיסקאָפּ. ביידע מאָטיווירן די גירושים דערמט, וואָס אידן זענען עקשנים און ווילן ניט אַנערקענען דאָס קריסטנטום... און טאָמער האָבן אידן אין דרום פראַנקרייך געאָטעמט פריי — ווייל ס'איז געווען אַ מלוכה, אונטערגעוואָרפן דער אויבערהערשאַפט פון די וועסטגאָטישע הערשער אין שפּאַניען — שרייט מען אַזוי לאַנג, אַז דרום־פראַנקרייך איז פאַראידישט, ביז מ'טרייבט די אידן אַרויס פון דאָרט (763), הגם ניט אַלע און ניט פון אומעטום, אָבער דעם שרעק פון גירוש האָבן אַלע אַריבערגעטראָגן. אפילו קאַרל דער גרויסער (768), וואָס האָט פון דער באַרבאַרישער ווירטשאַפט אין איטאַליע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד געמאַכט איין

מלוכה, האָט אויך ניט געהאט דעם מוט צו באהאנדלען די אידן ווי מענשן, אין אלע פּרטים. ער האָט איינגעזען דעם גרויסן נוצן, וואָס אידישע אַרבעט, ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט קאָן ברענגען דער מלוכה — און ער גיט די אידן ברייטע רעכט אויפ'ן געביט פון האנדל און אינדוסטריע. אָבער אויפ'ן פּאָליטיש־בירגערלאכן געביט פאַרשמעלערט ער נאָך זייערע רעכט. ער אָנערקענט אידישע דיפּלאָמאטישע פעאיגקייטן, און ער שיקט אידישע שליחים קיין אזיע און אפריקא, אין די דאָרטיגע הויפן, כדי צו שאַפן האנדלס־פאַרבינדונגען צווישן קאַרל'ס מלוכה און זייערע מלוכות. די שליחות'ן האָבן ערפאָלג. אין זיין צייט באזעצן זיך אידן אויך אַרום רהיין. אָבער אינאיינעם דערמיט גיט ער אַרויס אליין און באשטעטיגט פריער־אַרויסגעגעבענע געזעצן, וואָס באליידיגן און דערנידעריגן דעם אידן. למשל: אז א גוי קלאָגט אָן א אידן אין געריכט, איז געגוג אויב ער האָט דריי עדות. קלאָגט אָבער א איד אָן א גוי, דאַרף ער האָבן פיר עדות און אמאָל זיבן און אמאָל גאָר ניין. דאָס איינענע איז באַם שווערן אין געריכט פאַר'ן עדות־זאָגן: די גאַנצע תוכחה האָט ער געמוזט אַרויסרופן אויף זיין קאָפּ, אויב ער וועט ליגן זאָגן, אז ניט — איז ער ניט באגלויבט געוועז. קריסטן טאָרן ניט אָפּ־געבן קיין ערד אין אַרענדע צו אידן, און טאָרן ניט האַלטן אין אַרענדע קיין אידישע ערד, א. ד. גל. ער גיט זיי אָבער די מעג־לאכקייט קולטורעל זיך צו באפעסטיגן, און אין זיין צייט טרעפט מען אין גאַרבאָנע דעם באַרימטן רבי מכיר אלס ראש פון דער קהלה און דער ראש פון א גרויסער ישיבה. קאַרל'ס זון, לודוויג, שטעלט זיך מער איין פאַר אידן. אין זיין צייט טראָגט די פאַ־מיליע מכיר דעם טיטעל נשיא. און דער נשיא האָט רעכט צו פאַרטיידיגן אידן פאַר דער רעגירונג. אידן האָבן גרויסע פעלד־גיטער אַרום גאַרבאָנע און ווייסן ניט פון קיין דרוק. דעמאָלט טרעפט מען ווידער די קאַטוילישע גייסטלאכע, וואָס פריינטלען זיך מיט אידישע רבנים, זיי קומען אפילו אריין אין אידישע שולן און הערן דאָרט א דרשה. און קומען קלעריקאַלע פאַנאַטיקער

און העצן דאָס פאָלק און העצן דעם קעניג געגן אידן — ווי דאָס טוט, למשל, דער עפּיסקאָפּ פון ליאָן, אגאָבארד — נעמט דער קעניג אויף זיך דירעקט די שוץ פון אידן. אמת, קיין גרויסער כבוד איז דאָס ניט; זיין א קעניגליכער „שוץ־איד" הייסט אזוי פיל, ווי צו זיין א לייבאייגענער, אַן אייביגער קנעכט. דערצו האָט עס געקאָסט ניט ביליג... אָבער ניצלאך אין א נויט איז עס אמאָל געווען — ווייל פאַר א בארויבטן אָדער גע'הרג'עטן אידן האָט דער קעניג געפאָדערט טייער באצאָלט, האָט מען מורא געהאַט אָנצורירן דעם שוץ־אידן.

אָבער ניט לאַנג האַלט דער שוץ. אינמיטן 9טן יאָרהונדערט צעפאַלט לודוויג'ס מעכטיגע ירושה אויף דריי שוואַכע מלוכות: איטאַליען באזונדער, פראנקרייך באזונדער און דייטשלאנד באזונדער. און ווערט די וועלטלאכע מאכט צעברעקלט, ווערט די קירכלאכע מאכט קאָנצענטרירט. ווערט די וועלטלאכע מאכט געשוועכט, ווערט די קירכלאכע מאכט געשטאַרקט — איבער אַלע באזונדערע טעריטאָריעס און אדמיניסטראַטיווע גרעניצן. די פראנצויזישע קרוין קומט אָן צו „קאַרל מיט'ן פליך" — אזוי האָט מען אים גערופן. ער בלייבט טריי די טראַדיציעס פון די פריערדיגע הערשער און באַשטעטיגט ניט די אַנטי־אידישע געזעצן, וואָס די גייסטלאכקייט האָט אויף אירן א קאָנסיל אויסגעאַרבעט (845). אָבער די גייסטלאַכקייט ווערט דערפון ניט נתפעל. דאָס גיפטיגע מיטל: רעליגיעזער פאַנאַטיזם, אָנגעווענדט געגן אַנדערש־גלויביגע, בלייבט בא זיי אין האַנט. נוצן זיי דאָס אויס ביז די לעצטע מעגלאכקייטן. אינ'ם דאָזיגן גייסט שרייבט מען ביכער, האַלט מען דרשות, דעבאַטירט מען אויף פאַרזאַמלונגען, דראָעט מען די רעגירער: מ'שפּילט אויס די פּריצים געגן דער קרוין, אָדער די קרוין געגן די פּריצים, מ'העצט דאָס פאָלק, מ'היצט די אַטמאָספערע — און ביסלאַכווייז צייטיגט זיך דער ערפאָלג: אומענדלאכער האַס צו אידן. דער לאָזונג: „נוקם זיין זיך אָן אידן פאַר קריסטוס'עס ליידן", ווערט זייער פּאָפּולער. די וואָך פון פּאַסחא ווערט פּשוט

געהעצט אין אלע קירכן געגן אידן. ווערט עס כמעט ווי א מנהג צו באפאלן אידן אין דער וואך, זיי שלאגן, רויבן, מיט די פיס טרעטן. און האבן זיך אידן פארטיידיגט, איז עס געקומען צו בלוט־פארגיסונג. אין טולוזא, למשל, פלעגט דער גראף פון שטאט אלע יאר, אום פרייטאג פאר פאסחא, רופן צו זיך דעם פארשטייער פון דער אידישער קהלה, און אים געבן א פאטש אין פנים — א זכר צו די ליידן פון קריסטוס. שפעטער האט קארל דער תם אפגענומען בא אידן פון גארבאנער הערצאגטום אלע זייערע נחלאות און זיי אוועקגעשענקט דער גייסטלאכקייט. זענען די גייסטלאכע געווארן גוט געגייגט צום קעניג. האט עס פאר־דראסן די פריצים (פעאדאלן), וואס זענען שטענדיג געשטאנען אין קאמף מיט דער קרוין פאר זייערע רעכט. אבער אזוי ווי יעדער פון זיי איז אין די גרעניצן פון זיינע נחלאות געווען זעלבסטשטענדיג, האבן זיי דעם קעניג אויף צו־להכעיס גענומען די אידן אונטער זייער שוץ. אבער די פריצים האבן אויך בא־האנדלט זייערע אידן ווי לייב־אייגענע, ווי קנעכט, זייער פארמעגן און זייער לעבן איז אינגאנצן געווען אין רשות פון זייער פריץ, אויף לעבן און טויט. יעדער פריץ איז אויף זיין מיסט געווען א פרינץ...

לעבט מען, ליידט מען, געוואוינט מען זיך צו. און מ׳זוכט טרייסט אין דעם, וואס די אלגעמיינע באדינגונגען פון דער צייט האבן אביסל, און פון צייט צו צייט געמילדערט די קירכלאכע און וועלטלאכע אכזריות.

ווארים פון מיטן 9טן ביז׳ן 12טן יארהונדערט האט פראנקרייך איבערגעלעבט זייער א טומלדיגע צייט. די גאנצע מלוכה־ארגאניזאציע האלט זיך אין איבערבויען. עס קעמפן פאר איינפלוס אויף מלוכה די פריצים־פעאדאלן פון איין זייט און די שטאטישע צעכן ארגאניזאציעס פון דער אנדערער. אדער די אינטערעסן פון שטאט קעמפן געגען די אינטערעסן פון דארף. מלוכה וויל זיך באפרייען פוןביידע. ריכטיגער: ביידע זיך אונ־טערטעניג מאכן. זוכט מען שטיצע. זאמלט מען קרעפטן אזן

מיטקעמפער, די אָרגאַניזירטע קירך איז אַ קראַפט — ווייל זי האָט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף די מאַסן. ווייל זי יעדער צד געווינען אויף זיין זייט. חנ׳פעט מען זי. פאָלגט מען זי. און אַז מ׳פאָלגט זי, דיקטירט זי איר ווילן מיט פייער פון הימל. אָבער אויך אידן זענען אַ מאַכט און מ׳וויל אויך זיי אויסנוצן. ביני־לביני איז מען דאָך פאַרנומען מיט זיך, מיט׳ן אייגענעם שטרעבן צו מאַכט, צו הערשאַפט, לאָזט מען אידן אביסל צורו. נוצן אידן אוים די צייט צו פאַרשטאַרקן זיך קולטורעל. קומען־אויף גרויסע ישיבות אין פראַנקרייך; קומען אַרוים די ערשטע ליטעראַרישע שאַפונגען פונ׳ם פראַנצויזישן אידנטום, וואָס לאָזן זייער שטעמפל אויפ׳ן אידנטום פאַר אייביגע צייטן, דאָס הייסט ניט, אַז אידן האָבן דעמאָלט פון צרות ניט געוואוסט. געוויס האָבן זיי גע־וואוסט. אָבער מיט אַ שטיקל מאָס. ניט אין גאַנצן לאַנד אין איין צייט. און, ווי באַמערקט, ניט אומעטום גלייך. געווען ערטער, וואו אידן האָבן געהאַט אַלע רעכט, און געווען ערטער, וואו זיי האָבן גאָר קיין רעכט ניט געהאַט. דאָ האָט מען זיי געצוואונגען צו שמד, אָדער צו גירוש: מ׳באַגייט איבער זיי רויב און מאָרד און מ׳טוט זיי אָן כל־העניים, און דאָרט לאָזט מען זיי רואיג לעבן און אפילו אין אביסל פרייהייט. אָבער ס׳קומט דאָס יאָר 1009. אין אייראָפּע גייט אום אַ קלאַנג, אַז די מחמד׳אַנער האָבן פון ישו׳ס קבר געמאַכט אַ מעטשעט. און באַלד קומט די ווילדע קאַטויילישע פאַנטאַזיע און לייגט צו אַ קלאַנג, אַז אידן האָבן זיך פאַרבונדן מיט די מחמד׳אַנער, כדי צו פאַרשווועכן די קריסט־לאַכע קדושה... און שוין האָט מען כלומר׳שט געזען בריוו, וואָס אידן האָבן געשיקט וועגן דעם ענין, און שוין האָט מען כלומר׳שט געכאַפּט משולחים, וואָס אידן האָבן געשיקט צו דעם צוועק. און דער סוף — גירושים, מאָרד, זעלבסטמאָרד, רויב, פּיין ביז 1096, ווען דער ערשטער קרייצצוג איז פאָרגעקומען. אָבער ווייל דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, ווי געזאָגט, ניט אומעטום און ניט אין איין צייט און האָט אָנגעהאַלטן ניט לאַנג, האָבן אידן, אין עלפטן יאָרהונדערט, אין צפון פראַנקרייך צייט געהאַט צו אַנט־

וויקלען דאָס אידנטום. קאָנצענטרירט דערהויפּט אויפ'ן רעליגיעזן געביט. ניט קיין פילאָזאָפיע, ניט קיין נאַטורוויסנשאַפט און ניט קיין שיינע ליטעראַטור. די שירים, וואָס מ'האָט דאָרט יאָ געשריבן, זענען געווען תפילות; די פּרושים וואָס זיי האָבן גע־שריבן אויף דער תורה, זענען געווען מדרשים און אגדות; דאָס לערנען, וואָס זיי האָבן געלערנט, איז געווען בלויז ד ע ר ת ל מ ו ד. אומעטום ישיבות, אומעטום באַרימטע רבנים און לומדים, אָבער בלויז צו דעם איינציגן צוועק — לערנען גמרא. האָבן זיי טאַקע דערגרייכט צו אייביגע, רעליגיעזע ווערטן. דאָ, אין צפון פראַנקרייך (אין טרואַ), איז געבוירן געוואָרן ר ש " י — דער זשעני און דער פאַרקערפּערער פון צפון־פראַנצויזישן אידנטום. און מיט אַ יאָרהונדערט שפּעטער וואַקסט דאָ אויס די גרויסע שולע פון די „בעלי־־תוספות" — שאַרפע אַנאַליטי־קער, טיפע לאָגיקער און אנערקענטסטע, און, ווי רש"י, ניט־אָפּ־טיילעוודיגע מפרשים פון תלמוד. און תלמידים וואַנדערן איבער'ן לאַנד, פון איין ישיבה אין דער אַנדערער, כדי צו זעטיגן זייער דורשט נאָך וויסן. און פראַנקרייך ווערט דאַן דער צענטער פונ'ם וועלט־אידנטום. כמעט דאָס אייגענע, אָבער אַביסל אַנדערש, געשעט אויך אין דרום פראַנקרייך. לייכטער און פרייער האָט זיך דאָרט געלעבט די אידן. קיין צרות און קיין בזיונות האָט זיי דאָ אויך ניט געפעלט, אָבער געלערנט האָט מען. גאונים (ווי דער אלפס, למשל), גרויסע רבנים און באַרימטע נעמען זענען אויך אין דער פּראָוואַנס (דרום פראַנקרייך) אַרויסגעוואַקסן. די גרעסטע ג ע נ ג ע ר פון רמב"ם האָבן דאָ געלעבט און געווירקט, אָבער אויך זיינע טיכטיגסטע פּאַרטיידיגער. דאָ קוקט מען אויפ'ן רמב"ם, ווי אויף אַ געטלאַכן מאַן. און דעם „מורה־נבוכים" האָט מען אָנגענומען מיט דער גרעסטער באַוואונדערונג. דאָ געפינען זיך מעצענאַטן, וואָס מיט זייער הילף ווערט כמעט די גאַנצע אידיש־אַראַבישע ליטעראַטור איבערגעזעצט אויף העברעאיש. און דאָס האָט ניט בלויז אַ לאָקאַלן אָדער צייטלאַכן ווערט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אידנטום. און וואָס דאָ ווערט געשאַפן, האָט

אויך אַן אַנדער כאַראַקטער, ווי די שאַפונגען אין צפון. וועלט־לאַכער, וויסנשאַפטלאַכער. די פירושים אויף תורה אין צפון־פראַנקרייך זענען געבויט אויף מדרש און אגדה, אין דרום — אויף דקדוק און פרייען געדאַנק. אַזוי ענטוויקלט זיך פון איין זייט דאס טראַדיציאָנעלע אידנטום, פון דער אַנדערער — דאס פרייע דענקען, און אַלס דריטע קומט די קבלה, וואָס אַנטוויקלט זיך אין פראַנקרייך אין 12טן יאָרהונדערט.

אַזוי אינטענסיוו אַרבעט דער אידישער געדאַנק אין 11טן יאָרהונדערט און אין 12טן. און אויך די אידישע קהלות פאַר־פעסטיגן זיך אין דער צייט. יעדע אידישע קהלה אין פראַנקרייך האָט איר עלטסטן (פרנס), באַשטעטיגט פון קעניג, אָדער פון באַראָן — דער אייגנטימער פון שטאָט. ע ר איז דער וועלטלאַכער פאָרשטייער פון די אידן. שיצט די אַלגעמיינע רעכט פון דער קהלה בכלל און די עקאָנאָמישע רעכט פון אידישע איינצלנע מיטגלידער. די רבנים פירן־אָן מיט די גייסטיגע אינ־טערעסן פון די אידן. אַלגעמיינע תקנות ווערן אויסגעאַרבעט און אָנגענומען אויף פאַרזאַמלונגען פון פאָרשטייער פון אַלע קהלות.

אָבער דאָ קומט אונטער דער צווייטער קרייצצוג, (1147) און הגם קיין בלוט און לעבן קאָסט ער ניט די פראַנצויזישע אידן, אָבער ביטערניש און פאַרפאָלגונג באַקומען זיי אויך איצט צו פילן. ז י י, און אויך אַלע קומענדיגע דורות. ווארים אין דער צייט פון דעם צוג, ווען די „פאָרער" (צו באַפרייען קריסטוס'עס קבר פון מחמד'אַנישע הענט) האָבן געדאַרפט האָבן געלט, און פיל געלט, האָט מען דאָס געלט געפונען בא אידן — ווייל פון לאַנגע יאָרן סוחרים. און אַזוי ווי פאַר געלט האָט מען דאָך געדאַרפט צאָלן פּראָצענט, האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן אויף אידן אויסשליסלאַך ווי אויף פּראָצענטניקעס. אמת, די פּראָ־צענטן האָבן זיי ניט געצאָלט, און דער פּויבסט יעווגעני דער צענטער האָט מתיר געמאַכט די „הייליגע פאָרער" דעם קרן אויך ניט צו באַצאָלן, און זיי האָבן געפאָלגט; אמת איז אויך, אַז די גייסטלאַכע אַליין האָבן מודה געווען, אַז די קריסטן זענען גרע־

סערע און אומבר־המנות׳דיגערע פראַצעסעניקעס ווי די אידן, אָבער דער קוק, אז אַלע אידן זענען פּראַצעסעניקעס, בלייבט אויף שטענדיג. און נאָך אַ בלבול, אַ שווערערער, אַ בלוטיגערער, בלייבט אונז פון יענער צייט אין פראַנקרייך — דאס איז דער בלוט־בלבול. זייערע אָנפאַלן אויף אידן האבן די קרייצ־פאָרער פארענטפערט מיט דעם ליגן: אז אידן כאַפּן קריסטן און הענגען זיי אויף, ניט צו רעליגיעזע צוועקן, נאָר כדי נאָך אַמאָל מקיים־זיין די מצוה: אויפהענגען קריסטוס׳ן. פון דאַנען ביז „אויפהענגען קריסטוס׳ן" צו רעליגיעזע צוועקן איז ווייניגער ווי אַ טריט. געפינט זיך טאָקע איינגיכן איינער, וואָס מאַכט דעם דאזיגן טריט.

אין יאָר עלף הונדערט איין־און־זיבעציג איז עס געשען. אין דער שטאָט בלוא, אויפ׳ן ברעג פון טייך לואַראַ, איז אַ ריטער צוגע־קומען צום טייך אָנצוטרינקען זיין פערד. דערווייל איז פון ערגיץ ארויסגעקומען א איד. האָט זיך דאָס פערד דערשראָקן און זיך ארויסגעריסן פון זיינע הענט. דעם ריטער האָט עס פאַרדראָסן, איז ער געקומען אין שטאָט אַריין און האָט דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי דער איד האָט אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין דעם קערפּער פון אַ געקרייציגט קינד. דער הויפט פון שטאָט האָט די דאָזיגע מערקווירדיגע מעשה איבערגעגעבן דעם גראַף — דעם באַלעבאָס פון שטאָט. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז „די אידן האָבן געוויס אומגעבראַכט דאָס קינד, כדי צו באַנוצן זיין בלוט אויף פּסח". די גאַנצע קהלה האָט מען איינגעזעצט אין תפיסה. כדי אויסצוגעפינען, צי איז די באַשולדיגונג אמת, האָט מען דעם ריטער אַריינגעזעצט אין אַ שיפל, פול מיט הייליגע וואַסער, און אַריינגעלאָזט אין טייך. און אַז דאָס שיפל איז ניט אונטערגע־גאַנגען, איז עס געווען אַ ראיה, אַז די באַשולדיגונג איז אמת. האָט מען אַלע אידן, 31 אין צאָל, אַריבערגעפירט אין אַ הילצערנעם טורעם, און דעם טורעם אַרומגעלייגט מיט אַ גרויסן שייטער־הויפן. נאָכדעם האָט מען די אידן פאָרגעלייגט זיי זאָלן זיך שמד׳ן. און

אַז זיי האָבן זיך אַנטזאָגט, האָט מען זיי אַרויסגעוואָרפן אויפ'ן שייטערהויפן און פאַרברענט (26טן מאַי, כ' סיון, 1171).

מיט ניין יאָר שפּעטער, 1180, קומט אַרויף אויפ'ן טראָן פיליפּ־אויגוסט. דאָס איז געווען פאַר אידן אַן אמת'ער טיראַן. ער רויבט, ער מאָרדעט, ער טרייבט די אידן אַרויס פון זיינע פּראָווינצן, און קאָנפיסקירט זייערע גיטער. דאָס געשעט אין יאָר 1182. און מיט זעכצן יאָר שפּעטער האָט ער די אַרויסגעטריבענע ווידער דערלויבט זיך צו באַזעצן אין די קרוין־גיטער, פון וואַנען ער האָט זיי אַרויסגעטריבן — כדי ער זאָל האָבן אַ קוואַל, פון וואַנען צו ציען געלט. און מיט די שכנ'ישע פּריצים שליסט ער אַן אָפּמאַך, אַז קיינער זאָל ניט האַלטן בא זיך קיין אידן, וואָס געהערט צו אַן אַנדער גוטבאַזיצער. ניט ער זייערע אידן, ניט זיי זיינע אידן. די אידן זענען לייבאייגענע פון די גוט־באַזיצער. צוגעשמידט צו דער טעריטאָריע. און יעדער אייגנטימער קאָן שינדן זיבן הויטן פון זיינע אידן. און ער האָט געשונדן — קיין חילוק ניט, צי איז עס געווען דער קעניג, צי דער באַראָן, צי אַן עפּיסקאָפּ. און קיין חילוק ניט ווער זיי זיינען געווען. לודוויג דער ירא־שמים איז ניט בעסער, און אין פיל פּרטים ערגער, ווי פיליפּ־אויגוסט. און אַז ער גרייט זיך צום זעקסטן קרייצצוג (1248), קאָנפיסקירט ער קודם־כל דאָס פאַרמעגן פון זיינע אידן, כדי צו האָבן אויף הוצאות, און פאַראָרדענט, אַז וואָס עמיצער איז שולדיג אַ אידן, איז די שולד קיין שולד ניט. היינט די רעליגיעזע דיספּוטן. אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט:

עס אז פאָרגעקומען אַ דיספּוט צווישן די גייסטלאַכע און די אידן. דערביי אי, זגעווען אַ פּריץ. האָט ער פאַרלאַנגט, מ'זאָל אהינברענגען דעם געלערנטסטן אידן און ער וועט מיט אים דיס־פּוטירן. האָט מען אַזוי געטאָן. אַז דער גרעסטער למדן איז געקומען, האָט אים דער פּריץ געפרעגט: „גלויבסטו אין דעם, וואָס ווערט דערציילט וועגן קריסטוס'עס געבורט?" „ניין!" — האָט דער איד געענטפערט. איז דער פּריץ אריין אין כעס, האָט

דעם אידן אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיט'ן שטעקן איבער'ן קאָפּ, אַז יענער איז אומגעפאַלן אַ האַלב־טויטער. אַז דער אומערהערטער פאַל איז אָנגעקומען צום קעניג דעם ירא־שמים, האָט ער געזאָגט: „געלערנטע טעאָלאָגן זאָלן זיך מתוכח זיין מיט אידן, אָבער אַ פּשוט'ער מענש, ער הערט איינעם ריידן געגן קריסטנטום, דאַרף ער אַריינשטעקן זיין שווערט אין יענעמ'ס לייב אַריין"... גוט און פרום.

זיין שנאה צו אידן האָט ניט געהאַט קיין גרעניץ. 1273 אָרדנט ער איין אין פּאַריז אַ רעליגיעזן דיספּוט, וואָס קאָסט טויזנטער אידישע לעבנס. ער לאָזט אידן פיינינגן פאַר עלילת־דם, ער לאָזט אידן פאַרברענען פאַר דורכשטעכן דאָס „הייליגע ברויט" און פאַרגיסן זיין בלוט. ער לאָזט פאַרברענען דעם תלמוד, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, בלויז צוליב אַ מסירה פון אַ משומד. כדי גאָט צו געפעלן, טרייבט מען אַרויס אידן פון די קרוין־גיטער, און כדי פול צו מאַכן די ליידיגע רעגירונגס־קאַסע, קאָנפיסקירט מען אַלע אידישע גיטער, און אַזוי האַנדלען אויך די, וואָס זענען געקומען צו הערשאַפט נאָך דעם ירא־שמים. אַלץ ווי דער חשבון האָט געוויזן, ווי די הכנסה האָט פאַרלאַנגט און ווי די קירך האָט געפאָדערט. צום סוף פון 13טן יאָרהונדערט, איז שוין בירגערלאך קיין חילוק ניטאָ צווישן די אידן און דרום פראַנקרייך און די אידן אין צפון. ביידע ווערן געהעצט און באַרויבט און געטריבן. איצט איז שוין דאָ אַן אינקוויזיציע, וואָס העלפט אויסצוראָטן אידן. און אַזוי פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט. דאָס 14טע יאָרהונדערט הויבט זיך אָן מיט אַ גרוש (1306). אַ ביסל שפּעטער בעט מען זיי (לודוויג דער 10טער) צוריק, אָבער בלויז אויף צוועלף יאָר — ווייל מ'האָט אויסגערעכנט, אַז אין צוועלף יאָר צייט וועט מען שוין קאָנען די אידן גוט אויסזויגן, און נאָכדעם זיי אַרויסטרייבן. אגב האָבן זיי דאָך פאַר דער דערלויבניש צוריקצוקומען אויך באַצאָלט אַ גרויסע סומע. און פון זייערע אַלטע חובות נעמט ער איין צוויי־דריטל פאַר זיך. דערווייל נעמט ער די אידן אונטער זיין שוץ, ווי זיין אייגנטום, אָבער דאָ הויבט זיך אָן דאָס „הירטען־

אַנשיקעניש" (1320), די פּאסטוכער־פּאָגראָמען. אידן ליידן אומ־געהייער פיל, אי אין לעבן, אי אין פארמעגן. אָבער דער קעניג (פיליפּ דער הויכער נעמט אָן מיטלען זיי צו שיצן ערשט דאַן, ווען ער באמערקט, אז דער אידישער חורבן וועט ברענגען שאָדן דער מלוכה־קאסע.

אָבער דאָס נוצט ניט מער. עס ווילדעוועט א שרעקענס־עפּי־דעמיע אין פאָלק. אַלע ריידן בלויז פון פארשווערונגען, פון כשוף און כשוף־מאכער, פון שווארצער מאגיע, א. ד. גל. זעלבסטפאר־שטענדלאך, אז צווישן די פארשווערער, כשוף־מאכער און שווארצע מאגיקער פארמישט מען אידן און מ'איז זיך נוקם אָן זיי. קומט די געלט־גיער פון קעניג און שטיצט די אַלע משוגעת'ן. עס הויבן זיך אָן בלבולים אויף אידן. אז זיי האָבן פארגיפטעט ברונענס, טייכן, ווערט יעדער בלבול אָנגענומען פאר אַן אמת. שטראפירט מען די קהלות, אויף וועלכע דער בלבול פאַלט. דאָס געלט קומט אריין אין קעניגליכער קאסע. כדי מ'זאָל פּינקטליך איינצאָלן די דאָזיגע שטראפן, האָט מען די חשוב'ערע ארייגעזעצט אין תפיסה, ווי ערבות. און אז מ'האָט פאָרט ניט געקאָנט איינצאָלן, האָט מען טאקע דעם 27טן אויגוסט, 1320, פארברענט 160 אידן. און פיל מער זענען אומגעקומען דורך אַנדערע מיתות משונות. נאָכדעם האָט מען די אידן גאָר ארויסגעטריבן פון זייערע איינגעזעסענע ערטער. איין מאָל און נאָך א מאָל און א דריטן מאָל. און מ'באַ־רויבט זיי און מ'פארפאָלגט זיי ווי די חיות אין די וועלדער. ביז דער מיט פון 14טן יאָרהונדערט האָט זיך נאָך די אידישע קולטור אין פראנקרייך דערהאַלטן. אָבער פון דער צייט אָן, מיט אירע אומגעהייערע ליידן, פּאָגראָמען און גירושים, הויבט אויך די אידישע קולטור אָן צו פאַלן. עס פאַלן בא זיך אויך די מענשן. און וואָס ברייטער עס ווערן די קרוין־גרעניצן, אַלץ אויף גרעסערע שטרעקעס איז גילטיג די ביזהאפטיגע קרוין־פּאָליטיק בנוגע אידן. און אין אָנהויב פון 16טן יאָרהונדערט טרעפן מיר אין פראנקרייך אידן, נאָר אין מארסעל און אין עטלאכע אַנדערע באצירקען, וואו דעם קעניג'ס דעה גילט ניט.

און דאָ געשעט דאָס מערקווירדיגע: אין דער צייט הויבן אָן אריבערצוקומען קיין פראנקרייך די גרויסגעטריבענע אידן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. זיי באַזעצן זיך אין בעיאָן, באָרדאָ, א. אַ., און מ׳לאָזט עס צו. אָבער זיי רופט מען ניט אידן, נאָר „נייע קריסטן". און ביז 1730 בלייבן זיי בא דעם נאָמען. קוקנדיג אויף זיי — שיין־געבויטע, ענערגישע, שטאָלצע, ארבעט־ליבענדיגע, געבילדעטע און זעלבסטאַכטענדיגע, הויבט מען אָן צו קוקן אויף אידן בכלל מיט מער אַכטונג. מ׳הויבט אויך אָן צו קוקן אויף זיי, ווי אויף ניצלאַכע בירגער. און אין אָנהויב פון 17טן יאָר־הונדערט טרעפן מיר ווידער אידן אין די גרויסע צענטרען, ארום ים, ווי מיט טויזנט יאָר פריער. מיר טרעפן זיי אָבער אויך אין פּאַריז און אין ליאָן. זיי אימפּאָרטירן און עקספּאָרטירן סחורה — און ביידע, צוגונסטן פון דער באַפעלקערונג. דאָס פאָלק זעט איין די נוצן, וואָס אידן ברענגען. און אז די גייסטלאַכע פאָדערן, און לודוויג דער 13טער באַפעלט אין יאָר 1615, מ׳זאָל מיט אידן קיין שום מגע־ומשא ניט האָבן — פאָלגט ער מער קיינעם ניט. עס העלפט אפילו ניט די השגחה פון די יעזואיטן, אז דער באַפעל זאָל יאָ פאַרווירקלאַכט ווערן. מיט יאָרן שפּעטער ווערט דערזעלבער באַפעל נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט, אָבער אויך אָן דערפאָלג. אין לעצטן פערטל פון 17טן יאָרהונדערט הערשט אין פראנקרייך אַזא עקאָנאָ־מישע לערע, וואָס זעט דאָס גליק פון לאַנד און פון דער באַפעלקע־רונג אין אָרגאַניזירטן האנדל מיט אויסלאַנד (מערקאַנטיליזם). עס האָט געהייסן: „אויספיר פון סחורה, איז איינפיר פון געלט; אריינפיר פון סחורה, איז אויספיר פון געלט". האָט מען געמוזט זען, וואָס מער סחורה ארויסצופירן פון לאַנד. דערצו האָט מען נויטיג געהאַט פייאיגע סוחרים. האָט מען אין פארשידענע פונקטן פון דער פראַנצויזישער מלוכה געגעבן אידן פאַרשיידענע האַנדלס־פּריווילעגיעס. דערהויפּט אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס. אָבער שוין מיט פיר־פינף יאָר שפּעטער קומט לודוויג דער 14טער און פאַרבאָט די אידן צו וואוינען ניט בלויז אין פראנקרייך, נאָר אפילו אין די קאָלאָניעס. נאָר אין עלזאַס־לאָטרינגען ערלויבט מען

זיי צו וואוינען. אָבער דאָס ווערט אַן אמת'ע „טשערטאַ אָסעד־לאָסטי" פאַר אידן. אויסער דער טשערטאַ. ניט איין פוס־טריט. דערצו אומגעהייער שווערע אָפּצאָלן פאַר יעדער באַוועגונג. אַזוי האָט פראַנקרייך איצט באַקומען צווייערליי אידן: מיוחסים, רייכע, פּריווילעגירטע — אַזוי גערופענע „נייע קריסטן", אין באָרדאָ, און די ניי־צוגעקומענע אָרימע, פאַר'חושכ'טע, אויסגע־זויגענע עלזאַס־לאָטרינגישע אידן (אָדער „דייטשע אידן"), אַ שטייער־מאַסע אָן יעדער רעכט. די ערשטע האַלטן זיך פרעך געגן די אַנדערע אידן, ווילן מיט זיי קיין מגע־ומשא ניט האָבן. אַזוי קומט מען אַריין אין 18טן יאָרהונדערט ווען די אויפקלערונג, דערהויפּט אין פראַנקרייך, און פון פראַנקרייך אויס—פאַרפלייצט די וועלט. מען הויבט אָן אויסצולאַכן די רעגירונג מיט אירע תרי"ג מאָל תרי"ג באַגרעניצונגען אויף אידן, אין וועלכע קיין לעבעדיגער מענטש קאָן זיך מער ניט אָריענטירן. עס ווערט אויך אונטערגעגראָבן דער אויטאָריטעט פון דער קירך אַלס פאַק־טאָר אין דער אידישער געזעצגעבונג, און די באַציאונג צו אידן ענדערט זיך, אמת, אָנשטאָט רעליגיעזע מאָטיוון קומען סאָציאַל־עקאָנאָמישע מאָטיוון, וואָס באַרעכטיגן אידישע באַגרעניצונגען. אָבער די לעצטע מאָטיוון ווירקן שוואַכער. ס'פעלט אין זיי דער פּ אַ נ אַ ט י ש ע ר עלעמענט. זאמלען זיך טאַקע אידן אין די גרויסע צענטרן און לודוויג דער 16טער באַשטימט אַ ספּעציעלן פאַרטיידיגער פאַר אידישע אינטערעסן. ער באַשטימט אויך אַ קאָ־מיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ מעמאָראַנדום וועגן מיטלען צו פאַר־בעסערן די אידישע לאַגע. באַטייליגן זיך אין דער קאָמיסיע אידן פון ביידע קאַטעגאָריעס, און צו זיי נאָך אַ דריטע: אַ גרופּע אויסגעצער־טע, פאַרפּייניגטע אַוויגנאָנער אידן. אָבער צו קיין הסכם זענען די אידן צווישן זיך ניט געקומען. בעת די באָרדאָער אידן האָבן געוואָלט פאָדערן שוין בירגערלאַכע רעכט, האָבן די עלזאַסער אידן פאַרלאַנגט כאָטש געווויסנספרייהייט... ערשט צום סוף 18טן יאָרהונדערט (1784) ווערט בטל דער ספּעציעלער קאָפּ־שטייער, וואָס מ'האָט גענומען פון אידן, „וואָס האָט זיי פאַרגליכן מיט בהמות". אין

דער זעלבער צייט באקענט זיך מ י ר א ב א, דער גרויסער פאליטישער טוער אין פראנקרייך, מיט'ן אידישן פילאזאף מענדעלסזאן אין בערלין, און שרייבט אן א בראשור פאר אידישער גלייכבארעכטיגונג. די בראשור מאכט גרויס אויפזען. נאר איידער זי ברענגט צו וועלכע עס איז רעזולטאטן, ברעכט אויס די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע. (1789).

אבער לכתחילה בלייבן אידן אן א זייט אויך איצט. און אז נאכ'ן נעמען שוין די באסטיליע, אז ס'הויבן זיך אן אגראר אומרוען אין לאנד און ס'קומט צו אידישע פאגראמען אין עלזאס־לאטרינגען, טויזנטער מענשן צעלויפן זיך וואוהין די אויגן טראגן זיי — קלייבט זיך ערשט די פאלקס־פארזאמלונג צו פארווערן די פויערים צו רויבן אידן, ווייל זיי זענען דאך אויפגעשטאנען געגן די פארהאסטע פריצים. און אז מ'האט אנגענומען די בארימטע „דעקלאראציע פאר מענשן־רעכט", לויט וועלכער „ק י י ן מ ע נ ש קאן ניט זיין באגרעניצט אין זיינע רעכט צוליב זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען", בלייבן אידן אויסגעשלאסן פונ'ם כלל „מענש". ערשט שפעטער, נאך פיל פעטיציעס, פלאמענדיגע רעדעס און שתדלנות באקומען אויך אידן אלע רעכט. די פון בארדא (זיי ווילן זיך ניט מישן מיט די אנדערע אידן), דעם 25טן יאנואר, 1790, און די אנדערע אידן דעם 27טן סעפטעמבער, 1791. אידן זענען געווארן פראנצויזן. זיי באטייליגן זיך אין אלע רעוואלוציאנס מלחמות, אין אלע רעוואלוציאנערע קרייזלאך, אין דער נאציאנאלער גווארדיע, אין דער מיליציע און אין דער צייט פון ט ע ר א ר זאגן זיי זיך אויך אפ פון די „רעליגיעזע פאראורטיילן" און אונטערווארפן זיך דער דינסט פון „פארנונפט"... קומט אבער נאפאלעאן דער ערשטער און שטעלט ווידער ארויס אידן באזונדער. ער צווייפלט, צי ק ע נ ע ן אידן זיין אמת'ע בירגער און צי זענען זיי ווערט צו באקומען אלע בירגער־רעכט, ווי אן אמת'ער פראנצויז. עס פאסט אים ניט ארויסצוטרייבן די אידן פון פראנקרייך, אבער זיי „פיקסן", זיי איבערערציען, דאס איז ער גרייט אונטערצונעמען. קומט דער

דרייסיגסטער מאי, 1806, און ברענגט צו דער וועלט א טאפעלטן באפעל פון נאפאלעאָנ׳ען: ערשטנס, אז אלע חובות, וואָס אידן מאָנען פון די פויערים, ארום אויבערשטן און אונטערשטן רהיין, זאָלן אָפגעלייגט ווערן אויף א יאָר; און צווייטנס, אז אין צוויי חדשים ארום זאָל ווערן צונויפגערופן אן אסיפה פון ניט ווע־ניגער ווי הונדערט אידן, וואָס לעבן אין פראנקרייך, וואָס די פראנצויזישע פערפעקטן וועלן אויסקלייבן פון צווישן די רבנים און וועלטלאכע נאָטאבלען. דער מאָטיוו פונ׳ם ערשטן האלבן באפעל איז געווען: צו העלפן די פויערים, וואָס זענען אריינגעפאלן אין די הענט פון די פראָצענטניקעס; דער מאָטיוו פונ׳ם צווייטן האלבן באפעל: אויפצולעבן אין אידן דאָס טעמפ־געוואָרענע בירגערלאכע געוויסן א. אז. וו. דעם 29טן יולי, שבת, האָט זיך געעפנט די פארזאמלונג. דער פאָרשטייער פון דער רעגירונג האָט דערביי געהאלטן א באליידיגנדע רעדע וועגן אידן. נאָכדעם האָט ער זיי פאָרגעלייגט 12 פראגן, אויף וועלכע זיי האָבן געדארפט ענטפערן. די וויכטיגסטע: צי איז א גט, וואָס איז געשריבן געוואָרן בא א רב, גילטיג, אפילו ווען דאָס פראנצויזישע געריכט איז ניט מסכים צו אים? צי זענען ערלויבט געמישטע חתונות צווישן אידן און קריסטן? צו קוקן אידן אויף פראנצויזן, ווי אויף ברי־דער, אָדער ווי אויף פרעמדע? צי האלטן די אידן, וואָס זענען געבוירן אין פראנקרייך, דאָס לאנד פאר זייער פאָטערלאנד, וואָס זיי זענען מחויב צו שיצן און צו ערפילן אירע געזעצן? די „נאָ־טאבלען" זענען אינגאנצן בטל געוואָרן בא זיך און אויף אלע פראגן געענטפערט אזוי, ווי נאפאלעאָנ׳ען זאָל וואוילגעפעלן. נעמלאך: דער אידישער גט האָט קיין ווערט ניט, כל זמן דאָס בירגערלאכע געזעץ באשטעטיגט אים ניט; געמישטע חתונות האָבן גילטיקייט — ווייל דאָס איז א בירגערלאכער ענין, ניט קיין רעליגיעזער — און א איד, וואָס הייראט א קריסטין, „הערט ניט אויף צו זיין א איד אין אידישע אויגן". און ווייטער ער־קלערן די נאָטאבלען, אז אידן קוקן אויף די פראנצויזן, ווי אויף זייערע ברידער; אז נאָכדעם ווי די אידן האָבן זוכה געווען צו

ווערן א טייל פונ'ם פראנצויזישן פאלק, איז שוין די פאליטישע גאולה געקומען און די אידן עקזיסטירן ניט מער ווי א באזונדער פאלק; אז די אידן אין די פארשידענע לענדער פילן ניט קיין ברידערלאכקייט צו אנאנדער, אז א פראנצויזישער איד פילט זיך ווי א פרעמדער צווישן ענגלישע אידן, ווארים זיי זענען אמת'ע „פראנצויזן, נאר פון אידישן גלויבן". און אויב מלוכה פאדערט, קאנען זיי דערפון אויך נאך עפעס אראפלאזן און אז וו.

נאפאלעאן איז צופרידן געווען מיט דער קנעכטישער אונטערטעניגקייט פון די אידישע נאטאבלן. ער האט נאר נאך געוואלט, אז זייערע ענטפערס זאלן באשטעטיגט ווערן פון רעליגיעזע אויטאריטעטן, כדי אידן זאלן זיי אננעמען ווי געזעצן. צו דעם צוועק לאזט ער וויסן די אסיפה, אז ער האט באשלאסן, אז די אסיפה זאל זיך פארנעמען מיט צונויפרופן קיין פאריז א ס נ ה ד ר י ן פון צווישן די אידן פון דער גאנצער וועלט. זאל דער סנהדרין ארויסזאגן זיין מיינונג וועגן די תשובות פון דער אסיפה (אגב האט ער גערעכנט דערמיט אונטערצוקויפן די אידן פון מזרח־אייראפא, כדי זיי זאלן אים טריי זיין בא זיין קריגס־צוג קיין מזרח־אייראפא, וואס ער האט דעמאלט שוין געפלאנט). דעם 9טן פעברואר, 1807 איז זיך דער סנהדרין צונויפגעקומען. ער האט עקזיסטירט א חודש צייט. אין דעם חודש האט ער אנערקענט און באשטעטיגט אלע תשובות, וואס די ערשטע אסיפה האט געגעבן. ער האט זיי נאר צוגעגעבן א פארם פון א „שולחן־ערוך", מיט אן „ערקלערונג", וואו זיי האבן זיך און דאס אידישע פאלק, וואס אין זיין נאמען האבן זיי גערעדט, דערנידעריגט ביז דער לעצטער מדרגה.

די ערקלערונג האט געהאט א שוידערליכע ווירקונג אויפ'ן גאנג פון דער אידישער אנטוויקלונג אויף דער גאנצער וועלט, ביז אויפ'ן היינטיגן טאג. זי גילט ווי דער גרונטשטיין פון דער אסימילאטארישער אידעאלאגיע אין אלע לענדער.

אבער ניט קוקנדיג דארויף גיט נאפאלעאן, אין דערזעלבער צייט, ארויס א באפעל, וואס באגרעניצט די רעכט פון די אידן

אין עלזאַס אויף אַ משך פון צען יאָר — ביז וואַנען זיי וועלן בעסער ווערן... אינגיכן פאַרשווינדט נאַפּאָלעאָן, עס פאַרשווינדן זיינע גזרות אויף עלזאַס'ער אידן. אידן ווערן אין זייער רעכט— פראַנצויזן גלייך. אידן פאַרנעמען גאָר אינגיכן וויכטיגסטע מלוכה־פּאָסטנס, מיניסטאָרן, סענאַטאָרן א. ד. גל. און דאָס בּאַ אַלע רעזשימען — סיי רעפּובליקאַנישע, סיי מאָנאַרכיסטישע. אַזוי דערגרייכט מען די 90גער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. דאָ קומען די מאָנאַרכיסטיש־קלעריקאַלע גרופּן אין פראַנקרייך מיט אַ בירגערליך־פּאָליטישן בלוט־בלבול אויף אידן, מיט דעם ענין דרייפוס. אַ קאַפּיטאַן, מיט אַ הויכער שטעלונג אין דער קריגס־פאַרוואַלטונג, וואָס זאָל כלומרש'ט האָבן פאַר־ראַטן דאָס פאָטערלאַנד. דערמיט האָט מען געוואָלט טרעפן אי דער רעפּובליק, אי די אידן. דרייפוס'עס אומשולד איז באַוויזן געוואָרן. אָבער ער דינט ביז היינטיגן טאָג אַלס מוסטער־בלבול פאַר אַלע אַנדערע מזרח־איראָפּעאישע פעלקער, וואָס האָט אונז ביז איצט שוין געקאָסט אומגעהייער פיל בלוט און לעבנס.

פון קיין לעבעדיגן פולסירנדיגן און שאַפנדיגן אידנטום אָבער איז אין פראַנקרייך מער כמעט קיין זכר ניט גע־בליבן.

רש"י (רבי שלמה יצחקי)

קיין איינציגער פון אונזערע גרויסע, אין די לאנג־פארגאנגענע יארהונדערטן, האט זיך ניט דערוואָרבן בא אידן אזא פאפולאַ־ריטעט, ווי ר ש " י. קיינער פון יענע צייטן, און פון אלע שפּע־טערדיגע צייטן, האט ניט זוכה געווען, אז זיין נאָמען זאָל געפּאָרט ווערן מיט דער תורה, ווי ר ש " י. „חומש מיט רשי" — אָט דער געפּאָרטער, אָבער גאנץ צונויפגעשמאָלצענער אויסדרוק, איז דאָך דער עלעמענטארסטער און פּאָפּולערסטער קולטור־באגריף באם אידישן פאָלק. וואָס פאר א אידיש־קינד'ס הארץ האט ניט גע־קלאפּט מיט פרייד, איז ניט פול געווען מיט קדושה, בא „התחלת חומש מיט רשי"? ווער האט נאָך ווי רש"י באגלייט דאָס אידי־שע קינד אויפ'ן גאנצן וועג פון זיין אנטוויקלונג — אויסגייענדיג מיט אים פונ'ם געטליך־פּשוט'ן חומש, און אָריענטירנדיג אים אין די קאָמפּליצירטסטע שטעלן פון תלמוד? און דאָס איז דאָך געווען דער איינציגער וועג און דאָס איינציגע ציל פון דער גאנ־צער אמאָליגער אידישער ערציאונג! אָ ה ן רשי — ווי בלינדע אָן א פירער. מ י ט רשי — קיין בארג ניט צו־הויך, קיין טאָל ניט צו־טיף. קיין לאבירינט ניט אָן אן אויסגאנג. שוין נ י י ן יארהונדערטן איז רשי דאָס ליכט אין די אויגן פון אלע תורה־קולטור־טרעגער, פון אלע תורה־קולטור־שאַפער. זיינע שאפונגען אליין זענען א גרויס שטיק קולטור. פון אים אָן ווערט דער תלמוד צוגענגליך צו ברייטערע שיכטן פון פאָלק. פון אים אָן הויבט זיך אָן א נייע קולטור־עפּאָכע בא אידן — די ר ב נ י ש ע.

געבוירן איז רשי אין יאר 1040 אין דער שטאָט ט ר ו א — די הויפּט־שטאָט פון דער פּראָווינץ שאמפּיין, אין צפון־פראנקרייך. א בארימטער האנדלס־צענטר איז טרוא דעמאָלט גע־ווען. וועלט־ירידים פלעגן דאָרט פאָרקומען. דאָ האָבן זיך בא־געגנט סוחרים פון פראנקרייך מיט סוחרים פון דייטשלאנד, סוחרים

פון שפּאַניע מיט סוחרים פון סלאַווישע לענדער. אפריקא און אַזיע מיט אייראָפּא האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן. גרויסע גע־שעפטן זענען דאָ געמאַכט געוואָרן, און די אָרטיגע באַפעלקערונג האָט רייך פאַרדינט דערביי. וואָרים דער שטייגער איז דאָרט געווען, אַז די אַנגעפאָרענע סוחרים האָבן ניט געטאָרט האַנדלען דירעקט איינער מיט'ן אַנדערן און פאַרקויפן די סחורות זייערע איינער צום אַנדערן. די אָרטיגע איינוואוינער, זיי פלעגן עס זיין די פאַרמיטלער: אָפּקויפן די דאָזיגע סחורות בא איינע און זיי פאַרקויפן צו אַנדערע. פלעגן זיי דערביי גוט פאַרדינען. האָבן זיך אויך מלאכות אַנטוויקלט אין שטאָט — וואָס האָט געבאָטן אַ גרויסן אָפּזאַץ געביט. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז בא דעם אַלעם זע־נען אידן אויך ניט אויסן געבליבן. אויסער דעם פלעגן זיך אידן פאַרנעמען מיט פאַדריאַדן, מיט האַלטן פעלדער אין אַרענדע און אַליין זיי באַאַרבייטן אָדער דורך קנעכט. זיי האָבן זיך אויך פאַר־נומען מיט פראָצענט געשעפטן. זיי האָבן אויך וויינגערטנער גע־פלאַנצט, וויין געדראָשן און פאַרקויפט. אַ גוטער און נויטיגער אינדוסטריע־צווייג אין לאַנד. און דעמאָלט, אין ערשטן יאָרהונ־דערט פונ'ם צווייטן יאָרטויזנט, האָט זיך דאָרט אידן געלעבט רואיג. פאַר דער רו האָבן זיי אפילו גאַנץ טייער געצאָלט: אי קאָפּ־שטייער, אי האַנדלס־שטייער, אי סתם שטייערן. אָבער ס'איז ווערט געווען. און לעבן אידן רואיג אין אַ פלאַץ, ווערט דער פלאַץ אַ מקום־תורה.

אין אָט דער רואיגער „פרנסה־שטאָט" איז עס רש"י גע־בוירן געוואָרן. זיין פאָטער איז געווען אַ באַרימטער למדן. עס האָבן ניט געפעלט אויך אַנדערע לומדים אין שטאָט. זיין יוגנט פאַרברייגנט רש"י אין זיין געבורטס־אָרט. אין זיין פאָטער'ס הויז. אָבער נאָך גאָר יונג פילט ער, ווי שווער עס איז דאָס גמרא־לערנען אָן אַ ריכטיגן פירוש. עס זענען שווער איינצלנע ווערטער. ס'זענען שווער גאַנצע שטעלן. דערצו איז ניט אומעטום דער נוסח זיכער. די איבערשרייבער — פון דרוקן האָט מען דעמאָלט ניט געוואוסט, — האָבן אָפט פאַרגרייזט געוויסע זאַצן.

און יעדער איבערשרייבער אויף אַן אַנדער אופן. אין טרוא האָט מען אָבער געוואוסט, אַז אין די לאָטרינגישע גרויסע ישיבות און אין ווערמייזע (איצטער: וואָרמס), ווי אין מאַגענצאַ (איצטער: מאַינץ), א. ד. גל., געפינען זיך „קונטרסים" אַזוינע, וואו ס'זענען פאַרשריבן כמה וכמה פירושים אויף די שווערע שטעלן אין דער גמרא. אַז דאָרט געפינען זיך אויך ש"ס'ן וואָס גרויסע גאונים האָבן קאָרעגירט און פעסטגעשטעלט איין זיכערן טעקסט. איבערשרייבן אַזאַ מין ש"ס פאַר זיך — ווער איז דאָס אימשטאַנד געווען? אפילו אַ „קונטרס", איינעם בלויז, איז ניט יעדער אימשטאַנד געווען צו לאָזן איבערשרייבן פאַר זיך. אַן עשירות האָט עס געדאַרפט קאָסטן! האָט רשי ניט לאַנג געטראַכט און זיך אַוועקגעלאָזט אין יענע ישיבות אַריין, אַליין זיך באַקענען מיט די אַלע נויטיגע שאַפונגען, און, אויב גאָט וועט אים העלפן, וועט ער פון אַלע קאָרעגירטע נוסחאות אין תלמוד מאַכן איין נוסח. און פון אַלע פירושים, וואָס זענען פאַרשריבן אין די פאַרשיידענע קונטרסים (העפטן אַזוינע), אין די פאַרשיידענע ישיבות, מאַכן איין פירוש, צונויפגעשריבן אין איין קונטרס. טרעפט, אַז ער כאַפט זיך אַמאָל אַראָפּ אַהיים, אויף אַ קורצער צייט. האָט אַמאָל פאַראיינס אויך חתונה. לאָזט ער איבער די פרוי אין טרוא בא זיינע עלטערן, און ער וואַנדערט פון ישיבה צו ישיבה, זיצט פאַר זיינע גרויסע רביים און לערנט תורה. ער פאַרגלייכט ש"ס צו ש"ס, נוסח צו נוסח און גמרא צו גמרא; קונטרס צו קונטרס און דעם שטייגער לערנען אין איין ישיבה צום שטייגער לערנען אין אַן אַנדער ישיבה. און עס ווערט בא אים פאַרטיג אַ גרויסער פּלאַן, וואָס ער זאָל טאָן כדי די תורה צוגענגליך צו מאַכן צו ברייטערע שיכטן.

אָבער ניט בלויז תורה האָט ער געלערנט פון זיינע רביים. תורה אַליין אָן גוטע מדות איז אים ווי פּערל אויף אַ שנירל, וואָס האָט ניט קיין קניפּל פון אונטן. איז ווי ס'וואַקסט זיין גרויסקייט אין לערנען, אַזוי וואַקסט אויך זיין גרויסקייט אין פרומקייט, זיין גרויסקייט אין איינפאַכקייט, אין פשטות, סיי אין לערנען, סיי אין

לעבן. זיינע רביים זענען באגייסטערט פאר אים. זאגען אים פאר א גרויסע צוקונפט און רעדן אים צו, אנצוהויבן אויך פראקטיש טאן עפעס אין לערנען, און ניט בלויז פאר זיך.

צו פינף־און־צוואנציג יאר קערט ער זיך אום צוריק אין זיין געבורטס־שטאט, טרוא. דא עפנט ער א ישיבה, וואוהין עס קומען זיך צונויף פיל תלמידים פון די לאטרינגישע ישיבות, וואו רשי איז פריער אליין געווען א תלמיד. זיין רום פארקלינגט א וועלט, אבער ער ווייסט דערפון ניט, אדער ער מאכט זיך דערפון ניט. ער פירט זיך זיין באשיידענעם שטייגער לעבן. א וויינגארטן האט ער, באארבעט ער אים, מאכט אויס דעם וויין, און ציט דערפון זיין חיונה. אבער פרנסה איז אים א נעבן־זאך. דער עיקר איז אים: אויפצובויען דעם גרויסן בנין, וואס ער האט שוין לאנג באשלאסן. און אט די ארבעט נעמט ער איצט אונטער, מיט דער הילף פון זיינע תלמידים. גראד זענען אין טרוא געווען גראבארנים, וואו מ'האט אויסגעמאכט פעל און אויסגעארבעט פארמעט. דערפאר איז דא פארמעט געווען ביליג. האט מען זיך גיכער און מער געקאנט פארנעמען מיט איבער־שרייבן ספרים, קונטרסים־פרושים און אפילו דעם גאנצן תלמוד. גייט טאקע דא אוועק א קאלאסאלע קאלעקטיווע ארבעט פון רשי מיט זיינע תלמידים, וואס דויערט יארן און יארן: ערשט פון דער ישיבה אין טרוא קומט ארויס דער לעצטער נוסח פון תלמוד. ערשט דא ווערט איינמאל פאר אלעמאל פעסטגעשטעלט דער טעקסט, וואס איז אנגענומען געווארן בא די אידן אויף דער גאנצער וועלט; רשי'ס אייניקלעך און תלמידים האבן אים אפ־געחתמ'עט.

און אז דער טעקסט איז פעסטגעשטעלט, הויבט מען אן צו טראכטן וועגן אן אלגעמיינעם פירוש אויף תלמוד. און ווידער ווערן צונויפגענומען די פארשידענע קונטרסים, וואס האבן זיך געפונען אין די פארשידענע ישיבות, ווי מאינץ, ווארמס, רוים, ארלעאנס, און ווערן פארגליכן, פאנאנדערגעגלי־דערט און פאנאנדערגעשריבן לויט די איינצלנע מסכתות פון

ש"ס. און ערשט נאכדעם קלייבט מען אויס דאס בעסערע, דאס ריכטיגע, מ'גיט צו דערצו דאס אייגענע, וואס רשי האט אליין געשאפן, און וואס עס איז אין דער ישיבה, אין טרוא, קאלעקטיוו געשאפן געווארן, און עס קומט ארויס מיט דער צייט דער גרוי־סער פירוש־רשי כמעט אויף גאנץ ש"ס. אלע צונויפגעשריבן אין איין קונטרס. אבער דערמיט הערט די ארבעט נית אויף. ווידער און ווידער ווערט דער פירוש דורכגעזיפט, קארעגירט און איבערגעשריבן. דערפאר האבן זיך געפונען פארשיידענע אויסגאבן. דערפאר האט מען אמאל געפונען א חילוק, און אפילו א סתירה צווישען איין אויסגאבע און דער צווייטער. און קאפיעס פון דעם פירוש ווערן געמאכט און פארשפרייט אין דער ווייטער וועלט. און מענשן עפענען די אויגן.

ווארים די גניאלע פשטות פון זיין קאמענטאר האט אלע־מען איבערראשט. זיין סטיל — א נאטירלאכער, א לעבעדיגער. די אידן אין צפון פראנקרייך האבן יארהונדערט לאנג, געלעבט אפגעשייט פון דער ארומיגער וועלט מיט אירע פראבלעמען און שפראכן. בלויז אויף אידישע טעמען האבן זיי געשריבן, בלויז פאר אידן, און דערפאר בלויז אויף העברעאיש. איז דאס העב־רעאישע געווען א המשך פון מדרש, פון משנה. אן עכט־אידי־שער סטיל: קורץ, געפרעסט, קלאר. א ווארט — א באגריף. א זאץ — א געדאנק. אן איבעריגע ווערטער. אן באפוצונג — ווי דאס איז געווען אין דעם העברעאיש, אין שפאניע געשריבן. רשי איז געווען א גרויסער קמצן אויף ווערטער, און באנוצט זיי מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט. ער באנוצט זיי נאר אזוי פיל, ווי ער האט נויטיג, כדי פינקטלאך זיך אויסצודריקן. און ער איז פינקטלאך. ער איז מדקדק אין דער פינקטלאכ־קייט, זוכט דעם פינקטלאכן אויסדרוק, דאס פאסיגסטע ווארט. געפינט ער דאס נית — שאפט ער דאס. העלפט ער זיך מיט א פראנצויזיש ווארט, אבי נאר מענשן זאלן אים פארשטיין.

און מענשן האבן אים פארשטאנען, און פאר'ן ליכט, וואס האט אויסגעשטראלט פון זיינע ווערטער, האבן זיך מענשן,

שארנווייז געצויגן צו אים. ער איז שטענדיג ארומגערינגעלט פון הונדערטער תלמידים, וואס טרינקען זיין ווייך און לערנען זיין תורה. אבער ניט בלויז תורה: גוטע מידות לערנען זיי אויך פון אים. די לופט אין רשי'ס ישיבה איז אנגעזאפט מיט פרומקייט, מיט מאראלישער ריינקייט, מיט הייליגקייט. גרוים ליבשאפט האט דא געשוועבט און פארוועבט דעם רבי'ן מיט די תלמידים אין איין גרויסער, הייליגער משפחה. מיט דער גרעסטער הויכאכטונג האט זיך רשי פארהאלטן צו זיינע רביים, און רשי'ס תלמידים פאר־געטערן זייער רבי'ן. און דא, אין זיין ישיבה, הויבט זיך אן שפי־נען די פעדים פון די שפעטערדיגע בעלי־תוספות.

זיין קענען און זיין דענקען איז ניט באאיינפלוסט פון קיין שום פילאזאפיע. אבער אויך ניט פון קבלה. א אידישע וועלט־אנשויאונג האט ער: די פון די פרושים, פון תלמוד, פון מדרש און אגדה. דער תכלית פון מענשן אויף דער וועלט איז ליבשאפט צווישן מענשן, גוטע באציאונגען צווישן מענש און מענש. דאס דערגרייכט מען דורך תורה לערנען. איז אים לערנען א מיטל צו יענעם הויכן צוועק. דערפאר איז ער ניט אפגע־שייט פון לעבן. ניט פון גאט'ס וועלט. און א שטארקן חוש פאר נאטור פארמאגט ער. גאנץ ניט־דערוואַרט טרעפט מען אין זיינע פרושים פרעכטיגע, פאעטישע בילדער, דורך וועלכע ער ערקלערט דעם טעקסט. און אויך א קאלאסאל פראקטיש וויסן פון די פארשיידנסטע געביטן פון מענשלאכן טאן און ווירקן טרעפט איר אין זיינע פרושים: ווי מ'קולטיווירט בינען, ווי מ'בויט שיפן, ווי מ'מאכט גלאז און צענדליגער אנדערע זאכן. און אלע, וואס ער ווייסט, ווייסט ער געניי, מיט אלע פרטים, ווי א פאכמאן. אבער וואס ער ווייסט ניט, זאגט ער, אז ער ווייסט ניט. און וואס ער ווייסט יא, באמיט ער זיך אנצואווייזן, פון וואנען ער ווייסט דאס, פון וועמען ער האט געהערט, פון וועמען געלערנט. אפילו בא א שאלה־פסק'נען, פסק'נט ער ניט אנדערש, סיידן ער געפינט אן ענליכע שאלה שוין גע'פסק'נט פון אן אנדערן. און האט שוין אמאל געטראפן, אז ער האט אפגעניייגט דערפון, וואס

אַן אַנדערער האָט גע׳פּסק׳נט, און האָט געבויט אויף זיך, האָט ער זיך ווי געשעמט, און געבעטן: ניט אויסצוזאָגן, „ניט מפרסם צו זיין די זאַך". ווארים ער האָט זיך געהיט פון איינצופירן נייעסן אין פּראַקטישן לעבן. דער אידישער מנהג איז אים זייער חשוב. „די געמיינזאמע מנהגים האַלטן צוזאַמען די אידן אין גלות". און דער איד איז אים הייליג, כשר. אויסער יעדער חשד. ווער עס זאגט נאָר, אז ער איז אַ איד, איז ער אים כשר. אפילו אנוסים (מאַראַנען). אַ כהן אַן אַנוס, מעג אפילו דוכנען. און בכלל זוכט ער אויך מער צו כשר׳ן, ווי צו טרפ׳ן. צו־גרויסע התקרבות צו גויים האַלט ער פאַר זייער ניט־געוואונשן. אָבער... גלות... עקאָנאָמישע אָפּהענגיגקייט... שכנות׳דיג לעבן — ווי איז עס דען מעגליך צו זיין אינגאַנצן אָפּגעזונדערט? מוז מען נאָר האַלטן די התקרבות אין געוויסע גרעניצן.

גרויס איז זיין השפּעה אויף נאָענט און אויף וויט. דירעקט און אויך אינדירעקט. מענשן ווענדן זיך צו אים, קהלות קלאַפּן אַן זיין טיר, מ׳וויל הערן זיין וואָרט, זיין מיינונג, וועגן פאַרשיידענע רעליגיעזע און לעבנס־פראַגן. טויזנטער מענשן שטייען פאַר אים דעם נאַקן געבויגן, ווילן זיין עול נעמען אויף זיך: אים געהאָרכזאַם זיין. זיך לאָזן פירן פון אים. ער גייט קאַלט פאַרביי דעם אַלעם. ער איז צו־באַשיידן, כדי צו קאָנען זיין אַ פירער. ער איז צו־צוריקגעהאַלטן, כדי צו קאָנען באַהערשן אַ דור. צו־שעמעוודיג, כדי זיך צו שטעלן בראש פון גרויסע גרופּן אין פאָלק. ער וויל זיך קיין גרויסע דעה ניט נעמען. און אין ענינים פון פרעמדע קהלות וויל ער זיך ניט מישן. ער איז זיכער, אַז אין יעדער שטאָט געפינען זיך פּייאיגערע פון אים. גרעסערע לומדים און מנהיגים ווי ער. וואָרים סך הכל, וואָס איז ער דען? אַ קאָמענטאַטאָר, אַ מענש, וואָס באַמיט זיך אַלץ געטרוי צו פאַרשטיין און זיינע תלמידים געבן צו פאַרשטיין, וואָס אַנדערע, וויכטיגערע פון אים האָבן געשריבן. אַזוי קוקט ער אויף זיך. אַזוי פירט ער זיך. און זאָגט ער אַרויס אַ מיינונג, טוט ער עס ווי אַ תלמיד, וואָס זאגט אַרויס אַ זעלבסטשטענדיגע מיינונג, בעת דער רבי

איז צוגעגן... דערפון איז אפשר אויפגעקומען דער כלל: „רשי איז בלויז א פרשן (קאמענטאטאר), אבער ניט קיין פוסק".

אבער ריכטיג איז דער כלל ניט. ווארים גראד דער־פאר טאקע, וואס ער איז דער גרויסער פרשן, איז ער, ממילא, אויך שוין דער פוסק. איז דאך יעדער פסק, וואס עמיצער א פוסק פסק'נט, געבויט אויפ'ן חומש און אויפ'ן תלמוד. אבער ביידע ווערן געזעען דורך דיברילן, וואס רשי האט אנגעטאן אויף אלעמענס אויגן, דורך זיינע פרושים. שוין בא זיין לעבן האט זיך זיין פרוש פארשפרייט אין גאנצן געביט, וואו דער פראנצויזישער מאכט־ און קולטור־קרייז האט געגרייכט. און וואס א דור ווייטער, אלץ ווייטער און ברייטער ווערט זיין פרוש פארשפרייט און אנ־גענומען און געהייליגט צווישן אידן. מען לערנט ניט מער קיין חומש אן רשי, אדער גמרא אן רשי. אבער דורכ'ן חומש און דורך דער גמרא באאיינפלוסט ער דעם געדאנקן־גאנג פונ'ם לערנער. באשטימט ער שוין פאראויס זיין ריכטונג און דעם שלום, צו וועלכן יענער מוז קומען. אלזא — דעם דין, וואס יענער פסק'נט...

און מיט רשי'ס פרוש אויפ'ן תנ"ך איז עס צוגעגאנגען ענליך ווי מיט זיין פרוש אויפ'ן תלמוד. שוין ביז רשי זענען געווען פארשיידענע קאמענטארן צום תנ"ך. געווען פרושים פשוט'ע, פינקטליכע, געבויט אויפ'ן גענויען טייטש פון די ווערטער און אויפ'ן דקדוק. און געווען פרושים פרייע, מער געבויט אויפ'ן גייסט פונ'ם געזאגטן אדער דערציילטן אין תנ"ך, ווי אויף די פשוט'ע ווערטער. מ'האט, הייסט עס, געדרשנ'ט די פסוקים פון דער תורה. אבער דרש איז אויך א פרוש. און א ליבער פרוש, — ווייל ער ווערט מער אויפגעפאסט מיט'ן הארצן, ווי מיט'ן קאפ, מיט'ן געפיל, ווי מיט'ן שכל. זענען גע־ווען מענשן לרוב, וואס האבן זיך פארנומען מיט ביידערליי קאמ־מענטארן אויף תנ"ך. וואו עס איז געגאנגען אום ארויסדרינגען דעם זין פון פסוק, כדי צו וויסן גענוי א דין, וואס שטיצט זיך אויף אים, דארט האט מען זיך געהאלטן אן פינקטליכן, טרוקענעם

דקדוק־פּרוש. וואו ס'איז אָבער געגאַנגען אום מאָראַלישן ווירקן דורכ'ן פּסוק, אום שטראָף אָדער טרייסט, האָט מען אָנגעווענדט דעם דרש, געשטיצט אויף אגדות. און פיל קונטרסים זענען געווען, וואו די דאָזיגערליי פּרושים זענען פאַרשריבן געוואָרן. געווען קונטרסים, וואָס האָבן ארומגענומען גאַנצע ספרים פון תנ"ך, און געווען אַזוינע, וואָס האָבן ארומגענומען בלויז איינצלנע קאַפּיטלאַך. אָט די אַלע מיני פּרושים, לאַנגע און קורצע פון די פּ ר ש נ י ם ווי פון די ד ר ש נ י ם און אפילו פון די אידישע גרויסע מפרשים אין שפּאַניע — נעמט עס רשי צונויף אינאיינעם: פּאָרשט, לייטערט, פאַרגלייכט, קלייבט, רייניגט — און פון די אַלע ציגל בויט ער אויס איין בנין, איין פּרוש, וואָס נעמט ארום כמעט דעם גאַנצן תנ"ך.

די מעטאָדע, ווי מיר זעען, די אייגענע, וואסביים שאַפן דעם פּרוש אויף תלמוד. דער סטיל דערזעלבער וואס דאָרט. דיזעלבע קורצקייט, דיזעלבע פּינקטלאַכקייט. נאָר דאָ איז דער מ ע נ ש מער בולט. וואו עס איז ניט נוגע קיין דין, וואָס פאָדערט טרוקענע שטרענגקייט ביים אויסטייטשן דעם פּסוק, דאָרט הערט איר אָפט די הארציגסטע, וואַרימסטע טענער אין זיין פּרוש. דאָס טיפע מיטפילן דעם צער פון אידישן פאָלק אין אַלע דורות, און די באַמיאונג צו טרייסטן דאָס פאָלק און זיין צער צו מילדערן. דערצו באַנוצט ער זיך מיט די פיינסטע שטעלן פון אגדה, פון מדרש. און אַמאָל שאַפט ער אויך אייגנס און פלעכט דאָס אריין אין מדרש, אָדער גיט עס איבער מיט דער געגויער שפּראַך פון מדרש, כדי מ'זאָל עס ניט דערקענען, און די ווירקונג זאָל זיין טיפער, זיכערער.

און אז דער פּרוש איז באַקאַנט געוואָרן אויף דער וועלט, האָט ער אין שפּאַניע געפונען אביסל געגנערשאַפט — צו־ווייט איז ער פון חקירה און פילאָזאָפיע! אין דייטשלאַנד געפינט ער אבסאָלוטע אנערקענונג. און מיט א פּאָר דורות שפּעטער דערווערבט ער זיך די אנערקענונג פון דער גאַנצער אידישער וועלט. פון קליין און פון גרויס. אין יעדער אידיש הויז איז גרויס די

שמחה, ווען א קינד הויבט אָן לערנען חומש מיט רשי, און יעדער דערוואקסענער ווערט ניט געהאלטן פאר קיין עם הארץ, אויב ער פארשטייט א פסוק חומש מיט רשי אָפּצולערנען...

די דאָזיגע גרויסע פּאָפּולאַריטעט לאָזט עס אויך מיט דער צייט אויפקומען ביז פינף הונדערט מפרשים אויף רשי...

און זיין פּריוואַט־לעבן?

אין דער יוגנט, ווי ער דערציילט, האט ער „געלערנט אונ־טער דער השגחה פון זיינע רביים, בעת עס האט אים געפעלט דאָס מאָל־עסן און אפילו א קלייד אויפ'ן לייב. און אין דער איי־גענער צייט האָט ער געטראָגן אויף זיך דעם יאָך פון א פאמיליע מפרנס־זיין, וועלכער ער האָט ניט געקאָנט מפרנס זיין".

שפּעטער ציט ער זיין חיונה פון זיין וויינגאָרטן און לעבט אין גרויס דחקות. אין דחקות איז ער אויך מפרנס זיין פאמיליע, וואס איז באשטאנען פון א פרוי מיט דריי טעכטער. קיין זין האט ער ניט געהאט. דערפאר האט ער אָבער געהאט איידימס און אייניקלאך, וואָס האָבן פארענדיגט און אָפּגעשלאָסן זיין ארבעט. און דעם גאָלד־פאָדים פון רבנ'ישן אידנטום האָבן זיי ווייטער געשפּינט.

און אויף דער עלטער לעבט ער איבער די מהומות און די רציחות פון די ערשטע קרייצפארער, וואס האָבן חרוב געמאכט פיל אידישע ישובים, אָפּגערויבט דאס לעבן און פארמעגן פון צענדליגער טויזנטער אידן און פארפלייצט זייער וועג מיט אידיש בלוט... דאָס האט זיך אָנגעהויבן אין 1096.

און מיט 9 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1105 איז רשי געשטאָרבן.

די אידן אין ענגלאַנד

ערשט אין דער צווייטער העלפט פונ׳ם פינפטן יאָרהונדערט קומען די אנגלאָ־זאַקסן (די אור־עלטערן פון די איצטיגע ענגלענדער) אויפ׳ן בריטישן אינזל. ערשט צום סוף זיבעטן יאָרהונדערט נעמען די איינוואוינער אָן דאָס קריסטנטום. און שוין אינ׳ם זעלבן יאָרהונדערט הערט מען די גייסטלאַכקייט רעדן פון „מיסטעריעזע אידישע מנהגים אום פסח״; פון דער נויטווענדיגקייט צו רעגולירן די באַציאונגען צווישן אידן און קריסטן; פון אידן שקלאַפן־הענדלער, א. ד. גל. שפּעטער הערט מען דערפון, אז די אידן אין ענגלאַנד האבן „געשענקט״ א מתנה עפּעס א מאָנאסטיר, א גרויס שטיק לאַנד. אָבער דאָס אלץ געהערט נאָך, אזוי צו זאָגן, צו דער פאָרגעשיכטע פון די אידן אין ענגלאַנד. די געשיכטע אָבער הויבט זיך אָן ערשט אין עלפטן יאָרהונדערט. די נאָרמאַנען קומען פון פראַנקרייך (1066), נעמען איין ענגלאַנד, און אינאיינעם מיט אַנדערע נאָרמאַנישע בירגער באַזעצן זיך דאָ אויך פיל פראַנצויזישע און דייטשע אידן. ווי אלע פון אויסן אריינגעקומענע, האבן אויך די אריינגעקומענע אידן פולע בירגער־רעכט. נאָך... מיט „א עונאָב״: א ספּעציעלן „שוץ־בריוו״ פון קעניג. דערהויפּט פאר אידן סוחרים, וואָס פאָרן איבער׳ן לאַנד, און זייער לעבן מוז ספּעציעל געזיכערט זיין. איינציגע רייכע אידן זענען באַזונדערס נושא־חן ביים ערשטן נאָרמאַנישן קעניג „ווילהעלם דער ערָאבערער״, באַקומען גרויסע מתנות, זענען נאָענט צום הויף. אזוי בא אים, אזוי בא זיין זון, ווילהעלם דער צווייטער. נאָך אלס קרוינפּרינץ איז ער זייער מקרב די אידן. שעצט אפילו דאָס אידנטום, ניט קוקנדיג דערויף, וואָס די קריסטן האלטן אים פאר א כופר, און די קירך איז זייער אויפגעבראכט אויף אים דערפאר. דאָס געדויערט אזוי ביז׳ן סוף פונ׳ם דאָזיגן יאָרהונדערט (ביז 1100). דאַן קומט א נייער קעניג,

היינריך דער ערשטער, און ערקלערט — וואָס אַנדערע אויפ'ן קאָנטינענט האבן פריער שוין ערקלערט — אַז די אידן און זייער פאַרמעגן איז ז י י ן פאַרמעגן, דאָס הייסט, דאָס פאַרמעגן פון דער קרוין. אויף טויט און אויף לעבן און אויף פאַרקויף. און אזוי ווי די הויפּט־באַשעפטיגונג פון אידן איז געווען: לייען געלט אויף פּראָצענט, ד. ה. מאַכן פּראָפיט פון דעם וואָס געהערט אייגנטלאַך דער קרוין, האָט די קרוין גענומען א חלק פון די פּראָפיטן. קיין חילוק ניט, אין וואָס פאַר א פאָרם און אין וואָס פאַר א מאָס. און האָט מען געמוזט אָנקומען צו מלוכה'־שער הילף ביים איינמאָנען אַ חוב, האָט מען פאַר דער הילף געמוזט עקסטרא באַצאָלן. ס'זענען געווען אידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מלאכות אויך, אַביסל מיט מסחר אויך. אַביסל אפילו מיט ערד־ארבעט און מיט פיך־ציכט. אָבער אין דעמאָלטיגן גרויס־האַנדל טרעפט מען קיין אידן ניט. און צום געלט־געשעפט האָט מען די אידן כמעט ווי געצוואונגען. וואָרים אין מיטל־אַלטער איז ענגלאַנד געווען אַן ערד־אַרבעט'ס פאָלק. אָבער ב ל ו י ז מיט דער אייגענער פּראָדוקציע האָט דער באָדן־אייגנטימער מער זיך שוין ניט געקאָנט באַגיין; מ'האָט געמוזט פון אויסן אויך עפּעס צוקויפן, און דערצו האָט מען נויטיג געהאט געלט. צום פירן און אַנטוויקלען די ווירטשאַפט האָט מען אויך נויטיג געהאט געלט. האָט דאָך געמוזט זיין זמיצער, וואָס זאָל דאָס געלט צושטעלן. עמיצער, וואָס זאָל זיין פ א ר א י נ ־ ט ע ר ע ס י ר ט און אָפּגעבן זיך מיט'ן לייען, דערהויפּט אָבער מיט'ן א י י נ מ אָ נ ע ן דאָס געלט. דאָס איז געווען דער איד. האָט מען, אין עצם, דעם מלוה נויטיג געהאט. גערן געהאט. מען האָט אים אָבער ניט פאַרגונען זיין געלט — אַלס לעבנס און פּראָפיט מיטל. האָט מען שטענדיג געזוכט און ממציא געווען גע־זעצן, ווי מען זאָל דעם פּראָפיט אָפּציען בא אידן, זיך טיילן מיט אים אָדער איינגאַנצן צונעמן. דאָס שטענדיגע אומזיכער זיין מיט זיין געלט־פאַרמעגן ברענגט דערצו, אַז דער איד זאָל פאַרלאַנגען הויכע פּראָצענטן. זענען די הויכע פּראָצענטן ווידער

אַן אויסרייד דעם אידן זיין חוב **אינגאנצן** ניט צו צאָלן; זיין קרן מיט'ן „פּראָצענט־געלט" אינגאַנצן אָפּצורויבן. דערצו איז, נאַטירלאַך, נאָר די קרוין „באַרעכטיגט". נוצט זי אויס איר רעכט. שטייט אויף אין יאָר 1135 אַ קעניג סטעפאַן, וואָס נעמט אונטער אַ קאַמף מיט די פּריצים און מיט דער קירך, וואָס באַמיען זיך צו באַשריינקן זיין אַליין־הערשאַפט. דאַרף ער געלט. שיגט ער פון די אידן די הויט, זויגט ער אויס דעם לעצטן גראָשן פון זיי. און אַז עס זויגט זיך ניט אַזוי גרינג, רופט מען פייער און שווערד צו הילף. לאָזט דער מלך סטעפאַן פאַרברענען, אין אָקספאָרד, אַ אידיש הויז אינאיינעם מיט'ן אידן, דערפאַר וואָס יענער האָט ניט אַזוי גיך אַריינגעטראָגן דעם סכום, וואָס מ'האָט אויף אים אַרויפגעלייגט צו באַצאָלן. מיט ניין יאָר שפּעטער לעבן שוין דאָ אידן איבער אַן „עלילת־דם", נאָר אַן די שרעקלאַכע פאָלגן, וואָס די אידן אין פראַנקרייך האָבן מיט 27 יאָר שפּעטער איבערגעלעבט.

און אַזוי ציט זיך די אידישע געשיכטע אין ענגלאַנד פון דור צו דור. אַמאָל בעסער, אַמאָל ערגער, אָבער שטענדיג שטייט דער איד אין אָנגעשטריינגטן קאַמף פאַר זיין קיום. אייגנט־לאַך זענען אַלע פאַראינטערעסירט אין זיין עקזיסטענץ: אי דער קעניג, אי זיינע געגנער: דער פּריץ און דער פאָרשטייער פון דער קירך — כאָטש נאָר צוליב זייערע קאַמפן געגן אַנאַנדער. ביידע באַקומען געלט באַם אידן אויף זייערע מלחמה־הוצאות. אָבער יעדער פון זיי וואָלט געוואָלט, אַז נאָר ער איינער זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיט'ן אידנ'ס געלט. זענען ביידע אומצופרידן מיט'ן אידן. ביידע זוכן צו פאַרשמעלערן זיין ווירקונגס־קרייז. נאָר ביידע זעען אויך די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט צו געבן אים די מעגלאַכקייט צו עקזיסטירן. אָבער דאָס פאָלק זעט ניט איין די דאָזיגע נויטווענדיקייט. דאָס פאָלק האָט נאָר צו לידן פון די מלחמות, און פון די אומגעהויערע הוצאות, וואָס די איי־ביגע מלחמות קאָסטן. דאָס פאָלק קאָן ניט באַגרייפן, „פאַרוואָס מען שיצט די פרעמד־געבירטיגע און די פרעמד גלויביגע און

מ׳גיט זיי די מעגלאכקייט צו זאמלען אזוי פיל געלט, אז זיי קאנען זיך אפילו בויען שטיינערנע הייזער״ — וואס אידן האבן געמוזט טאן, כדי באטש וויפיל עס איז זיך צו שיצן פון פלוצלימדיגע איבערפאלן. וואס טאלעראנטער א קעניג פארהאלט זיך צו אידן, אליי פרייער איז דער געלט־האנדל, אלץ שווערער דריקט עס אויפ׳ן ארבעטס פאלק, אלץ ברוטאלער פארהאלט זיך דאס פאלק צו אים. אויב למשל, היינריך דער צווייטער (1154—1189 לאזט אידן לעבן פרייהייטלאכער אביסל, — ווייל ער נעמט איין פון זיי גרויסע הכנסות — קוקט די באפעלקערונג זייער קרום „אויף די שונאים פון קריסטוס״. אבער די צווייטע העלפט פון צוועלפטן יארהונדערט איז דאך א גוטע צייט פאר אידן אין ענגלאנד. פאר אידן און פאר אידישקייט. אין דער צייט באזוכן אויסלענדישע אידישע געלערנטע דאס לאנד. מיר טרעפן דא אברהם אבן עזרא פון שפאניע, יצחק פון טשער־ניגאוו און פיל אנדערע. עס אנטוויקלט זיך דאן אין ענגלאנד א גאנצע שול פון אידישער גראמאטיק, פון וואנען עס וואקסן אויס אזוינע געלערנטע, וואס פאראייביגן זייערע נעמען אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור, ווי ברכיה בן נטרונאי הנקדן, און אנדערע, אבער דער גוטער היינריך דער צווייטער איז אויך ניט שטענדיג גוט. די גייסטיגע עפידע־מיע פון דער קרייצפארעריי פארכאפט אים אויך מיט איר גאנצן עקסטאז און איר גאנצן רעליגיעזן האס צו אנדערש־גלוי־ביגע. און אז ער הויבט אן צו מאכן הכנות אין וועג אריין, הויבט ער אן צו מאכן געלט אויף הוצאות — אויספרעסנדיג עס פון זיינע אונטערטאנען. איז דער „יושר״ מחייב, אז פון ניט־אידן נעמט ער בלויז א צענט־חלק פון פאר־מעגן, און בא אידן — א פערט־חלק. מאכט אויס די ניט אידישע סומע 70,000 פונט, און די אידישע: 600,000 פונט. און דאס איינמאנען קומט פאר מיט נגישות, מיט אכזריות, מיט „פונטן״ פלייש, פון הארצען געשניטן — הגם ס׳ווערט ניט איינקאסירט מיט אמאל... און אלץ נאך שווייגן אידן. רייך

זענען זיי. גיבן זיי גרויסע נדבות אויף די באדערפנישן פון דער קאטוילישער קירך, אויף באדערפנישן פון דער מלוכה, אָבער וואָס נעענטער צום ארויסטרעטן אין צוג, אַלץ אויפגעהעצטער דער המון, אַלץ אויפגערעגטער, רעליגיעזער און מלא־רציחה׳דיגער. און באַלד קומען בלוטיגע רעזולטאטן.

1189 שטארבט היינריך דער צווייטער. „ריכארד לייבן־הארץ" איז זיין טראָן-פאָלגער. דעם 3טן סעפּטעמבער, פון יענעם יאָר, קומט אין לאָנדאָן פאָר די קרוינונג. צווישן אנדערע דע־פּוטאציעס, וואָס זענען געקומען באגריסן דעם נייעם קעניג, איז געווען א דעפּוטאציע פונ׳ם ענגלישן אידנטום אויך. האָבן עס די קאטוילישע גייסטליכע ניט געקענט פארטראָגן: סטייטש אידן זאָלן זיך געפינען אין טראָן־זאַל אינאיינעם מיט׳ן וועלט־לאכן און קירכלאכן אדל! באלד אויפ׳ן אָרט העצט מען אונטער ריכארד׳ן, און ער הייסט די אידישע פאָרשטייער ארויסטרייבן. די דאָזיגע אומערהערטע באליידיגונג מצד דעם קעניג האָט דער המון אין גאס אויסגעטייטשט ווי א וואונק, אז דער קעניג שיצט ניט מער די אידן: אז די אידן זענען הפקר און זייער פאר־מעגן אין הפקר. און אזוי ווי אין לאָנדאָן געפינען זיך דעמאָלט פיל קרייצפאָרער, וואָס ריכארד האָט אריינגעבראָכט פון פראנק־רייך, — צעהיצטע, פאנאטישע, פול מיט האס צו אידן — הויבט מען אָן די אידן צו פארפאָלגן, צו פייניגן, צו הרג׳ענען. הויבט מען אָן זייערע וואוינונגען רואינירן, זייער פארמעגן רויבן. די גאָר רייכע אידן פארשליסן זיך אין זייערע שטיינערנע הייזער — צינדט מען זיי אונטער. ראטעוועט זיך ווער ארויס פון די הייזער — הרג׳עט מען אים. די אידן האָבן זיך איינגאנצן גע־פונען אין רשות פון המון. און דער המון האָט גע׳הרג׳עט, ראבירט און געצוואונגען צו שמד. אנדערע טוען זיך אליין אָן א מיתה, אבי אויסצומיידן צוואנג־שמד. צווישן זיי איז געווען רבי יעקב פון אָרלעאן — פון די פראנצויזישע בעלי־תוספות. דעם קעניג, זאָגט מען, האָט דער פּאָגראָם פארדראָסן, אָבער ער האָט קיין צייט ניט געהאט צו מאכן וועלכע עס איז פאראָרדנונג וועגן

דעם, און איז אוועק קיין ירושלים צו ראַטעווען יעזוס קבר פון ניט קריסטלאַכע הענט. און ווי נאָר ער האָט פאַרלאָזן ס'לאַנד, האָבן זיך די פּאָגראָמען ווידער אָנגעהויבן, און דאָס מאָל שוין זיכער ניט פון פרומער התלהבות, נאָר פשוט כדי אריינצוכאַפּן אידיש האָב און גוטס, כדי אויך אַביסל הנאה האָבן פון דער וועלט. די פּאָגראָמען האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצן לאַנד און אָנגעהאַלטן גאַנצע זיבן חדשים.

אומגליקלאַכער פון אַנדערע אידישע קבוצים האָבן אין דער פּאָגראָם־צייט אָפּגעשניטן די אידן פון יאָרק. אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָגראָם אין שטאָט, האָבן אידן גע'פועלט באַם קאָמענדאַנט פון דער שטאָט־פעסטונג, ער זאָל זיי מיט זייערע פאַמיליעס אריינלאָזן אין פעסטונג. שפּעטער, אַז דער קאָמענדאַנט האָט געוואָלט אריינקומען אין פעסטונג אַרײַן, האָבן די אידן אים ניט אריינגעלאָזט — זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ פאַרראַט פון זיין זייט. איז ער געוואָרן אויפגעבראַכט אויף די אידן. מיליציע און בירגער האָבן עטלאַכע מאָל באַלאַגערט די פעסטונג. מאָנאַכן און פריצים וואָס זענען אידן שולדיג געווען געלט און געוואָלט זיך באַפרייען פון די חובות, האָבן געהעצט דעם המון, אים געהעצט צו נקמה. פון אַ שטיין, געוואָרפן פון דער פעסטונג, איז אַ מאָנאַך דער'הרג'עט געוואָרן, דאָס האָט נאָך מער אָנגעצונדן דעם פייער פון נקמה אין די הערצער פון די גוים. די אידן, וואָס זענען געזעסן אין פעסטונג, איז קלאָר געווען, אַז קיין לעבעדיגע וועלן זיי פון דאָרט ניט אַרויס. אין בעסטן פאַל וועט מען זיי צווינגן צו שמד. האָבן די באַלאַגערטע באַשלאָסן זיך צו נעמען דאָס לעבן. איינער דעם אַנדערן האָט געקוילעט. נאָר עטליכע זענען געבליבן, און זיך געבעטן בא די באַלאַגערער: זיי וועלן זיך שמד'ן, מען זאָל זיי אַרויסלאָזן לעבעדיג. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. מ'האָט זיי אויסגע'הרג'עט ביז איינעם. אזוי אַרום איז מען פטור געוואָרן פון די אידן און פון די וועקסלען, וואָס זענען בא זיי געלעגן פון קריסטלאַכע און וועלטלאַכע זייער חשוב'ע לייט. באַשטראָפט האָט מען קיינעם

ניט — ניט געווען קיין שולדיגע — ווי שטענדיג, פריער און שפעטער אין אזוינע פאלן. נאך מער: אז קעניג ריכארד, דער אייגנטלאכער שולדיגער אין די דאזיגע אידישע אומגליקן, איז צוריקוועגס ארייננעפאלן צו די דייטשן אין געפאנגנשאפט און מ'האט אים גערארפט אויסלייזן, האט מען אויף די פאראומ־גליקטע חרוב'ע אידן ארויפגעלייגט אן עקסטרא־אפצאל פון 5,000 גאלד מארק, פונקט דריי מאל אזוי פיל, וויפיל מען האט פארלאנגט פאר'ן זעלבן צוועק פון דער גאנצער שטאט לאנדאן. און אז דער קעניג, אן אויסגעלייזטער, איז געקומען צוריק אהיים, האט ער פון דעם עקסטרא אפצאל געמאכט א שטענדיגן. ער רעגולירט די אידישע לאגע. ער נעמט איבער אין זיין האנט דעם קאנטראל איבער די אידישע געלט־געשעפטן, און פאר זיין טרחה נעמט ער צען פראצענט פון די סומען, וואס די אידן מאנען איין בא זייערע בעלי־חובות. און נאכ'ן טויט פון א מלוה — סיי איד, סיי קריסט, ווערט דאס גאנצע פאר־מעגן, וואס ער לאזט איבער, קאנפיסקירט לטובת דער קרוין. דער קעניג איז דארום פאראינטערעסירט, אז אידן זאלן זיך פאר־נעמען מיט פראצענט־געשעפט, זאלן פארדינען וואס מער, און זאלן אנזאמלען וואס מער — אלץ פליסט דאך סוף כל סוף אין זיין קעשענע אריין... דערפאר, אז דער בלוטדורשטיגער פאבסט אינאקענטי דער דריטער פאדערט פון ריכארד'ן ער זאל דורך א דעקרעט מוחל זיין אלע קריסטן די פראצענטן וואס זיי זענען שולדיג צו אידן, פאלגט ער אים ניט. אן עבירה זיין חלק... זיין יורש, „יאהאן דער באדנלאזער", גייט אין ריכארד'ס דרכים: „לעבן און לעבן לאזן" — נעמט זיך זיין חלק פון די אידישע געשעפטן און לאזט די אידן טאן און ווירקן. נאר אז ס'ווערט אים ענג אין געלט — צוליב אן אומגעלונגענעם קאמף מיט'ן פאבסט — לייגט ער ארויף אויף אידן א קאנטריבוציע פון 66,000 גאלד מארק. און אז דער איד אברהם פון בריסטאל קאן ניט אזוי גיך איינצאלן זיין חלק, צען טויזנט מארק, לאזט ער אים יעדן טאג ארויסרייסן א צאן פון מויל, ביז וואנען די רוב־סומע ווערט

איינגעצאָלט. און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פריינט פון אידן — ווייל אידן האָבן אים זייער פיל געהאָלפן אין זיינע קאַמפן מיט די באַראָנען — די באַלעבאַטים פון די שטעט — און מיט די מוניציפּאַליטעטן פון די שטעט, וואָס האָבן ניט געוואָלט אונטערטעניג זיין דעם קעניג אין דער מאָס, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט.

און נאָך יאָהאַנ׳ס טויט קומט היינריך דער דריטער. אויך ער האָט גרויס אינטערעס אין די אידישע באַשעפטיגונגען; ריכטיגער: אין ז י י ן ח ל ק פון די אידישע באַשעפטיגונגען. און אַז די גייסטליכקייט פאָדערט, אַז אידן זאָלן טראָגן אַ ווייסע לאַטע אויפ׳ן האַרצן — דערלאָזט ער עס ניט — ווייל „אידן זענען דאָס אייגנטום פון קעניג". אַלע משפטים צווישן קריסטן און אידן דאַרפן פאָרקומען פאַר מלוכה באַאַמטע. גילט דאָס ווי אַן אויסרייד פאַר מלוכה, אַז אירע אַגענטן זאָלן אָפט באַזוכן די שטעט — צו זען, ווי לעבט זיך דאָרט דעם „קעניג׳ס מענשן"... און וואָסערע משפטים האָבן זיי עפּעס מיט זייערע שכנים. זענען די שטעט אומצופרידן דערפון, וואָס מלוכה׳שע באַאַמטע קוקן אַריין אין זייערע אינערלאַכע אָנגעלעגנהייטן — נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן צו באַפרייען פון דער קעניגלאַכער און פעאָדאַלער אַפּטרופּסות. פאָדערן זיי פון קעניג אַן ערלויבניש די אידן אינגאַנצן אַרויסצוטרייבן פון די שטעט. די ערלויבניש באַקומען זיי. ביסלאַכווייז ווערן אידן פון פיל שטעט אַרויסגעטריבן. אין דער צווייטער העלפט פון 13טן יאָרהונדערט איז אידן אין ענגלאַנד ערלויבט צו וואוינען בלויז אין יענע שטעט, וואו ס׳איז איינגעאָרדענט דער קאָנטראָל איבער די אידישע געלט־געשעפטן — און אַנדערע געשעפטן זענען דאָך דאַן כמעט אוממעגלאַך געווען בא אידן, בא די הפקר׳דיגע וואַנדערונגען פון אָרט צו אָרט. פאַר עובר זיין דאָס געזעץ — טויט־שטראָף. אגב האָט דער מלוכה אויך ניט געלוינט, אַז אידן זאָלן מאַכן צופיל געשעפטן מיט די שטעט, ווייל דעמאָלט פאַרלירט דער קעניג זיין חלק הכנסה. דערצו האָבן די רייכע פּריצים און די הויכע גייסטלאַכע

געגעבן די אידן גרויסע געלט־סומען, אז זיי זאָלן דאָס פאַרלייען אָרימע פּריצים אויף הויכע פּראָצענט און פעלד־משכנות. האָבן דאָך די אָרימע פּריצים ניט געקאָנט צו דער צייט סלוק'ן זייערע חובות, זענען זייערע פאַר'משכנ'טע פעלדער איבערגעגאַנגען אין רשות פון די הויכע פּריצים אָדער גייסטלאַכע, און אזוי ארום גע־בילדעט גרויסע לאַטיפונדיעס. פּריוואַטע אָדער קירכלאַכע. אזוי האָבן אַלע אויסגענוצט דעם אידן אַלס פאַרמיטלער, כדי רייך צו ווערן. שטאַרק צו ווערן. און דער איד אַליין איז טאַקע דער־פאַר גופא אַלץ מער און מער פאַרהאַסט געוואָרן. און אַז די אָרימע פאַר'משכנ'טע פּריצים'לאַך האָבן דערשפּירט, ווער עס שטייט הינטער די אידן די מלוים, האָט זיך אָנגעהויבן דער אזוי גערופענער „באַראָנען־קאַמף", זיך צו באַפרייען פון אַלע התחייבות'ן געגן די רייכע פּריצים דורך דער פאַרמיטלונג פון די אידן. א גרויסע פּאָגראָם־באַוועגונג אַנטוויקלט זיך, פיל אידישע פאַרמעגנס ווערען חרוב. פיל געשריבענע פאַרפליכטונגען צו אידן ווערן פאַרברענט. מלוכה ליידט דערפון גרויס שאָדן, אידן ווערן בדיל־הדל...

זוכט מלוכה צו דעקן איר שאָדן... זוכט זי עס — באַ אידן. אין 13טן יאָרהונדערט האָבן אין ענגלאַנד געלעבט בלויז 16 טויזנט אידן. און זיי האָבן צוגעשטעלט א דרייצענטן טייל פון אַלע מלוכה־הכנסות. און אויב דאָס איז געווען ווייניג, האָט דער „גוטער" היינריך דער דריטער געליען געלט באַ איטאַליענישע סוחרים (געהייסן: „פּויבסטליכע מלוים"), און דאָס גאַנצע אי־דישע פאַרמעגן האָט ער זיי איבערגעגעבן פאַר א משכון — זיי זענען דאָך געווען זיינע לייב־אייגענע! דער רויב קומט אזוי ווייט, אַז אידן בעטן זיך רחמים באַם גוטן קעניג, ער זאָל זיי ערלויבן צו עמיגרירן פון לאַנד. ערקלערט מען זיי, אַז זיי האָבן קיין דעה ניט און קיין רעכט ניט צו באַלעבאַטעווען מיט ק ע־ ניגלאַכן אייגנטום... און מ'ערלויבט זיי ניט אויסצו־וואַנדערן. אין 1255 גיט ער אָפּ ז י י נ ע אידן צו זיינעם א ברודער אין אַרענדע אויף איין יאָר, פאַר 5,000 גאָלד־מאַרק.

ס'איז לייכט זיך פֿאָרצושטעלן וויפֿיל דער אָרענדאַר האָט דאָס יאָר אויסגעזאַפּט פֿון זיינע אָרענדירטע אידן! אַחוץ דעם האָט דער אָרענדאַר אונטערגעוואָרפֿן די דאָזיגע אידן אַ בלוט־בלבול. דאָס האָט אידן אָפּגעקאָסט איבער הונדערט לעבנס. און דערצו — פּיין און צער און אומערטרעגלאַכע צרות. מיט 16 יאָר שפּעטער, אַז מ'האָט בטל געמאַכט אַלע פֿאַרפּליכטונגען, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין אידישע הענט, געגן ניט־אידן, און אידן זענען שטאַרק פֿאַראָרימט געוואָרן, פֿאַרקויפֿט דער „גוטער" קעניג דאָס גאַנצע אידישע פֿאַרמעגן צום ברודער זיינעם פֿאַר צוויי טויזנט גאָלד־מאַרק.

אין לעצטן פֿערטל פֿון 13טן יאָרהונדערט זעט זיך אַרום די קירך און עס זעט זיך אַרום עדוואַרד דער ערשטער, קעניג פֿון ענגלאַנד, אַז מ'מוז רעגולירן די אידישע באַשעפֿטיגונגען. ווערט פֿאַרבאָטן צו נעמען פּראָצענט. ווערט ערלויבט זיך צו פֿאַרנעמען מיט מלאכה, מיט מסחר און אפֿילו צו דינגען ערד אויף צען יאָר צו באַאַרבעטן. קאָן דען זיין בעסער? אינגיכן זעט מען זיך אָבער אַרום, אַז מ ל א כ ה איז דער מאָנאָפּאָל פֿון די קריסט־לאַכע צעכן, וואוהין מען לאָזט קיין אידן ניט אַריין. מסחר — ליגט נאָר אין די הענט פֿון סוחר'שע גילדיע, וואוהין קיין איד ווערט ניט צוגעלאָזן, און אַזוי ווי פֿאַרמעריי לערנט מען זיך ניט אויס פֿון היינט אויף מאָרגן, איז די אידן מער ניט איבערגעבליבן ווי זיך אָוועקצולייגן און שטאַרבן. איז אָבער ניט דער שטייגער פֿון מענשן אַזוי צו טאָן. האָבען אייניגע אָנגעהויבן אומצוגיין דאָס געזעץ: אין וועקסל צושרייבן דאָס פּראָצענט צום קרן. אַנדערע זענען פּשוט געוואָרן רויבער אויף די ברייטע וועגן. דריטע האָבן זיך גע'שמד'ט. נאָך אַנדערע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער דאַן גאַנגבאַרער פֿאַרברעכערישער באַשעפֿטיגונג — אַרומצושניידן די זילבערנע און גאָלדענע מטבעות. איז מען אָבער געוואָר געוואָרן פֿון די דאָזיגע אידישע באַשעפֿטיגונגען, און אין 1278 האָט מען אַלע אידן אַריינגעשפּאַרט אין די טורמעס. דאַן האָט מען אין לאָנדאָן אַליין נאָר אויפֿגעהאַנגען 293 אידן. ערשט

נאכדעם זעט זיך דער קעניג ארום, אז אן געלט און אן געלט־פארמיטלער און אן געלט־לייער קאן ער ניט אויסקומען, ער־לויבט ער ווידער אידן זיך צו פארנעמען מיט פראצענט־געשעפט. עס ווערט אבער אזוי רעגולירט, אז דעם קעניג פאלט צו א גרוסער טייל פון די פראצענט־הכנסות.

און צו די וועלטלאכע ענויים, מצד דעם קעניג, קומען צו קירכלאכע ענויים, מצד די פויבסטן. מ'פארבאט צו פארקערן מיט אידן, האנדלען מיט זיי, דינען בא זיי, זיך לאזן היילן פון זיי. מאנאכן מוזן דרשנ'ען פאר אידן געגן אידנטום, פאר'ן קריסטנטום, און אידן מוזן שוויינן. שטארבט א איד, גע־ווענלאך א מלוה, איז דער קעניג דער יורש. שמד'ט זיך א איד, איז אויך דער קעניג דער יורש — ווארים פון איצט אן וועט דאך שוין דער קעניג מער ניט האבן פון אים די הכנסות, וואס ער האט געהאט פון אים אלס איד... אידישע שולן ווערן פארמאכט, פסח־צייט טאר זיך א איד ניט ווייזן אין גאס. דעם קעניג הערט מען ניט אויף צו העצן, אז ער זאל ווערן אנשטענדיג, אויפהערן זיך צו חבר'ן מיט אידן. און דעם 18טן יולי, 1290, גיט ער ארויס א באפעל, אז ביז'ן ערשטן נאוועמבער זאל קיין איינציגער איד ניט בלייבן אין לאנד. מיטנעמען מיט זיך פון זייערע גיטער קאנען זיי נאר דאס, וואס זיי קאנען מיטראגן. דאס איבעריגע געהערט דעם קעניג. און אזוי געשעהט עס. די 16 טויזנט אידן, וואס ענגלאנד פארמאגט, לאזן זיך קיין פראנק־רייך, קיין פלאנדריען. אויף די שיפן ווערן זיי בארויבט פון די קאפיטאנען, פון מאטראסן, פיל ווערן דערטרונקען אין ים. נאר א קליינער טייל זייערער באזעצט זיך אין אנדערע ערטער, כמעט אויף די זעלבע צרות, וואס זיי זענען אויסגעשטאנען אין ענג־לאנד.

גאנצע 365 יאר זענען אין ענגלאנד קיין אידן ניט געווען. בלויז איינצלנע מענשן, אדער קליינע גרופן, פלעגן זיך אמאל ארייננשמוגלען אין לאנד אריין, דערהויפט האבן עס געטאן מא־ראנען, וואס האבן געגאלטן ווי שפאניער און קאטויליקן. די פלעגן

דאָ פירן גרויסן האַנדל, דערהויפּט מיט אויסלאַנד. און אויך פּאָרקערט: איינצלנע מענשן, קליינע גרופּן, האָבן זיך אַפּטמאָל געפּונען אין לאַנד, וואָס האָבן פּאַרלאַנגט, מ׳זאָל אידן אַריינלאָזן אין לאַנד אַריין, אָבער דער המון, די סוחרים און די גייסטלאַכקייט האָבן עס ניט דערלאָזן. קראָמוועל׳ס רעגירונג האָט זיך אפילו באַמיט אַריבערצוציען האָלענדישע סוחרים קיין ענגלאַנד, כדי דורך זיי צו אַנטוויקלען דעם ענגלישן אויסלענדישן האַנדל. דער באַוואוסטער אידישער געלערנטער און כלל־טוער, מנשה בן ישראל, פּאָרט פון האָלאַנד קיין ענגלאַנד זיך משתדל צו זיין פאַר אידן: מען זאָל זיי ערלויבן זיך צו באַזעצן אין לאַנד. קראָמוועל איז גערן צו ערפילן זיין בקשה. ס׳קומט אָבער גאָרניט אַרויס דערפון. ער מוז זיך רעכנען מיט׳ן ווילן פון פאָלק, וואָס וויל ניט הערן פון אידן, און זיי זעען אודאי ניט.

איז אָבער דער ווילן פון דער צייט און די פאָדערונג פון דער צייט ווירקזאַמער, ווי בייזער ווילן פון מענשן. מלוכה איז פון איר טובה וועגן געצוואונגען איינצלנע אידישע גרויסע סוחרים אַליין מער און מער אַריינצולאָזן אין לאַנד אַריין. אין 1656, בעת ענגלאַנד האַלט מלחמה מיט שפּאַניע און ס׳האַלט דערביי, מ׳זאָל אַלע שפּאַניער אַרויסשיקן פון ענגלאַנד — דאַן ערקלערן זיך אַלע מאַראַנען אָפן פאַר אידן. קראָמוועל ערלויבט זיי ווייטער צו פאַרבלייבן אין לאַנד. אפילו אַ באַזונדערן אידישן בית־עולם ערלויבט ער זיי צו האָבן. אָבער אויסלענדער הייסן זיי, רעכטלאָז זענען זיי. און ווידער שינט מען פון זיי זיבן הויטן. ערשט צום סוף פון 17טן יאָרהונדערט, בעת ווילהעלם דער דריטער פון אָראַניען קומט צום טראָן, ווערט עס אביסל אַנדערש. אויף הוצאות צום „זעצן זיך אויפ׳ן טראָן” לייט אים דער אידישער סוחר, אנטאני לופּעץ סואסאָ, גאַנצע צוויי מיליאָן גולדן. דאָס אַליין קאָן שוין ווייך מאַכן דאָס האַרץ פון אַ הערשער. דערצו איז ער דאָך געווען שטאָטהאַלטער אין האָלאַנד, וואו ער איז געוואוינט געווען טאָלעראַנט זיך צו באַציען צו אידן. ענגלאַנד איז געצוואונגען צו פאַרברייטערן

איר וועלט־האנדל. דערצו זענען נויטיג געווען סוחרים. אלץ צוזאמען ברייננגט דערצו, אז ס'קומט צו א גרויסער התקרבות צווישן דער אמסטערדאמער אידישער געמיינדע און צווישן דער לאנדאנער. און האלענדישע אידישע קאפיטאלן הויבן אן צו ארבעטן אין ענגלאנד. עס שאפט זיך א פריינטלאכע אט־מאספערע ארום דעם ביסל אידן, וואס געפינט זיך אין לאנד. אנהויב 18טן יארהונדערט געפינען זיך אין לאנדאן גרויסע אידישע האנדלס־פירמעס, אידישע שולן, און ניט בלויז ספרדישע. ביסלאכווייז הויבן אן ארייננצוקומען אשכנזישע אידן אויך, דערהויפט פון ארום קעלן. 1723 ערלויבט דער פארלאמענט אידן צו דינגען ערד. 1740 ווערט זיי ערלויבט זיך צו נאַטוראליזירן אין די ענגלישע קאלאניעס אין אמעריקע. 1753 ווערט ערלויבט אידן זיך צו נאטוראליזירן אין ענגלאנד, אבער אין א יאר ארום ווערט דאס געזעץ בטל. די רייכע ספרדי'שע אידן פילן זיך דערפון שטארק באליידיגט, און ס'הויבט זיך אן א שמד־באוועגונג צווישן זיי. דערהויפט צווישן די רייכע זייערע, אבי צו בלייבן אין ענגלאנד — גלייכבארעכטיגט. פאלן די ספרדים, שטייגן אין אנזען די אשכנזים. אבער די „באארד אוו דעפיוטיס", אן אינסטיטוציע צו שטיצן באדערפטיגע אימיגראנטן, וואס קומען קיין ענגלאנד, דערהויפט פון פוילן און דייטשלאנד, בלייבט אויך ווייטער ריין פון אשכנזים. די ספרדים באזעצן זיך דערהויפט אין לאנדאן. אנדערע אידן — דערהויפט אין דער פראווינץ. זענען פיל פון זיי פעדלער, וואס באדינען די פשוט'סטע פאלקס־שיכטן. די באקאנטשאפט ענדערט די באציאונג צום אידן צו בעסערן. מ'איבערצייגט זיך, אז די שרעקלאכע בלבולים, וואס מ'האט אלץ געמאכט אויף אידן, זענען בלויז — ב ל ב ו ל י ם. פון דער אנדערער זייט קומען אויף אידישע באקסערן, וואס ווערן בארימט ווי „נאציאנאלע טשעמפיאנען אוו ענגלאנד". דאס מאכט כבוד צו די אידן אין לאנד, און שאפט א בעסערע מיינונג וועגן זיי. עס ווירקן אויך די מיסיאנערישע געזעלשאפטן, וואס האפן אויף גוטן אידן־פאנג,

צו פאַרשפּרייטן גוטע מיינונגען וועגן אידן. עס אַרבעט די דער־מאָנטע „באָארד“. עס אַרבעטן די באַנקירן גאָלדשמידט און ראָטשילד. עס ווירקט אויך דאָס פראַנקרייכשע ביישפּיל, וואו אידן האָבן באַקומען פולע רעכט, און דאָס ענגלישע פאָלק ווערט נאָכ־געביגער. מען הויבט אָן זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פון אי־דישער גלייכבאַרעכטיגונג. אָבער ערשט אין יאָר 1890 ווערן בטל אַלע באַגרעניצונגען פאַר אידישע בירגער. פּאָליטיש־ביר־גערלאַך ווערן זיי אַנגלאָ־זאַקסן גלייך, ווי מיר זעען עס באַ היינטיגן טאָג.

אָבער זייער גלייכבאַרעכטיגונג פאַרטעמפּט זיי ניט. פאַר־קערט: וואָס פרייער, וואָס פעסטער זיי ווערן, אַלץ מער ווירקן זיי לטובת אידן אין אַלע לענדער, וואו זיי ליידן. זייער מי צו פאַרדאַנקען שיצט אויך די ענגלישע רעגירונג, אָפּטמאָל, געקריוודעטע אידן — אין טערקיי, מאַראָקאָ, פערסיען. אין ענג־לאַנד אַנטוויקלט זיך דער שענסטער טיפּ פונ׳ם כלל־ישראל שתדלן אין וועלט־מאַסשטאַב ווי ער איז קריסטאַליזירט אין דער פּערזענ־לאַכקייט פון משה מאָנטעפיאָרע.

משה מאָנטעפיאָרע

נאָך בײַ זײַן לעבן איז ער געוואָרן כמעט אַ לעגענדאַרע פּערזענלאַכקײט. האָט וואו געטראָפן אַ כלל אומגליק: אַ גירוש, אַן עלילת־דם, אַ פּאָגראָם און סתם צרות און פאַרפאָלגונגען, — האָט מען גערעט פון משה מאָנטעפיאָרע, ווי מ׳רעט פון אליהו הנביא. נאָר מיט מער זיכערקײט, מיט מער פאַרטרויאַכקײט און געוויסקײט. ס׳איז געווען אַן איבערצײַגונג, און אַ דער־וואַרטונג, אַז אַט קומט משה מאָנטעפיאָרע און ברענגט הילף. און נ אָ ר ע ר — ווײַל ער איז תקיף בײַ גאָט און תקיף בײַ מענטשן. ווײַל ער איז דער גרויסער צדיק, דער גרויסער נדיב, דער גרויסער חכם און דער גרויסער ענגלישער ש ר. בײַ וויקטאָריע׳ן — ס׳אויג אין קאָפּ. בײַ די מיניסטאָרן אירע — די רעכטע האַנט און דער רעכטער עצה־געבער. מלכים ווערן בטל פאַר אים. מיניסטאָרן בוקן זיך פאַר אים. זײַן פאַרלאַנג — און ער פאַרלאַנגט תמיד בלויז ישועות פאַר אידן — איז הייליג. קײנער האָט ניט דעם מוט אים אָפּצוזאָגן — סײַ דער רוסישער קײזער, סײַ דער פראַנצויזישער קעניג, סײַ דער טערקישער סולטאַן, און סײַ דער פּערסישער שאַך. אַלע און אַלץ עקזיסטירט, כדי זײַן ווילן צו טאָן. און וואָלטן נאָר אידן זוכה געווען — לאַנג שוין וואָלטן זײ דעם טעם פון גלות פאַרגעסן אין זכות פון משה מאָנטעפיאָרע.

אָבער אין אמת׳ן איז מאָנטעפיאָרע געווען נאָר אַ ב י ס ל פון דעם אַלעם, מיט וואָס מ׳האָט אים געציערט. אַ ווײַך האַרץ האָט ער געהאַט, טיף רעליגיעז, אין אָרטאָדאָקסישן זין, איז ער געווען. איז אים די תורה טײַער געווען, האָט ער אידן ליב גע־האַט, האָבן אים אידישע צרות גערירט, האָט אים אידישע רעכט־לאָזיקײט ווײ געטאָן, קאָן ער קײן עוולות געגן אידן נישט פאַרטראָגן. אין יעדן גרעסערן אידישן קבוץ טרעפט איר אידן

מיט אזוינע איינגשאַפטן, מיט אַזוינע „אידישע הערצער". נאָר איר טרעפט ניט קיין אידן מיט אַזוינע מעגלאַכקייטן, ווי ער האָט געהאַט. און זיין פערזענלאַכער פארדינסט איז עס, וואָס ער האָט זיך צו די דאָזיגע מעגלאַכקייטן אַרויפגעארבעט. און ביסלאַכווייז, טריט בא טריט. אָבער אויך זיינע לאַנגע יאָרן (הונדערט מיט איין יאָר האָט ער געלעבט) האָבן אים דערצו מיטגעהאָלפן.

אין יאָר 1784 איז ער געבוירן געוואָרן אין ליוואָרנע (איטאַליע), אין אַן אָרטאָדאָקסיש אידיש הויז — מיט שבת־רו, מיט אַלע אידישע מנהגים און מיט אַ קליין ביסל לערנען. זיין פאָטער איז געווען אַ קליין־הענדלער. און זיינע השגות פון וועלט און מענשן האָבן ניט אַריבערגעשטיגן די השגות פון אַ דורכשניטס־מענש פון זיין גראַד. נאָר ערלאַכער פון אַנדערע איז ער, און מער צוטרויען פון אַנדערע האָט ער. אינגיכן פאָרט ער אַריבער קיין לאָנדאָן. זיין זון, משה, גיט ער אָפּ אין אַן עלעמענטאַר־שול, און אַז ער ענדיגט די עלעמענטאַר־שול, גיט ער אים אָפּ אין אַ באַנק־קאַנטאָר פאַר אַ „מענשן". ער טוט דאָרט פאַרשידענע אַרבעט. אַי טאָג־אַרבעט, אַי נאַכט־אַרבעט. ער אַרבעט שווער און ווערט באַהאַנדלט שלעכט. אָבער ער באַקלאָגט זיך ניט דערויף. דאָ לערנט ער זיך אויס אַליין צו אַרבעטן און לערנט זיך אויס צו שעצן די אַרבעט פון אַנ־דערע. ער צווינגט אָבער אויך צו שעצן זיין אַרבעט. זיין ערלאַכקייט און פיינקייט דינט ווי אַ ביישפּיל אין זיין קרייז. אָנגעזאַמלט אַביסל געלט, קויפט ער זיך דאָס רעכט צו זיין אַ מאַקלער אויף דער לאָנדאָנער בערזע — וואוהין בלויז צוועלף אידן זענען צוגעלאָזן געוואָרן. גיך הויבט אָן זיין פאַרמעגן צו וואַקסן. ער הויבט אָן צו פאַרפולקאָמען זיין בילדונג, לערנט שפּראַכן, קומט אַריין אין פּאָליטישע קלובן, זיין גוטער נאָמען אויף דער בערזע שטאַרקט זיין פּאָפּולאַריטעט. אינגיכן עפנט ער אַ באַנק־הויז אינאיינעם מיט זיין ברודער און האָט גרויס ערפאָלג. נאָכדעם גרינדעט ער די ערשטע ענגלישע לעבענס־

פארזיכערונגס־געזעלשאפט, וואו ער אליין איז דער פארוואלטער און דער אייגנטימער. מיט צוויי יאר שפעטער גרינדעט ער די ערשטע געזעלשאפט פאר גאז־באלייכטונג אין די גאסן. די געשעפטן וואקסן, די רייכקייט וואקסט. ער ווערט געוויילט אין פארשידענע אידישע קאמיטעטן. ער בויט א אידישן בקור־חולים. ער גרינדעט א חברה הכנסת־כלה. ער אינטערעסירט זיך מיט אידישער בילדונג פאר קינדער. ער ארבעט אינאיינעם מיט אנדערע פאר אידישער גלייכבארעכטיגונג. ער טוט זיין ארבעט מיט אזוי פיל איבערגעבנקייט, אז ער באוועגט די איידלסטע גייסטער אין ענגלאנד אפן זיך ארויסצוזאגן פאר אידישער גלייכבארעכטיגונג. דאס ווירקט נית ג י ך. מ'דערגרייכט נית דאס ציל שנעל, אבער מ'ווערט נית אפהענטיג. און אין די רעגירונגס קרייזן הויבט מען אן זיך צוגעוואוינען צום געדאנק, אז אידן דארפן ווערן גלייכבארעכטיגט. אין דער זעלבער צייט ארגאניזירט ער א גרויסע הלואה פאר דער ענגלישער רעגירונג, כדי עס זאל איר מעגליך זיין צו פארבאטן דעם שקלאפן־האנדל אין די ענגלישע קאלאניעס, און באפרידיגן די שקלאפן־הענדלער פאר זייערע שאדנס. מאכט דאס אים פאפולער און געאכטעט אין ברייטע דעמאקראטישע שיכטען פונ'ם ענגלישן פאלק. דאס ברענגט דערצו, אז מ'ווילט אים פאר שעריף אין א גרויסן קרייז. ער נעמט אן די וואל נאר מיט'ן תנאי, אז שבתים און ימים־טובים זאל ער זיין פריי פון די פליכטן, וואס זענען פארבונדן מיט זיין אמט. און זיין אמט, אלס אויבער־ריכטער, דערפילט ער בשלמות. אין זיין קרייז האט ער כמעט איינגאנצן בטל געמאכט טויט־שטראף. 1838 ווערט ער געוויילט פאר פארזיצענדן פון דער אידישער „באארד אף דעפיוטיס“. 1846 באקומט ער דעם טיטעל פאר הויפט־שעריף אין קרייז קענט. זיין נאמען איז איצט נית בלויז פאפולער אין ענגלאנד, נאר אויך שוין געאכטעט און געליבט ווייט אויסער די גרעניצען פון זיין פאטערלאנד. ער אליין האט שוין געהאט אנגעשפארט וואו די וועלט האט אן עק, און די וועלט האט געקלונגען מיט אים.

שוין מיט קנאַפּע צוואַנציג יאָר פריער פאָרט ער קיין ארץ־ישראל, דאָס איז 1827. און מיט עלף יאָר שפּעטער פאָרט ער אַ צווייטן מאָל. דער גרויסער אידישער דלות אין די ארץ־ישראל־דיגע שטעט, ווי: צפת, טבריה, ירושלים, יפו און חיפה, צווינגט אים אַ טראַכט צו טאָן וועגן, אַזוי צו זאָגן, „קאָנסטרוקטיווער" הילף פאַר די אידן אין ארץ־ישראל. און דאָ דערטראַכט ער זיך צום פשוט'ן געדאַנק, אַז עס וואָלט זייער גוט געווען, ווען מ'וואָלט גרינדן ערד־אַרבעט קאָלאָניעס פאַר זיי. פון אַרבעט וועלן זיי האָבן ברויט. אַרום צפת, למשל, איז דער באָדן זייער גוט. וויינגערטנער זענען דאָ פאַראַן, קוואַל־וואַסער וויפיל מ'דאַרף, פאַרשידנערליי פעלד־תבואות און פרוכטען פאַרשידענע. פאַרוואָס זאָל עס דען ניט מעגליך זייך? „אידן וואַנדערן אין אַלע עקן וועלט — שרייבט ער אין זיין באַרימטען טאָג־בוך — זיי וואַנדערן קיין אַמעריקע, קיין אויסטראַליע, א. ד. גל., אָבער אין ארץ ישראל וועלען זיי דאָך גרינגער געפינען זייער גליק". און וואָס ווייטער ער פאָרט אין לאַנד, אַלץ מער און מער קומט ער צו דער איבערצייגונג, אַז אידן אין ארץ־ישראל מוזן זיך אָנהויבן צו פאַרנעמען מיט ערד־אַרבייט. און וואַנדערנדיגע אידן אויף דער וועלט דאַרפן זיך באַזעצן אין ארץישראל... און שוין קניפּט ער אָן שתדלנות מיט פאַרשטייער פון דער מאַכט, אַז מען זאָל אידן פאַרדינגען ערד אויף אַ משך פון פופציג יאָר, און זיי זאָלן קיין שום אָפּצאָלן ניט דאַרפן צאָלן; אַז מען זאָל ערלויבן צו שיקן קיין ארץ־ישראל פאַכלייט צו לערנען די אידן ערד־־אַרבעט און אַנדערע מלאכות, וואָס זענען פאַרבונדען מיט ערד־אַרבעט, א. ד. גל., אויסער דעם לאָזט ער אויך גרויסע נדבות אויף פאַרשידענע צוועקען. דערצו איז ער געפאָרן באַפאַנצערט מיט בריף פון די ענגלישע מיניסטאָרן צו די ענגלישע אַמבאַסאַדאָרן און קאָנסולן אין אַלע לענדער און שטעט וואו ער איז דורכגעפאָרן. אומעטום האָט מען אים באַגעגנט און אויפגענומען מיט גרויס כבוד, וואָס האָט די אידן אויף דער גאָרער וועלט געמאַכט גרויס פאַרגעניגן און מאָנטעפיאָרע'ן אַ גרויסן שם.

און אין 1840 שפּילט זיך אָפּ אין דמשק איינער פון די בלוטיגסטע בלבולים, וואָס אידן האָבן ווען עס איז געהאַט אויס־צושטיין. פאָרגעקומען איז פאָלגענדעס: דעם 5טן פעברואַר איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ קאַפּוצינער מאָנאַך, טאָמאַס, מיט זיין דינער. דער מאָנאַך איז געווען אַ שטיקל זנאַכער, און פלעגט זיך ארומ־שלעפּן צווישן אידן און צווישן קריסטן און ציען דעם גראָשן. מיט אַ פּאָר טעג פריער, איידער ער איז פאַרשוואונדען, האָט ער זיך צוקריגט מיט אַ טערק און דער טערק האָט אים געדראָט, אַז ער וועט אים הרג'ענען. אָבער איצט, אַז ער איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָט דער פראַנצויזישער קאָנסול אין דמשק (די קריסטן אין מזרח האָבן זיך געפונען אונטערן שוץ פון פראַנקרייך) גע־הייסן זוכן דעם שולדיגן אין מאָנאַכ'ס טויט צווישן אידן — ווייל זיי דאַרפן דאָך האָבן קריסטלאַך בלוט אויף פּסח. האָט מען גע־כאַפּט אידן, אַרעסטירט, געפּייניגט און געפּאָדערט, אַז זיי זאָלן זיך מודה זיין אין דער הריגה, אָדער זיי זאָלן אויסזאָגן: ווער זענען די רוצחים? קליינע קינדער אפילו זענען געפּייניגט גע־וואָרן, כדי אַרויסצובאַקומען פון זיי דעם „סוד", ווער ס'האָט גע'הרג'עט דעם מאָנאַך און זיין קנעכט. אַנדערע זענען געשטאָרבן אונטער די הענט פון זייערע פּייניגער און זיך ניט מודה געווען אין קיין פאַרברעכן, וואָס זיי האָבן ניט געטאָן, אַנדערע האָבן ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן די אומדערטרעגלאַכע יסורים און האָבן צוגעגעבן אַלץ, וואָס מ'האָט פון זיי פאַרלאַנגט. אַנ־דערע האָבן אָנגענומען דאָס מחמד'אַנישע גלויבן, אבי פּטור צו ווערן פון די אינקוויזיטאָרישע ענויים. אָבער דעם פאַרשוואונדע־נעם האָט מען אַלץ ניט געפונען, און אַלץ מער און מער אומ־שולדיגע מענטשן האָט מען אַריינגעצויגן אין די צוואַנגען פון דער נייער, מחמד'אַניש־קאַטוילישער אינקוויזיציע. די צייטונגען אויף דער גאַנצער וועלט האָבן ניט אויפגעהערט צו דערציילן פון דעם מאָרד, וואָס די אידן אין דמשק זענען באַגאַנגען. די אידן אין דמשק האָבן ניט אויפגעהערט צו דערציילן פאַר די אידן פון דער גאַנצער וועלט פון דעם אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן,

וואָס איז דאָך אייגענטלעך אַן אומגליק פאַר די אידן אויף דער גאַנצער וועלט. און אַז די ידיעות זענען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט עס מאָנטעפיאָרע אויף זיך גענומען דעם עול פאָרן קיין דמשק און מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער שמוציקער קאַטויליש־פראַנצויזישער אינטריגע. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד איז געווען לטובת די אידן. די רעגירונג האָט אויסגעשטאַטעט מאָנטעפיאָרע'ן מיט אַלע נויטיקע רעקאָמענדאַציעס. מיט אים איז מיטגעפאָרן קרעמיע און מונק פון פּאַריז. נאָך פיל אָנשטריינגונגען און פיל מסירת־נפש, דערהויפּט מצד מאָנטעפיאָרע'ן, איז עס געלונגען צו באַווייזן די בייזוויליקייט, וואָס האָט געשטעקט אינ'ם גאַנצן בלבול. די באַשולדיקטע אידן (עטליכע און דרייסיק) האָט מען באַפרייט. בינו לבינו איז סיריע ווידער איבערגעגאַנגען אין רשות פונ'ם טערקישן סולטאַן, און מאָנטעפיאָרע מיט קרעמיע זענען אַריבערגעפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און געבעטן באַם סולטאַן אַ פירמאַן (אַ דעקרעט), וואָס זאָל שיצן די אידן אין טערקיי פון בלוט־בלבולים. און זייער בקשה ווערט דערפילט. דעם 6טן נאָוועמבער, 1840, גיט דער סולטאַן אַרויס אַ פירמאַן, וואו עס ווערט דערקלערט, אַז דאָס באַשולדיקן אידן אין „בריינגען מענטשלעכע קרבנות" איז אַ מיאוס'ע רכילות; „אַז דער סולטאַן וויל ניט, אַז אויף ווייטער זאָל מען אידן פייניגן און טאָן זיי עוולות". דער דאָזיקער פירמאַן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער גרויסער וועלט־פרעסע. מאָנטעפיאָרע'ס נאָמען ווערט פאַרבונדן מיט דער אידישער געשיכטע און ניט־אידן באַוואונדערן דעם מוט און דאָס גרויסע וואגן, וואָס מאָנטעפיאָרע פאַרמאָגט. און אין דריי חדשים אַרום ערלויבט אים די קעניגין צו האָבן אין זיין הערב דאָס וואָרט „ירושלים" מיט העברעאישע אותיות.

מיט זיבן יאָר שפּעטער (1847) קומט ווידער פאָר אַן עלילת־דם אין דמשק. און ווידער צוליב אַן אינטריגע פונ'ם פראַנצויזישן קאָנסול דאָרט. אינאיינעם מיט'ן בלבול קומען פאָר פּאָגראָמען. און מאָנטעפיאָרע פאָרט קיין פּאַריז, האָט אַן אודיענץ

באם פראנצויזישן קעניג לואי פיליפ און פועל'ט בא אים, ער זאָל פאַרזאָגן דעם פראנצויזישן קאָנסול אין דמשק אז ער זאָל ניט שטיין אויף דער זייט פון די אידישע שונאים — ווייל דער גאַנצער „בלוט־בלבול" איז בלויז ליגן און רכילות. דאָס נעמט אָפּ דעם „מוט" באַם קאָנסול און די באַשולדיגטע אידן ווערן באַפרייט.

און אין פינפטן צענדליג פונ'ם 19טען יאָרהונדערט איז מאָנטעפיאָרע'ס נאָמען פּאָפּולער אין אַלע אייראָפּעאישע הויפן. אפילו אין דער האַלב־ווילדער רוסלאַנד פון יענער צייט האָט מען וועגן אים זייער א הויכע מיינונג. און אז דער „מוסטערהאַפּטער אוניפאָרם־טרעגער", ניקאָלאַי דער ערשטער, נעמט עס אונטער איבערצודערציען „זיינע אידן", „כדי זיי זאָלן ווערט זיין צו באַקומען בירגער־רעכט און זיין ניצלאַכע בירגער פאַר זייער פאָטערלאַנד", וויל ער אויסהערן מאָנטעפיאָרע'ס מיינונג וועגן די פראגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיין אונטערנעמונג. צו דעם צוועק לאַדט מען אים איין קיין רוסלאַנד. און ניקאָלאַי'ס משולח, דר. ליליענטאַל, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע איינצורעדן אידן זיי זאָלן זיך וועלן בילדן, רעדט־צו די אידישע געמיינדע אין ריגא און די אידישע געמיינדע אין גראָדנא, אז זיי זאָלן אין זייער נאָמען בעטן מאָנטעפיאָרע'ן, ער זאָל קומען קיין רוסלאַנד זיך משתדל זיין פאַר די פאַרפאָלגטע און פאַרהעצטע רוסישע אידן. פיר יאָר האָט געדויערט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן מאָנטעפיאָרע'ן, אוכאַראָוו'ן (בילדונגס מיניסטער צו יענער צייט) און קיסילעוו'ן (פאָרזיצער פון דער אידישער קאָמיסיע), ביז מאָנטעפיאָרע איז ענדלאַך אין 1846 געפאָרן קיין פּעטערבורג. דאָ ווערט ער אויפגענומען מיט'ן גרעסטן פאַראַד און מיט דער גרעסטער העפלאַכקייט. ער הערט פון די מיניסטאָרן פיל קאָמפּלימענטן וועגן זיין פּערזאָן, פיל באַליידיגענדע מיינונגען וועגן אידן. דאָס קרענקט אים. ער בעט ערלויבניש צו באַזוכן ווילנא, ווארשאָ און אַ פּאָר אַנדערע אידישע שטעט. אין ווילנא נעמען די אידן אים אויף מיט קעניגליכן

פאַראַד, און מער ווי דערמיט, מיט העַרצער פול ליבע און אי־בערגעבענקייט. מיט הערצער פאַרבלוטיגטע און פאַרביטערטע באַ־געגענען זיי אים, מיט ציפערן און מיט פאַקטן באַווייזן זיי אים אז אַלע באַשולדיגונגען, וואָס מען מאַכט אויף זיי, אַלע שלעכטע מיינונגען, וואָס עקזיסטירן וועגן זיי אין די „ספערן“, זענען געבויט אויף רכילות, אויף האַס און אויף שקר. ער זעט איין וואו דער אמת איז. ער פאַרשטייט נאָר ניט, פאַרוואָס ווילן ניט אידן לערנען און קענען די לאַנדס־שפּראַך, רוסיש. די רבנים און ראשי־ישיבות קאָנען אים ניט באַפרידיגן מיט זייערע ענטפערם. אָבער ער ווערט אזו צוגעבונדען צו די ווילנער אידן, אַז פאַר׳ן אוועק־פאָרן זאָגט ער זיי: „איך פאָר אוועק פון אייך, אָבער מיין הארץ וועט תמיד זיין מיט אייך. די צרות פון מיינע ברידער זענען אויך מיינע צרות, ווען איר האָט א סיבה צו וויינען, גיסן אויך מיינע אויגן טרערן“. און דאָס איז אויך אמת געווען. דאָס אייגענע, וואָס אין ווילנא, לעבט ער אויך איבער אין ווארשא, אויך דאָ הערט ער די בעסטע מיינונגען וועגן די אידן אין אַנדערע לענ־דער, און די ערגסטע מיינונגען וועגן די אידן אין ד ע ם לאַנד: פויל זענען זיי, אייראָפּעאיזירן ווילן זיי זיך ניט, ווילן זיך ניט פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט, א. ד. גל., און די אידן, פון זייער זייט, באַווייזן וואָסערע נגישות, רעכטלאָזיקייט, העַצע און פאַר־פאָלגונג ס׳ווערט אָנגעווענדט געגן זיי. אויפ׳ן גרונט פון די אַלע געזאַמלטע מאַטעריאַלן, שטעלט ער צו דער רוסישער רע־גירונג זיין קוק אויף דער אידישער לאַגע אין רוסלאַנד און אין רוסיש־פוילן. ער באַווייזט, אַז עס איז נויטיג צוריק אויפצובויען די חרוב׳ע אידישע „קהלות“, נאָכלאָזן אביסל די רעכטלאָזיקייט. די ערציאונג פאַרבעסערן לויט די לעבנס־באַדערפענישן פון די אידישע מאַסן — אָבער קיין שום ווירקונג האָט דאָס אַלץ ניט...

מיט אַכט יאָר שפּעטער טרעפט מען אים ווידער אין פּאַ־לעסטינא, וואו ס׳הערשט דאַן הונגער, עפּידעמיעס, אין צוזאַמנ־האַנג מיט׳ן קרימער קריג. דאַן גרינדעט ער דאָרט א האָספּיטאַל,

א קאמערץ־שול, א הקדש און קויפט אויך ערד פאר א אידישער קאלאניע ארום צפת.

און אט קומט אונטער די מעשה מארטארא. אין באלאניע (איטאליע) קומען דעם פויבסט'ס זשאנדארמען און גזלנ'ען אוועק דאס זעקס־יאריגע אידישע אינגעלע, ערגאר מארטארא, פון זיינע עלטערנ'ס הויז, און שמד'ן עס אפ — ווייל א קריסטלאכע דינסט, וואס האט געדינט בא מארטארא'ן, האט זיך פאר'ן טויט מודה געווען, אז אמאל, בעת דאס קינד איז שטארק קראנק געווען, האט זי דאס, אויס רחמנות, אפגע'צלמ'ט. בכן איז דאס קינד א קריסט און געהערט דעם קאטויליציזם. גאנץ אייראפא האט געשטורמט מיט דער נבלה פונ'ם קאטוילישן קליר. פארשידענע קהלות האבן זיך געווענדט צום פויבסט מיט דער ביטע אומצוקערן דאס אי־דישע קינד צו זיינע עלטערן. אבער קיין זאך האט ניט געהאלפן. דאן איז מאנטעפיארע, באוואפנט מיט כל'ערליי פאפירן פון דער ענגלישער רעגירונג, אליין געפארן קיין רוים. אבער אויך זיין רייזע איז געווען אומזיסט. אפילו קיין אודיענץ באם פויבסט האט ער זיך ניט געקאנט דערשלאגן. און גראד אין דער צייט, וואס ער איז געווען אין רוים (פסח־צייט), איז אנגעגאנגען אן אומגעהויערער עלילת־דם און פאגראם־העצע אין שטאט, און ער איז ניט אימשטאנד געווען צו העלפן דעריין...

א פארצווייפלטער קערט ער זיך אום קיין ענגלאנד. ער איז שוין ווייט איבער 70 יאר אלט, אבער מיט זיין יונגען גייסט טוט ער ווייטער זיין הילפס־ און שתדלנות־ארבעט. אין 1860 זא־מעלט ער א קאלאסאלע סומע צו העלפן די קריסטן אין מזרח, וואס האבן געליטן פון פאגראמען, וואס די דרוזן האבן אויף זיי געמאכט. 1861 טוט ער דאס אייגענע פאר די אידן אין קארפו און אין די יאנישע אינזלען, וואס ליידן פארשידענע ענויים. 1862 איז ער אין קאנסטאנטינאפאל, באם נייעם סולטאן, אז ער זאל באשטע־טיגן דעם אלטן פירמאן, לטובת די אידן, פונ'ם געוועזענעם סול־טאן. דאס פועל'ט ער אויך. 1863 זעט מען אים אין מאראקא ראטעווען צוויי אידן פון א בלוט־בלבול, און פונ'ם מאראקאנישן

סולטאַן באַקומט ער אַרויס אַ פירמאַן, וואו ס'ווערט דערקלערט, אַז אַלע בירגער האָבן רעכט אויף אַ גערעכטער באַהאַנדלונג, און יעדער וואָס וועט אַ אידן ביז טאָן, וועט שטרענג בשטראָפט ווערן. דער פירמאַן ווירקט ניט לאַנג. אינגיכן קערט מען זיך דאָרט אום צום אַלטן שטייגער בנוגע באַהאַנדלען אידן. דאָס אייגענע געשעט מיט פינף יאָר שפּעטער אין רומעניען, וואוהין ער פאָרט זיך משתדל זיין פאַר די דאָרטיגע אידן, און די אַנטיסעמיטן מאַכן פיינטלאַכע דעמאָנסטראַציעס פאַר מאָנטעפיאָרע'ס וואוינונג אין בוקאַרעשט. קיין קיום האָבן אויך די הבטחות פון רומענישן קעניג ניט געהאַט.

און ווידער פאָרט ער קיין רוסלאַנד אין 1872 צו דאַנקען אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, אין נאָמען פון די ענגלישע אידן, פאַר זיין גוטער באַציאונג צו די אידן אין רוסלאַנד, און באַגריסן אים צו דער פייערונג פונ'ם 200 יאָריגן געבורטס־טאָג פון פּיאָטר דעם גרויסן. און ווידער טוט ער הילפס־אַרבעט פאַר די אידן אין פּערסיען, פאַר די אידן אויפ'ן קאַווקאַז, און ווידער פאַר די אידן אין דמשק, און וואו נאָר אַ אידישער קרעכץ האָט דורכגעשניטן די לופט. ער ווערט דער צענטער, דאָס צענטראַלע אידישע האַרץ, אויף דער וועלט, וואָס פילט אַלע אידישע נויטן און רעאַגירט אויף יעדן אידישן צער. אַלע טרערן־קוואַלן ציען צו אים. אַלע ביטערע הערצער ווערן אויסגעגאָסן פאַר אים. און ער נעמט עס אָן. ער וויל העלפן, אָבער ניט באַפרייען זיך פון דער גרויסער דלות־לאַסט און נויט־פיין וואָס די גאַנצע אידישע וועלט האָט געטיילט מיט אים. אינאיינעם מיט די פּעק אידישע צרות איז אים אויך שטענדיג אונטער זיין צוקאָפּנס געלעגן אַ פּשוט'ער שטיין פונ'ם חורבן ירושלים. דאָס חרוב'ע לאַנד און דאָס חרוב'ע פאָלק זענען שטענדיג וואַך געווען אין זיין זכרון.ביידן וויל ער זען אויפגעריכט — איינער דורכ'ן אַנדערן. און ווידער פאָרט ער קיין ארץ־ישראל, און נאָכאַמאָל פאָרט ער קיין ארץ־ישראל, אַזוי ביז זיבן מאָל. פיל הייזער בויט ער אין די שטעט, פיל דונאַם ערד קויפט ער און לאָזט באַאַרבעטן אין די דערפער. פיל „הדסה־

ארבעט" — ווי עס הייסט היינט — טוט ער דאָרט. זיין ארבעט ברענגט דערצו, אז דער טערקישער סולטאן לאָזט אים מעלדן, אז ער איז גרייט צו עפענען ארץ־ישראל פאַר אידישער קאָלאָני־זאציע; באַדן וועט ער געבן אומזיסט, הנחות וועט ער מאַכן וואָסערע מ'וויל, נאָר מ'זאָל אים אויסהעלפן מיט געלט, ער זאָל אימשטאַנד זיין צו פארבייטן זיינע אַלטע מטבעות אין לאַנד מיט נייע... מאָנטעפיאָרע מיינט, אז א מיליאָן פונט וואָלט גענוג גע־ווען דערצו.

אָבער קיינער וויל אים ניט אויסהערן.

נאָענט צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג, וואָס גאַנץ ענג־לאַנד און די אידן אויף דער גאַנצער וועלט האָבן געפייערט, גרינדעט זיך אין לאָנדאָן א קאָמיטע „מזכרת משה", וואָס האָט צו טאָן קאָנסטרוקטיווע ארבעט אין ארץ־ישראל. אין דערזעלבער צייט ווערן אויך געזאמלט גרויסע סומען געלט פון זיין בילד, וואָס ווערט פארקויפט אומעטום, וואו אידן לעבן. דאָס געלט גייט אויף ישוב ארץ־ישראל.

1885 איז ער געשטאָרבן. אויף דער גאַנצער וועלט האָט זיין טויט געמאַכט אַן איינדרוק. גאַנץ ענגלאַנד האָט זיין טויט באַ־דויערט. אַלע אידן האָבן זיין טויט באוויינט.

די אידן אין דייטשלאַנד

ווען האָבן זיך אידן צוערשט באַוויזן אויף דייטשן באָדן? פאַראַן ווענן דעם לעגענדעס, השערות און אפילו באַהויפּטונגען, אָבער גענוי לאָזט זיך דער צייטפּונקט נישט פעסטשטעלן. זיכער איז אָבער, אַז אידן האָבן געלעבט אין דייטשלאַנד מיט הונדערטער און הונדערטער יאָרן פריער, איידער דער באַגריף „דייטשלאַנד" איז אויף דער וועלט געווען; אֵיידער דער אַלגעמיינער נאָמען „דייטש" — פאַר פאַרשידענע דייטשע שטאַמען — איז געווען אויפגעקומען. מען רעדט פון אידן־סוחרים אין דייטשע לענדער נאָך אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלאַבער צייט־רעכנונג. פאַראַן קעניגליכע פאַראָרדנונגען בנוגע דער אידישער קהלה אין קעלן, פון פערטן יאָרהונדערט. פאַראַן פאַקטן וועגן אידן אין שליחות פון דייטשע קעניגן — קאַרל דעם גרויסן — פון אָנהויב ניינטן יאָרהונדערט. און אַז מיר באַגעגענען זיך מיט די אידן אין אָנהויב פון צווייטן יאָר טויזענט, באַגעגענען מיר זיי שוין ווי אַלטגעזעסענע. אין קהלות לעבן זיי: אין מאַגדעבורג און אין שפּייער, אין וואָרמס און אין מאַינץ, אין מעץ און אין קעלן און אין אַ סך אַנדערע שטעט. אין יענער צייט זענען די בישאָפן — פון די דייטשע קעניגן אָדער קיסרים באַשטימט — די רעגירער פון די שטעט. די לעצטע ווייזן אַרויס גרויסע פעאיקייטן און העלפן די שטעט זיך אַנטוויקלען און וואַקסן. דערצו איז נויטיג דער רירעוודיגער האַנדלס־עלעמענט — די אידן. זאָרגן אָפט די בישאָפן פאַר דער אידישער זיכערקייט, פאַר זייער אומבאַרירלאַכקייט און נאָרמאַלן רעגולירטן לעבן. זענען די אידן אויך מיט גרויסער פריינטשאַפט צוגעבונדען צו די בישאָפן. די אידישע געשיכטע דערציילט פון שווערן טרויער, וואָס אידן אין פאַרשידענע שטעט האָבן איבערגעלעבט נאָכ'ן טויט פון פאַרשידענע בישאָפן אין משך פון עלפטן

יאָרהונדערט. געווים זענען אויך אין די דאָזיגע גוטע צייטן פאָרגעקומען אמאָל אויסברוכן — א גירוש, א פאָגראָם — קעגן אידן. אָבער בכלל האָבן אידן אין דייטשלאַנד ביז'ן ערשטן קרייצ־צוג (1096) ניט געוואוסט פון קיין רדיפות. אידן פאַרנעמען זיך ביסלאַכווייז מיט ערד־אַרבעט, מיט פלאַנצן וויינגערטנער, מיט פאַרקויפן וויין, פאַרב־שטאָפן, מעדיקאַמענטן, זאַלץ און פלייש. גרויסע סוחרים האַנדלען מיט פוטער פון רוסלאַנד, מיט קנעכט פון אַנדערע סלאַווישע לענדער. דורך דער פאַרמיטלונג פון פראַנצויזישע אידן שטעלן זיי צו זייער טויטע און לעבעדיגע סחורה אויף די מערק פון שפאַניע.

אָבער בכלל איז די גוטסקייט פון די בישאָפן צו אידן אין די שטעט ניט גאַנץ זיכער. פון צייט צו צייט קומען אָנרעגונגען פון פאַבסט, אז מען זאָל די אידן דאָס ניט ערלויבן, עפעס אַנדערש פאַרווערן, א. ד. גל. אויב דאָס געשייט ניט אַזוי, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך געמוזט רעכנען אויך מיט די אַנ־זיכטן פון קעניג — וועלכער האָט געהאַט דאָס רעכט די בישאָפן צו באַשטימען. דערפאַר האָבן אידן שטענדיג געוואָלט זיין בעסער אונטערוואָרפן דעם קעניג דירעקט, איידער דעם בישאָף. דערפאַר, אַז דער קעניג (היינריך דער פערטער) טרעט אַרויס אין קאַמף קעגן פאַבסט, שטיצן אידן דעם קעניג. דער לעצטער אַנערקענט זייערע פאַרדינסטן און שיינקט זיי דערפאַר באַזונדערע פריווילעגיעס. לויט זיי, זענען אידן כמעט גלייך מיט אַלע ניט־אידישע אונטערטאַנען. זיי מעגן זיך באַשעפטיגן מיט אַלץ, זיי מעגן זיך באַוועגן איבערן לאַנד ווי פיל און וואוהין זיי געפינען עס פאַר נויטיג. זיי ווערן באַפרייט פון געוויסע ספּעציעלע אָפּצאָלונ־גען. דערצו האָבן זיי אַן אָרגאַניזירטע קהלה, מיט פרנסים און ראשי־קהל. האָבן אַן אייגענעם געריכט — בנוגע קאָנפליקטן צווישן אידן. א אידישע שבועה — אפילו באַ א משפט מיט א ניט־אידן א. ד. גל.

אָבער דאָ הויבט זיך אָן די באַוועגונג צום ערשטן קרייצ־צוג און פאַרפלייצט גאַנץ מיטל־אייראָפּא מיט לעבנס־געפערלאַכער

אומטאָלעראַנץ און רעליגיעזן פאַנאַטיזם. אַנדערש־גלויביגע ווערן באַטראַכט ווי מענטשן וואָס שטייען אויסערן שוץ פון געזעץ. נאָך ערגער: ווי פאַר׳משפט׳ע צום טויט. און אַ זכות זעט עס יעדער פאַר זיך — צו זיין דער תליון פון די דאָזיגע פאַר׳משפט׳ע. און קיין שום קעניגליכע פריווילעגיעס שיצן ניט פון די תלינים׳ס הענט. פראַנצויזישע קרייצפאָרער רייסן זיך אריין אין דייטש־לאַנד, צום צוועק, איידער זיי וועלן באַפרייען דעם הייליגן קבר פון אומגלויביגע הענט אין ארץ ישראל, וועלן זיי דאָ, אין איי־ראָפּע, אויסראָטן אַלע אַנדערש־גלויביגע. אידן זענען געבליבן אויף הפקר. דער קעניג מיט זיין חיל איז געשטאַנען אין איטאַליע. די בישאָפן זענען אַליין אויך געווען פאַרכאַפּט פון דעם באַטוי־בענדן גייסט פון די קרייצפאָרער. די אידן אַליין האָבן זיך אין איינציגע ערטער באַוואָפנטע אַנטקעגן געשטעלט. עס האָט אָבער ניט גענוצט. די רייכסטע קהלות זענען חרוב געוואָרן. טויזנטער לעבנס זענען אומגעקומען, טויזנטער זענען געצוואונגען געווען צו שמד א. ד. גל. די גוטע באַציאונג פון דעם קעניג צו די אידן לינדערט וויניג דעם אידישן צער און קאָן זיי נישט שיצן פון די שלעכטע פאָלגן, וואָס דער ערשטער קרייצ־ציג האָט געהאַט פאַר די אידן. דאָס גאַנצע לאַנד שטייט אונטער׳ן צייכן פון די דאָזיגע פאָלגן. נעמליך: דאָס אויפקומען פון אַ קריסטלאַכן סוחרים׳שאַפט — נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אויף דער קרייצ־נסיעה באַקאַנט מיט די מערק און סוחרים אין פאַרשידענע לענ־דער, און די אומגעהויערע אַנטי־אידישע העצע, וואָס די גייסט־לאַכע האָבן אָנגעפירט צווישן די מאַסן. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז די עפּיסקאָפּן האָבן עס געהאַלטן פאַר נויטיג אַרויסצו־שיקן קעגן־פּרעדיגער, כדי צו באַרואיגן דעם קריסטלאַכן המון. אין 1147 קומט פאָר אַ אידישער פּאָגראָם אין ווירצבורג, אַלס פאָלגע פון אַן עלילת־דם און אין זעלבן יאָר קומט פאָר דער צווייטער קרייצ־צוג.

אַ פייער־שטורם טראָגט זיך פאַר איּם איבער אידישע גאַסן און אידישע קעפּ. ער פאַרברענט, רייסט־אויס און ראָט־אויס

אַלץ וואָס אידיש ער באַגעגנט אויף זיין שטורם־וועג. די שאָדנס אין לעבנס און פאַרמעגנס לאָזן זיך ניט שאַצן. די אומגליקלאַכע געהעצטע און געשאָכטענע אידן דערזעען די וועלט אַרום זיי אַ בלוט־דורשטיגע, אַ רויב־גיריגע, חיה־פאַרווילדעטע — און ציען זיך צוריק פון איר. זיי קירעווען זיך אָפּ פון ברייטן שליאַך, און אין טויט־שרעק פאַרשאַנצן זיי זיך אין זייער ענגן אָבער אייגע־נעם ווינקל. ניט איר חכמה, ניט אירע פּראָבלעמען און ניט אירע אויפגאַבן אינטערעסירן זיי מער. אין מורא פאַר דער אומ־ווירדיגער וועלט, קאָנצענטרירן זיי זיך אין זיך, בלויז אין זייערע אייגענע, אָפּגעזונדערטע קולטור־פּראָבלעמען. דאָ זוכן זיי און גע־פינען מאָטיוון, באַרעכטיגונג און טרייסט פאַר זייער אומדער־טרעגליך אידיש לעבן. זיי קויפן זייער שיץ באַ די קעניגן פאַר הויכע פּרייזן, און זיי, די קעניגן, אַמאָל האָבן זיי זיך געלאָזט באַצאָלן און געדיינקט און געשיצט, און אַמאָל האָבן זיי גענומען דאָס געלט און באַלד פאַרגעסן און די אידן ניט געשיצט. אינגיכן קומט אויף פאַר אידן דער ערנידעריגענדער טיטל „הויף־קנעכט“. דאָס הייסט: דער הויף, צי דער קעניג, איז מחויב זיי צו שיצן קעגן אָנגריפן פון אויסן, אָבער ער אַליין קאָן זיי אָנגרייפן אויף טויט און אויף לעבן, אויף רויב און אויף מאָרד. און אַזוי איז אויך געווען. אַמאָל פלעגט דער קעניג זוכן עפּעס אַ תירוץ פאַרוואָס ער פאָ־דערט פון אידן סתם געלט אויף זיינע באַדערפנישן — *אויסער* דער סומע און די פאַרשידנסטע אָפּצאָלונגען, וואָס ער באַקומט פאַר'ן שוץ — אָבער אינגיכן הערט מען אויף זיך צו שעמען און מען פאָדערט געלט גאָר אָן שום תירוצים. און יערלאַכע און איינמאָליגע אָפּצאָלונגען לייגט מען אַרויף אויף די אידן סתם, לויט דער אייגענער מוטוויליקייט. און וויל אַ קעניג פאַרגיטיגן וועמען פון זיינע וואַסאַלן (אים דינענדיגע און פון אים אָפּהענ־גיגע פירשטן) אָדער שטעט, טרעט ער זיי אָפּ אַ טייל פון זיינע רעכט אויף צו זויגן אידן (אַזוי, למשל, פרידריך דער צווייטער, 1215). זויגן זיי, אָבער דעם עול פון שוץ נעמען זיי אויף זיך ניט.

און וואָסערע אָפּצאָלן טראַכטן זיי, די נייע בעלי־בתים, ניט אויט? וואָסערע באַליידיגונגען זענען זיי ניט ממציא? וואָסערע בלבולים מאַכט מען ניט אויף אידן? און אַלץ צו איין צוועק — אידן זאָלן זיך אויסקויפן דערפון! און דאָס אפילו דעמאָלט, ווען קיסר און פּאַבסט פּאַרווערן אַזוינע האַנדלונגען. עס קומט דערצו, אַז מלוכה זעט זיך געצוואונגען צו לאָזן דרשה'נען פאַר'ן פאָלק און אים ערקלערן, אַז אַ אידן טאָר מען ניט הרג'ענען.

אין דרייצענטן יאָרהונדערט לעבן די אידן אין דייטשלאַנד ווי שטענדיגע מאַרטירער. און קיין וואונדער ניט. פון די זיבן קרייץ־צוגן, וואָס זענען פאָרגעקומען, זענען פיר אויסגעפאַלן אויפ'ן דרייצענטן יאָרהונדערט, און אין אַ משך פון איינע זיבעציג יאָר (1209, 1228, 1248, 1270). שוין יעדער גרייטן זיך בלויז צום קרייץ־צוג ברייננגט מיט זיך בלוטיגן פאַנאַטיזם, רויב און מאָרד וואָס ציט צו אַלע פאַרדאָרבענע נפשות. און אויך די רעגירער טיילן די העצערישע שטימונגען. זענען אידן שטאַרק באַגרעניצט אין זייערע האַנדלס־רעכט. סוחרים לאָזן ניט קיין אידן אין זייער גילדע, בעלי־מלאכות לאָזן ניט צו קיין אידן צו זייערע צעכן. ווערט די לאַגע אַלץ געדריקטער, ווערן אידן געצוואונגען צו געלט־געשעפט און נישטיגן קליינעם האַנדל. די געדריקטע לאַגע ברייננגט צו פאַרברעכן. רבנים מוזן מתרה זיין: אידן זאָלן זיך באַנעמען ערלאַך, ניט האַנדלען מיט פאַלשע מטבעות און ניט מסר'ן זאָל איין איד דעם אַנדערן. אָבער די גרויסע נויט ברעכט דאָס אַלץ. עלילת־דם גייט ניט אַראָפּ פון דער אידישער טאָג־אָרדנונג, היינט דאָ, מאָרגן דאָרט, און יעדער עלילת־דם ברייננגט צו מענטשלאַכע קרבנות. צום סוף פון דרייצענטן יאָרהונדערט קומט פאָר אין דייטשלאַנד אַ קאַמף אַרום טראָן, אין לאַנד קומט עס צו אַנאַרכיע און אידן זענען די אומשולדיגע קרבנות.

איין ביישפּיל: עפּעס אַ פּריץ, אַ בעל־חוב צו אידן, האָט זיך געחלומ'ט, אַז אידן האָבן אַרויסגע'גנב'עט דאָס היילגע ברויט פון קירך, כדי עס צו שענדן, און אַז ער איז

באשטימט זיך נוקם צו זיין אין זיי דערפאר, און דאס איז געגנוג געווען. אין בייערן אליין מאכט דער בעל־חלומות און זיינע באנדעס חרוב 140 אידישע קהלות. אין אנדערע לענדער אביסל ווייניגער.

און דאס פערצענטע יארהונדערט איז פאר אידן אין דייטשלאנד געווען נאך ערגער ווי די פריהערדיגע. די פירשטן און די קעניגן פרעסן אוים פון זיי דורך פארשידענע, פאנטאס־טישע שטייערן דעם לעצטן בלוט־טראפן. עס גילטן: געווינלאכע שטייערן, אויסערגעווינלאכע שטייערן, יערליכאר שטייער, איינמאליגער שטייער, אפמאך־שטייער, קאפ־שטייער א. ד. גל, דער המון, צוליב דער שווארצער מגפה, אין וועלכער מען באשולדיגט אידן, רויבט די אידן, פייניגט זיי און מארדעט זיי. קעניגן פאר׳משכנ׳ען זיי און לייען אויף זיי געלט. אבער איצט, בא הפקרות, האבן אידן קיין שום שוץ ניט. פאגראמען הערן ניט אויף. א גרויסער טייל פון דייטשלאנד איז ווי איין שחיטה־שטוב פאר אידן. טיראנען זיצן אויפ׳ן דייטשן טראן (אזוי, למשל, קעניג ווענצעל, 1400־1378), רויבער רעגירן די דייטשע לענדער און אידן שטעלן צו דאס בלוט צו שטילן זייערע אפעטיטן. פלוצלינג, ארעסטירט מען אלע אידן. מען נעמט אפ בא זיי אלע וועקסלען, וואס זיי פארמאגן, און מען שרייבט זיי איבער אויף נעמען פון די שטעט. די לעצטע מאנען איין פאר ז י ך די אידישע חובות, דערפאר צאלן זיי דעם קעניג א באשטימטע סומע. אדער מען קערט אום די וועקסלען צו די בעלי־חובות, און זיי גיבן דערפאר דעם קעניג א געווימן טייל פון דעם חוב, וואס זיי זיינען שולדיג די אידן. עס בייטן זיך צייטן. עס בייטן זיך די רעגירונגען און רעגירער. אבער פאר אידן איז די זון אין הימל איין פאר אלע מאל שטיין געבליבן. קיין זאך ענדערט זיך ניט פאר זיי. מען רויבט זיי אנגרא און דעטאל. מען מארדעט זיי איינציגווייז און מנינים׳ווייז און קהלות׳ווייז. און זאגט שוין עמיצער א קעניג צו, און לאזט זיך גוט באצאלן פאר די „פריווי־לעגיעס", אונטערגעשריבענע און גע׳חתמ׳עטע (אזוי, למשל, קעניג סיגיזמונד, 1415), האלט ער אויך קיין ווארט ניט. דאס באדער־

פעניש אין געלט איז גרויס. די תאוה דערצו נאָך גרעסער. און דער איד, וואס האט דאס געלט אלס פראפעסיע, איז פריי ווי דער ווינט אין פעלד, הפקר ווי דער דארן אין וואלד — פארוואס ניט אויסשטרעקן קיין האנט דערצו?

אויפ'ן באָדן פון דעם אַלטן האס צו אידן קומען־אויף, אין פופצענטן יארהונדערט, נייע שונאים: די קליינע פירשטן און די „פרייע שטעט". די ערשטע — אביסל צוליב קנאה, וואס די אידן, אזא גאלד־גרוב, גילטן בלויז פאר'ן קעניג, און אביסל — צוליב די חובות וואס זיי זיינען שולדיג געוועזן צו אידן. די לעצטע — אויס אימה פאר אידישער קאָנקורענץ אין האנדל. קיין גרויסע קאטאסטראָפעס קען דאס פופצענטע יארהונדערט ניט. אָבער בלוט־בלבולים הערן ניט אויף; אבער גירושים שטעלן זיך כמעט ניט אָפּ. אין דעם איינעם יארהונדערט לעבן אידן איבער ד ר י י צ ן גירושים פון פארשיידענע געגענטן. און יעדער גירוש הייסט: חורבן, דלות, קראנקהייט, ענטאַרטונג. און דאס געשעט מיט די אידן אין דעם פופצענטן, ב ע ס ע ר ן יארהונדערט....

דיזעלבע לאגע דויערט אויך דורך דעם זעכצענטן יארהונדערט. אפילו דער הומאניזם און די רעפאָרמאציע פון דעם זעכצענטן יארהונדערט האבן ניט קיין ווירקונג אויף דער אידישער לאגע. על כל פנים — צו בעסערן ניט. די רעפארמאציע, מיט לוטער'ן בראש, ווייזן לכתחילה א פריינדליכע מינע צו אידן — מען האָפט, אז אידן וועלן אָננעמען פראטעסטאנטיזם. אז מען האט אָבער זיך איבערציינגט, אז אידן בלייבן גלייכגילטיג אויך צו דער נ י י ע ר פאָרם פון קריסטנטום, האָבן די פראטעסטאנטן אָנגעהויבן צו ווייזן, אז בנוגע אידן זענען זיי אויך גוטע קאטויליקן... פון מיטן זעכצענטן יאָרהונדערט פארפעסטיגן זיך די קליינע פירשטנטימער — קנאפע פ י ר ה ו נ ד ע ר ט — כמעט אין זעלבסטשטענדיגע פאָטערלענדער. פארשיידן זענען זיי פונאנאנדער אין פיל פרטים. אָבער בנוגע צו „אידן־פאראָרדנונגען" זיינען די אלע קליינע פירשטן גרויסע דעמפאָטן. מלאכה איז פארבאָטן. ערד־קויף און ערד־ארבעט פארבאטן. דאס באוועגן זיך פון „פאָטערלאנד" צו „פאָטערלאנד" אָדער אפילו

פון שטאט צו שטאט אין איין לאנד, איז פארבונדן מיט געוויסע אפצאלן. זיין וואוין־רעכט מוז דער איד אלע מאל באנייען. שטארבט ער — און בלויז איין זון זיינער ירש'נט זיין רעכט צו בלייבן וואוינען אויפ'ן זעלבן ארט; די איבעריגע קינדער מוזן עמיגרירן אנדערשוואו. אין זאקסן, למשל, איז שוין באקאנט דאס אבלאוועס־סיסטעם אויף די אידישע וואוינונגען. אין אנדערע שטעט לאזט מען, פאר אפצאל, אריינקומען אידן געשעפטס־מעסיג, אבער בלויז אין דער באגלייטונג פון צוויי פאליציסטן א. אז. וו. א. וו.

דאס זיבענצענטע יארהונדערט ברענגט דעם דרייסיג־יאריגן קריג פון (1618 ביז 1648), וואס האט חרוב געמאכט דייטשלאנד. ער גראבט אויך איינגאנצן אונטער דעם עקאנאמישן יסוד פון דעם דייטשן אידנטום. דער שלום פון וועסטפאלן באפרייט די קליינע דייטשע מדינות פון דער אויבערהערשאפט פון קייזער, און דאס איז א גרויס אומגליק פאר אידן. ווארים פריער אמאל, נאך גרויס השתדלות, פלעגט אמאל דער קייזער אפשאפן די גזירות פון א קליי־נעם, אים אונטערטעניגן וואסאל. פון איצט אן אבער איז ניט גע־ווען מער צו וועמען צו אפעלירן. אין יעדן לאנד זענען געווען בלויז באשטימטע שטעט, וואו א באגרעניצטע צאל אידן האבן געמעגט וואוינען. אבער אפילו אין די שטעט זענען פאר אידן באשטימט געווען שוין פון פריערדיגע צייטן אן בלויז באשטימטע גאסן (גע־טאס). זענען די דאזיגע גאסן א גרויסע ענגשאפט. קומט עס צו אפטע עפידעמיעס, וואס קאסט אלעמאל גרויסע קרבנות. האבן שטענדיג די געטא־איינוואוינער א קרענקליך אויסזען. זענען פיזיש שוואך. און דערצו: דער גרויסער דלות! דער דורכשניטליכער איד האט די גאנצע וואך געפעדלט איבער די דערפער. און דא איז ער קיינמאל ניט זיכער געווען מיט זיין ביסל פארמעגן, ניט מיט זיין לעבן אפילו. קליין און גרויס מאכט זיך לוסטיג איבער אים. וואו די אייגענע כחות געניגן ניט, רייצט מען אן אויף אים די הינט. אין פיל ערטער גיט מען אכטונג, אידן זאלן זיך ניט צופיל מערן, ערלויבט מען זיי א בעגרעניצטע צאל חתונות א. ד. ג. אלע באַ־שרענקונגען ניט אויסצורעכענען.

און אינאיינעם מיט'ן רעכטליכן און מאַטעריעלן צושטאַנד פאַלט אויך דאס גייסטיגע לעבן, די אינערליכע אידישע אָרגאַני־זאציע. אין די ערשטע יארהונדערטן האבן אידן געהאַט ארגאני־זירטע קהלות מיט גבאים און פרנסים. דער ראש־הקהל און דער פּאָרזיצער פון דעם פרנסים־ועד זענען די אנערקענטע פאָרשטייער פון אידן. זיי האבן אן אייגענעם בית־דין. פון צייט צו צייט קומען זיך צונויף די רבנים און פרנסים פון גרויסע קהלות און נעמען־אָן תקנות, וואָס זענען גילטיג פאר'ן גאַנצן לאַנד. זיי זענען באַקאַנט מיט'ן נאָמען: „תקנות שום" (ש ו ם מאכט: שפייער, ווארמס, מאַינץ). אין יענע גוטע צייטן וואקסן אויך אין דייטשלאַנד גרויסע מענטשן: א רבי גרשון מאור הגולה, חכמי לותיר, רבי יהודה חסיד א. ד. ג. אָבער וואס ווייטער, אלץ מער טריקנט אויס דער קולטור־רעלער שאַפונגס־קוואַל פון די דייטשע אידן. די גרויסע צרות פאר־טונקלען דעם גייסט, האקן אונטער די פליגל און מענטשן האלטן זיך, אזוי צו זאָגן, האַרט באַ דער ערד. אין מיטן זיבעצענטן יארהונדערט אָבער טרעפט מען אין דייטשלאַנד זייער פרומע אידן, וואָס האלטן זיך אָן פיל און פארשיידענע רעליגיעזע מנהגים — ניט א האָר נאָכצולאָזן. אָבער קיין זכר איז מער ניט געווען פון יענע גרויסע ישיבות, וואס האבן יאָרהונדערטן עקזיסטירט אין דייטשלאַנד. מען לעבט בלויז מיט מרה־שחורה'דיגן יראת־שמים. מען פאַסט, מען פייניגט זיך, און די גאַנצע לעבנס־פרייד איז זיי פארלאָרן געגאַנגען.

און ווער ווייסט צו וואָס פאַר א געפאַלנקייט די דייטשע אידן וואָלטן געקומען, ווען ניט די „גזירת ת"ח" אויף די אידן אין פוילן וואָלטן זיי צו הילף געקומען. וואָרים צוליב די גזירות און שחיטות און תליות מצד די קאָזאַקן זענען פיל פוילישע אידן אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד. צווישן די אָנגעלאָפענע זענען געווען פיל חשוב'ע אידן, מיוחסים, גרויסע לומדים. די היימישע אידן פארהאַלטן זיך צו זיי מיט גרויס אַכטונג. ביסלאַכווייז הויבן אָן די פוילישע אידן ווירקן אין ז י י ע ר גייסט אויף די אידן אין דייטשלאַנד. פון דער צייט אָן ווערן זיי, אזוי צו

זאגן, די „הייוון" אין דעם דייטשן אידנטום. זיי ווייסן ניט פון מרה־שחורה, האבן א חוש צו וועלטלאכן ווּיסן. די פריער־דיגע פארגליווערטקייט פארשווינט אלץ מער און מער, אין די כמעט פארשטיינערטע זיילן הויבט זיך אן צו ווייזן א לעבעדי־גער אטעם, און אין דער ערשטער העלפט פון אכצענטן יאר־הונדערט, אז עס הויבט זיך אן די השכלה באוועגונג — געבוי־רען פון דער אויפקלערונגס־ארבעט אין אייראפע — זענען די פוילישע אידן אין דייטשלאנד אירע פארקעמפער, אי טעא־רעטיש אי פראקטיש.

פאליטיש בלייבן די דייטשע אידן אין אכצענטן יאר־הונדערט פונקט אזוי רעכטלאז ווי פריער. דער דייטשער „אויפ־געקלערטער דעספאט", פרידריך דער גרויסער, האט אויך נאר זיינע „שוץ־אידן" אין פארשידענע מדרגות. אויך ער באנוצט זיך מיט די משונה'דיגסטע מיטלען, אונטער וועלכע ער נעמט ארויס פון אידן אפצאלן נאך אפצאלן. ער דולדעט ניט די אידן, קאן זיי ניט סובל זיין. און דאך צווינגען אים מלוכה־אינ־טערעסן צו זיין נאכגעביגער צו די אידן אין דייטשלאנד, ווי עס איז פריער געווען. אים גייט עס אין לעבן און גליק פון דער מלוכה צו ענטוויקלען האנדעל און אינדוסטריע אין לאנד. אידן טוען דאס. דערהויפט באווייזן זיי וויכטיגעס אויפצוטאן אין דער זיידנס־אינדוסטריע, וואס איז ניי אין דייטשלאנד, צו קאנען קאנקורירן מיט פראנקרייך און איטאליע. פרידריך איז אביעקטיוו געצוואונגען צו געבן פריווילעגיעס פארשידענע רייכע אידן, פאבריקאנטן, וואס זייער ניצליכקייט פאר'ן לאנד איז אויגנשיינלאך. עס הויבן זיך אן לאזן הערן איינצעלנע שטימען מצד דייטשן, וואס פאדערן צו פארבעסערן די אידישע לאגע. אזוי, צום ביישפיל, לעסינג. אבער ער איז ניט דער איינציגער.

די דאזיגע אויפמערקזאמקייט צו דער אידישער לאגע וועקט אין אידן דעם נאטירלאכן פארלאנג: זיך מקרב צו זיין צו יענע, וואס הויבן אן אים גוטס צו פארלאנגען. ער

ווייל ניט זיין מער אזוי פרעמד צו זיי, אזוי אָפּגעשיידט פון זיי. עס ווערט וואך דער פארלאנג: אין דער ברייטער וועלט א פוס צו שטעלן. עס קומען אויף אידן, וואס קענען אייראָפּייאישע שפּראכן, וואס האבן פילאָזאָפישע בילדונג, וואס קומען אין לייכטער בארירונג מיט דייטשע אינטעליגענטן. די רייכע אידן הויבן אָן צו פארקערן מיט דייטשן פון זייער גראד — און ניט בלויז אין געשעפטס־אנגעלעגנהייטן. די רייכע אידישע הייזער ווערן אייראָפּעאיזירט. די אידישע טעכטער ווערן אין גיכן א „שם־דבר" מיט זייער גוטן פראנצויזיש רעדן, קלאַוויר שפּילן און פיינעם באַנעמען מיט די ניט־אידן, וואס פארקערן מיט זייערע עלטערן. עס הויבט זיך אָן אַ באַוועגונג צו טעאָרעטישער בילדונג — דורך העברעאיש, דורך דייטש. און אין א משך פון צענדליגער יאָהרן ווערן געוועבט די פעדים, וואס ציען זיך פון אויסן צום אינוועניג, פון דער אלגעמיינער אויפ־קלערונג צום אידנטום. אָבער אין אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון אכצעגטן יאָרהונדערט זעט מען שוין פיל יענע פעדים, וואס ציען זיך פון אידנטום צו דער אלגעמיינער אויפקלערונג. אין דייטשן פילאָזאָפן־קרייז" ווירקט און אר־בעט פאר דער דייטשער אויפקלערונג דער איד משה מענ־דעלסזאָן, און א דור אידן הויבט אָן צו וואקסן, וואס ווייסן שוין פון אידנטום לחלוטין גארנישט.

אָבער פּאָליטיש בלייבן די אידן אלץ נאך רעכטלאָז. וואס מער מען דערנעענטערט זיך צום אלגעמיינעם בירגערלאַכן לעבן אלץ שווערער פילט מען די שווערקייט און די באַליידיגונג פון דער רעכטלאָזיגקייט. 1789 קומט די פראנצויזישע רעוואָלוציע, און א פּאָר יאָר שפּעטער קומט דאָרט די אידישע גלייכבא-רעכטיגונג. די דייטשע אידן הערן דאָס און א קנאה צעברענט זיך אין הארצן. „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט" — אונטער דער פאָן שטייט איצט פראנקרייך. און דאָס איז עס דאָך אייגנטלאך, צו וואס די אויפגעקלערטע מענשהייט, צו וואס דאָס אונטערדריקטע אידענטום שטרעבט שוין אזוי לאנג. און

דאָס האָבען יענע דאָך דערגרייכט כמעט איבערנאַכט, דורך דער
רעוואָלוציע. און אויב די דייטשען זענען ניט גרייט צו אַ רע־
וואָלוציע פון אויסען, לאָמיר מאַכען אַ רעוואָלוציע פון אינווע־
ניג: לאָמיר אָפּרוימען די צוימען, וואָס שטייען צווישען אונז
און דער וועלט. די רעליגיע דאַרף מען רעפאָרמירען. ה ע ב־
ר ע א י ש — דעם תנ"ך האָט מענדעלסזאָן איבערזעצט אויף
דייטש, דעם תהלים אויך. די ה פ ט ר ו ת האָט פרידלענדער
(מענדעלסזאָנ'ס תלמיד) איבערזעצט, דעם סדור — אייכעל
און פרידלענדער — אזוי, אַז אויך באַם דאַוונען וועלען שוין
אידען ניט זיין מער אָפּגעטיילט פון זייערע שכנים.

און אַז די שכנים באַמערקען אַלץ ניט די אידישע גרייט־
קייט און די גלייכבאַרעכטיגונג לאָזט אַלץ נאָך וואַרטען אויף
זיך; אַז עס ווערט מיאוס דאָס האָפען און דאָס וואַרטען, — גייט
מען אויפ'ן עקסטען: אין נאָמען פון הונדערטער בערלינער אי־
דישע בעלי־בתים ווענדט זיך פרידלענדער צום פּראָטעסטאַנ־
טישען גייסטלאַכען ט ע ל ע ר מיט'ן פאָרשלאַג צו מאַכען אַ מין
פּשרה, נאָכלאָזען אַ פּאָר דאָגמען, אַ פּאָר אני מאמינ'ס פונ'ם
קריסטלאַכען גלויבען, וועלען זיי אָננעמען דאָס קריסטנטום. וויל
ניט טעלער קיין האַלבע קריסטען, און פון דער שתדלנות ווערט
גאָרנישט. בלייבען די עלטערע דערצאָרנט און פאַרצווייפלט.
זאָגן זיך די אינגערע אָפּ פון יעדער פּשרה, און אָן שום תנאים
לויפען זיי צום שמד. טויזנטער און טויזנטער אידען האָבען זיך
דאַן גוטוויליג גע'שמד'ט צוליב דער גלייכבאַרעכטיגונג. אָבער
פ אַ ר א י ד ן איז די גלייכבאַרעכטיגונג אַלץ נאָך געבליבען
אַ פאַרשלאָסענער גן־עדן.

אין אָנהויב פון נייַנצענטען יאָרהונדערט ציט נאַפּאָלעאָן
דורך מיטל־אייראָפּע, שנייט צו נייע מלוכות און שנייט צו
רעכט די אידען אין אַלע דייטשע לענדער. די אידען פילען, אַז אינאיי־
נעם מיט נאַפּאָלעאָנ'ס פאַלען וועלען אויך זייערע רעכט אוועק־
פאַלען. דערפאַר באַטייליגען זיי זיך אין קאַמף ק ע ג ן נאַ־
פּאָלעאָנ'ען מיט לעבען און פאַרמעגן. נאָר אַז עס קומט צום

„ווינער קאָנגרעס" (1815) נאָך נאַפּאָלעאָנ'ס מפּלה — וואו עס ווערט געשאַפן די „הייליגע אַליאַנץ" פון אַלע אייראָפּעאישע מלוכות, צום שוץ פון מאָנאַרכיזם, קערט מען אום די אידן צו זייער גאַנצער, פריערדיגער רעכטלאָזיקייט. מיט פיר יאָר שפּע־טער קומען אַפילו פאָר פּאָגראָמען אין פראַנקפורט, האַמבורג און נאָך אַנדערשוואו. און ווידער זוכט מען וואויל צו געפעלן אין דייטשע אויגן דורך זעלבסט־רעפאָרם און רעליגיאָנס רע־פאָרם, וואָס ברייגט צו גרויסע קאַמפן בא אידן צווישן זיך. און אין גיכן הויבן אָן זיך באַווייזן קעמפער פאַר אידישער גלייכבאַרעכטיגונג אויפ'ן פּ אָ ל י ט י ש ן געביט. דער וויכ־טיגסטער צווישן זיי איז גבריאל ריסער. שמד — אַלס מיטל צו ווערן גלייכבאַרעכטיגט — הערט אויף. די רעוואָלוציע פון 1848 פאַרגיכערט דעם פּראָצעס פון גלייכבאַרעכטיגן אידן וועל־כער ווערט פאַרענדיגט אין יאָר 1871 — ווען דייטשלאַנד ווערט ווידער פאַראייניגט אין איין אימפּעריע. אָבער אינאיינעם דער־מיט באַווייזט זיך אין דייטשלאַנד די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג, וואָס פאַרשאַפט אידן גרויסע שוועריקייטן. געוויסע בירגער־רעכט פאַר אידן בלייבן בלויז אויפ'ן פּאַפּיר. אָבער דאָס אידישע לעבן אַנטוויקלט זיך דאָך פריי: וויניגער ווי אַלץ — א י ד י ש, אויב ניט רעכענען די „אידישע וויסנשאַפט" וואָס ווערט דאָרט געשאַפן. און אַזוי ביז'ן צוואַנציגסטן יאָרהונדערט אריין.

משה מענדעלסזאָן

אַ נאָמען — דער סימבאָל פון אַ שטאַרקער קולטור־באַוועגונג. אַ מאַן — דער צענטער פון אַ גרויסער, גייסטיג־מעכטיגער עפּאָכע. דאָס איז געווען מענדעלסזאָן, און אַזוי איז ער אריין אין אונזער געשיכטע: סיי אין דער געשיכטע פון דער אידישער אויפקלערונג, סיי אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור און סיי אין דער געשיכטע פון דער אידישער פילאָזאָפיע. געוויס טראָגט ער אויף זיך דעם שטעמפּעל פון זיין צייט. אַזוי געוויס איז אָבער אויך, אַז ער האָט ז יי ן שטעמפּל אויף ז יי ן צייט אויפגעדריקט. און אַ צייט איז דאָס געווען אַ ברויזנדיגע, אַ קעמפּענדיגע. זי האָט אידייען אָנגעהויפט, פּרינציפּן אויסגעשמיט פאַר קומענדיגע דורות. און איר לאָזונג — דער לאָזונג פון 18טען יאָרהונדערט — איז געווען: אוי פקלערונג, פון פראַנצויזישער אָפּשטאַמונג.

און אין באַגריף: „אויפקלערונג", ליגט: דאָס קלער ן און קלאָר מאַכן און מיט שכל באַגרייפן אַלע יענע אמת'ן, וואָס זענען אָנגענומען בא מענשן. אמת'ן — וועגן דער וועלט, וועגן דעם, וואָס אין איר, און איבער איר. אַ מענטש, הייסט עס, קאָן טרויען בלויז זיין שכל. ער קאָן אָננעמען בלויז דאָס, וואָס ער באַגרייפט, פאַרשטייט און ס'איז אים קלאָר. דער אויפגעקלערטער איז דארום ניט בלויז קעגן אַבערגלויבן, נאָר געגן גלויבן בכלל — אפילו אויפ'ן געביט פון רעליגיע. דערפאַר פאָדערט די אויפקלערונג פולע טאָלעראַנץ בנוגע אַנדערע גלויביגע — ווייל ניט אַלע מענטשן האָבן דאָך איין שכל. און וואָס איינער האַלט פאַר מעגצו אָנערקענען, קאָן דער אַנדערער האַלטן פאַר אוממעגלאך צו אָנערקענען. הערט מען טאַקע שוין אין אָנהויב פון 18טן יאָרהונדערט די מיינונג, אַז „כפירה איז ניט קיין פאַרברעכן, נאָר אַ טעות אין דענקען", און דאָס איינציגע קאַמפּס־מיטל געגן כפירה איז — אויפקלערונג. איבערציינגונג. אָבער ניט גוואַלט, ניט צוואַנג. וואָרים מיט גוואַלט קאָן מען ניט איינגעבן דעם מענטשן ניט קיין גוטע זיטן און ניט קיין פרומע געדאַנקען,

און, דער עיקר, די פירסטן זענען ניט מחויב צו זאָרגן דערפאַר, אַז זייערע אונטערטאַנען זאָלן אַרייַנקומען אין גן עדן אַרייַן... דורך דער אויפקלערונג, און איר לאָגישן אויספיר — די טאָלעראַנץ, ווערט געבראָכן די הערשאַפט און אויטאָריטעט פון דער קירך — אין וואָס די מאָנאַרכן זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט. די אויפגעקלערטע מאָנאַרכן און זייערע הויפן ווערן די צענטערן, וואו די אידייען פון דער אויפקלערונג ווערן געפלעגט — ווי ווייט דאָס רירט ניט אָן זייערע פּאָליטישע רעכט און פּרעראָגאַטיוון. אין די קעניגלאַכע הויפן ווערן צונויפגענומען פילאָזאָפן, געלערנטע, קינסטלער און גרויסע ספּעציאַליסטן אין פאַרשידענע אינדוסטריע-פאַכן. דער הויף דינט פאַר׳ן בירגער, ווי אַ ביישפּיל פון גייסטיגער פרייהייט, רעליגיעזער גרינגשעצונג און מאָראַלישער לייכטזיניקייט. דער בירגער טוט נאָך דעם הויף: אינטערעסירט זיך מיט פילאָזאָפיע, מיט פראַנצויזישער ליטעראַטור, פראַנצויזישע פּאַרוקן און פראַנצויזישע פּראַקן. דאָס נאָכאַמען, די פּאָזע אין ריידן און אין האַלטן זיך איז אַן אָנגענומענע זאַך אומעטום. דאָס אינערלאַכע, דער קערן, דער א מ ת ׳ ע ר מהות פון מענטשן ווערט פאַרשטעלט, פאַרמאַסקירט.

אָבער שוין צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט, באַווייזן זיך אין דייטשלאַנד מענטשן מיט אָפענע אויגן, וואָס באַמערקן ווי לעכערלאַך דער דייטשער בירגער זעט אויס אינ׳ם פראַנצויזישן פּאַרוק און פראַנצויזישן פּראַק; ווי אומנאַטירלאַך ער זעט אויס מיט זיין שטרעבן — דוקא אויף׳ן פ ר אַ נ צ ו י ז י ש ן פּאַסאָן זעליג צו זיין. דעם אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם ווערט אָנגעוויזן אויף דער סתירה צווישן זיין טעאָריע און פּראַקטיק: פון איין זייט וויל ער האָבן אַ פאַראייניגטע דייטשע נאַציאָן, און פון דער אַנדערער — לאַכט ער אויס אַלץ, וואָס דייטש איז; ער רעדט פון אויפקלערונג פאַר אַ ל ע, שטיצט אָבער בלויז י ע נ ע ליטעראַטור, וואָס די א ו י ב ע ר ש ט ע שיכטן פון דער געזעלשאַפט קאָנען געניסן,

א. ד. גל. אויפ'ן פּאָליטישן געביט. אַט די אָפּאָזיציע איז קאָנצענטרירט אין די זשורנאַלן, וואָס יאַקאָבי גרינדעט אין אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט. די דאָזיגע אָפּאָזיציע באַמיט זיך איינצופלאַנצן דעם דייטשן בירגער דעם ווילן — ד י י ט ש צו לערנען, ד י י ט ש צו זיין און ד י י ט ש צו לעבן. זי באַמיט זיך אריינצוטראָגן מער רעאַליזם אין דער ליטעראַטור, מער נאַטירלאַכקייט אין לעבן, מער אויפריכטיקייט אין פילן און מער ערנסט און אויסגעהאַלטנקייט אין דיינקען און האַנדלען. וואָרים אויב רעליגיעזע טאָלעראַנץ איז ניט בלויז אַ פּוסט וואָרט, דאַן דאַרפן אַלע רעליגיעס גלייך זיין; דאַרף ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר קיין ה ע ר ש נ ד ע רעליגיע; אויב אַלע מענשן זענען ווירקלאַך גלייך, דאַרפן אַלע זיין גלייך אין זייערע רעכט. דאַן טאָר מלוכה ניט מאַכן קיין חילוק צווישן מענטשן פון איין פאָלק און מענטשן פון אַן אַנדער פאָלק. א. ד. ג., א. א. וו.

צווישן די ערשטע אָנפירער פון דער דאָזיגער פּאָליטיש־קולטורעלער אָפּאָזיציע איז דייטשלאַנד, פ אַ ר דייטשלאַנד, איז אויך מ ש ה ב ן מ נ ח ם מ ע נ ד ע ל ס ז אָ ן.

ער איז געבוירן אין ד ע ס ו י, דעם 6טן סעפּטעמבער, 1729 (י"ב אלול תפ"ט). זיין פאָטער איז געוועזן אַ סופר, ד, ה. אַ איד, וואָס פלעגט שרייבן ספרי־תורות, תפילין און מזוזות. אַ איד אַ גרויסער ירא־שמים. אַ שטילער. אַ בנעימות'דיגער. און זייער אַ גרויסער עניו. שוין פון קינדווייז אָן ווייזט משה אַרויס אויסערגעוויינלאַכע פייאיקייטן, אָבער צו קיין גאוות קומט עס ניט. דער פאָטער לערנט מיט אים חומש, העברעאיש און דקדוק. צו צען יאָר שרייבט ער שוין שירים, צו צוועלף, איז ער פון די
צו צען יאָר שרייבט ער שוין שירים, צו צוועלף איז ער פון די פרענקל. און אַז דער לעצטער ווערט שפּעטער רב אין בערלין, גייט דער פערצען יאָריגער ישיבה בחור, משה דעם סופר'ס, צופוס קיין בערלין (חשון 1743) און לערנט ווייטער אין רבינ'ס ישיבה. איז דער ראש ישיבה צופרידן פון אים. זאָרגט פאַר זיין

דורכקומען און שאַרט אים צו אַ זייטיגן פאַרדינסט. אַ שיינע האַנטשריפט האָט דער בחור, לאָזט אים רבי דוד פרענקעל אי־בערשרייבן זיין חבור „קרבן העדה". דער דאָזיגער ספר פאַר־נעמט זיך מיט פאַרגלייכן די פאַרשידענע סוגיות פון תלמוד בבלי מיט דיזעלבע סוגיות אין תלמוד ירושלמי. ער הויבט אַרויס די פונקטן וואו זיי גייען זיך פאַנאַנדער און שטרייכט אונטער די פונקטן, וואו זיי זענען איינִיג. און פון דעם אי־בערגעשריבענעם לערנט דער איבערשרייבער: אַבסטראַקטע באַגריפן צו אַנאַליזירן, פאַרגלייכן און אונטערשיידן — דער אייגנטלאַכער יסוד פון יעדן פילאָזאָפישן דענקן. דערמיט ענ־דיגט זיך זיין טראַדיציאָנעלע ערציאונג. פון דאַנען אָן און ווײַ־טער הויבט אָן די „בערלינער לופט" צו ווירקן אויף זיין אַנט־וויקלונג. און די דאָזיגע לופט, אַריבערגעקומען פון פראַנקרייך, איז סם פאַר יעדער טראַדיציע. אין אַלע אָנגענומענע טראַדי־ציאָנעלע מיינונגען און גלויבנס טראָגט זי אַריין צווייפל. צו אַלץ טרעטן אירע אָנהענגער צו מיט אַ קריטישן שנייד־מעסער. דער גייסט פון אומגלויבן, פון כפירה, פון הפקרות שוועבט איבער אַלץ. און די פאַרגייסטיגקייט דרינגט אַריין אין דער אידישער געטאָ אויך. נייע פּראָבלעמען הויבן אָן באַאומרואיגן דעם דעסויער בחור. נייע פראַגן באַשעפטיגן אים. ער הויבט אָן דורשטן נאָך וויסן. הויבט ער אָן צו זוכן נייע מענטשן, וואָס זאָלן זיינע גייסטיגע באַדערפנישן באַפרידיגן.

לעבט דעמאָלט אין בערלין רבי ישראל לוי זאַמושץ, אַ מענטש — אַ גאון אין תלמוד, אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער און פאָרטרעפלאַכער קענער פון דער מיטלאַלטערלאַכער פילאָזאָפיע — ווי ווייט זי געפינט זיך אין דער העברייאישער ליטעראַטור. אַרום אים גרופּירן זיך עטלאַכע משכילים, און צו דער גרופּע איז זיך רבי דוד פרענקל'ס תלמיד אויך מקרב. לערנט מיט אים זאַמושץ דעם „מורה נבוכים" פון רמב"ם און באַקאַנט אים מיט די יסודות פון העכערער מאַטעמאַטיק. לערנט מיט אים דר. קיש פון פראַג — רוימיש און דר. אהרן גומפּערץ לערנט מיט אים

ענגליש און פראנצויזיש. זיינע גוטע פעאיקייטן און זיין גרוי־סער פלייס העלפן אים אין גיכן באקאנט צו ווערן ווי א גע־בילדעטער מענטש. דער רייכער אידישער זיידנפאבריקאנט, יצחק בערנארד נעמט אים (אין יאר 1750) אין שטוב אריין פאר א לערער צו זיינע קינדער. פיר יאר בלייבט ער אויף דער שטעלע, און פארנעמט זיך ניט בלויז מיט אויסבילדן די קינ־דער, נאר אויך מיט אויסבילדן זיך אליין. אין יאר 1754 ווערט ער בוכהאלטער אין בערנארד׳ס זיידנגעשעפט. שפעטער ווערט ער פארוואלטער. און נאך בערנארד׳ס טויט ווערט ער א שותף צו דער גאנצער אונטערנעמונג, און דערביי בלייבט ער ביז׳ן טויט אריין. אזוי איז זיין מאטעריעלע עקזיסטענץ פון פרי אן געוועז געזיכערט.

אין יאר 1754 באקענט זיך מענדעלסזאן מיט׳ן גרויסן דייטשן דיינקער און דיכטער פון 18טן יארהונדערט: גאט־האלד אפרים לעסינג.

אין גיכן נאך זייער באקאנטשאפט, ברענגט לעסינג צו מענדעלסאנ׳ען א פילאזאפיש בוך, געשריבן פונ׳ם ענגלישן שריפטשטעלער שעפטעסבערי. נאכ׳ן לייענען האט מענדעלסזאן באמערקט: „אזא פילאזאפיע וואלט איך אויך געקאנט שרייבן”. לעסינג האט ניט גאנץ געגלויבט אין דער באהויפטונג. נאר אין עטלאכע וואכן ארום, אז מענדעלסזאן האט איבערגע־געבן לעסינג׳ן אן ארטיקל מיט׳ן נאמען: „פילאזאפישע שמועסן”, לאזט עס לעסינג אפדרוקן — אן מענדעלסאנ׳ס ווימן און אן זיין אפענעם נאמען. קיין גרויסן וויסנשאפט־לאכן ווערט האט דאס ארטיקל ניט געהאט. אבער די טיפע געדאנקען (ס׳האט זיך געהאנדלט וועגן די פילאזאפישע סיס־טעמען פון שפינאזא און לייבניץ) אויסגעדריקט אין א פאפולע־רער, עלעגאנטער, דייטשער שפראך, מאכט אויפזען אין בער־לינער געבילדעטע קרייזן. און אינגיכן, אז עס גרינדעט זיך אין בערלין „דאס אקאדעמישע קאפע”, וואוהין מען האט צו־געלאזט בלויז הונדערט מיטגלידער, נעמט מען אריין פאר א

מיטגליד אויך מענדעלסזאָנ'ען, פאַר וועלכן די געלערנטע פון דער בערלינער אַקאַדעמיע האָבן וואַרימע סימפּאַטיען.

אָבער מענדעלסזאָן פאַר זיי האָט קיין סימפּאַטיע ניט געהאַט. וואָרים ער און לעסינג, ווי די בעסטע צווישן דער בערלינער אינטעליגענץ, פאַראַכטן דעם פראַנצויזישן גייסט, דעם פראַנצויזישן שפּאָט און לייכטזיניקייט, וואָס האָט געווירקט אין דייטשלאַנד — צום שאָדן פון דייטשן פאָלק. דאָס „פראַנצויזנטום" איז אָבער געשיצט און געשטיצט געוואָרן פון קעניג און פון דער קעניגלאַכער אַקאַדעמיע. ס'רוב אַקאַדעמיקער זענען פראַנצויזן, אָדער האָבן זייער בילדונג באַקומען אין פראַנקרייך. די שפּראַך פון די געלערנטע איז פראַנצויזיש. דער קעניג שרייבט זיינע ווערק בלויז אין פראַנצויזיש. „די דייטשן זענען אַ פאָלק אָן שריפט און אָן שפּראַך" — האָט פרידריך דער גרויסער געזאָגט. די אָפיציעלע „גרויסע" און די אָפיציעלע „וויסנשאַפט" שטיצן די קעניגלאַכע מיינונג. אָבער מענדעלסזאָן מיט לעסינג'ן גיבן אַרויס אַ ווערק, וואו זיי טרעטן אַרויס *געגן* דער דאָזיגער מיינונג, געגן דער אַקאַדעמיע, געגן *וואָלטער'ן* — דעם אָפּגאָט פון פרידריך דעם גרויסן און געגן דעם *גרויסן* פרידריכ'ן, וואָס שיצט און שטיצט וואָלטער'ן. מאַכט דער אַרויסטריט גרויס אָנזען אין לאַנד און אין הויף, און אין הויף ווערט מען נייגעריג צו קענען פערזענלאַך דעם „אידישן יונגנמאַן" וואָס ערלויבט זיך אַרויסצוטרעטן געגן „די גרעסטע וועלט־גייסטער" — וואָלטער און פרידריך — פון דער צייט.

און מיט פינף יאָר שפּעטער פאַראינטערעסירט מען זיך נאָכאַמאָל אין הויף מיט מענדעלסזאָנ'ען. פרידריך דער גרויסער — ווי פיל אַנדערע אין זיין צייט — האָט געמיינט, אַז ווער עס קאָן פלעכטן גראַמען, דער איז אַ פּאָעט, פלעגט ער אויך מאַכן גראַמען און שרייבן פּאָעזיע. האָבן עס אַלע געלויבט אין טאָג אַריין. מענדעלסזאָן קריטיקירט אָבער שאַרף די קעניגלאַכע פּאָעזיע, שוין אינאיינעם מיט איר פראַנצויזיש

און מיט איר קנאפער וויסנשאפטלאכקייט, וואס דער קעניג האט ארויסגעוויזן. די שארפקייט איז, נאטירלאך געווען פאר־שטעלט, די שפיצן — באדעקט און באפוצט. די לעזער האבן אבער באלד אנטדעקט אלע באהאלטענע כונות, און אויך דעם באהאלטענעם נאמען פונ׳ם קריטיקער האט מען אויסגעפונען. דאסמאל האט מען שוין מענדעלסזאנ׳ען ארויסגערופן קיין פאטסדאם (זומער־רעזידענץ פון דייטשע מלכים). ער האט ניט געלייקנט, אז ער האט אויך אין זינען געהאט דאס, וואס מ׳האט פון זיינע ווערטער ארויסגעלייענט, „אבער — האט ער זיך פארענטפערט — דער וואס מאכט גראמען לשם פאעזיע, איז געגליכן צו איינעם וואס שיסט אין א ציל. ווער דער שיסער זאל אויך זיין: קעניג צו פויער, ווייסט ער, אז יענער, וואס שטייט באם ציל וועט אפנהערציג זאגן: צי האט דער שיסער געטראפן אין ציל, צי ניט“... דער ענטפער באפרי־דיגט. מענדעלסזאן קערט זיך אום קיין בערלין בשלום.

די דערמאנטע און אנדערע ענלאכע ארויסטרעטונגען, מאכן מענדעלסזאנ׳ען זייער פאפולער. אלע הויבן אן זיך צו אינטערעסירן מיט אים. די ליבעראלע געזעלשאפט — ווייל דאס איז געווען דער איינציגער איד, וואס האט זיך ענג פאר־בונדן מיט דער דייטשער קולטור און געקעמפט פאר איר אנטוויקלונג; די קאנסערוואטיווע געזעלשאפט — ווייל זי האט ניט געקאנט צוזען, ווי א איד ווערט אזא חשוב אין די אנגעזעענע קריסטלאכע קרייזן, און בלייבט נאך אלץ א איד... און צווישן אידן האט מען זיך געפילט זייער און זייער גע־הויבן מיט דעם כבוד און אכטונג, וואס עס איז אויסגעפאלן אויף א ו נ ז ע ר מענדעלסזאנ׳ס חלק.

און אינגיכן (1763) באשטימט די בערלינער אקאדעמיע א פרייז פאר א ווערק אויף דער טעמע: „צי קאנען מעטא־פיזישע כללים זיין אזוי קלאר און זיכער ווי מאטעמאטישע?“ די גרעסטע געלערנטע באטייליגן זיך אין דעם קאנקורס. עס באטייליגט זיך דער באריכמטער קעניגסבורגער פילאזאף,

קאַנט, עס באַטייליגט זיך אויך מענדעלסזאָן. און מענדעלס־זאָן געווינט דעם פּרייז: 50 גאָלד־טאָלער און אַ מעדאַל. דאָס מאַכט גרויס אויפזען אין די געבילדעטע קרייזן. אויפ'ן סמך פון דער שריפט, געלינגט עס צו באַקומען פון קעניג אַ „שוץ־בריעף" פאַר מענדעלסזאָנ'ען, וואָס ערלויבט אים פריי צו לעבן אין בערלין (ביז איצט האָט ער געהאַט וואוין־רעכט אין בערלין בלויז אַלס אָנגעשטעלטער אין בערנהארד'ס זיידנפאַבריק).

און ווידער פאַרעפענטלאַכט מענדעלסזאָן אַ ווערק (1767), וואָס ברײנגט אים איין אַ קאָלאָסאַלע פּאָפּולאַריטעט, דאַנק־באַרקייט און אפילו ליבשאַפט. דאָס איז זיין: „פעדאָן" — אַ נאָמען פון פּלאַטאָנ'ס אַ ווערק און געשריבן אין דער פאָרם פון די פּלאַטאָנישע דיאַלאָגן. דאָס איז געווען אַ ווערק „צו דער רעכטער צייט".

עס איז שוין אַ פּאָר מאָל דערמאָנט געוועזן, אַז דאָס 18טע יאָרהונדערט איז קולטורעל געשטאַנען אונטער דער השפעה פון פראַנקרייך. נישט בלויז וואָלטער, וואָס האָט אין אַלץ געצווייפלט, פון אַלץ חוזק געמאַכט און אוי־בערגעלאָזט אַ ליידיגן פּלאַץ, נאָר אויך די פראַנצויזישע מאַ־טעריאַליסטן האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אייראָפּאַ. און לויט דעם מאַטעריאַליזם איז דער מענטש בלויז אַ מאַשין אַזאַ, וואָס באַוועגט זיך — כל זמן אירע טיילן זענען גאַנץ און ניט אָפּגענוצט. ווערן זיי אָבער יאָ אָפּגענוצט, ווערט דער צוזאַמענשטעל לויז און שוואַך, פאַלן זיך די טיילן פאַנאַנדער, ווערט אויס מענטש. דאָס וואָס מען רופט נשמה, אָדער גייסט, עקזיסטירט ניט פאַר־זיך; דאָס איז נאָר דער רעזול־טאַט, אָדער דער סך־הכל פונ'ם צוזאַמענשטעל פון דער מאַטע־ריע, פונ'ם מענטשלאַכן אָרגאַניזם, לויט באַשטימטע נאַטור־געזעצן. ווערט אויס מענטש, אויס אָרגאַניזם, ווערט ממילא אויך אויס גייסט. די געטלאַכע אַריינמישונג אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון געבוירן, לעבן, שאַפן און שטאַרבן פונ'ם מענטשן — דאָס האָט די רעליגיע אויסגעטראַכט, א. א. וו., א. א. וו.

אָבער אָן אַ גאָט, אָן אַ האָפנונג אויף עולם־הבא, אָן דעם גלויבן אין לוין און שטראָף — האָט פאַר פיל זיי וועלט אויסגעזען אַ תהו־ובהו; ווי אַ פרייער פּלאַץ פאַר הפקרות. ניטאָ מער קיין רעגולאַטאָר אין לעבן, ניטאָ קיין זין, און ניטאָ קיין צוועק. ניטאָ אפילו קיין קריטערי אויף צו באַשטימען: וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט? און האָט דאָס לעבן קיין ציל ניט — צו וואָס זיך עוסק'ן מיט זיינע פליכטן, אויפגאַבן, שוועריקייטן און נאַרמען? איז טאַקע אַוועק אַ מין עפּידעמיע פון זעלבסטמאָרד אין גאַנץ מיטל־אייראָפּאַ. מענשן האָבן געגאַרט נאָך באַרואיגונג. געזוכט אָן ענטפער אויף די דערמאָנטע פראַגן, וואָס האָבן געשטערט דעם אינערלאַכן פרידן פון פרט און דעם פרידן אין צוזאַמנלעבן פון כלל.

און מענדעלסזאָן האָט אין זיין דערמאָנטן ווערק געגעבן די תשובה. זי האָט באַוויזן אַז אַ גאָט איז יאָ דאָ אויף דער וועלט; אַז ער האָט באַשאַפן וועלט און מענטש; אַז אפילו דער ג ו ף ווערט אויך ניט פאַרשוואונדן נאָכ'ן טויט. ער ווערט נאָר פאַרוואַנדלט אין אַנדערע עלעמענטן: אין שטויב, אין געוואוקס, א. ד. ג., ער עקזיסטירט, אַלזאָ, אויך נאָכ'ן טויט, נאָר ניט אין יענער פאָרם ווי ער האָט עקזיסטירט באַם לעבן, און אויב דער גשמיות'דיגער גוף גייט ניט אונטער נאָכ'ן טויט, הײַנט אַ פשיטא שוין די רוחניות'דיגע נשמה, וואָס קאָן ניט געטיילט און ניט געברעקעלט ווערן, און איז בלויז אַ ג י י ס ט י ג א י י נ ע ר ל י י — ווי־זשע איז דאָס מעגלאַך, אַז זי זאָל אונטערגיין? געוויס עקזיסטירט זי אויך נאָכ'ן מענטשנ'ס טויט, א. אַז. וו., א. אַז. וו. ביז ער קומט צום אויספיר, אַז דער מענטש האָט ניט קיין רעכט צו שאַפן אײַבער גאָט'ס אייגנטום און זיך באַגיין מיט זיין לעבן, פון גאָט געשיינקט, לויט זיין, דעם מענטשנ'ס, קורצזיכטיגן איינזען, א. אַז. וו.

איז דאָס בוך געלייענט געוואָרן פון אַלעמען: פון טעאָלאָגן און פילאָזאָפן, פירשטן און פּאָליטיקער, קינסטלער און

פשוט'ע מענטשן, געבילדעטע מענער און פרויען, אַלטע און יונגע און בּאַ אַלע האָט ער די גרעסטע אנערקענונג, אפילו אַזוינע דיינקער ווי הערדער, אפילו דער יונגער געטהע — אַלע קאָנען זיך ניט אָפּלויבן פון דעם ווערק. דאָס ווערט איבער־זעצט אין אַלע אייראָפּייאישע שפּראַכן. מענדעלסאָנ'ס בילד ווערט פאַרקויפט אין צענדליגער טויזנטער עקזעמפּליאַרן. פון איצט אָן איז ניט געווען דער געלערנטער, וואָס זאָל האָבן געקומען אין בערלין און זיך ניט באַמיען צו זען דעם באַשיי־דענעם אידישן חכם. דער הערצאָג פון ברוינשווייג וויל אים אַריבערנעמען אין זיין הויפּטשטאָט. דער פירשט פון שאַמ־בורג־לופּע ווערט זיין נאָענטער פריינט. די בערלינער אַקאַדע־מיע לייגט פאָר דעם קעניג, ער זאָל באַשטעטיגן מענדעלסאָנ'ען אַלס איר מיטגליד (פרידריך טוט עס ניט), און יעזואיטן פון בענעדיקטען־אָרדן ווענדן זיך צו מענדעלסאָנ'ן מיט זייערע צווייפּ־לען און וואַרטן אויף זיין לערע. און קירכן עפענען זייערע טויערן און ווילן האָבן דעם באַרימטן אידן אין זייער שויס...

וואַרים מחמת דעם, וואָס דאָס גאַנצע ווערק איז גע־ווען געשריבן אין סטיל און אין גייסט פון פּלאַטאָנ'ס „פע־דאָן", האָט זיך מענדעלסאָן געמוזט באַנוצן בלויז מיט אַזוינע געדאַנקען וואָס האָבן געגאָלטן בּאַ די גריכן אין פּלאַטאָנ'ס צייטן. איז פון דעם בוך ניט געווען צו דערקענען, אַז מענ־דעלסאָן איז אַ איד. דערפון האָט דער ציוריכער עוואַנגעלי־שער גייסטלאַכער, יאָהאַן קאַספּאַר ל אַ פ אַ ט ע ר, געדרונ־גען, אַז מענדעלסאָן, ווי פיל אַנדערע בערלינער אידן, האַלט ניט פון אידנטום, און אַז ניט פון אידנטום, האַלט ער דאָך מסתמא פון קריסטנטום. טאָ פאַרוואָס שווייגט ער? ער פאַר־עפענטלאַכט אַן אָפענעם בריף צו מענדעלסאָנ'ען, ער זאָל אַרויס־זאָגן זיין מיינונג וועגן אידנטום און קריסטנטום, און ווען ער ניט קאָנען אָפּווענדן די מעלות פון קריסטנטום, זאָל ער עס אָננעמען. מענדעלסאָן נעמט אָן די פאָדערונג און ענטפערט אים מיט אַן אָפענעם בריף. אין דעם דאָזיגן ענטפער, וואָס איז

געשריבן מיט גרויס טאַקט און מיט נאָך גרעסערער אויפריכ־טיגקייט, באַווייזט ער, אַז ז י י ן רעליגיע איז די איינציגע, וואָס ער קאָן אָנערקענען. ער איז אויך אַ געגנער פון קריסטנ־טום, צוליב די טעמים, וואָס ער האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט לאַ־פאַטער'ן אין אַ פּריוואַטן געשפּרעך. און גלייכגילטיג בלייבט ער צו לויב ווי צו טאַדל, וואָס ווערט פאַרעפנטלאַכט געגן אָדער פאַר דעם אידנטום. און ער באַגרייפט ניט די צוועק־מעסיקייט פון שאַצן איין רעליגיע געגן דער אַנדערער, און בפרט, „אַז דאָס אידנטום איז אַ פליכט נאָר פאַר אידן. קיינ־מאָל האָט דאָס אידנטום ניט געשיקט קיין מיסיאָנערן איבער־צורעדן אומגלויביגע, אָדער אַנדערש־גלויביגע. אַז זיי זאָלן אָנער־קענען דאָס אידנטום. און אָט האָט ער קריסטלאַכע פריינט. נאָענטע און ליבע, קיינמאָל איז אים אָבער ניט איינגעפאַלן צו זאָגן: אַ שאָד, וואָס אַזוינע פיינע מענטשן זענען ניט קיין אידן!"...

מענדעלסזאָנ'ס ענטפער האָט אַרויסגערופן גרויס אינטע־רעס אין אַלע געבילדעטע קרייזן. פריינט און שונאים מישן זיך אַריין אין וכוח. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם און דער אויפ־קלערערישער ענטוזיאַזם האָט זיך צעפלאַקערט און געקעמפט אויף טויט און אויף לעבן. אָבער מענדעלסזאָן, וואָס האָט גע־פירט, אַזוי צו זאָגן, אַ פאַרטיידיגונגס קאַמף, איז אַרויס דער זיגער.

מענדעלסזאָן איז אָבער געווען ניט בלויז אַ פילאָזאָף פאַר דייטשלאַנד און אַ צירונג פאַר אידן. ער איז אויך געווען אַ פאָטער פון קינדער. אָט די קינדער זיינע האָט ער געוואָלט געבן אַ אידישע ערציאונג — ניט קימערנדיג זיך וועגן דעם: צי האָט עס אין דעמאָלסטדיגן דייטשלאַנד געלוינט צו זיין אַ איד, צי ניט... אָבער אינאיינעם דערמיט וויל ער ערציען זיינע קינדער אין אַ פאַרנונפטיגן אידנטום. כדי דאָס צו דער־גרייכן, זעצט ער איבער דעם תנ"ך, דער עיקר אָבער דעם חומש, אויף ד י י ט ש — די שפּראַך, וואָס זיינע קינדער

האָבן געערדט. דערמיט איז ער אויסן געווען פּטור צו ווערן פון די צענדליגער מפרשים, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַרום חומש, און כּסדר זיך באַמיט — צו דערווייטערן די תּורה פון שכל. שפּעטער זעט ער איין, אַז וואָס עס איז ניצלאַך פאַר זיינע קינדער, קאָן ניצלאַך זיין פאַר אַנדערע אידישע קינדער אויך, און די איבערזעצונג קאָן אויך גילטן, ווי דער ערשטער טריט צו אידישער השכלה — פון וועלכער אידן זענען, לייי־דער, נאָך אַזוי ווייט. דערפאַר אַז דער לערער פון זיינע קינ־דער, שלמה דובנא, ליינט אים פאָר צו פאַרעפנטלאַכן די איבערזעצונג, איז מענדעלסזאָן מסכים דערצו.

און אויך דאָס ווערט כמעט אַ וועלט־געשעעניש. חשוב'ע אידן און קריסטן וואַרטן אויף דער איבערזעצונג. דער קעניג פון דענעמאַרק, זיין טראַנספּאָלגער, אַקאַדעמיעס און פיל גע־לערנטע אַבאָנירן זיך באַצייטנס אויף דער איבערזעצונג. בער־לינער בית־דין גיט זיין הסכמה אויפ'ן חומש מיט דער אי־בערזעצונג. די וועלט האָפט אויף גרויסע רעזולטאַטן פון איר. די רעזולטאַטן זענען אויך ג ר ו י ס געווען — אָבער גראָד אין אַן אַנדער ריכטונג, ווי מ'האָט דערוואַרט. ווארים מענדעלס־זאָן אַליין איז אויסן געווען מיט דער איבערזעצונג ברייננגען דערצו, אַז אידן זאָלן אָנהויבן אויפצופאַסן דעם תנ"ך אין פשטות, אָן קרומע גענג און אָן סאָפיסטיק — און דאָס איז אויך שוין אַ שטיק אויפקלערונג. אינגיכן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַנשטאָט צו לערנען דעם חומש מיט דער הילף פון דער דייטשער איבערזעצונג, האָט מען, פאַרקערט, געלערנט די איבערזעצונג, די דייטשע שפּראַך, מיט דער הילף פון חומש. און קוים האָבן יונגע לייט דערוואָרבן, דורכ'ן חומש, אַן אוצר פון ווערטער און באַגריפן, האָבן זיי דעם חומש מיט דער גמרא אָוועקגעוואָרפן און זיך גענומען צו דער דייטשער וויסנשאַפט. אַזוי איז עס געווען אין דייטשלאַנד. אַזוי, שפּע־טער, אין עסטרייך, גאַליציע, רוסלאַנד. די, וואָס זענען אויך ווייטער געבליבן באַם חומש, באַ דער גמרא, זענען אויך ווייטער

געבליבן בא די הונדערט און איין פּרושים, דרשות און פּלפּול. אזוי איז די ווירקונג פון דער איבערזעצונג געווען א טיפערע, ווי ער האט זיך עס פאָרגעשטעלט. אָבער דאס, וואס ער האט גע־וואלט דערגרייכן מיט איר, האט ער ניט דערגרייכט. און ווייל די איבערזעצונג האט אָפּט געבראכט דערצו, אז אידישע קינדער זע־נען אוועק פון אלטן אידישן שטייגער לעבן און אמאָל פון גאנצן אידנטום, האָבן די גרויסע רבנים פון יענער צייט, ווי רבי רפאל, האמבורגער רב, און רבי יחזקאל לאנדוי, פּראגער רב, און אנדערע מרעיש עולם געווען אויף דער איבערזעצונג. אין איין אָרט האט מען אפילו די איבערזעצונג (אָבער ניט דעם איבערזעצער) מחרים געווען. אָבער גראָד דער חרם און די פארפאָלגונגען האָבן די איבערזעצונג נאָך פּאָפּולערער געמאכט. פאר טויזנטער ישיבה־בחורים דינט זי ווי א שליסל צו דער גייסטיגער אייראָפּע, צו איי־ראָפּעאישער בילדונג. בעת די ווירקליכע, מאַטעריעלע אייראָפּע, איז נאָך א לאנגע צייט געבליבן פארשלאָסן פאר זיי: דייטשלאנד האָט זיי פאר בירגער ניט אנערקענט.

אָבער אויך אין דעם פּרט, אז אייראפּא זאל אנערקענען אידן פאר בירגער און זיי געבן בירגער־רעכט, האָט מענדעלסזאָן געהאט א גרויסע ווירקונג. ווארים אינמיטן 18טן יארהונדערט הויבט זיך אָן א באוועגונג אין גאנץ אייראפּא געגן אידישער אונ־טערדריקונג. ווערק גאנצע ווערן געשריבן לטובת אידן. און מענדעלס־זאָנ'ס א פריינט, א דייטשער שריפטשטעלער, דאָהם, שרייבט (1781) א ווערק: „די בירגערליכע פארבעסערונג פון אידן". ער פאָדערט פאר אידן אויטאָנאָמע רעכט אין זייערע אינערליכע אנ־געלעגנהייטן, אפילו חרם־רעכט פאר רבנים. בירגער־רעכט אין זייער אלגעמיינעם לעבן. נאָר צו פּאליטישע רעכט, — ווי, למשל, ווערן רעגירונגס־באאמטע — מיינט ער, זיינען אידן נאָך ניט דערוואקסן — „ווייל זייער לאנגיאָריגע קנעכטשאפט האט זיי אומפייאיג גע־מאכט צו באפעהלן און צו פארוואלטן." עס אנטוויקלט זיך א גרויסע געגנערישע פּאָלעמיק אָרום דעם ווערק. אָבער אויך מענדעלסזאָן איז אומצופרידן מיט זיין פריינט'ס ווערק. ער איז אומצופרידן

מיט דער באַהויפּטונג, אַז אידן זיינען ניט פייאיג צו פאַרנעמען רעגירונגס־שטעלעס, און איז אומצופרידען מיט'ן חרם־רעכט פאַר רבנים. ער לאָזט איבערזעצן אויף דייטש מנשה בן ישראל'ס בראָשור: „ת ש ו ע ת י ש ר א ל", און שרייבט צו איהר אַ הקדמה. אין דער הקדמה נעמט ער אַרום די גאַנצע אידן־פראַגע אין אַלע אירע געשיכטלאַכע פאַזן; אַלע פאַרשידענע טענות, וואָס מען האָט אין פאַרשידענע צייטען אַרויסגעשטעלט געגן אידן, און אויף אַלע ענטפערט ער. קלוג און שאַרף און איינלויכטענדיג זענען זיינע ענטפערן. און דאָס ברייננגט צו ווייטערער און פאַרברייטערטער פּאָלעמיק. ער באַהויפּטעט, אַז די רעליגיע, די קריסטלאַכע ווי די אידישע, טאָר ניט און לויט איר מהות קאָן ז י נ י ט הערשן. זי קאָן אויך ניט אַרויסשטויסן קיין זינדיגע מיטגלידער. פאַרקערט, גראָד די שוואַכע און די אָפּגעשטאַנענע דאַרף זי צוציען און באַלערן און טרייסטן. אָבער ניט אַרויסשטויסן. די פּאָלעמיק ברייננגט אים אויך צו שרייבן אַן ערנסט ווערק („ירושלים") וועגן די פראַגן פון רעליגיע און מלוכה און דער חילוק צווישן זיי.

און דער חילוק צווישן זיי באַשטייט אין דעם, וואָס מלוכה אָדער שטאַט ב אַ פ ע ל ט און צ ו ו י נ ג ט, און די רעליגיע ל ע ר נ ט און ר ע ד ט - איבער. דער שטאַט האָט פיזישע מאַכט און באַנוצט זיך מיט איר, וואו זיינע באַפעלן ווערן ניט ערפילט. די מאַכט פון דער רעליגיע איז אָבער נאָר ליבע און גוטס טאָן. דער שטאַט דערווייטערט דעם ניט־געהאָרכזאַמען פון דער בירגערלאַכער געזעלשאַפט, די רעליגיע נעמט אים אַריין אין איר שויס. די בירגערלאַכע געזעלשאַפט האָט צוואַנגס־רעכט, די רעליגיעזע געזעלשאַפט האָט ניט קיין צוואַנגס־רעכט און קאָן זי ניט האָבן. אָבער אפילו מלוכה האָט אַ רעכט צו באַפעלן בלויז בנוגע צו ט אָ ן און צו נ י ט־טאָן, אָבער ניט בנוגע צו טראַכטן אָדער ניט־טראַכטן, צו גלויבן אָדער ניט גלויבן. און נאָך ווייניגער האָט די קירך דאָס רעכט צו באַשטראָפן פאַר געדאַנקען, פאַר גלויבן, און ברייננגען מענטשן

אויפ'ן פייער דערפאַר. און אויך די אידישע תורה: ניט פאַר ניט-גלויבן, ניט פאַר פאַלש־דיינקען האָט די תורה באַשטראָפט, נאָר פאַר עובר זיין אויף די געזעצן פון דער מלוכה, פאַר שטערן די אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט. אָבער זינט דער בית-המקדש איז חרב געוואָרן, דער פּאָליטישער בונד צווישן אידן איז גע־וואָרן אויפגעבונדן, די רעליגיעזע חטאים האָבן אויפגעהערט צו זיין פּאָליטישע חטאים — ווייסט ניט די אידישע אמונה קיין אַנדער שטאָף ווי געוויסענסביסן וואָס דער זינדיגער לעבט איבער פאַר זיך. וואָרים די תורה איז אַ פּראַקטיש בוך מיט מצוות, וואָס דער איד דאַרף מקיים זיין און לעבן לויט זיי. יעדע מצוה האָט איר כונה און מאָראַלישן ציל. אָבער די תורה זאָגט ניט: אַזוי זאָלסטו גלויבן, אָדער אַזוי זאָלסטו ניט גלויבן, נאָר אַזוי זאָלסטו ט אָ ן און אַזוי זאָלסטו נ י ט ט אָ ן. יעדער איד איז מחויב מקיים צו זיין די מצוות, ער איז אָבער ניט מחויב צו גלויבן אין זיי. די תורה איז נאָר אויסן צו צווינגען דעם מענטשן צו מעשים טובים, צו גוטע טאַטן. אָבער די גוטע כונה — דאָס ווענדט זיך אָן דעם מענטשן. די מצוות, דאָס איז די אייזערנע קייט וואָס פאַראייניגט די אידן איבער דער גאַנצער געשיכטע און איבער דער גאַנצער וועלט. ווער עס איז ניט געבוירן אין דעם געזעץ, דער דאַרף זיך אָן אים ניט אָנבינדן. אָבער ווער עס איז אין אים געבוירן, דער מוז לויט אים לעבן און שטאַרבן. און ער לאָזט אוים זיין ווערק מיט'ן צורוף:

„...לאָזט ניט צו קיין ה ע ר ש נ ד י ג ע ר ע ל י ג י ע ס — די רעליגיע קאָן ניט און דאַרף ניט הערשן. זאָל מלוכה אכטונג געבן אויף ט אָ ן און נ י ט - ט אָ ן, אָבער ד ע נ ק ע ן און ר י י ד ן לאָזט אונז אַזוי ווי אונז איז פון אונזער אַלגעמיי־נעם פאָטער באַשערט. ווען מיר גיבן דעם קיסר וואָס דעם קיסר געהערט, טאָ גיט איר גאָט, וואָס אים געהערט".

דאָס בוך (ערשינען אין 1783) האָט אַן אויסערגעוויינלאַכן ערפאָלג. אַזאַ פילאָזאָף ווי קאַנט, אַזאַ פּאָעט און דיינקער ווי געטהע, אַזאַ פּאָליטיקער ווי מיראַבאָ און אַנדערע — אַלע האָבן

עם געפילט ווי א פליכט עפענטלאך אויסצודריקן זייער באוואונ־דערונג אויף דעם מייסטערווערק פון דעם גרויסן מענדעלסאָן.

א שריפטשטעלער וואָס איז געווען נאָענט צו מענדעלסאָנ'ען, דערציילט וועגן אים:

„קליין געוואקסן איז מענדעלסאָן געווען, האָט געהאַט א הויקער און איז געווען זייער מאָגער. זיין פנים — שווארץ, קרענקלאך און באוואקסן. זיינע האָר — שווארץ און געקרייזלט. אויף זיינע ליפן — א שטענדיגער שמייכל, זיינע אויגן — פייערדיג און נעמען דורך דעם אנדערן. עניוות און גוטסקייט האָט זיין געזיכט אויסגעדריקט. דער הויכער גערונצעלטער שטערן האָט ווי עדות געזאָגט, אז ער פארשטעלט א טיף־דיינקענדען מח. שטענדיג האָט ער ווייניג געגעסן. נאָך ווייניגער געטרונקען און לחלוטין געווען אָפגעשיידט פון אלע לייכטזיניקייטן פון דעם ארומיגן לעבן.

„ער האָט זייער ליב געזעלשאַפט, איז זייער אַן איבער־געגעבענער פריינט. אבער דאָס גרעסטע פארגעניגן האָט ער אין זיין פילאָזאָפישער ארבייט. פיר־פינף אין דער פרי טרעפט מען אים שוין ביי זיין ארבעטס־טיש, אזוי ביז ניין. פון ניין ביז פיר אין געשעפט. און נאָכמיטאָג זאמלען זיך צונויף אין זיין וואוינונג אַן עולם מענשן: תלמידים און פרעמדע, טעאָלאָגן און פילאָזאָפן, ליטעראַטן און שוישפילער, רבנים און משכילים — און מיט יעדן רעדט ער פון יענעמ'ס פאך ווי א פאכמאן.

„און קיינמאָל גיט ער ניט ארויס זיין מיינונג פאר געווים. שטענדיג האָט ער זיך אויסגעדריקט: „איך וואָלט געזאָגט", „איך מיין", „מ'קאָן זאָגן" א. ד. גל., הגם אלע האָבן זיך מיט זיין מיינונג שטארק גערעכנט".

און אינמיטן זיין גרויסער פּאָפּולאַריטעט און גרויסן רום איז ער דעם 4טן יאַנואַר, 1786 (ה' שבט, תקמ"ו), פון דער וועלט געגאַנגען.

נחמן קראָכמאַל

אַ נאָמען — אַ ווענדע־פּונקט אויפ׳ן וועג פון דער אידישער גייסטיגער ענטוויקלונג. באַ דעם פּונקט, קומט־צו דעם אידנטום אַ נייער שטיק אינהאַלט. עס קומט־אויף דער באַגריף: נאַציאָנאַל־אידנטום. און רעדט מען באַ אונז פון „נאַציאָנאַלן גייסט,“ פון „פאָלקס גייסט“ און פון „נאַציאָנאַלער קולטור“ נוצט מען כסדר קראָכמאַלשע טערמינען. און רעדט מען באַ אונז פון „אידישער וויסנשאַפט“, פון קריטישן פאַרהאַלטן און קריטישן באַהאַנדלען אונזער אַלטע ליטעראַטור, פאַר׳ן ליכט פון דער געשיכטע, באַוועגן מיר זיך ווידער אין דער אַטמאָספערע, וואָס ער, קראָכמאַל, האָט געשאַפן אַרום אידנטום. און הערט מען איצט נאָך רעדן פון אַ מיסיאָנס אידנטום — האָט אויך דאָס זיין אויסגאַנג־פּונקט אין קראָכמאַל.

אָבער באַ זיין לעבן איז ער שטיל געווען. געשטאַנען אָן אַ זייט פונ׳ם גרויסן וועג מיט זיינע טומלען און הויכרעדעריי. אַ נ ז י ר, אָן אָפּגעשייטער פון דער גרויסער וועלט, הגם ער האָט די וועלט, אירע אידעען און פּראָבלעמען אין זיך אויפגענומען.

געבוירען איז ער דעם 17טען פעברואַר 1785, אינ׳ם קליי־נעם גאַליציישן שטעטל: ב ר אָ ד. ווערט ער ערצויגן, ווי אַלע אידישע קינדער אין זיין צייט — גמרא לערנט ער, אַ רב וויל ער זיין. נאָר זיין פאָטער, אַביסל אויפקלערעריש געשטימט, — מחמת זיינע אָפטע, געשעפטליכע נסיעות קיין בערלין — שטעקט אָן זיין זון מיט ליבע צום תנ״ך און צו העברעאישער פּאָעזי. קיין שום אַנדערע שול־למודים לערנט ער ניט. די מוטער צאָלט זעקס דור־קאַטען אַ יאָר דערפאַר, מ׳זאָל איר קינד באַפרייען פון מלוכה׳־שען שול־צוואַנג. נאָר צו אַכט יאָר לערנט ער אוים דייטש פון די צייטונגען, וואָס פאַלען אַריין אין שטוב אַריין. צו דרייצען יאָר מאַכט מען אים חתונה. זיין שווער, שטאָק־אָרטאָדאָקס, פאָדערט

אַז זיין איידעם זאָל לערנען אויסשליסליך גמרא און פּוסקים און זיך גרייטן אַ רב צו זיין. פאָלגט ער. און דאָך געלינגט עס אים, אין משך פון דער קעסטצייט, צו לערנען: דייטש, פראַנצויזיש, לאַטיין, סיריש, אַראַביש און דערצו אַביסעל מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפט. אים אינטערעסירט אָבער ליטעראַטור און געשיכטע. דערהויפּט: די אידישע ליטעראַטור, פון דער אַראַביש־שפּאַנישער צייט. ווערט ער באַקאַנט מיט דער אַראַבישער פילאָזאָפיע. דאָס וועקט אין אים דעם חשק צו פילאָזאָפישע פּראָבלעמען בכלל, און צו די פון זיין צייט בפרט. ער שטודירט די אַלטע אידישע געשיכטע לויט דער ריכטונג פון עזרה די־ראָסי אין זיין באַרימטן ספר: „מאור עינים". אין זיין פינף־און צוואַנציגסטן יאָר, שליסט ער באַקאַנטשאַפט מיט עטליכע יונגעלייט, וואָס ווערן אינגיכן באַרימט, אַזוי: ש. בלאָך, ישראל בודק, ש. ל. ראַפּופּורט א. א. זיינע געשפּרעכן וועגן אידישער געשיכטע און זיינע קריטישע באַמערקונגען ווירקן אויף זיינע פריינט, ווי פייער־פונקען, פון וועלכע ס'קומט אינגיכן העל ליכט אויפ'ן געביט פון דער אידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט. ער איז דער ערשטער בא אונז, וואָס האָט אַרויסגעוויזן מוט און טיפקייט באַם פעסטשטעלן דאָס געשיכטליכע ענטשטייען פון די ספרים פון תנ"ך — הן לויט זייער אינהאַלט, הן לויט זייער שפּראַך — וואָס האָט שטאַרק אָנגעגריפן די טראַדיציאָנעלע מיינונגען וועגן די דאָזיגע פראַגן. ער איז אויך דער ערשטער, וואָס האָט גענוצט דעם תלמוד, ווי אַ קוואַל פאַר אידישער געשיכטע. און דער ערשטער איז ער אויך, וואָס האָט אָנגעהויבן צו שאַפן אַ פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע. אַז ער איז אַלט קרוב צו דרייסיג יאָר, לערנט ער נאָכאַנאַנד די גרויסע דייטשע פילאָזאָפן: קאַנט, פיכטע, שעלינג און העגעל, „באַזונדערס — שרייבט זיין חבר און תלמיד ש. ל. ראַפּאָפּאָרט — פאַרנעמט ער זיך מיט העגעל'ס שריפטן, פון וועלכע ער לאָזט ניט אויס קיין איינציגע, וואָס ער זאָל ניט האָבן געלייענט." אין דער זעלבער צייט (1814) טרעפן מיר אים אין זשאָלקיעוו, אין צענטער פון אַ גאַנצער גרופּע אָנהענגער און פאַרעהרער. אָבער

מאַטעריאַל האָט ער דאָ פיל צו ליידן. גראָד האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז צוליב אַ פריינדליכן בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו אַ קאַראַים, האָבן די זשאָלקיעווער חסידים אָנגעהויבן אים צו רודפ׳ן. פון רוסלאַנד אויס האָט מען אויסגעווירקט אויף אים אַ חרם. אין גאַנץ גאַליציע האָט מען געטומלט, אַז קראָכ־מאַל איז אַוועק פון תלמודישער אידישקייט און האָט אָנגע־נומען דעם „קאַראַימישן גלויבן". דער חרם האָט אים אפילו ווייניג געשאַדט; ער האָט לייכט באַוויזן, אַז די גאַנצע ווילדע אינטריגע שטיצט זיך בלויז אויף חסידישער שטאָק־פינסטער־ניש. אָבער פאַרדרוס האָט ער זייער פיל פון דעם אינצי־דענט און ער באַשליסט אַוועקצוואַרפן דעם „בית־המדרש", די „לומדות" און זיך נעמען צו מסחר. אָבער הגם ס ו ח ר, שפירט ער דאָך, אַז ער מוז זיך אַליין גייסטיג־זיטליך אויסבילדן, כדי ער זאָל אימשטאַנד זיין צו ווירקן אויפקלערעריש אויף די אידן. אין משך פון גאַנצע צוואַנציג יאָר (1816־1836) פאַרנעמט ער זיך מיט זעלבסטבילדונג. אין משך פון דער צייט, שטודירט ער זייער אייפריג די העגעלשע פילאָזאָפיע וועלכע ער רופט: „די פילאָזאָפיע פון אַלע פילאָזאָפיען"; וועגן איר זאָגט ער, אַז „זי איז פיל נאָענטער דעם אידנטום פון די פאַרצייטיגע איסיים, ווי צום קריסטנטום". ער באַמיט זיך צו געפינען אין אידנטום יסודות פאַר העגעל׳ס וועלט־אַנשויאונג. ער באַמיט זיך אַזוי אַרום צו פאַראיי־ניגן די אידישע טעאָלאָגיע מיט דער אַ מ ת ׳ ע ר פילאָזאָפיע, ד. ה. מיט דער פאָדערונג פון דער וויסנשאַפט אין זיין צייט, וואָס באַטייט: צו קוקן אויף די ערשיינונגען אין אידנטום פון שטאַנד־פונקט פון היסטאָרישער ענטוויקלונג.

1836 איז ער געצוואונגען זיך אומצוקערן קיין בראָד, זיין געבורטסשטאָט. דאָ האָט ער די נויטיגע רו, כדי אויסצואַרבעטן זיין איינציג ווערק: „מורה נבוכי הזמן", וואָס ער האַלט פאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע, אָבער די רוה־צייט דויערט קוים צוויי יאָר. צוליב זיין קראַנקייט מוז ער 1838 אַריבערפאָרן קיין טאַרנאָפּאָל, כדי צו לעבן נאָענט צו זיין טאָכטער.

אין טאַרנאָפּאָל ווערט אים אַביסל בעסער. און דאָס יאָר פאַר־ברײנגט ער אין סטיליזירן אײנצלנע קאַפּיטלאַך פון זײַן ווערק — דערהויפּט יענע, וואו ער האָט ארויסגעבראַכט זײַנע אָריגינעלע אנשויאונגען, געבויט אויף דער העגעלשער פילאָזאָפיע. 1840 פרעגט מען אָן פון בערלין, בײַ קראָכמאַל׳ס פרײַנט אין טאַרנאָפּאָל, צי וואָלט ניט קראָכמאַל געוואָלט ווערן רב אין בערלין? דערויף ענטפערט ער, אַז ער קאָן ניט אָננעמען צו זײַן וועמעס עס איז „נשמה־פאַרזאָרגער.“ אין מאַי דאָסזעלבע יאָר ערגערט זיך זײַן געזונטס־צושטאַנד. ער פילט, אַז דאָס איז דער סוף פון זײַן לעבן. דאַן בעט ער פון זײַנע קינדער, אַז נאָך זײַן טויט, זאָל מען זײַנע שריפטן איבערשיקן קיין בערלין צו דאָקטאָר לעאָפּאָלד צונץ, וועל־כער וועט זיי אָרדנען און מאַכן זיי דרוק־פײַאיג. דעם 31טן יולי 1840, איז קראָכמאַל געשטאָרבן אין עלטער פון פינף און פופציג יאָר מיט פינף און אַ האַלב חודש.

די יורשים האָבן געפאָלגט און די שריפטן אריבערגעשיקט צו צונצ׳ן. צונץ האָט געפאָלגט, און האָט זיך גאַנצע צען יאָר פאַרנומען מיט אָרדנען די שריפטן. און צום סוף איז דאָס ווערק געקומען צו דער וועלט „אין אַ צוקאַליעטשעטער און פאַרפּלאָנ־טערטער פאָרם“ — ווי יאַסט (אַ גרויסער אידישער געלערנטער) האָט באַמערקט. אָנשטאָט די שריפטן אַזוי צו אָרדנען, אַז פונ׳ם גאַנצן זאָל ארויסקומען אַ געגלידערט פילאָזאָפישער סיסטעם, ווי קראָכמאַל האָט עס אָנגעצייכנט: לאָגיק נאַטור־פילאָזאָפיע און גייסטעס־פילאָזאָפיע — הגם ניט אַלע טיילן געגוגענד דורכגעאַרבעט, — האָט צונץ געקוקט אויף די שריפטן, ווי אויף אַ הויפן פּאַפּיר, וואו די פאַרשיידענע אָפּהאַנד־לונגען גייען דורכאַנאַנדער. דאָ אָנגעהויבן, דאָרט ניט גע־ענדיגט . . . האָט ער אָנגעהויבן מיט די באַאַרבעטע קאַפּיטלאַך און די איבריגע האָט ער געפּאָרט ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז דאָ איז ניט דער פּלאַץ אַרײַנצודרינגען אין אַלע אײנצלהייטן, פונ׳ם קראָכמאַל׳שן סיסטעם. עס זאָלן דאָ אָבער

אונטערגעשטראָכן ווערן די הויפּט געדאַנקען, וואָס צוליב זיי האָט ער זיך ערוואָרבן די גרויסע ווירקונג אויף דורות.

העגעל האָט געלערנט: צוערשט איז געווען דער וועלט־גייסט. דער מהות פונ׳ם וועלט־גייסט איז דער אייביגער דראַנג זיך צו ענטוויקלען, אָדער זיך א ר ו י ס צו ענטוויקלען, פון זיך, און, דערגרייכענדיג די העכסטע שטופן פון זיין ענטוויקלונג, זיך אומקערן צוריק אין זיך. דער גאַנצער פאַרלויף פון דער וועלט־געשיכטע, שטעלט מיט זיך פאָר בלויז די עטאַפּן, וואָס דער אַלגעמיינער־ אָדער אַבסאָלוטער וועלט־גייסט האָט דורכגעמאַכט אויף זיין וועג צו זיך, ד. ה. דער וועג פון זיין שטופענווייזער ענטוויקלונג ביז וואַנען ער גרייכט צו זעלבסטדערקענונג, אָדער זעלבסט־באוואוסטזיין. וואָס הייסט: צוריק צו זיך. איז אָבער דער אַבסאָלוטער גייסט פילזייטיג, ווי די וועלט, וואָס ער טראָגט אין זיך; ער פאַרמאָגט די פאַרשיידנסטע אייגנשאַפטן אָדער פּרינציפּן, און יעדע אייגנשאַפט, יעדער פּרינציפּ שטרעבט צו פולשטענדיגער ענטוויקלונג, צו פולשטענדיגער אויסערונג. ווי־זשע קומט די ענטוויקלונג פאָר? איז יעדער באַזונדער פאָלק באַשערט, אַז עס ווערט דורכגעדרונגען מיט אַ באַזונדער אייגנשאַפט, אָדער א י י נ צ ל ־ פּרינציפּ, פונ׳ם אבסאָלוטן גייסט. ד אָ ס ו ו ע ר ט ז י י ן פ אָ ל ק ס ־ ג י י ס ט, אָדער נאַציאָנאַל־גייסט. און דאָס דאָזיגע פאָלק ענטוויקלט יענעם פּרינציפּ, זיין פאָלקס־גייסט, אַזוי ווייט און הויך ווי מעגליך. אַלזייטיג ווי מעגליך. און דער פאָלקס־גייסט שפּיגלט זיך אָפּ אין דער קונסט, וואָס דאָס פאָלק שאַפט, אין דער רעליגיע, וואָס דאָס פאָלק האָט, אין דער פילאָזאָפיע, מאָראַל, זיטן א. אַז. וו. אַזוי, למשל, האָט זיך דער פּרינציפּ פון שיינקייט ענטוויקלט דורך די גריכן, דער פּרינציפּ פון מאַכט — דורך די רוימער. איז ווי לאַנג דער אַבסאָלוטער גייסט האָט נ ו י ט י ג אַ פאָלק, כדי עס זאָל ענטוויקלען איינעם פון זיינע פּרינציפּן, אָדער אייגנשאַפטן, עקזיסטירט דאָס פאָלק, און זיין נאַציאָנאַלגייסט באַהערשט, אין דער צייט, די גאַנצע וועלט. גרייכט דער פּרינציפּ זיין העכסטע ענטוויקלונג, קומט ביז

צו זעלבסטדערקענונג אָדער זעלבסטבאַוווסטזיין, דאַן האָט דאָס פֿאָלק זיין מיסיע אויף דער וועלט דערגרייכט, און דאַרף פֿאַר־שווינדן פֿונ׳ם האָריזאָנט פֿון דער וועלט־געשיכטע. זיין ראָלע איז געענדיגט, און אין אַנדער פּרינציפּ דרינגט דורך אין אַנדער פֿאָלק, ענטוויקלט זיך דורך אים, קומט צו אויסערן־זיך דורך אים — אַלס זיין נאַציאָנאַל־גייסט, און דער גייסט פֿון דעם אַנדערן פֿאָלק באַהערשט די וועלט א. אַז. וו. דערפֿאַר מאַכט יעדער פֿאָלק, אָדער ריכטיגער: יעדער פּרינציפּ, מיט וועלכן אַ פֿאָלק ווערט באַגייסטערט, — און מיט אים אויך דאָס פֿאָלק, וואָס ענטוויקלט אים — דורך דריי עפּאָכן: די ערשטע — די עפּאָכע פֿון שפּראָצן, די צווייטע — די עפּאָכע פֿון בליען און די דריטע — די עפּאָכע פֿון וועלקן. אין משך פֿון דער צווייטער עפּאָכע באַהערשט דאָס דאָזיגע פֿאָלק, אָדער זיין גייסט, די גאַנצע וועלט. דאַן ווערט אים זיין אייגנטימלעכקייט קלאָר און ער דערקענט וואָס אים צייכנט אויס פֿון אַלע אַנ־דערע פֿעלקער, וואָס איז דער מהות פֿון זיין נאַציאָנאַל־גייסט. און קוים געקומען צום זעלבסטבאַוואוסטזיין, דאָס הייסט קוים האָט שוין דער איינצעל־פּרינציפּ, וואָס האָט אויסגע־מאַכט דעם נאַצינאַל־גייסט פֿון דעם פֿאָלק, דערגרייכט זיין העכסטע ענטוויקלונגס־שטופֿע: „זיך דערקענט", הויבט אָן דאָס פֿאָלק צו וועלקן, צו פֿאַלן ביז עס ווערט פֿאַרשלונגען פֿון אַנדערע, פֿון נייערע, וואָס קומען אין פֿראָנט פֿון דער וועלט־געשיכטע. אַזוי קומט אויף פֿאָלק נאָך פֿאָלק, יעדער אין זיין צייט, יעדער מיט זיין גייסט, אַזוי פֿאַרשווינדט פֿאָלק נאָך פֿאָלק, יעדער אין זיין צייט, יעדער נאָכ׳ן פֿאַרשווינדן פֿון אים זיין גייסט. און אָט דער ענטוויקלונגס־גאַנג פֿון די פֿאַרשיידענע פּרינציפּן אָדער אייגנשאַפֿטן, אָדער מידות, צי קרעפֿטן פֿונ׳ם אַבסאָלוטן גייסט; דאָס אַרויף און אַראָפּ פֿון די פֿעלקער, מאַכט אויס דעם גאַנג און ציל פֿון דער וועלט־געשיכטע. און דער אַבסאָלוטער גייסט, אַלס גאַנצער, מיט אַלע זיינע איינצעלפּרינציפּן צוזאַמענגענומען, דערגרייכט זיין אַלזייטיגע ענטוויקלונג אין דער מלוכה־אידייע. אין דער אידייע פֿון

ש ט א א ט. „דער שטאאט, זאגט העגעל, דאס איז די גאט־אידייע, ווי זי איז פאראן אויף דר׳ערד.“ דער שטאאט, אלס געמיינזאמע פאלקס אינדיווידואליטעט, ענטוויקלט און נערט אלע פרינציפן פונ׳ם אבסאלוטן גייסט מיט אמאל, — ווייל דא איז קאנסטיטור־ציע, געזעצן, זיטן, רעליגיע, קונסט און פילאזאפיע צוזאמענגע־פאסט ווי איין לעבעדיגע איינהייט.

און א י ד ע ן? וואס איז ז י י ע ר מיסיע אין דער וועלטגעשיכטע? וואסער א פרינציפ פונ׳ם אבסאלוטן גייסט, איז אויף זייער חלק אויסגעפאלן צו ענטוויקלען? העגעל האט פ א ר־ ט י י ל ט די אידן. לויט העגעל, האבן אידן קיין שום ארבעט ניט געטאן פאר דער ענטוויקלונג פונ׳ם אבסאלוטן גייסט. און טאקע: א פאלק, „וואס זיין גאנצע עקזיסטענץ איז א העסליכקייט,“ — ווי העגעל דריקט זיך אויס, — וואס האט דען צו זאגן צווישן וועלט־באהערשענדע פעלקער?

איז קראכמאל׳ן דעם פ י ל א ז א ף, זייער געפעלן דער גאנצער וועלט בנין, ווי העגעל האט אים קאנסטרואירט, ווי ער האט דארט די באזונדערע פעלקער אין די באזונדערע טורעמס באזעצט. מ׳זעט דאך באשיינפערליך, ווי פעלקער פאלגן נאך פעלקער, עפאכן נאך עפאכן אין דער וועלט־געשיכטע, און יעדע עפאכע האט איר פאלק אלס טרעגער, צו פארפולקאמען א באזונ־דערן פרינציפ פונ׳ם וועלט־גייסט. אבער קראכמאל דער א י ד, ער מוז עפעס ענדערן אין דעם וועלט־בנין; א באזונדער טורעם מוז ער דארט האבן פאר׳ן אידישן פאלק. ניט קאן ער צוגעבן, אז אידן האבן גארניט אויפגעטאן, אויף קיין געביט ניט, פאר דער ענטוויקלונג פונ׳ם וועלט־גייסט, און ניט לייגט עס זיך אים אויפ׳ן שכל, אז דער שטאאט (מלוכה) זאל עס פארענדיגן די גאנצע ענטוויקלונג פונ׳ם אבסאלוטן גייסט אויף אלע געביטן. און דערצו נאך דער דעמאלטיגער רעאקציאנערער פרייסישער שטאאט — אויף וועלכן דער גאנצער העגעלשער וועלט־גייסט איז געווען צוגע־שפיצט! און בפרט אז לויט העגעל קומט אויס, אז דאס פאלק, וואס

איז „אויסער“ שטאַטליך, איז אויך אויסער דער וועלט־געשיכטע — ווייל עס שטייט דאָך אויסער יענע פאַראייניגונגס־באַנדן, מיט וועלכע דער שטאַט בינדט צוזאַמען אַלע זייניגע אין איין לעבע־דיגער איינהייט. אין אמת׳ן אָבער לעבן דאָך אידן אַלס א י י נ ־ ה י י ט — ניט־קוקנדיג אויף זייער צעוואָרפנקייט, און זייער שטאַטלאָזיגקייט; אין אמת׳ן האָבן דאָך אידן פאַרט ענטוויקלט דעם רעליגיעזן פרינציפּ פונ׳ם וועלט־גייסט פיל העכער און פול־קאָמענער, ווי אַ וועלכעס עס איז אַנדער פאָלק. האָבן דאָך אויך פרעמדע פאַרגעוואָרפן העגעל׳ן, אַז אין דעם פונקט האָט ער אידן געקריוודעט . . .

איז אין די צוויי פונקטן נויגט ער אָפּ פון העגעל׳ן. ניט אין ש ט אַ ט, מיינט קראָכמאַל, דערגרייכט דער אַבסאָלוטער גייסט זיין העכסטן ענטוויקלונגס־פונקט — דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין — נאָר אין דער רעליגיע (פאַראַן בא העגעל׳ן אַ שטעלע, וואו ער איז בפירוש מודה, אַז דער רעליגיעזער פרינציפּ איז דער העכסטער, דער אַלגעמיינער, און שטייט א י ב ע ר אַלע איינצלפּרינציפּן) און אידן זענען עס דאָס פאָלק, וואָס טוט און ענטוויקלט און פאַר־פולקאָמט דעם רעליגיעזן פרינציפּ פונ׳ם וועלט־גייסט. דער רעליגיעזער פרינציפּ איז דער העכסטער און דער אַלגעמיינסטער, וואָרים רעליגיע איז כולל אין זיך און אונטערוואָרפט אונטער איר הערשאַפט אַלע איינצלפּרינציפּן ווי: קונסט, מאַכט, זיטן, מאָראַל, שיינקייט און אפילו שטאַטליכקייט. און נאָך אַ מעלה האָט דער רעליגיעזער פרינציפּ: זיינע ענטוויקלונגס־מעגליכקייטן זענען אומענדליך, ווי די ענטוויקלונגס־מעגליכקייטן פון דעם אַבסאָלוטן גייסט גופא, וואָס קומט צו זיין זעלבסטדערקענטניש אין דער רעליגיע. און דער פועל־יוצא דערפון איז פאָלגנדער: יעדער איינצל־פרינציפּ גילט ווי דער פאָלקס־גייסט, ווי לעבעדיגער אָטעם פאַר דעם פאָלק, וואָס פּפלעגט אים און ענטוויקלט אים, נאָר אַזוי לאַנג, ווי דאָס פאָלק האָט נאָך זיין מיסיע ניט אויסגעפירט; ווי לאַנג דאָס פאָלק האָט ניט דערקענט דעם מהות פון זיין גייסט, איז ניט געקומען, ווי מ׳זאָגט, צום זעלבסטבאַוואוסטזיין צום דער־

קענען, און וואָס עס באַשטייט זיין מיסיע אויף דער וועלט. קומט ער אָבער צו זעלבסטדערקענונג, צו זעלבסטבאַוואוסטזיין, איז זיין מיסיע געענדיגט און דאָס פאָלק באַוועגט זיך פון איצט אָן צו זיין אונטערגאַנג, אָבער דער רעגיליעזער פרינציפ — ווייל אין אים קומט דער אַבסאָלוטער גייסט צו זיין זעלבסטבאַוואוסטזיין — ענטוויקלט זיך אומענדליך. דערום קאָן ניט דאָס אידישע פאָלק, וואָס אים איז באַשערט דאָס גליק צו האָבן די מיסיע — ענטוויקלען דאָס רעליגיעזע פרינציפ — די געפאַר פון אונטערגאַנג, נאָכדעם ווי עס וועט דערקענען דעם מהות פון זיין פאָלקס־גייסט, און צום אָפשליסן זיין מיסיע. וואָרום זיין מיסיע ווערט קיינמאָל ניט אָפגע־שלאָסן. נאָך דער ד ר י ט ע ר עפּאָכע פון חולשה, אָדער וועלקן, הויבט זיך ווידער אָן אַן ע ר ש ט ע עפּאָכע פון נייעם שפּראָצן, פון אַ נייער ענטוויקלונג, וואָס גרייכט העכער פון דער פריערינגער בליהונג־עפּאָכע, און אַזוי קומען די קרייזן און גייען, קומען און גייען אייביג און אייביג... און ווי דער רעליגיאָנס־פרינציפ, אַזוי איז אויך דאָס פאָלק, דער טרעגער פון דעם פרינציפ, און דער גע־טראָגענער פון אים — ווי פון זיין פאָלקס־גייסט, — געזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ אויף אייביג און אייביג.

אַזוי האָט קראָכמאַל גענומען די העגעלשע אויפפאַסונג פון וועלט און געשיכטע, גייסט און קערפער, אינהאַלט און פאָרם, דיינקען און זיין, גאָט און מענש (מענשהייט) און דערפון גע־שאַפן אַ שטרענג אידישע וועלט־אָנשויאונג. און ניט בלויז פאַר ז י י ן צייט. אויך איצט נאָך, קנאַפּע הונדערט יאָר נאָך זיין טויט, באַוועגט זיך דער אידישער געדאַנק אין דעם עגול, וואָס קראָכמאַל האָט אַרום אים געמאַכט. שוין אין אָנהויב פון דעם אַרטיקעל איז דערמאָנט געוואָרן דער פאַקט, אַז לחלוטין אַנטקעגן־געזעצטע ריכטונגען אין אידנטום, האָבן זייער שטיצע אין אים. נעמליך: דאָס מיסיאָנס־אידנטום און דאָס נאַציאָנאַל־אידנטום. פון אים גייען אויס יענע, וואָס האַלטן, אַז עס איז גוט פאַר אידן, וואָס זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט — נאָר אַזוי אַרום זענען זיי אימשטאַנד צו דערפילן זייער היס־

טאָרישע מיסיע: ענטוויקלען און פאַרשפּרייטן די אידייע פון אַן איין־אײנציגן גאָט צווישן יענע פעלקער, וואָס האָבן נאָך ניט דערגרייכט די מדרגה פון באַגרייפן די אמת'ע איינגאָטליכקייט. און נאָר **דערפילנדיג די דאָזיגע מיסיע**, וואָס דער גאָט פון דער געשיכטע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, האָבן זיי רעכט צו עקזיס־טירן אויף דער וועלט, ווי אַ באַזונדער, רעליגיעזע געמיינשאַפט. און ער גילט אויך אַלס שטיצע פאַר יענע, וואָס האַלטן, אַז יעדע נאַציע האָט איר באַזונדערן גאָט — איר באַזונדערן נאַציאָנאַלן גייסט. און אַ נאַציע קאָן נאָר אַזוי לאַנג עקזיסטירן, ווי לאַנג איר נאַציאָנאַלער גייסט לעבט אין איר און ענטוויקלט זיך. אָבער כדי דער דאָזיגער גייסט זאָל ניט אויסגעוועפּט ווערן, זאָל האָבן אַ קיום אין פאָלק און דאָס פאָלק זאָל האָבן אַ קיום דורך אים: כדי ער זאָל ניט אויסגעצערט און ניט פאַרטונקלט ווערן, מוז די נאַציע, וואָס טראָגט אים און ווערט פון אים געטראָגן, האָבן אַ באַשטימטן פּלאַץ, אַ פעסטן באָדן אונטער דער זון. וואָרום נאָר אַזוי אַרום וועט די נאַציע קאָנען לעבן אין הסכם מיט איר נאַציאָנאַלן גייסט און אים אַלץ ווייטער און טיפער און העכער ענטוויקלען. דאָס איז איר אָבער אוממעגליך צו טאָן — ווי־לאַנג זי איז צעוואָרפן צווישן פרעמדע פעלקער אונטערן דרוק און אונטער דער ווירקונג פון פרעמדע געטער, פרעמדע נאַציאָנאַלע גייסטער און פרעמדע קולטורן.

איז די ערשטע ריכטונג — מיט איר אידנטום, וואָס לעבט בלויז מיט דעם זכות, וואָס עס איז דער רעליגיאָנס־לערער פון אַנדערע — גייט אונטער אין תהום פון איר אינערליכער פאַלש־קייט, אין דער בולט'ער סתירה צווישן דער כלומר'שטער היסטאָ־רישער רעליגיעזער אויפגאַבע און דעם פּאַקטישן, טעגליכן רעלי־גיאָנסלאָזן לעבן. איז די צווייטע ריכטונג, מיט איר נאַציאָנאַל־אידנטום, געווינט אַלץ מער און מער סיי אין פאַרנעם, סיי אין באַוואוסטזיין. עס איז שוין כמעט אַן אַלגעמיין אָנערקענטע איבערצייגונג, אַז אַ נאַציע קאָן נאָר אַזוי לאַנג לעבן, וואַקסן און זיך ענטוויקלען, ווי־לאַנג און אין דער מאָס, וואָס זי לעבט און ווירקט אין הסכם מיט איר נאַציאָנאַלן גייסט אויף איר באַזונדערן

נאַציאָנאַלן באָדן. און אין דער פרייער, בויענדער אידישער וויסנ־שאַפט באַגעגענען זיך ביידע ריכטונגען — הגם אויך ניט אין גרויסן פרידן.

אָבער אינאיינעם דערמיט געשייט דאָס נאַטירליכע: קראָכ־מאַל׳ס לערע בלייבט און ענטוויקלט זיך און אָן דעם לערער פאַר־געסט מען. פון אידישער וויסנשאַפט, פון נאַציאָנאַלן גייסט רעדט מען, און דעם, וואָס האָט דער ערשטער די דאָזיגע באַגריפן אריינ־געבראַכט אין אידנטום, ווער געדיינקט נאָך? ווען קומט נאָך אַמאָל ארויף אויפ׳ן זינען נחמן קראָכמאַל — דער איינציגער אידי־שער העגעליאַנער?...

די אידן אין פוילן

וויל מען פעסט־שטעלן: ווען האט דער ערשטער אידישער פוס געטראטן אויף פוילישער ערד? — געפינט מען זיך אין נעבל. קיין קלארע זאכן זעט איר ניט. השערות זענען פאראן, אבער ניט קיין זיכערקייטן. מ'נעמט אן, אז די אידן זענען אהערגעקומען פון מערב — פון מיטל־איירא‌פע. מ'מיינט אבער אויך, אז זיי זענען אהערגעקומען פון מזרח — פון רוסלאנד, פון קרים, פון די כוזרים. מ'איז זיך משער, אז אידן האבן אריינגעדרונגען קיין פוילן פון ביידע זייטן: אי פון מזרח אי פון מערב. די לעצטע קומען ווי געניטע סוחרים. די ערשטע — ווי טיכטיגע ערד־ארבעטער. אינאיינעם מיט פיל אנדערע שטאמען, וואס האבן פון דארט אהער איינגעוואנדערט.

אבער אידישע געשיכטע אין פוילן הויבט זיך אן ערשט פון צוועלפטן יארהונדערט. די באוועגונג צום ערשטן און צווייטן קרייץ-צוג הויבט זיך אן מיט נגישות און רדיפות אויף אידן, מיט בלוט־בעדער און שייטער-הויפנס פאר אידן, און די אידן אנטלויפן פון מיטל-איירא‌פע צו מזרח־צו, קיין פוילן. צום סוף פון 12טן יארהונדערט ווערט שוין גערעדט פון אידן אין פוילן, ווי פון אן אלט-געזעסענער קאטעגאריע מענטשן, וואס לעבט אין שטאט און לעבט אין דארף. וואס פארנעמט זיך מיט האנדל. אין 13טן יארהונדערט ליגט דער אויסווערטיגער האנדל פון פוילן אין אידישע הענט. פון איין זייט האנדלט מען מיט דייטשלאנד, פון דער אנדערער — מיט קיעווער רוס, וואס איז פאר פוילן פונקט אזוי ניצלאך ווי פאר די אידן. ווארים פונקט ווי די אידן האבן נויטיג געהאט א ווינקל אויף דר'ערד, וואו זיי זאלן קאנען רואיג לעבן און ארבעטן, און האבן עס געפונען אין פוילן, אזוי האט אויך פוילן נויטיג געהאט אזוינע קאלאניסטן, איינוואנדערער, וואס זאלן איר העלפן ארויסצוארבעטן זיך פון דער נאטוראל־ווירטשאפט, אין וועלכער זי האט נאך געשטעקט. סוחרים האט זי גענדארפט האבן, געלט־ווירטשאפט האט פוילן נויטיג געהאט — און דאס האט זי געפונען ביי די איינגעוואנדערטע אידן. זייער געלט האבן זיי אריינגעלייגט אין פארשי-

דענע האנדלס-אונטערנעמונגען. ארענדעס, פאכטן, און געלט־הלוואות. און די דאזיגע עקאנאמישע טעטיקייט פון די אידן אין דעם לאנד איז די פירשטן צו גוט געקומען. די באפעלקערונג האט אויך נאר געוואונען דערפון, וואס א לעבעדיגער גייסט האט אנגעהויבען צו שוועבן איבער'ן לאנד; וואס אינאיינעם מיט'ן געלט איז אויך פרייערע באוועגונג איר מעגלאך געווארן. נאר פאר דער קאטוילישער קירך זענען די איינגעוואנדערטע אידן געווען ווי א דארן אין די אויגן. העצן זיי, אינטריגירן זיי דאס פוילישע פאלק געגן די אידן. אבער די פירשטן, וואס קאנען אפשאצן די גרויסע עקאנאמישע נוצן, וואס אידן ברייינגען מיט זיך, נעהמען זיך אונטער צו שיצן די אידן געגן די עוולות, וואס די קירך איז גרייט געווען צו באגיין געגן זיי.

איז טאקע שוין פון 13טן יארהונדערט שטאמען די ערש־טע אידישע פריווילעגיעס, וואס דער פירשט פון גרויס פוילן, ב'אלעסלאוו דער פרומער (אדער: דער קאלישער) האט זיי אין יאר 1264 געגעבן. אין ,פרינציפ שטייט דער פירשט אויפ'ן שטאנדפונקט, וואס די פארשידענע פירשטן אין מיטל־אייראפע, בעת זיי האבן געגעבן פריווילעגיעס צו אידן, נעמ־ליך: אז „די אידן זענען דאס אייגנטום פון פירשט" — הגם דאס איז ניט בפירוש אויסגעדריקט — דערפאר געמט ער, דער באלעבאס זייערער, אויף זיך די אחריות פאר זייער לעבן און פארמעגן און שיצט זיי פון אנגריף, און זעט אז עס זאל זיי קיין אומרעכט ניט געשען. אבער אין תוך זענען די דאזיגע פריווילעגיעס פיל הומאנער, מ'קאן זאגן: הארציגער ווי די פריווילעגיעס פון די מיטל־אייראפייאישע פירשטן. מער אויפריכ־טיקייט, מער גוטער ווילן, שטעקט אין זיי. געוויס זענען זיי אויסן דעם נוצן וואס די אידן ברייינגען דעם לאנד דורך זייער טעטיקייט, זיי ווילן אבער מיט אן אמת, אז אידן זאלן געניסן געוויסענס־פרייהייט, זיין ארגאניזירט, זיך פילן פונקט אזוי זיכער, ווי דער קריסט, און האבן רו און גליק אין פוילן. דאס איז נאך מער צו זען אין די פריווילעגיעס ווי זיי זענען אויסגעארבעט

און פארברייטערט געוואָרן מיט 70 יאָר שפּעטער פון קאַזימיר דעם גרויסן (1333—1370). איצט האָבן די אידן באַשריינקטע אויטאָנאָמיע אין זייערע אינווייניגסטע אָנגעלעגנהייטן. שוץ און גערעכטיקייט זאָל די אידן געשען אויף אַלע געביטן פון לעבן, אין אַלע זייערע באַשעפטיגונגען. לוסטיג מאַכן זיך איבער אידן, בלבולים מאַכן אויף אידן, אומזיסט געלט צאַפּן פון אידן — דאָס אַלץ ווערט פארבאָטן. און אַלע מעגלאַכע פרייהייטן ווערן זיי געגעבן צו ענטוויקלען זייער איניציאַטיווע. און אידן האָבן געפילט די אויפריכטיקייט פון די פוילישע הערשער און זייער גוטגעניייגטקייט צו אידן, און צו זייער איבערגעבנקייט און דאנק־באַרקייט צו פוילן איז קיין שיעור ניט געווען.

איז אָבער נאָך די אידן אַ שווערער שאָטן געצויגן קיין פוילן. צוליב די גרויסע פּריווילעגיעס, וואָס די פוילישע פירשטן האָבן געגעבן צו נייע קאָלאָניסטן, האָבן אויך פיל דייטשן איינ־געוואַנדערט קיין פוילן אינאיינעם מיט די אידן. דיזעלבע דייטשן, וואָס זענען אַליין טעטיג געווען אין אידישע פּאָגראָ־מען און ווילדע רציחות, אָדער על כל פּנים געווען נייגעריגע עדות דערביי, זענען אַהערגעקומען און מיטגעבראַכט די פאַר־אַכטונג צו אידן און דעם בייזן ווילן: אידן צו אונטערדריקן. ביידע — אי אידן, אי דייטשן — פאַרנעמען זיך מיט האנדל, אינ־דוסטריע און מלאכה, און פון פרי אָן זענען זיי דם שונאים צווישן זיך. די דייטשן זענען נעענטער צום פוילישן המון, פאַר־טרויליכער מיט אים, צוליב זיין קריסטלאַכקייט. און אויף דער גרעניץ צווישן 14טן און 15טן יאָרהונדערט קומען שוין פאָר אידישע פּאָגראָמען אין פּויזן און אין קראָקאָ. דער אמת׳ער מאָטיוו — מ׳דאַרף פּטור ווערן פון אידישער קאָנקורענץ. דער אויסרייד איז אָבער: עלילת־דם. אידן האָבן אויסגעזויגן קריסטלאַך בלוט צו רעליגיעזע צוועקן, לויט׳ן באַקאַנטן נוסח. נאָר די מאַכט איז געגן אַזוינע בלבולים. אידן פילן זיך פעסט. און אין משך פון 15טן יאָרהונדערט גייט אָן אַ גרויסע מאַסן־אימיגראַציע קיין פוילן — פון דייטשלאַנד,

בעמען, שלעזיען, מעהרען, אונגארן, שפאניע, איטאליע, קאנס־טאנטינאפאל א. ד. גל. צום סוף פונ'ם זעלבן יארהונדערט געפי־נען זיך אין פוילען פינף און פערציג אידישע שטעט און שטעטלאך מיט א געדיכטער באפעלקערונג (16 פון די 45 גע־פינען זיך אין גאליציע). פיל געלט האבן די אנגעלאפענע אידן ניט געבראכט מיט זיך. דערפאר אבער קענטשאפט אין וועלט־מסחר, באהאונטקייט אין געלט־געשעפט, וואס האט א גרויסע ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון דער פוילישער ווירטשאפט. אבער די אידן ארבעטן זיך אויך ארויף גאנץ שנעל. בכלל איז דאס 15טע יארהונדערט געווען פאר די פוילישע אידן א יאר־הונדערט פון „קמח — אן תורה", אין פארגלייך מיט'ן 16טן יארהונדערט, וואס איז געווען פאר זיי א יארהונדערט פון „תורה — אן קמח". די קירך הערט ניט אויף צו עגבערן די פוילישע געזעלשאפט און זי פארגיפטן מיט האס צו אידן. וואס ווייטער גרייכט זי אלץ טיפער. הויבט אן שיין ווירקן אפילו אויף דער וועלטלאכער געזעצגעבונג לרעת אידן. ניט אפי־ציעל, אזוי צו זאגן, דולדעט מען די אידן, מ'לאזט זיי אי־מיגרירן, מ'ערלויבט זיי טאן געשעפטן, מען באנוצט זיך גערן מיט זייער מיטארבעטערשאפט, נאר אז דער פוילישער קעניג, קאזימיר יאגעלאנטשיק באשטעטיגט (1447) די אלטע אידישע פריווילעגיעס פון קאזימיר דעם גרויסן — רוט ניט די קאטוילישע גייסטלאכקייט, ביז וואנען דער קעניג איז מבטל אי זיין בא־שטעטיגונג, אי די עצם פריווילעגיעס. אמת, ער שיצט נאך אויך ווייטער די אידן; נאכ'ן קראקויער פאגראם (1464) באשטראפט ער דעם קראקויער מאגיסטראט, פארוואס ער האט ניט גע־שטערט די פאגראמשטשיקעס, אבער דאס שטערט ניט דעם זעלבען מאגיסטראט ברייגנען דערצו, אז אין זעלבן יארהונדערט זאל אין קראקוי פאקטיש געשאפן ווערן די ערשטע אידישע געטא אין פוילן. לכתחילה איז אין 15טן יארהונדערט בלויז די גייסטלאכקייט אפן, און די שטעטישע סוחרים אין דער שטיל, געגן אידן, אבער די גרויסע און קליינע פריצים שיצן זיי. דער

פריץ נויטיגט זיך אין אים; דער איד איז זיין מלוה (באנקיר, וואָלט עס איצט געהייסן); דער איד קויפט אָפּ בּאַ אים זיינע תבואות; דער איד שטעלט אים צו אויסלענדישע פּראָדוקטן צו זיין געברויך. די פירשטן שיצן דעם אידן — צוליב די קאָלאָסאַלע הכנסות, וואָס זיי ברייגנגען איין דער קרוין. אַרום די גרויסע האנדלס־טראַקטן ליגן געדיכט אידישע קבוצים, וואָס דינען ווי מיטל-העגט אינ׳ם פוילישן אויסווערטיגן האנדל. די אידן שאַפן אויך נייע ישובים, ציען־צו נייע איינוואַנדערער. זיי ווייזן ארויס גרויסע איניציאַטיווע, פיל ענערגיע און טיפע געניטקייט אויף אַלע געביטן פון עקאָנאָמישן לעבן. עס ווערט אויך אָנערקענט. אפילו די פאַנאַטישסטע פוילישע קעניגן האָבן אידן אַלס הויף־ליפעראַנטן, און האָבן גרויס צוטרוי צו זיי. אַזוי איז דאָס 15טע און אַ פּאָר צענדליג יאָר פונ׳ם 16טן יאָרהונדערט די מאַ־טעריעלע בליאונגס־צייט פונ׳ם פוילישן אידנטום.

אָבער מיט׳ן סוף פון 15טן און אָנהויב פון 16טן יאָר־הונדערט הויבן זיך שוין אָן צו ווייזן סימנים פון ירידה פאַר די אידן אין פוילן. די קריסטלאַכע סוחרים ווערן אַלץ דרייסטער, די קירך ווערט אַלץ העזה׳דיגער, די שליאַכטע ווערט אַלץ מער און מער אָנגרייפער — נאָכדעם ווי איר איז געלונגען מיט צו דערלאָזן די שטאָטישע בירגערשאַפט זאָל האָבן ס׳רעכט צו ערווערבן באָדן אויסער די שטעט. וואָס שטאַרקער די שליאַכטע, אַלץ שוואַכער די קרוין און ממילא — אַלץ שוואַ־כער דער אידישער שוץ מצד דעם קעניג. פאַלט אויך דער אי־דישער וואוילשטאַנד. קראָקוי — די הויפּט-שטאָט — איז די ערשטע, וואו דער מאַגיסטראַט באַגרעניצט די אידישע האנדלס־רעכט. נאָך קראָקוי קומט לעמבערג, נאָך לעמבערג — פּויזן, נאָך פּויזן — לובלין, סאַנדאָמיר א. ד. גל. שטיצן זיך אידן אויף זייערע פּריווילעגיעס פון די פוילישע מלכים. וואָס נוצן אָבער פּריווילעגיעס אויף פּאַפּיר, בעת אנטקעגן שטייט אַ לעבעדיגע, אַפילו אַ פּיזישע מאַכט? די שטעט מאַכן יד-אחת אין קאַמף געגן אידישן אָטעמען. אַן אַלגעמיינע אָנ־

קלאָגע ווערט אָנגעגעבן אין סיים געגן די אידישע פּריוויהייטן, געגן די קריסטלאַכע „באַגרעניצונגען". און ניט בלויז די שטעט. אין סיים (1538) טרעט אויך שוין אַ טייל פון דער שליאַכטע ארויס געגן אידישן פרייען האַנדל. י ע נ ע ר ט י י ל, וואָס האַנדלט שוין אַליין אונטער אַביסל, על כל פּנים מיט זיינע אייגענע באָדן-פּראָדוקטן. האָט ער מער נישט נויטיג די אי־דישע פאַרמיטלונג. ליידט ער ניט די אידישע קאָנקורענץ. זוכט מען מיטלען ווי פון אידן פּטור צו ווערן. ווערט אידן פאַרבאָטן צו האַנדלען אין די דערפער, צו נעמען אין אָטקופּ מלוכה־הכנסות א. ד. גל. עס קומט דערצו, אַז דער אידישער מלוה ווערט אַ לוה. דער איד קומט אָן נאָך הלוואות צו רייכע פּריצים, צו גלחים א. ד. גל., כדי צו קאָנען פירן זיינע געשעפטן. עס מערן זיך אידישע בעלי־מלאכות פון אַלע מינים. זיי ווערן אָבער צ ו פ י ל, איז וואָס מער ס'וואַקסט זייער צאָל, וואַקסט אויך דער דלות. קומען די גוי'אישע בעלי־מלאכות — ווי פריער די סוחרים — מיט טענות, אַז אידן אַרבעטן ביליגער, ווי ניט־אידן, און די גוי'אישע בעלי־מלאכות קאָנען נישט ביישטיין די קאָנקורענץ. זוכט מען ניט לאַנג און מ'געפינט דאָס ריכ־טיגע רעטונגס־מיטל: מ'לאָזט אידן ניט אריין אין די שטעט — אויסער באַשטימטע גאַסן, וואָרים הגם פאָרמעל זענען קיין געטאָס ניט געווען, אָבער די מאַגיסטראַטן ערלויבן ניט, אַז אידן זאָלן זיך באַזעצן אומעטום אין שטאָט. אידן ווערן גע־צוואונגען צו בלייבן בלויז אין יענע פּאָר גאַסן, וואו זיי וואוי־נען פון לאַנג אָן. אָבער די אידישע קבוצים צעוואַקסן זיך. ס'ווערט זיי ענג, און קאָנען ניט מער בלייבן בלויז אויפ'ן זעלבן שטח, וואו זיי האָבן געלעבט מיט הונדערטער יאָרן פריער. ווערן זיי געצוואונגען ארויסצוציען פון די קרוין־שטעט און זיך באַזעצן אויף פּריוואַטן באָדן. אין יעדער שטאָט האָבן זיך געפו־נען פּלעצער, וואָס האָבן אָנגעהערט צו פּריוואַטע אייגנטימער — פּריצים, מאָנאַסטירן — און דאָרט האָבן זיך אידן באַזעצט געגן ווילן פון די מאַגיסטראַטן. אָבער אויך גרויסע פּריצישע

מאיאָנטקעס ווערן קאָלאָניזירט. עס קומען אויף נייע שטעט, וואו די איינוואוינער צאָלן דעם פריץ צינז פאַר'ן באָדן. דאָ בילדן שוין די אידן דעם וויכטיגסטן האַנדלס-עלעמענט. ס'רוב זענען די נייע ישובים נאָענט צו די קרוינשטעט און די אידן פון די נייע שטעט האַנדלען אויך אין די אַלטע שטעט. ביני־לביני קומט עס דערצו, אַז אין 16טן יאָרהונדערט בילדן זיך אויס צווייערליי אידן: „קרוין-אידן", וואָס לעבן אין קרוין־שטעט, אונטער קרוין-שוץ, און „צינז-אידן", וואָס וואוי־נען אין שטעט פון פּריוואַטע אייגנטימער און צאָלן צינז דעם פּריץ. ער איז דעם אידנ'ס שיצער, ער איז זיין ריכטער, און די קרוין איז פריי פון צו שיצן די „צינז־אידן". די לעצטע קענען בלויז דעם פּריץ, זיינע קאַפּריזן, תאוות און ווילדע משוגעת'ן. און אין שטענדיגן באַמיען זיך צו באַפרידיגן דעם פּריץ, פאַרקויפן זיי אָפּט זייער מענשנווירדע פאַר'ן שטיקל ברויט און לאָזן זיך מיט די פיס טרעטן פאַר אַ ברעקל פּרנסה. און די קרוין-שטעטישע מאַגיסטראַטן באַרואיגן זיך ניט, ביז וואַנען אייניגע פון זיי פועל'ן אויס פאַר זיך די פּריווילעגיע: „ניט צו דולדן קיין אידן" — אהין לאָזט מען קיין אידן אינגאַנצן ניט אַריין, אָדער מ'טרייבט זיי אינגאַנצן אַרויס — ווי ס'איז געווען, למשל, אין וואַרשאַ, אין 1525.

דאָס צווייטע פערטל פון 16טן יאָרהונדערט ברענגט ביס־לעכווייז אַריין דעם רעפאָרם־גייסט פון מיטל-אייראָפּע קיין פּוילן. מענשן הויבן אָן פרייער צו דיינקען וועגן רעליגיעזע דאָגמען. עס מערקט זיך אַ שטיק פרייהייטס־„באַוועגונג" אפילו. ווערט זי פאַרבאָטן, ענטוויקלט זי זיך אָבער אומלעגאַל. די קירך הויבט אָן „אָנצונעמען מיטלען", זי זוכט די „שולדיגע" אין דער פּראָ-פּאַגאַנדע און געפינט — א י ד ן. אגב טרעפט עס איצט, אַז צווייפלענדיג און קלערענדיג, שטויסט זיך דער „פרײדיינקער" אָן אָן דעם אידנטום. דאַרף מען איבערצייגן דעם קריסטלאַכן עולם, אַז אַלע קאַטוילישע דאָגמען זענען דורך און דורך אמת. אַזוי, למשל, דאָס ב ר ו י ט (האָסטיע), וואָס ווערט אין קירך

באַנוצט באַ געוויסע צערעמאָניעס, פאַרקערפּערט אין זיך דאָס פלייש פון יעזוס'ן, בפועל־ממש. ווי זאָל מען דאָס אָבער באַווייזן? גייט אַוועק אַ סדרה בלבולים אויף אידן, אַז זיי האָבן געשענדעט דאָס דאָזיגע ברויט, מיט נאָדלען געשטאָכן און דערפון איז בלוט גערונען. אידן — און אַמאָל אפילו אַ ניט־איד — ווערן אין דער שטיל אָפּגעמשפּט און עפענטלאך פאַרברענט, אָדער געהאַנגען, וואָס דאַרף באַווייזן, אַז מ'זאָגט: ברויט איז פלייש, איז דאָס פלייש, והראיה? בלוט איז דאָך גערונען! וואָס איז געוואָרען פעסטגעשטעלט בעת'ן משפּט. און מען הויבט אָן צו פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז אידן רעדן איבער קריסטן אָנצונעמען דאָס אידנטום; אַז זיי זענען מל די קריסטן און באַהאַלטן זיי אין אידישע הייזער. און אַז די אַלע מעשיות ווערן אויסגעפאָרשט און אָפּגעלייקנט, לאָזט מען ארויס אַ קלאַנג, אַז די אידן, אינאיינעם מיט די גרים, ווילן זיך ארויסגנב'ען קיין טערקיי. דער גוטער מלך סיגיזמונד דער ערשטער דערשרעקט זיך פאַר אַזאַ אומאַנגענעמער מעגליכקייט און מאַכט אָן אויספאָרשונג, און אויך דאָס ווייזט זיך ארויס אַ בלבול. בלייבט דער קעניג פעסט קעגן די קלעריקאַלן. אָבער דאָס ברייטע פאָלק, די שטאַנדן, די סיים־געזעצגעבער ווערן זייער און זייער באַאיינפלוסט. ברענגט עס צו נייע באַגרעניצונגען פאַר אידן — סאַי בנוגע זייערע האַנדלס־רעכט, סאַי בנוגע זייערע וואוינרעכט. מ'וויל אפילו די געלע לאַטע — נאָר אין אַן אַנדער פאָרם — ארויפציען אויף אידן; ס'ווערט אפילו אויסגעדריקט דער וואונש: מ'זאָל אידן אינגאַנצן ארויסטרייבן פון פוילן, אָדער על כל פּנים באַשרענקען זייער צאָל, און זיי פאַרשפּאַרן אין באַזונדערע געטאָס. אַ גאַנצע אַנטיסעמיטישע העץ־ליטעראַטור ווערט געשאַפן און פאַרשפּרייט. דער דרוק אויף דעם גוטן סיגיזמונד דעם ערשטן מצד די אַנטיסעמיטן איז אַזוי שטאַרק, אַז ער הויבט אָן ביסלעכווייז זיי נאָכצוגעבן. די קאַמפּפלוסטיגע גייסטליכקייט סוף לייגן זיי ארויף זייער האַנט אויף דער רעגירונג, אויף דער סוף לעגן זיי ארויף זייער האַנט אויף דער רעגירונג, אויף דער

שליאכטע און אויפ'ן שטאָטישן פאָלק. און אַז דער קעניג סטע־פאַן באַטאָרי, איינער פון די אויפריכטיגסטע אידישע שיצער, גרינדעט אין ווילנאַ אַ העכערע אַקאַדעמיע — גיט ער זי איבער אין רשות פון די הויך־געבילדעטע יעזואיטן. זיי ערציען אַ יוגנט פול האַס און אומגעדולדזאַמקייט צו אנדערש־גלויביגע. אינגיכען קומט עס דערצו, אַז די שילער פון דער אַקאַדעמיע מיט מיטלויפער פונ'ם המון הויבן אָן צו מאַכן פאָגראָמען אויף אידן אין פאַרשיידענע ערטער.

אָבער אינמיטן דעם אומגלייכן און אומאויפהערליכן קאַמף פאַר פיזישער עקזיסטענץ האָט זיך בא די אידן אין פוילן אנט־וויקעלט די אידישע אויטאָנאָמיע אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם, וואָס ניט פאַר איר, ניט נאָך איר, האָט דאָס אידנטום אין אייראָ־פעאישן גלות ניט געקענט איר גלייכן. און דאָס האָבן אידן גע־האַט צו פאַרדאַנקען די פוילישע מלכים פון 16טען יאָרהונדערט.

וואָרים די דריי פוילישע מלכים: סיגיזמונד דער ערשטער (1506—1548), זיין יורש סיגיזמונד דער צווייטער, אויגוסט (1548—1572) און דער געוועלטער קעניג סטעפאַן באַטאָרי (1576—1586) האָבן געהאָלפן די אידן זיך אינערלאַך צו אָרגאַ־ניזירן אויף אויטאָנאָמע יסודות. פאַר די קעניגן איז גינסטיג געוועזן צו האָבן אָרגאַניזירטע אידישע קהלות און אַן אָרגאַניזירט אידנטום אין לאַנד, כאָטש בלויז צוליב דעם, אַז דאָס מאָנען די אידישע אָפּצאָלונגען זאָל זיין זיכער. ס'איז אָבער ניט צו לייי־קענען, — ווי שוין באַמערקט — אויך אַ מענשלאַך, האַרציג־גוט ווילן איז געוועזן צו באַמערקן אין זייער באַציאונג צו אידן. סיגיזמונד דער ערשטער אינטערעסירט זיך, פערזענלאַך, כמעט מיט אַלע קלייניקייטן, וואָס זענען נוגע דעם קרעפטיגן די אידישע קהלה. אידן ווילן זייערע באַאמטע: רבנים, דיינים, פרנסים, ראשים א. אַ. וו. און דער קעניג באַשטעטיגט די וואַל. סיגיזמונד דער צווייטער באַשטעטיגט די אידישע פריווילעגיעם פון קאַזימיר דעם גרויסן און שאַפט די יסודות פון אידישער אויטאָנאָמיע

(אין זיין דעקרעט פון 13טען אויגוסט, 1551). דער דעקרעט באשטימט:

„אידן האבן רעכט צו וויילן זייערע רבנים און דיינים, וועלכע זאלן פארוואלטן מיט זייערע גייסטיגע און געזעלשאפט־לאכע ענינים; זיי פסק'נען שאלות, זענען מסדר קדושין און גט'ן, באשטעטיגן שטר־מכירות און אנדערע ציוויל־רעכטלאכע אקטן; זיי משפט'ן אידן אין אלץ, וואס עס קומט פאר צווישן זיי, לויט די דינים פון דער תורה; אינאיינעם מיט די ראשי־הקהל קאנען זיי ארויפלייגן אויף איינעם א שטראף לויט'ן אידישן מנהג. פאלגט יענער ניט — קאן מען אנווענדן קעגן אים חרם. גיט ער זיך ניט אונטער אין משך פון א חדש צייט, גיט מען עס איבער צום קעניג, און ער קאן יענעם פאר'משפט'ן צום טויט פאר זיין עקשנות. די קעניגלאכע אדמיניסטראציע איז מחויב צו העלפן די רבנים און ראשי־הקהל דורכצופירן זייערע פסקים."

ביסלאכוויז, דעקרעט נאך דעקרעט, ווערן פעסטגעשטעלט די יסודות פון דער אויטאנאמער קהלה, וואס נעמט ארום אלע זייטן פונ'ם אינערלאכן אידישן לעבן. און געשטארקט אינעווייניג, גילט עס אויך ווי א פאנצער געגן אויסן. אזוינע „קהל'ן" זענען געווען ארגאניזירט אין אלע אידישע קבוצים. עטלאכע קהל'ן אינאיינעם בילדן א גליל (ראיאן). יעדער גליל האט זיך זיינע צוזאמענפארן, וואו ס'ווערן באהאנדלט אלערליי פראגן, וואס זענען נוגע די קהלות אין דעם גליל. איבער די גלילים שטייען די ועדים, אין די צוזאמענפארן פון די ועדים באטייליגן זיך רבנים, פרנסים, ראשי־קהל פון אלע גלילים. דא פלעגט מען זיך פארנעמען מיט סכסוכים צווישן פרט און קהלה, קהלה און קהלה, קהלה און גליל, א. ד. גל. און תקנות, אלגעמיין גילטיגע, ווערן דא אנגענומען. די פרינציפן פון ערציאונג ווערן דא פעסטגע־שטעלט. די גרעניצן פון רבנישער קאמפעטענץ ווערן דא בא־שטימט. קעניגלאכע געזעצן בנוגע אידן ווערן דא באטראכט, אנערקענט און באקאנט געמאכט צווישן אידן. אויך ציוויל־פראצעסן ווערן דא באטראכט. הויפט־צענטר פאר צוזאמענפארן

פון ועד איז ל ו ב ל י ן, אין דער צייט פון יאריד. אין דער צווייטער העלפט פון 16טען יארהונדערט קומען די צוזאמענ־פארן פאר אזוי אפט, אז זיי זעען אויס ווי אמת'ע סיימען. צום סוף פונם זעלבן יארהונדערט — און ביז ווייט אין 17טען יארהונ־דערט אריין — הייסט ער: „ועד ארבע ארצות" (צוזאמענקונפט פון פיר פראווינצן): גרויס־פוילן, קליין־פוילן, פאדאליען און וואלין. דאן קומט ער זיך צונויף צוויי מאל אין יאר: איין מאל אין לובלין און איין מאל אין יאראסלאוו. און איצט משפט ער נית בלויז געלט-משפטים, נאר אויך דיני־נפשות. דא ווערט אויך באשטימט די אידישע פאליטיק. שתדלנים וועגן אידישע אינטע־רעסן ווערן דא באפולמעכטיגט. יעדע פראווינץ באזונדער האט זיך איר „סיימיק". אלע אינאיינעם — איין „סיים". די ערשטע באשטימען וועגן פראגן, וואס זענען נוגע יעדער פראווינץ בא־זונדער. דער לעצטער פארנעמט זיך מיט כ ל ל ־ זאכן.

„די דאזיגע ארגאניזאציע — שרייבט דובנאוו — האלט אונטער אין דער אידישער באפעלקערונג געזעצלאכקייט און דיס־ציפלין. זי ציוויליזירט די מאסע. שטיצט אין איר דעם גייסט פון געזעלשאפטלאכקייט און אייגנארטיגער בירגערלאכקייט. זי היט איין און ענטוויקלט אויך זיין אייגענע קולטור".

און בא אזא ברייטער און פארצווייגטער זעלבסטפארוואל־טונג, געשטיצט אויף דער תורה און תלמוד, ווערט דאס אידישע לערנען און שטודירן א לעבנס-באדערפניש. כדי צו זיין א בא־אמטער, א דיין, א ראש־ישיבה, א פרנס א. א. וו., מוז א איד קאנען לערנען. מערן זיך טאקע די ישיבות. וואקסן דא טאקע אויס אין 16טן און א שטיק אין 17טן יארהונדערט אריין אזוינע בארימטקייטן ווי דער רמ"א, דער רש"ל, דער מהר"ם פון לובלין, דער מהרש"א, דער ב"ה, דער של"ה און א סך אנדערע, קומען דא ארויס מקובלים, טעאלאגן פילאזאפן, מוסר'ניקעם — און אלץ פון גרויסן שניט. קומען דא אויף אידישע דרוקערייען. וואס העלפן צו פארשפרייטן דאס אידישע געלערנזאמקייט צווישן אידן. די געלערטע פארשאפן אינערלאכע שוץ געגן די אויסערלאכע

פארפאלגונגען, וואס זענען אזוי פיל אין 16טן יארהונדערט און ווערן נאך מער אין די קומענדיגע יארהונדערטן.

מיט סטעפאן באטארי ווערט אפגעשלאסן די קייט פון פויז־לישע קעניגן, וואס האבן פארשטענדניש פאר זייערע אידישע אונטערטאנען. אין לעצטן פערטל פון 16טן יארהונדערט ווערט אין פוילן אנגענומען דער פרינציפ פון וויילן א קעניג. באַקומען דאס באלד אידן צו פילן. ווארים אויב די פריצים דארפן וויילן דעם קעניג איז ער דאך אפהענגיג פון די פריצים, מוז ער זיך רעכענען מיט זייער ווילן. און זייער ווילן איז באשטימט פון די יעזואיטישע שולן. קודם כל — אידן־פיינטלאך. אפילו אזוינע קעניגן, וואס זענען, אייגנטלאך, ניט קיין אידנפריינט (ווי סיגיזמונד דער דריטער און סטאניסלאוו זיין זון), האבן דאך ניט דעם מוט אפן זיך צו שטעלן געגן די אנדערע שטאנדן. וואקסט די חוצפה פון די יעזואיטן. מערן זיך בלוט־בלבולים. וואקסט העצערישע ליטעראטור. ווערט די באפעלקערונג נאך פיינטלאכער צו אידן. קומט די פאדערונג: די אידן אינגאנצן ארויסצוטרייבן פון לאנד. און די פאדערונג וואלט באפרידיגט געווארן ווען דער פריץ וואלט באמת ניט נויטיג געהאט דעם אידן, זיין צינז־צאלער. דער איד איז אים אבער יא נויטיג: דער איד פירט זיין גאנצעווירטשאפט. ער צאלט אים אוים מיט מזומן זיין גאנצע הכנסה, פון פעלד־ארענדע, מילך פאכט, מיהל־ארענדע, ביר־און בראנפן־טרייבן און פארקויפן, א. ד. גל. און דער פריץ איז פריי זיך צו פארנעמען מיט פאליטיק א. ד. גל. דערפאר האלטן זיי איין אביסל די צעווילדעוועטע „מאנאכן". און דאס איז ניט צו־שווער, ווייל די גייסטלאכע אליין באנוצן זיך אויך מיט אידישע ארענדאטארם. דערום הויבן אידן אן בּיסלאכווייז זיך צו באזעצן אין די דערפער, אין קרעטשמעס — בא די גרויסע שליאכן, פארקויפן געטראנקען און זענען נאך אלץ אן עקאנא־מישער פאקטאר אין לעבן פון דער מלוכה. דערהייפט אין רויט־רוסלאנד (גאליציע), און אוקראינע. ווארים אהער, קיין אוקראינע, גייט איצט א גרויסע קאלאניזאציע. פוילישע מאגנאטן האבן

דאָרט קאָלאָסאַלע לאַטיפונדיעס, און זיי איז וויכטיג זיי זאָלן באַארבעט ווערן, און ניט וועניגער וויכטיג איז זיי צו האָבן אידן אין זייערע גיטער. אין אַ משך פון 70 יאָר, פון 1580 ביז 1648 גייען אַהין אידן און אַנטוויקלען דאָרט האַנדל, אינדוסטריע, מלאכה א. ד. גל. דאָ רעכנט זיך ניט די אַדמיניסטראַציע דער־מיט, וואָס די פוילישע סיימען האָבן פאַרבאָטן אָפּצוגעבן אידן מלוכה־הכנסות אין אַרענדע. די פוילישע סטאַראָסטעס זוכן דוקא אידן פאַר אָטקופּשטשיקעס. אַזוינע אידן געפינען זיך. זיי מאָנען איין פון דער פויערשער באַפעלקערונג די שטייער־ן און די אָפּ־צאָלן פאַר די פוילישע מאַגנאַטן. די פּריצים גיבן אָפּ צו די אידן אין אַרענדע: זייערע נחלאות, זייערע וועלדער. פיש־פאַנגער זענען אידן. מיט יאַגד פאַרנעמען זיך אידן. דער גאַנצער אינער־ליכער האַנדל איז אין אידישע הענט. דער אוקראַינער פויער איז שטענדיג, אַזוי אָדער אַנדערש, אָנגעוויזן אויפ'ן אידן.

קומען די פופציגער יאָרן פון 17טן יאָרהונדערט און ברענ־גען שווערע צייטן פאַר פוילן. קריג און אויפשטאַנד שטעלט די גאַנצע עקזיסטענץ פון דער מלוכה אין געפאַר. קריג — מיט רוסלאַנד און שוועדן. אויפשטאַנד אין אוקראַינע פון די קאָזאַקן אונטער דער פירונג פון כמעלנעצקי (ת"ח — 1648). דער גאַנ־צער צאָרן פון דער צייט ווערט אויסגעגאָסן אויף די אידן. כמעט, אַז קיין איינציגער אידישער ישוב איז ניט געבליבן, וואָס זאָל ניט האָבן געליטן. אין מזרח שעכטן די אוקראַינער. אין מערב — די פוילישע חילות וואָס קעמפן מיט די שוועדן. די אוקראַינער מאָרדן — ווייל זיי רעכענען זיך אָפּ, זאָגן זיי, דערפאַר, וואָס די אידן זענען געווען דאָס געצייג אין די הענט פון די פוילישע פאַנעס אויסצוזויגן די אוקראַינער באַפעלקערונג. די פאָליאַקן הרג'נען — ווייל די אידן, זאָגן זיי, פילן־מיט און העלפן־מיט און העלפן אויס די שוועדן. און דאָס דויערט אַזוי אַ משך פון צען יאָר (1648־1658). ביז אַ פערטל מיליאָן אידן זענען אומגע־קומען. דער מאַטעריעלער שאָדן לאָזט זיך קוים שאַצן. פון גאַנצע אידישע שטעט זענען צומאָל געבליבן ניט מער ווי אַ פאָר הייזער.

און אז די צען יאָר (באקאנט מיט'ן נאָמען: גזירות ת"ח) זענען פארביי, די מלחמה האָט זיך געענדיגט, דער אויפשטאנד האָט אויפגעהערט — האָבן די אידישע פאָגראָמען אַלץ נאָך אָנגעהאַלטן. אין אוקראינע דויערן זיי גאַנצע הונדערט מיט צוואַנציג יאָר (1648-1768) און זענען באַקאַנט מיט'ן נאָמען הײַדאַמאַטשינאַ. און אידן הויבן אָן לויפן פון פּוילן, פון מזרח קיין מערב, קיין וויען, פּראַג, האַמבורג, אַמסטערדאַם. אַלץ וואָס פאַרמאָגט לעבנסקראַפט, אַנטלויפט פון פּוילן. מאַטעריעלער, ווי קולטורעלער, וואַווילשטאַנד פאַלט. די שאַפונגס־קראַפט ווערט אויסגעשעפּט. די רבנים, די ראשי־ישיבות אַנטלויפן. די ישיבות בלייבן לאַנגע יאָרן חרב. די יסודות פון דער אידישער אויטאָנאָמער קהלה ווערן אונטערגעגראָבן. די איבערגעבליבענע אין פּוילן לעבן אין גרעסטער פאַרצווייפלונג — ווי נאָך אַזאַ גרויסן חורבן...

און דאָס וואָס די נייע פּוילישע קעניגן זענען ווידער גוט געשטימט צו אידן, העלפט ניט פיל. עס ווערט פאַרשטאַרקט די שתדלנות בײַ דער קרוין און בײַ די סיימען. די מלכים באַמיען זיך צו היילן די אידישע וואונדן. עס ווערן צו גוטן דערמאָנט די דריי פּוילישע מלכים: יאַן קאַזימיר, ווישנעוועצקי און יאַן סאָבעסקי, וואָס האָבן זייער מיטגעפילט די אומגליקליכע, אַרונטערגעקומענע אידן. מ'פאַרברייטערט ווידער זייערע האַנדלס־רעכט אין געוויסע פונקטן; מ'באַשטעטיגט נאָך אַמאָל די פּריווילעגיעס פון קאַזימיר דעם גרויסן; מ'גיט אפילו די אידן גלייכע רעכט מיט דער איבריגער שטעטישער באַפעלקערונג. אָבער דער סיים און דער סענאַט פאַראַליזירן דעם גוטן ווילן פון די מלכים. דער האַס פונ'ם המון איז שטאַרקער ווי די פרײַנדשאַפט פון די קעניגן. און אויב די רעגירער אין די 40 יאָר, וואָס יאָך גזירת־ת"ח, האָבן געוואָלט אויפבויען די אידן און ניט געקאָנט, איז פונ'ם אָנהויב 18טן יאָרהונדערט, האָבן שוין די פּוילישע קעניגן מער אפילו ניט געוואָלט קומען די אידן צו הילף — אויב ניט צו רעכענען דעם קעניג אויגוסט דעם צווייטן, זאַקסישע דינאַס־

טיע. ער האָט אפילו נאָכאמאָל באַשטעטיגט אלע אידישע פּריווי־לעגיעס (1720). דאָס האָט אָבער כמעט קיין שום ווערט ניט — ווייל די דינאַסטיע איז בכלל געווען פאַרהאַסט ביים פאָלק, און דאָס מאָל ניט בלויז פאַר איר באַציאונג צו אידן.

און אידן אליין האָבן זיך אויך מיאש געווען פון גוטס אין פוילן. די שטענדיגע פאַרפאָלגונגען, בלבולים און העצעס ברענגען דערצו, אז שוין אין 17טן יאָרהונדערט הערן זיי אויף צו האָפן אויף ישועות בדרך־הטבע און הויבן אָן צו האפן אויף איבער־נאַטירליכער הילף: דורך ניסים, וואָס קאָנען געשעען דורך קבלה, שמות, סגופים (פּייניגונגען). מעשיות און מופתים פון שדים, רוחות, זנאַכערס א. ד. ג. ווערן געהייליגט, אזוי גוט ווי זוהר, תקונים און אַנדערע קבלה ספרים. באַשרייבונגען פון גיהנום, גן־עדן, חבוט־הקבר א. ד. גל. ווערן דער פּאָפּולערסטער לייען־שטאָף אין אידישע הייזער. און אז שבתי־צבי ערקלערט זיך (1666) פאַר משיח'ן, געפינט ער אין פוילן די איבערגע־געבנסטע אָנהענגערשאַפט. אפילו נאָכדעם ווי ער נעמט אָן מאַכ־מעדאַניזם בלייבן אים פיל פון זיי טריי. גרויסע מאַסן טרייע אָנהענגער געפינט אויך דער צווייטער, דער פּאָדאָליער פאַלשער משיח, יעקב פראַנק. ער טראָגט אריין גרויס הפקרות און מאַסן־שמד אין פוילישן אידנטום. דאָס זענען די אַקטיווע קבלה־לערנער, מופתים־זוכער און משיח־דורשטיגע. דער גרויסער אידישער עולם. די מאַסן אַזוי צו זאָגן, באַגייען זיך מיט ווע־ניגער: א מופת, א רבי, א ביסעלע חסידות באַפרידיגט זיי. און ווייל זיי זענען הונדערטער טויזנטער שאַפט זיך פון זיי א גאַנצע חסיד'ישע באַוועגונג, די רבנות בויגט איין איר קאָפּ פאַר די חסידות... די אידישע אויטאָנאָמע זעלבסטפאַרוואַלטונגען ווערן פאַרדאָרבן, „קהל" ווערט א שרעקנס־וואָרט פאַר'ן אָרימען אידן אָדער בעל־מלאכה. די וועדים פאַרלירן זייער אויטאָריטעט, ביז זיי הערן אינגאַנצן אויף צו עקזיסטירן. דער פּריץ זויגט אויס דעם אידן און מאַכט זיך לוסטיג איבער אים. די מאַגיסטראַטן רייסן ארויס דעם לעצטן ביסן פון אידנ'ס מויל. די אידישע צעכן

ווערן אונטערדריקט. איין אויפגאבע זעט פאר זיך דער פּאליאק: פארהונגערן דעם אידן און אים העצן, ווי מ'העצט א חיה אין וואלד. און דאָס אפילו דעמאלט, ווען דער שווערט הענגט איבער פוילנ'ס קארק, אפילו אין משך פון די דריי און צוואנציג יאָר (1795-1772), ווען מ'האָט פוילן דריי מאָל געטיילט, האָט מען ניט געקאָנט אונטערדריקן דעם אידנהאס. די פּאָר מענש-ליכע שטימען, וואָס לאָזן זיך הערן לטובת די אומגליקליכע אידן, ווערן ניט דערהערט. אפילו אין דער לעצטער גסיסה־מינוט פון זיין זעלבסטשטענדיקייט לאָזט דער קאטויליש־פאר'סמ'טער פּאָליאק ניט ארוים דעם אידישן גאָרגל פון זיין האנט...

צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט ווערט דער מיליאָן פוילישע אידן צעטיילט אויף דריי טיילן און גייט איבער אין רשות פון דריי אנדערע מלוכות: רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך. יעדער טייל מיט זיין באזונדערן מזל.

קבלה און חסידות

צווייערליי איז די קבלה: זי איז טעאָריע און זי איז פּראַקטיק.

זי איז טעאָריע — אַלס למוד: וועגן מדות פון גאָט און זיינע מלאכים; וועגן זיינע און זייערע נעמען — לויט זייערע קרעפטן אָדער אייגנשאַפטן; וועגן זייערע באַציאונגען צו דער וועלט, וואָס הייסט: זייער איינפלוס אויף די מענטשן און אויף זייער גורל.

און זי איז פּראַקטיש — אַלס מיטל, מיט וועלכן דער מענטש קאָן צוריק־ווירקן אויף יענע הימלישע קרעפטן און זיי טעטיג מאַכן, אָדער פאַרגיכערן זייער טעטיקייט לטובת אָדער לרעת די מענטשן; אַלס טאַט, דורך וועלכער דער מענטש איז אים־שטאַנד אינגאַנצן בטל צו מאַכן די גזירות פון אויבן, אָדער בלויז צייטווייליג פּאַראַליזירן די אָדער יענע טעטיגקייט, וואָס איז אויבן שוין געפּלאַנט געוועזן.

פאַרשיידענע מיינונגען עקזיסטירן וועגן דער פראַגע: פון וואַנען שטאַמט די קבלה און פון וואַנען האָט זי זיך גענומען צו אונז? מיינען איינע: זי איז דורך און דורך אַן אונזעריגע. בלוט פון אונזער בלוט. פון אידישן באָדן איז זי אַרויסגעוואַקסן, און מיט'ן אידנטום איז זי פון אייביג אָן צונויפגעוואַקסן. זי איז די נשמה פון אידנטום. זי איז דער קודש־קדשים פון דער אידישער רעליגיע. וואו גאָט באַווייזט זיך צו זיין פאָלק ישראל, און דורך וואַנען דער איד קאָן זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון גאָט . . . מיינען אָבער אַנדערע, אַז קבלה איז בא אונז אַ פרעמד־געביר־טיגע. אַז דעם אידנטום איז אינגאַנצן פרעמד דער גייסט פון מיסטעריע. און צו אונז האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט פון בבל, איינ־איינעם מיט אַנדערע, עהנליכע, מיסטעריעזע באַגריפן און פאַר־שטעלונגען, ווי די: וועגן שדים, פאַרשיידענע גייסטער א. ד. ג.

און דארום איז דאָס אַן אומריינער שפּראָץ אין אידנטום, שטימט ניט מיט'ן גייסט פון ריינעם אידנטום און קאָן ניט געדולדעט ווערן.

זענען מיר אָבער ניט אויסן צו שרייבן דאָ די אַנטשטעהונגס-געשיכטע פון דער קבלה. מיר נעמען זי ווי אַ פאַרטיגע, עכט־אידישליכע, פאַרהייליגטע, גייסטעס־שטרעמונג באַ אידן. מיר קענען זי אין פאַרשיידענע געשטאַלטן, וואָס זי נעמט אָן, לויט די פאַרשיידענע אומשטענדן פון דער צייט און לויט די פאַרשיידענע באַדינגונגען, אין וועלכע אידן לעבן. און נאָר אַזוי, — אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אידישער געשיכטע, ווילן מיר די קבלה באַשרייבן.

מעגן אירע וואָרצלען ליגן ווי טיף אין אידנטום, אָדער וויווייט ערגעץ אין פרעמדן באָדן, — אַלס פאַרטיגע פּרוכט, אַלס באַזונדערער צווייג פון אידישער גייסטיגער שאַפונג, טרעפן מיר זיך מיט איר אין שפּאַניע, אין דרייצענטן יאָרהונדערט. זי באַווזט זיך ווי אַ מין פּראָטעסט געגן דער ביז דעמאָלט אַלמעכטיגער אַליינהערשאַפט פון **שכל**. זי וואַקסט אויס ווי אַ רעוואָלוציע פון ניט-אַנערקענטע, פון רעכטלאָזע געגן דער אַליין-נאָר אַנערקענטער און אַליין-נאָר פולבאַרעכטיגטער פילאָזאָפיע — אין מענשליכן גייסטעסלעבן. דאָ איז זי בלויז **טעאָרעטיש**. זי פאַרשיט דעם תהום, וואָס מענשן האָבן אויסגעגראָבן צווישן שכל און פאַנטאַזיע און פאַראייניגט זיי ביידע. און דאָן — די געטליכסטע וואונדער: דאָס פאַרבאָרגענע ווערט אַנדעקט. דאָס אומבאַגרייפליכע ווערט באַגרייפליך. דאָס מיסטישע אויג, געשאַפן פון פאַנטאַזיע מיט שכל, איז ווייט־זעעוודיגער ווי דאָס אויג פון שכל בלויז. דאָס מיסטישע אויג זעט דורך וואָלקן און הימלען. ס'זעט בחוש אַלע רוחניות. עס זעט גאָט באַ זיין שאַפונג — ווי פון זיך-אויס, לאָזט ער אויסשיידן קרעפטן (ספירות), וואָס באַשאַפן און באַלעבן און באַפרוכפערן וועלטן נאָך וועלטן. אַלע שאַפונגען, וואָס פילן אָן אַלע וועלטן, זענען בלויז אַ שפּיל פון יענע קרעפטן, **איבער** וועלכע גאָט איז ווייט דערהויבן,

אָבער ער איז פון זיי ניט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט. גאָט'ס כח איז אין שאַפן. דעם מענטשנ'ס כח — אין באַגרייפן. און אין פּרט פון באַגרייפן און מיט'ן כח פון באַגרייפן גרייכט דער מענטש כמעט ביז גאָט. על כל פנים ביז צום כסא הכבוד — גאָט'ס טראָן — און ביז צו דער פמליא של מעלה — דער הימעלשער „באַפעלקע־רונג". וואָרום ניטאָ קיין פאַרהוילענס פאַר'ן מיסטישן אויג. אַלע ריינע און אַלע אומריינע קרעפטן, אַלע ריינע און אַלע אומ־ריינע גייסטער, אַלע גוטע און אַלע בייזע מלאכים זעט עס. און דער סדר, ווי די איינהייטליכע מלוכה פון אַלע וועלטן, ווערט געפירט, איז פאַר אים אָפן. אויפגעהויבן איז פאַר אים דער פאָרהאַנג פון אַלע באַהעלטנישן און פאַרבאָרגנישן...

די ריכטיגקייט פון די אַלע באַהויפּטונגען און פאָרשטעלונגען זענען געוואָרן אויסגעדרונגען און אַריינגעדרונגען אין די פסוקים פון דער תורה, פאַרפלאָכטן מיט די נעמען פון די אָבות און כמילא אויך שוין געהייליגט פאַר'ן פאָלק ישראל אויף אייביגע צייטן.

אָבער בלויז איינצלנע, אויסדערוויילטע זענען מסוגל און זענען זוכה זיך צו דערהויבן ביז צו די העכסטע הימלס־ספערן און באַגרייפן די העכסטע סודות פון געטליכן שאַפן. דאָס צו באַגרייפן דאַרף מען ווערט זיין. דערצו זענען נויטיג באַזונ־דערע פייאיקייטן. איז טאַקע די קבלה, אין איר אור־געשטאַלט, אַלס טעאָריע, געבליבן אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן פאַר'ן ווייט־גרעסטן רוב פון אידישן פאָלק. אַ חכמה איבער אַלע וועלט־ליכע חכמות, וואָס ברענגט ניט און זאָל ניט ברענגען קיין גשמיות'דיגע פּרוכט, און ניט קיין די־וועלטליכע נוצן.

גייסטיגע אַריסטאָקראַטן, רואיגע און געזיכערטע, קאָנען עס זיך דערלויבן!

ציט עס זיך אַזוי, אין רו און אין פרידן, ביז צום פופ־
צענטן יאָרהונדערט. קומט אָבער דאָס דאָזיגע יאָרהונדערט מיט זיינע פאַרפאָלגונגען און העצערייען. עס ווערט געטרויבט די רו פון דער אידישער גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע. צום סוף פונ'ם

זעלבן יאָרהונדערט קומט דער גירוש פון שפּאַניען. אידישער פּיין גרייכט ביז צום הימל. אידן אַליין צעלויפן און פאַרשפּרייטן זיך, אויף נייע צרות, איבער דער גאַנצער וועלט. עס גרייכן אידן אויך ביז טערקיי, ביז ארץ-ישראל — דער ערדישער צענטראַל-פּונקט פון דער גאָטהייט, לויט דער איבערצייגונג פון אידישן פאָלק.

און באַלד נאָכ'ן גירוש פון שפּאַניע, קומען זיך צונויף קיין ארץ-ישראל אַזוינע גדולים און מקובלים ווי רבי משה קורדיבירו, רבי יוסף קאָרו, שלמה אַלקביץ און נאָך און נאָך, באַזעצן זיך אַלע אין צפת, און שאַפן איין כנופיא.

אָבער דאָ קאָנען זיי מער ניט בלייבן אַזוי רואיג ווי אין שפּאַניע. מ'קאָן ניט טראַכטן בלויז וועגן אייגענער פאַרפאָלקאָמונג און וועגן אומכיצליכן זיך-שפּיגלען אין „געטליכן שפּיגל" (אספקלריא המאירה). דער חורבן פון לאַנד און דער חורבן פון פאָלק לאָזן ניט רוען. דער חורבן איז טיף ווי דער ים. די צרות גרייכן איבער'ן קאָפּ. אידן קלאַפּן אין די טויערן פון הימל, בעטן רחמים! און ווער זאָל דען צו הילף קומען, אויב ניט יענער, וואָס איז תקיף אין די הימלשע ספערן? און ווער איז דאָרט נאָך אַזוי תקיף, ווי דער מקובל? איז עס זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ער און ניט קיין אַנדערער איז מחויב זיך איינצושטעלן פאַר'ן אידישן פאָלק; אַז ער און ניט קיין אַנדערער איז מסוגל עפּעס אויפצוטאָן פאַר דער אידישער אומה. וואָס? — אַראָפּברענגען משיח'ן. און טאַקע וואָס גיכער. אָבער ווי אַזוי? מיט וועלכע מיטלען קאָן מען צווינגען דעם כביכול, אַז ער זאָל בעסער ווערן, צוזעען דעם אידישן צער און אַראָפּשיקן משיח'ן?

דאָס זעכצענטע יאָרהונדערט ברענגט דעם ענטפער. אין דעם יאָרהונדערט וואַקסט אויס דער מקובל רבי יצחק לוריא, (1534—1572), א געבוירענער פון ירושלים, א מענש מיט א גוואַלדיגער איינבילדונגס-קראַפט, מיט א גרויסער נייגונג צו מיסטיק — קומט ער און מאַכט פון דער קבלה א פּראַקטיש

מיטל צו פראקטישע צוועקן. ער ווייסט און ער לערנט, אז די מיטלען, מקרב צו זיין די גאולה און אונטעראיילן אביסל דעם גואל, משיח'ן, באשטייט אין פ י י נ י ג ן ז י ך: תעניתים, סגופים, אפזאגן זיך פון דער וועלט און אירע תענוגים, תשובה טאן... און וואס מער דער מענש פייניגט זיך אלץ נאענטער ווערט ער צו גאט. און וואס מער דער מענש דערנעענטערט זיך צו גאט, אלץ גרעסער זיין כח און אלץ ווירקזאמער זיין איינפלוס אין די אויבערשטע וועלטן. וואס ריינער דער מענש, אלץ פייאיגער איז ער זיך צו באנוצן מיט הייליגע שמות און קאמבינאציעס פון פ א ר ש י ד ע נ ע שמות, כדי צו באאיינפלוסן די מלאכים, זיי זאלן מיטהעלפן ארויפצוברענגען די אויסלייזונג. וואס דער מענש איז פארגעטליכטער, אלץ מער שליטה האט ער אויף די כחות און עלעמענטן פון דער נאטור און אלץ פייאיגער איז ער, זיי זיך אונטערטעניג צו מאכן און דורכדעם וואונדער באווייזן...

ניט בלויז דורך לערנען, נאר דורך ט א ן קאן מען אלץ דערגרייכן. און דער הויפט־צוועק פון אלעם טאן, — מקרב זיין דעם סוף פון גלות פאר'ן אידישן פ א ל ק דורך ארויפברענגען משיח'ן. און אז דער מענש איז א י מ ש ט א נ ד דאס אויסצופירן — ווערט א ווייט פארשפרייטער גלויבן. ו ו י י ט — איבער גרעניצן און ימים און מלוכות. אומעטום דערוועבט זיך די פראקטישע קבלה אנהענגער. אומעטום ברענגט זי דאס גלויבן אן מעגליכער הילף — זאלן נאר אידן זיך רייניגן, הייליגן, פארגעטליכן; פון גאט וועט דאמאלט קיין מניעה ניט זיין.

און צווישן אידן הויבט מען אן צו טאן און צו לעבן „פראקטישע קבלה". מען לערנט אדער מען „זאגט" קבלה־ספרים, מען פראוועט „התבודדות" (אפגעזונדערטקייט), מ'קייקלט זיך אין שניי, מען טובל'ט זיך אין אייז־וואסער, מ'פראוועט תעניתים, מ'ראנגלט זיך מיט'ן יצר־הרע, מ'מאכט אונטערטעניג די טמא־קליפות, מ'ברעכט די תאוות, מ'טוט תשובה. און ת ש ו ב ה באטייט: תענית, שק ואפר, בכי, הספד.. א טויטער טרויער און א שטענדיגע יללה הערשט צווישן אידן: דאס פאלק שטרענגט

אַן אַלע זיינע אַקטיווע כחות אויף אַראָפּצוברענגען משיח'ן. וואו ערגער די אידישע לאַגע, וואו נויטיגער די הילף, דאָרט איז דער באָדן פאַר דער פּראַקטישער קבלה אמגינסטיגסטן.

און וואו איז נאָך די גאולה נויטיגער געווען ווי אין פּוילן אין 17טן יאָרהונדערט? דערהויפּט נאָך די גזירות ת"ח? וואו האָט מען נאָך מער געגאַרט נאָך אַ נס, געוואַרט אויף משיח'ן, ווי אין לאַנד פון דער היידאַמאַטשינע?

האָט זיך טאַקע די פּראַקטישע קבלה אָנגעהויבן איינצו-וואָרצלען אין פּוילן, און וואָס נעענטער צום 18טן יאָרהונדערט אַלץ טיפער, אַלץ ברייטער.

אָבער... די פּראַקטישע קבלה, אין דער ארץ-ישראל פאָרם, באַפרידיגט ניט דאָס געפּלאָגטע פאָלק. דער גלות איז אַזוי גרויס, דער דלות און דער פיין אַזוי טיף, אַז מענטשן קאָנען ניט אַלץ זאָרגן פאַר'ן כלל, פאַר דער גאַנצער אומה. פּ ר ט אין פּ ר ט דאַרף די טרייסט, דאַרף דעם גלויבן, דאַרף די נאָענטע האָפנונג. און וויפיל מענטשן זענען עס מסוגל זיך איבערגעבן תעניתים, התבודדות, סיגופים און דערגלייכן פיי-ניגונגען? וויפיל מענטשן זענען עס דען אימשטאַנד אראָפּצו-וואַרפן פון זיך אַלע עול'ן פון לעבן, און זיך איבערגעבן צו דער איין-איינציגער אַרבעט: משיח'ן אַראָפּצוברייינגען?

און אָרום און אָרום איז שטאָק-פינסטער:

די גבירים קויפן ביי די פּריצים דאָס רעכט צו זיין פּרנסים אויף אידן. די ממשלה טיילן זיי מיט די ל ו מ ד י ם, מיט די „מוריגו'ס", אָדער מיט די תקיפים און דאָס פאָלק האָט נאָר צו געהאָרכן און צו צאָלן. אפילו אין זייער קליידונג זענען יענע אָפּגעשיידט פון פאָלק. דער קליינהענדלער, דער בעל-מלאכה איז שטאַרק באַגרעניצט אין זיינע רעכט: צו וויילן אַן אָרט צום וואוינען, און אַ באַשעפטיגונג צום לעבן. אויסער די גרעַ-ניצן פון ז י י ן קהל, איז ער אַ פרעמדער, האָט ער נ י ט קיין וואוין-רעכט (חזקת ישוב). און א י ן זיין קהל, אַז ער זוכט אַ באַשעפטיגונג, שטויסט ער זיך אומעטום אָן אויף

עמיצענ'ם א „חזקה". איז טאקע „דאס שפייזן-זיך פונ'ם מענטשן, שווערער פון קריעת־ים־סוף". און קהל דריקט. און צאָלן מוז מען. און קיין דין איז ניטאָ און קיין גערעכטער שופט איז ניטאָ.

און די רבנים — זיי קויפן ס'רוב זייער כסא־הרבנות פאר געלט. קויפן פון פריץ, אָדער קויפן פון פרנס. זענען ס'רוב יד־אחת מיט די קהל'שע בלוט-זויגער, און פארלירן זייער אויטאָריטעט. און דער ערלאכער רב, וואָס קאָן ער דען געבן דעם פשוט'ן פאָלק? פלפול אין לערנען. חומרות און פעדאנטיזם אין לעבן. א דין אויף א דין. א פארבאָט אויף א פארבאָט. ניט אריבערצוטראָגען! שבת ווערט — צוליב די פיל באגרע־נעצונגען און פארבאָטן — א טאָג פון ליידן, ניט פון רו; ימים־טובים זענען צוליב דעם פארשטערט. די חומרות טויטן אָפּ די גאנצע פרייד פון לעבן, און קיין טרייסט איז פון ערגיץ נישטאָ. אפילו די קבלה איז דאָך אויך ניט פאר'ן ברייטן עולם. אזוי איז עס אינעווייניג, און ניט בעסער איז עס דרויסן.

מלוכה קוקט אויפ'ן אידן ווי אויף א קו, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט בלויז צו מעלקן, אָבער ניט צום עסן.

די קירך פארפאָלגט דעם אידן, זוכט מיט אלע מיט־לען אים אויסצוראָטן — ווייל ער איז אן אנדערש-גלויביגער.

דער פריץ קוקט אויף אים ווי אויף זיין משרת (וואָס ער איז אויך) מיט דער טיפסטער פאראכטונג — ווייל ער נערט זיך דאָך פון פריצ'ס האנט. ער ליידט פון פריץ, ליידט ליידט אויך פאר אים.

דער פויער קוקט אויף אים ווי אויף אן אויסזויגער, וואָס טוט אלץ, וואָס דער פריץ הייסט אים — לרעת דער פויערשער באפעלקערונג.

דער סוחר און דער בעל-מלאכה האָבן פיינט דעם אידן, ווייל ער איז זייער קאָנקורענט אין שטאָט און זייער קאָנקורענט אין דאָרף.

־עם אידנ'ס לאגע איז אומדערטרעגלאך. און דאס איז אין פוילן. נאך ערגער איז די לאגע אין וואלין און פאדאליען. קאזאקן און היידאמאקעס האבן דא געווילדעוועט פיל ערגער ווי אין אייגנטלאכן פוילן און ווער רעדט שוין אין ליטא. דער תהום צווישן למדן און המון איז געווען נאך טיפער, ווי אין פוילן. דערהויפט צווישן שטאטישן למדן, דעם בעל־גאוה, און צווישן ישוב'ניק, דעם עם־הארץ. און זיי טרעפן זיך אויך נאר זעלטן. געוויינלאך, בלויז ימים־נוראים, ווען דער ישוב'ניק קומט אין שטאט אריין, א נכנע, כדי צו דאוונען מיט א מנין. אבער גראד דעמאלט פילט ער די באליידיגונג זיינע מצד די גרויסע, די תלמידי־חכמים, און דאס צעבראכענע הארץ דורשט נאך טרייסט. דורשט נאך א ווארט, וואס זאל דערמוטיגן, דערוואריימען, אויפהויבן פון שטויב. ער ווערט אבערגלויביש. אים פעלט אבער די התקרבות צו גאט. די אינטימע, פריינטלאכע באציאונג צו גאט, וואס זאל אים, דעם מאסן־מענש, אי לייכטן אי ווארימען. וואס זאל ניט ריידן צום קאפ, נאר צום הארצן.

און פון צווישן אט די פשוט'ע מאסן, אין דרום פוילן, אין פאדאליען, וואקסט ארויס די חסידות, וואס ברייננגט ליכט און ווארימקייט און דערהויבנקייט דעם פשוט'ן מענטשן פון פאלק.

אבער ניט אזוי ווי עס רעדט זיך, וואקסט עס. די חסידות איז ארויסגעקומען קרוב צו דער מיט פון אכצענטן יארהונדערט — דורכ'ן בעל־שם. אבער פריער שוין זענען געווען אנזאגער און בשורה־טרעגער פון דעם, וואס דארף קומען. שוין אין 17טן יארהונדערט ווימלט עס אין פוילן פון בעלי־שמות און בעלי־מופת און וואונדער־מאכער. פיל פון זיי קען די געשיכטע מיט זייערע נעמען. עקסטאז אדער התלהבות אין גלויבן — האבן זיי געלערנט — איז העכער פון יעדען ממעג און פון יעדער מ'טארניט — סיי אויפ'ן געביט פון גלויבן, סיי אויפ'ן געביט פון מאראל. דאס ברייננגט צו הפקרות, דאס ברייננגט אבער אויך צו טיפער עקסטאטישער פארשמעלצונג מיט

גאָט. עס געפינען זיך מענטשן — ווי יהודה חסיד — וואָס גייען אום מיט א ספר תורה אין די הענט פון שטאָט צו שטאָט, פון שול צו שול און וועקן דעם עולם צו תשובה. פאַראַן אסקעטן, וואָס דערגייען אין זייער אויסגעצערטקייט ביז גאַלוצינאַציעס, ביז איבערנאַטירלאַכע, פייערלאַכע זעאונגען. פיל פון זיי קומען צו אמת'ן „דאַן־קיכאָטיזם". זיי קעמפן מיט קליפות, מיט שדים, מיט רוחות. זיי ווייזן מופתים — וואָס מאַכט זיי באַליבט באַם פאָלק. זיי זענען זנאַכערס, גייען אום איבער דערפער, קרעטשמעס, היילן מיט שמות, מיט קמיעות, מיט אָפּשפּרעכעניש, היילן דעם גוף, היילן אויך די נשמה. דער־הויפּט: פסיכיש־קראַנקע. און ווייל מ'האָט געגלויבט דעמאָלט, אז יעדע פסיכישע קראַנקייט נעמט זיך דערפון, וואָס אין קראַנקן האָט זיך אריינגעכאַפּט א דבוק, האָט עס געהייסן: דער בעל־מופת, וואָס היילט אוים דעם קראַנקן, האָט **ארויס־געטריבן** דעם דבוק. נשמות פון זינדיגע האָבן זיי מתקן געווען. זיי האָבן אויפגעריכט „גלגולים"... און ביסלעכווייז איז אויך א גאַנצע ליטעראַטור געשאַפן געוואָרן, אי אויף אידיש, אי אויף העברייאיש, וואָס האָט באַשטעטיגט און פאַרשפּרייט די וואָרהאַפטיקייט פון די אַלע וואונדער־מעשים און דעם גלויבן אָן זיי. און פון אָט דעם תהו ובהו האָט זיך ארויסגעשיילט די חסידות.

איר אייגנטימליכקייט?

זי זאָרגט ניט פאַר'ן גלויבן, נאָר פאַר'ן **גלויביגן**. זי זאָרגט ניט פאַר דער אומה, פאַר'ן כלל, נאָר פאַר'ן איינציגן, פאַר'ן פרט. זי וויל ניט דעם מענשן פאַרגעטלאַכן, נאָר גאָט פאַרמענטשלאַכן. זי זוכט ניט צו לייטערן דעם מענטשן און אים ארויפ'מח'ן אין הימל, נאָר צו באַגנעדיגן גאָט און אים אראָפּברייננגן אויף דער ערד. זי פאַרלאַנגט ניט צו באַהערשן דעם מענשנ'ס שכל, נאָר צו דערוואַרימען דעם מענשנ'ס געפיל. ניט איז די וועלט אויסגעשיידט און אָפּגעשיידט פון גאָט, וואָס שטייט **איבער** איר, נאָר אין **דער וועלט**

אנטפלעקט זיך גאָט. אַלץ איז גאָט און אַלץ איז פון גאָט. „ווי אַ פאַלד אין אַ קלייד, איז געמאַכט פונ׳ם זעלבן קלייד און לאָזט זיך ניט אָפּטיילן פון אים — אַזוי איז די גאַנצע וועלט פון גאָט און אין גאָט". אין אַלץ אַנט־פּלעקט זיך גאָט: אין גוטן, ווי אין בייזן, אַלץ, וואָס אויף דער וועלט געשייט, איז גאָט׳ס געדאַנק. אַלץ, וואָס מ׳זעט, זעט מען גאָט. טוט דער מענש גוטס — פאַרמערט ער די מאָס געטלאַכע גוטסקייט אויף דער ערד. טוט ער בייז — פאַרמינדערט ער די מאָס גוטס. וואָרים נאָר מיט דער הילף פון מענטשן קומט גאָט צו זיין גרויסקייט. דערפאַר איז דעם מענטשנ׳ס איינפלוס אויפ׳ן גאַנג פון גאָט׳ס אַנטפּלעקן זיך, אין די איינע אָדער אַנ־דערע געשייעניש, זייער אַ גרינגע זאַך.

דורך וועלכע מיטלען? ניט דורך פאַסטן, ניט דורך פּיי־ניגן זיך און ניט דורך טרערן און טרויער — צו וואָס ניט יעדער איז מסוגל, נאָר דורך אַ פּשוט׳ן דאַוונען, צו וואָס אפילו דער עם־הארץ איז פייאיג. מיט׳ן כח פונ׳ם פּשוט׳ן דאַוונען קאָן אַ מענש האָבן ניט בלויז אַ ווירקונג אין הימל, נאָר ער קאָן דאָרט מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש. נאָר דאָס מוז זיין אַ דאַוונען, ניט בלויז אַ פאָרמאַליטעט — נאָר אַ פלאַמענדיגער אויסברוך פון דער נשמה, אַן אויסגוס פון התלהבות, אַ פול־שטענדיגע באַהעפטונג מיט גאָט, — דאָס איז די איינציגע אויפ־גאַבע פונ׳ם מענשן, אין אַלץ וואָס ער דיינקט, אין אַלץ וואָס ער טוט. און דאָס איז ניט שווער צו ערפילן. וואָרים קוים איז יעדע טאַט אין לעבן אַ געטלאַכע אַנטפּלעקונג, דאַרף זיך דאָך דער מענש שטענדיג פילן אין גאָט׳ס געגנוואַרט. קאָן אפילו דער פּשוט׳ער מענש, בא זיין פּשוט׳ער אַרבעט, קאָנצענטרירן אַלע זיינע חושים אויף גאָט, ווי אויפ׳ן קוואַל פון אַלץ, וואָס האָט עקזיסטענץ, און דערמיט היילִיגן אַלץ, — אפילו דאָס נידעריגסטע, דאָס מינדסטע און ווינציגסטע. אַזאַ פילן זיך מיט גאָט, ביי גאָט, גיט דעם מענשן גליק, פילט אים אָן מיט פרייד. און פרייד איז דער קוואַל פון באַגייסטערונג, פון

התלהבות, וואָס דער מענש האָט נויטיג, כדי זיך מקרב צו זיין צו זיין באַשעפער, וואָרים ניט מיט טרויער — ווי פּראַקטישע קבלה האָט געלערנט — נאָר מיט פרייד דאַרף מען גאָט דינען. און גוט זענען נאָר יענע טרערן, וואָס קומען פון צופּיל באַגייסטערונג... א תענית איז א שטער אויפ׳ן וועג צו גאָט. וואָרים אז דער גוף ווערט אָפּגעשוואַכט, ווערט די נשמה אויך אָפּגעשוואַכט. ווי־זשע קאָן מען נאָכדעם גאָט דינען מיט התלהבות ביז זעלבסטפאַרגעסנקייט? אפילו ווען מ׳דערמאָנט זיך אָן אַן עברה, דאַרף מען ניט אַריינפאַלן אין מרה־שחורה. פאַרקערט, מיט שמחה דאַרף מען גאָט בעטן און תשובה טאָן. און טוט מען א מצוה, דאַרף מען זיך ניט קימערן וועגן קלייניקייטן, וואָרים צוליב זיי קאָן מען דעם תכלית פון דער מצוה פאַרגעסן.

אָבער ניט בלויז מיט דאַוונען און מיט תפלות טוט מען גאָט דינען. א שטומע התלהבות איז בעסער ווי א תפלה מיט קולי־קולות. אמת׳ע באַגייסטערונג איז וויכטיגער ווי א טרוקענע מצוה. מיט אַלץ קאָן מען דינען גאָט. מיט א פּשוט׳ן שמועס, וואו עס שטעקט א געטלאַכער ענין, קאָן מען אַמאָל דערגרייכן מער, ווי מיט א דאַוונען. אומעטום און אין אַלץ, אפילו אין טומאה, זענען צושפּרייט פונקען פון גאָטהייט, נאָר געדעמפט זענען זיי. אָבער יעדע מינוט קאָנען זיי אויפפלאַקערן דורכ׳ן מענטש, וואָס באַהעפט זיך מיט זיי און זיך אויפהויבן צו גאָט. „ניט דורך לערנען — האָט אַמאָל דער בעל־שם געזאָגט — נאָר דורך דאַוונען האָב איך דערגרייכט אַלץ, וואָס איך האָב דערגרייכט. פון צופיל לערנען פאַרגעסן די לומדים א טראַכט צו טאָן אַמאָל וועגן גאָט“.

און אויב יעדע תפלה מיט דבקות און התלהבות ווירקט אויף דער געטלאַכקייט, היינט שוין, א כל־שכן דעם צדיק׳ס תפלה, וואָס איז נאָך מער דורכגעדרונגען מיט באַגייסטערונג און מיט זעלבסטפאַרגעסנקייט. ער קאָן זיך אפילו דערהויבן ביז צו דער מדרגה פון נבואה... דערפאַר איז ער אויך דער בעסטער פאַרמיטלער צווישן מענטשן און גאָט.

די חסידות מיינט אויך, אַז די קבלה איז תורת־אמת, אַז זי איז דאָס גייסטיגע אויג פון מענטשן, מיט וועלכן ער זעט דאָס איבערמענטשלאַכע און איבערנאַטירלאַכע. זי מיינט אויך, אַז קבלה קאָן און זאָל דינען אַ פּראַקטיש מיטל צו באַוועגן געטלאַכע כחות לטובת, אָדער לרעת דעם מענטשן. זי אַליין, די חסידות, איז דאָס געזעצלאַכע קינד און יורש פון דער קבלה. נאָר די מיטלען פון דער פּראַקטישער קבלה אָנערקענט זי ניט — ווייל זי איז אין אַן אַנדער סביבה געבוירן און פון אַנדערע באַדערפענישן אויסגעוואַקסן. דאַרום אָנערקענט דאָס פאָלק די חסידות. כאַפּט זיך אָן איר ווי אָן דער אייגענער רעטונג. ס'פאָלק דערשפּירט באַלד, אַז דאָס אינערלאַכע חיות מאַכט דעם מענטשן טעמפּ געגן דרוק פון אויסן. דאָס שטייגן פונ'ם אייגענעם ווערט אין די אייגענע אויגן מאַכט פאַלן דעם ווערט פונ'ם אונטערדריקער און מאַכט גרינגער דאָס שווערע געפיל פון אונטערטעניקייט פאַר אים. דער נייער גייסט באַטייט די ווידערגעבורט פון דער גייסטיג און מאַטעריעל אונטערדריקטער פערזענלאַכקייט. „זי איז מנצח די אויסגעדאַרטע רבנות און ברייגט אַריין ליכט און טרייסט אין די הערצער פון די אָרימע און געפאַלענע”.

די הייליגע שטאָט צפת

אין דרייצענטן יאָרהונדערט איז נתגלה געוואָרן דער „זהר הקודש" — דער הייליגער קבלה־ספר, וואָס שטאַמט, לויט די באַהויפּטונגען פון דער קבלה, פונ'ם תנא רבי שמעון בן יוחאי. און דאָס זעלבע יאָרהונדערט דאַטירט דאָס אויפקומען פון דער הייליגער מקובלים-שטאָט צפת, נאָענט צום קבר פון רבי שמעון בן יוחאי, וואָס געפינט זיך אין דערבייאיגן מ י ר ו ן. אין דרייצענטן יאָרהונדערט געפינען זיך דאָרט בלויז פּופציג נפשות אידישע. אָבער דער קליינער קבוץ וואַקסט. די צרות און רדיפות אין אייראָפּע פאַרווארפן פיל אידן קיין ארץ־ישראל. און די וואָס זענען אָנגעשטעקט מיט קבלה — און דעמאָלט זענען געווען פיל אַזעלכע — דערהויפּט די געקומענע פון שפּאַניע, באַזעצן זיך אין צפת. י ר ו ש ל י ם — דער פריערינער קדושה־צענטער, ווערט איצט פאַרנאַכלעסיגט. די שווערע לעבנס־באַדינגונגען דאָרט, די גרויסע שטייער-לאַסטן און דער אומגעהויערער פאַנאַטיזם, מיט וועלכן די ירושלים'ער קהלה האָט זיך אויסגעצייכנט, האָט די נייגעקומענע קיין ארץ-ישראל דערוויייטערט פון איר. רבי שמעון בן יוחאי'ס קבר, די נייע קדושה, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך וועבן אין צפת, דער וואוקס פון דער קבלה דאָרט, האָט די ניי-איינגעוואַנדערטע צוגעצויגן צו זיך. אין 14טן יאָרהונדערט רעדן שוין די רייזנדע פון אַ גרויסער אידישער קהלה אין צפת. אין 15טן יאָרהונדערט רעדט מען שוין פון ט ו י־ ז ע נ ט ע ר נפשות דאָרט. דער גירוש פון שפּאַניע און פון פּאָרטוגאַל, וואָס איז פאָרגעקומען צום סוף פונ'ם 15טן יאָרהונדערט, ברייננגט דערצו, אַז אין זעכצענטן יאָרהונדערט דערגרייכט צפת איר העכסטן אַנטוויקלונגס־פּונקט. וואָס בבל איז מיט טויזנט יאָר פריער געיוען פאַר'ן תלמוד אידנטום, דאָס איז איצט געווען צפת פאַר'ן קבלה־אידנטום. דאָס הייליגסטע, וואָס קאָן זיך אַנטוויקלען אין מענשלאַכן צוזאַמנלעבן; דאָס פּולקאָמסטע אין זעלבסט־ערציאונג,

וואָס א פּרט קאָן דערגרייכן; דאָס העכסטע און טיפסטע, וואָס דער מענשלאַכער גייסט קאָן משיג זיין פון איבערמענשלאַכן און איבער-נאַטירלאַכן—דאָס אלץ איז קאָנצענטרירט געווען אין צפת אין 16טן יאָרהונדערט *). אלץ, וואָס האָט פאַר אידן געהאַט א גרויסע באַדייטונג, אויפ'ן מיסטיש-רעליגיעזן געביט, האָט געלעבט און געווירקט אין צפת. פון ביידע ברעגן מיטלענדישן ים ווי פון די ברעגן פון נילוס — אלץ האָט אהער געצויגן, צו דער שטאָט, וואָס ליגט „אויף די הויכע בערג פון שבט נפתלי", און פון בערג אַרומגערינגעלט אַרום און אַרום, און פון וואַסערן: דעם חרמון מיט'ן אייביגן שניי פון איין זייט, אויבן, דעם כנרת מיט די שטראָמען, וואָס פאַלן אַריין אין אים און פליסן אַרויס פון אים, אונטן. פון דאָרט די שענסטע אויסזיכטן. דאָרט — די ריינסטע לופט. און הייליגע גייסטער שוועבן אַרום איר. זיי שטייגן פון די טאָלן צו די בערג-וואָלקן אַרויף, און שטייגן פון די בערג-וואָלקן אין די טאָלן אַראָפּ... אין דער צייט ווערט צפת דער צענטער פונ'ם אידנטום אין דער גאַנצער וועלט. סיי בנוגע שאלות-ותשובות, סיי בנוגע קבלה. און די אידן פון דער גאַנצער וועלט שטיצן דעם ישוב אין צפת. דער דאָזיגער ישוב פאַרקערפּערט, דער עיקר, דעם מיסטיש-רעליגיעזן גייסט פון דער צייט, און די אידן פון דער צייט וואַרפן זיך אונטער דעם גייסט, וואָס שטראַלט אַרויס פון צפת און באַהערשט די אידישע וועלט. און צפת האָט פאַרמאָגט די קרעפטן, וואָס האָבן **געקאָנט** באַהערשן!

וואָרים דאָ האָט געלעבט און געווירקט איינער פון די מעכטיגסטע זיילן פון אידנטום: **רבי יוסף קארו**, דער גרויסער קאָמענטאַטאָר פון „יד-חזקה" און „ארבעה טורים" און דער מחבר פון „שלחן-ערוך" — דער אָנערקענטער קאָדעקס פונ'ם

---

*) א רייכע ליטעראַטור, אויף דער טעמע, איז צו געפינען אין פאַרשידענע שפראַכן, פון פאַרשידענע מענשן. אָנהויבנדיג פון אַזאַ וויסנשאַפטסמאַן ווי שעכטער און אויסלאָזנדיג מיט פאַרשידענע זשורנאַליסטן. — ש. ר.

גאַנצן אידישן לעבן אויף אַלע געביטן און אויף אַלע צייטן. שוין פון צוואַנציג יאָר אָן באַגלייט אים זיין „מגיד” (זיין מלאך, אָדער דיימאָן), וואָס זאָגט אים אונטער, וואָס צו טאָן — אין אַלע פאַלן פון זיין טאָן און ווירקן — זאָגט אים אויס אַלע פאַרבאָרגענע סודות פון דער תורה און גיט אים באַשייד אויף אַלע פאַרוויקלטע פּראָבלעמען פון דער קבלה. אין דער זעלבער צייט לערנט דאָ און מאַכט לערנען אַזאַ גרויסער גייסט, ווי רבי משה קאָרדאָווירע, וואָס האָט אויך געוואוסט פון רוח־הקודש, און האָט אייגנטלאַך קיין סוד ניט געמאַכט פון די קבלה־סודות, פאַרקערט: ער האָט אַ ישיבה, וואו מ'לערנט עפנטלאַך קבלה. ער באַמיט זיך זי פאַרשטענדלאַך צו מאַכן, פּאָפּולער צו מאַכן צווישן מענטשן, וואָס האָבן די נויטיגע פאָרבאַרייטונגען דערצו. און דער גרויסער ווירטואָז אין קבלה, אין טעאָרעטישער ווי אין פּראַקטישער, רב יצחק לוריא, וואָס האָט נייע וועגן געשניטן דורך די געדיכטע וואָלקן פון דער קבלה, וואָס האָט נייע שיטות געשאַפן אינ'ם בוי פון דעם איבערוועלטלאַכן און נייע באַגריפן אין דער אַטמאָספערע פון אי־בערמענטשלאַכן — ער האָט דאָ, אין צפת, זיינע נייע הימלען אויסגעשפּרייט, און זיין גרויסער תלמיד, רבי חיים וויטאַל, מיט אים. און דער באַרימטער דרשן רבי משה אלשיך האָט דאָ זיין ברענענדיגן און היילנדיגן מוסר געזאָגט; און שלמה אלקביץ (דער מחבר פון „לכה דודי”) און רבי ישראל נאַגאַראַ האָבן דאָ זייערע אייביגע דיכטונגען געשאַפן. דער גאון און דער פּוסק רבי יעקב בי־רב האָט אין צפת געלערנט און גע'פסק'נט, און רבי משה טראַני און דער רדב”ז און רבי בצלאל אשכנזי (דער מחבר פון „שיטה־מקובצת”) און נאָך אַנדערע גרויסע און גרעסערע — אַלץ „זיילן פון דער וועלט”, „ליכטער פון דער וועלט”. און זיי זענען זיך באַוואוסט, אַז „דאָס אידנטום — דאָס זענען זיי!”

קומט אויך דאָן אויף דאָ דער געדאַנק צו גרינדען אין צפת אַן אָפיציעלן אידישן צענטר, א סנהדרין. אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט זאָלן זיין אונטערוואָרפן די אָנווייזונגען און די פאָדערונגען פונ'ם סנהדרין. יעדער מורא־הוראה זאָל מוזן האָבן

סמיכה פון סנהדרין. א טיפער נאציאָנאַלער חוש האָט באַלעבט די טרעגער פון דער דאָזיגער אידעע: א צענטער שאַפן פאַר'ן אידישן גייסט! א מעכטיגן איינהייטס-פונקט, פון וואַנען־אויס דער איינ־הייטליכער אידישער גייסט זאָל אויספליסן, און וואוהין דער אידי־שער גייסט פון דער גאַרער וועלט זאָל צופליסן. אַן אַלגעמיין אָנער־קענטער אויטאָריטעט זאָל ווידער ביי אידן געשאַפן ווערן. דאָס באַ־וואוסטזיין פון רעכנשאַפט און פאַראַנטוואָרטלאַכקייט זאָל איינגע־פלאַנצט ווערן אין די הערצער פון די פירענדע באַ אידן. א גרויסע אידעע איז דאָס געווען. אַלע גרויסע אין צפת און די אָנגעזעענע אין ארץ־ישראל האָבן צוגעשטימט דערצו. נאָר ירושלים און אירע גרויסע האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט. זיי האָבן אפשר אויך ניט געקענט האַנדלען אַנדערש — ווייל דאָס וואָלט געהייסן בידים פאַרשוועכן דעם כבוד פון ירושלים, „אַראָפּנעמען די קרוין פון איר קאָפּ און איר אָנטאָן אויפ'ן קאָפּ פון דער שטאָט צפת" וואָס איר שכינה און איר קדושה איז נאָך אַזוי יונג, און וואָס באַ־טייט זי דען אַנטקעגן דער קדושה פון ירושלים!...

און די אידעע איז בטל געוואָרן. אָבער די השפעה פון צפת איז ניט בטל געוואָרן. וואָרים דאָס גאַנצע לעבן פון צפת'ער ישוב איז קאָנצענטרירט געווען אין איין פונקט: זיך דערהויבן צו קדושה! צוליב איין צוועק: אַראָפּברייינגען משיח'ן! די דאָזיגע מיסטישע עדה, צונויפגעהאַמערט און צונויפגעשמיט, בילדעט א כח, א מיס־טישן ביישפיל, וואָס איז משפיע ווייט אַרום, וואו נאָר זיין וואָרט גרייכט.

אַלע קענען מיר דעם זאַץ: „אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף תורה, אויף עבודה און אויף גמילות הסדים". דער דאָזיגער זאַץ געפינט זיך אין פּרק, אָבער באַ די צפת'ער אידן איז דאָס ניט גע־ווען א זאַץ אין פּרק, נאָר אין לעבן. אַלע האָבן געלערנט, אַלע האָבן געאַרבעט און אַלע האָבן געזאָרגט איינער פאַר דעם אַנדערן. אין 16טן יאָרהונדערט האָט צפת פאַרמאָגט איין און צוואַנציק שולן צום דאַווענען, אַכטצען ישיבות צום לערנען און א גרויסע תלמוד־תורה פאַר פיר הונדערט תלמידים, באַ צוואַנציג לערער אויסגע־

האַלטן אויך מיט קליידער, פון קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קהלה. די לער-שפּראַך איז געווען שפּאַניש — ווייל דער גאַנצער צפת'ער קבוץ איז געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון די שפּאַנישע אָדער פּאָר-טוגעזישע אידן. אָבער שולן זענען געווען ניט בלויז ספרדישע (שפּאַנישע). עס זענען געווען איטאַליענישע, גריכישע און אויך אשכנזישע. אַ חלוקה אין לאַנדסמאַנשאַפטן: יעדע לאַנדסמאַנשאַפט מיט איר שול, מיט איר רב און מיט איר ישיבה, און איין אַלגעמיי-נער ועד, וואו ס'האָבן זיך באַטייליגט די רבנים פון אַלע שולן, פּירט די שטאָט. געפּירט — מיט אמת, קדושה און מיט'ן גאַנצן אחריות-געפיל, וואָס זאָל זיין גילטיג בײַ יעדער כלל-אַרבעט. מ'האָט עס שטענדיג אין זינען געהאַט צו זאָרגן פאַר'ן אָרימאַן, ניט צו באַלעס-טיגן דעם אומפאַרמעגלאַכן, ניט צו באַליידיגן אפילו דעם פּשוט'סטן, און זיך פאַרהאַלטן מיט דרך־ארץ צו יעדערן, און אָרדנונג זאָל זיין אין די קהל'שע חברות, און געאיילט זאָל ווערן מיט הילף צום באַ-דערפטיגן, און וואו ס'איז דאָ צו לערנען — זאָל געלערנט ווערן; און וואו ס'איז דאָ צום דאַוונען, זאָל גדאַוונט ווערן! און מיט כונה, צו אַ צוועק, און אַ העכערן תכלית: אַראָפּברענגען משיח'ן!

אין גרויס פּשטות האָבן די מענשן געלעבט. פּשוט'ע אידן, וואָס שעמען זיך ניט מיט קיין אַרבעט. אַ געוויינלאַכע זאַך איז עס געווען צו באַגעגענען אַ גרויסן מקובל און אַ גאון, ווי ער טראָגט אַ זאַק מעל אויף די פּלייצעס, אָדער ער טראָגט אַ קרוג וואַסער אויפ'ן אַקסל. אַנדערע פאַרנעמען זיך מיט מלאכות; טוען זייער זאַך בשלמות, פעלשן ניט, מאַכן זיך ניט אַרויס מיט „תירוצים". אָבער אויך פעלדערייַ איז געווען אַ באַשעפטיגונג, און אויך מיט פעלד-אַרבעט פאַרנעמען זיך צפת'ער אידן. די פאַרמעגלאַכע צווישן זיי (דערהויפּט די שפּאַנישע אידן) „פאַרנעמען זיך מיט מסחר. וויין, בוימאייל און פאַרשידענע תבואות שיקן זיי קיין דמשק און אין אַנ-דערע ערטער און ברענגען פאַרשידענע אויסלענדישע סחורות אין לאַנד אַריין. אָנגעזען איז דאַן געווען די צפת'ער אינדוסטריע פון וואָל-צייג און פאַרטיגע קליידער. אין יענער צייט פלעגן רייכע קאָנסטאַנטינאָפּאָלער סוחרים שיקן שיפן מיט וואָל געלאָדן קיין

צפת. ווען אזא שיף איז אמאָל אונטערגעגאנגען, איז דער שאָדן גע־ווען הונדערט טויזנט טאָלער אין וואָל און צען טויזנט אין מזומן, וואָס איז געשיקט געוואָרן פאר די אָרימע אין צפת. פיל בעלי מלאכות האָט צפת נויטיג געהאט: וועבער, שניידער, שמידן, טיש־לער, מוליער א. אז. וו. אפילו אַ דרוק איז דאָרט געשאפן געוואָרן, וואָס האָט ארויסגעגעבן זייער שיינע ארבעט".

אָבער די אַלע באשעפטיגונגען זענען געווען בלויז נעבן־זאכן, אַן אפצאָל דער שפּל'ער ערד, וואָס טראָגט אונז אויף זיך. אָבער ניט דאָס איז דער תכלית פון לעבן. דער תכלית ליגט אין אַ העכערער וועלט, אין דער הימלישער. דאָ, אויף דר'ערד, איז דאָך דער מענש בלויז אַן אורח, אָבער אויף יענער וועלט — דאָרט איז ער אין דערהיים: אַן איינגעזעסענער איז ער דאָרט אויף אַלע צייטן. און וועגן יענער, אייביגער וועלט, זאָל דער מענש טראַכטן.

און צפת האָט געטראַכט וועגן יענער וועלט. פרום איז צפת געווען. אין דער לופט האָט דער מבין געקענט אָנטאַפּן יראת־שמים, געדיכט און אומעטום. דער טאָג צום דאַווענען און צום לערנען האָט זיך אָנגעהויבן שוין פון האַלבע־נאַכט אָן; דאַן האָט מען אָנגעהויבן צו גיין אין בית־המדרש אריין „אָפּצוריכטן חצות", און נאָכדעם האָט מען זיך שוין געזעצט לערנען, נאָכדעם דאַווענען א. אַז. וו. און טאָמער האָט אימיצער פארשלאָפן דעם רעכטן מאָמענט, איז אויך קיין געפאר ניט געווען — מ'האָט אים באַלד אויפגעוועקט. שטענ־דיג האָבן זיך געפונען מענשן וואָס האָבן גערן געקלאַפּט יענעם אין פענסטער אריין און אים געוועקט צו „עבודת־הבורא". און אויך געוועקט צו תשובה. אויף אַלע גאַסן אין שטאָט האָט איר אַזוינע באַגעגנט און אויף אַלע וועגן ארום שטאָט. און פאַסטער זענען דאָס געווען! איינע האָבן געפאַסט אַלע ערב ראש-חודש, אנדערע — האָבן געהאַלטן אין איין פאַסטן „הפסקות", טאָג־איין, טאָג־אויס, און פול איז געווען די שטאָט און די סביבה מיט „בעלי־תשובה" אויף זינד, וואָס זיי האָבן ב פ י ר ו ש ניט געזינדיגט; און פול איז געווען די שטאָט און די סביבה מיט מקובלים, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט'ן פ ר א ק ט י ש ן אויסנוצן די קבלה און

די שמות — און דורך מצרף זיין א שם מיט אַ שם, א כונה מיט אַ כונה, אַ הייליגע צאָל מיט אַ הייליגע צאָל — איינווירקן אויפ'ן הימל און אפילו אויף גאָט און זיי צווינגען אַראָפּצוברענגען משיח'ן... און פול איז געווען די שטאָט און די סביבה אַרום מיט הייליגע מענטשן, וועלכע האָבן פאַראויסגעזאָגט, וואָס שפּעטער וועט געשען. און גרויס איז געווען דער גלויבן אין שדים, אין רוחות, אין קליפות, אין דבוקים, און פיל זענען געווען די מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען ווי אַזוי די אַלע „ניט־גוטע" צו פאַרטרייבן. אפילו פרויען־נביאה'טעס זענען געווען צו טרעפן. „איינע איז געווען זייער אַ חשוב'ע, האָט געהייסן פראַנסעזה און האָט געהאַט איר מלאך (אָדער מגיד), וואָס פלעגט איר אָנזאָגן אַלץ וואָס וועט קומען אויף דער וועלט", און אַ צווייטע, „אַ חכמה, וואָס זאָגט פאָראויס די צוקונפט". זיי האָבן געזאָגט, און דער עולם האָט גע־גלויבט... און מענטשן פלעגן אַרומגיין איבער דער שטאָדט צו פאַר־ריכטן, וואָס איינער האָט געפעלט, אין תשובה און „עבודת־הבורא", אפילו צווישן פרויען און קינדער. אַלע זענען ווי ערב געווען איינער פאַר'ן אַנדערן אין דער גאַנצקייט און צוועקמעסיג־קייט פון דעם לעבן און ווירקן, כדי אַראָפּצוברענגען משיח'ן...

אפילו די שבתים און די ימים־טובים, ווען די מענטשן האָבן, דוכט זיך, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די וואָכנדיגקייט פון זייער שווערן גייסטיגן עול, האָבן זיך איבערגעגעבן צו שמחה און צו חדוה, צום זינגען און צום טאַנצן, אפילו די שבתים און ימים־טובים, זאָג איך, זענען אומהיימליך, פול מיט... ע ו ל ם־ה ב א, מיט ריח ג ן־ע ד ן, וואו דאָס „מענטשליכע", דאָס ערדישע איז אויסגע־וועפּט. שוין פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג האָבן זיך די מענטשן אָנגע־טאָן שבת'דיג און גרופּנווייז זיך געלאָזט אויסן שטאָט, כדי פּאַק־טיש מקבל־פּנים זיין די מלכה שבת, וואָס זיי האָבן זיך געניי פאָרגעשטעלט איר פּאַקטיש אָנקומען; און אַלע מיטלען האָט מען אָנגעווענדט, כדי מוצאי שבת זי צו פאַרהאַלטן וואָס לענגער. אפילו אַ באַזונדער חברה „מלוה־מלכה" איז געווען, וואָס אירע חברים זענען אַלע מוצאי־שבת אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט מיט

געזאנג און מיט טענץ און משמח־געווען חתן־כלה (אידן און שבת). אָבער דאָס אַלץ מיט באַזונדערע כונות, כדי די גאולה מקרב צו זיין.

אפילו א באַזונדער חברה „קברים־רייסער" איז געווען. אירע חברים פלעגן פאַרבערענגען אויסן שטאָט, אויף די בית־עולמ'ס, פאַלן אויף די קברים פון די צדיקים, קלאָגן אויפ'ן גלות פון דער שכינה, בעטן אויף משיח'ן און פראווען גרויסע יללות און בכיות אויף די גרויס זינד פונ'ם אידישן פאָלק.

אָבער די שטענדיגע קלאָגער און בעטער, די אייביגע פאַסטער און בעלי־תשובות, די מאַסע מקובלים און רוח־הקודש'ניקעס, נביאה'טעס און דבוקים־טרייבער, האָבן עס געבראַכט דערצו, אַז צום סוף פון זעכצעגטן יאָרהונדערט איז שוין צפת געווען ניט מער, ווי אַ שאָטן פון אַ נאָרמאַלן מענשלאַכן ישוב, און אין די הערצער קומט עס צו אַן אויסברוך. פאַרוואָס? די „מעשה נורא" מיט יוסף דילאַ־ריינע, הגם אַ לעגענדע, דערקלערט דאָך דעם ווירקלאַכן גייסט־צושטאַנד פון יענער צייט. זי דערציילט:

יוסף די־לאַ־ריינע איז געווען אַ גרויסער מענש, אַ חכם און אַ בקי אין פּראַקטישער קבלה. איין מאָל האָט ער אריינגערופן צו זיך זיינע פינף תלמידים און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „איך האָב זיך באַטראַכט, אַז עס איז קיין תכלית ניט צו לעבן אָן אַ ציל אויף דער וועלט. מ'מוז גאָט אַ געפעליגקייט טאָן, אויסרוימען די וועלט פון טומאה און אַראָפּברענגען משיח'ן". האָבן זיך אַלע געהייליגט און גערייניגט און זענען אויפגעשטאַנען און אוועקגעגאַנגען צום קבר פון רבי שמעון בן יוחאי, זענען געפאַלן אויף זיין קבר און אַזוי געבליבן דאָרט וואַכע און ציטערנדיגע די גאַנצע נאַכט. אַז עס איז טאָג געוואָרן האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט צו טבריה. זענען זיי געגאַנגען דורך פעלדער און וועלדער, האָבן געפאַסט דעם גאַנצן טאָג און האָבן ניט אויפגעהערט צו לערנען. זיי האָבן אַרום זיך ניט געקוקט און קיין שום זאַך ניט געזען, און האָבן זיך אַלץ פאַרנומען מיט צוזאַמענשטעלן, צונויפפּאַסן פאַרשידענע „שמות" אין גרויס קדושה און מיט גרויס אימה. אַלע פרימאָרגן האָבן זיי זיך אין ים כנרת גע'טובל'ט זעקס און צוואַנציג טבילות — אַנט־

קענן דער צאָל, וואָס גאָט'ס נאָמען באַטרעפט. אזוי האָט ער און זיינע תלמידים פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט אין תעניתים, אין תפילות און צרופים. און אַז עס האָט זיך זיי פאָרט ניט איינגעגעבן אַראָפּצוברענגען משיח'ן, איז יוסף אַוועק קיין צידון און האָט זיך גע'שמד'ט. נאָכדעם איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

מענשן האָבן איינגעזען דעם שאָדן און די געפאַרן, וואָס שטעקן אין אַריבערכאַפּן די מאָס פון קבלה אין פּראַקטישן לעבן, און ציען זיך צוריק דערפון. אין אָנהויב פון 17טן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן אַ שטיקל „עמיגראַציע" פון צפת קיין ירושלים. עס פאַרלאָזן צפת אזוינע צוויי גייסטער, ווי רבי יוסף קארו און רבי משה טראַני. צפת פאַלט, ירושלים ווערט ווידער דערהויבן איבער איר.

רבי משה קאָרדאָווירע

צו די גרעסטע צווישן די גרויסע, וואָס האָבן אין 16טן יאָר־הונדערט „געלויכטן אין די הימלען פון דער הייליגער שטאָט צפת" אין ארץ ישראל, געהערט רבי משה קאָרדאָווירע. שוין זיין נאָמען באַווייזט, אַז ער שטאַמט פון שפּאַניע. געבוירן איז ער אין יאָר 1522. געשטאָרבן: 1570. קורצע יאָר האָט ער געהאַט. אָבער אין די אַכט־און־פערציג יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אויף דער וועלט, האָט ער אויפ'ן מיסטיש־רעליגיעזן געביט — וואָס האָט אין יענער צייט געהאַט די גרעסטע חשיבות אין צפת — אויפגע־טאָן זייער וויכטיגע זאַכן. ער האָט די קבלה אַ ווייטען שטיק ווייטער געפירט אויפ'ן וועג פון איר אַנטוויקלונג און פאַרשפּריי־טונג. נאָכמער: אַן אייגענעם, נייעם וועג האָט ער אַנטדעקט אין דער קבלה. נייע צוגאַנגען האָט ער דערפונדן. דערפאַר האָט ער אויך גרויסע תלמידים איבערגעלאָזט. און זיין נאָמען איז געהייליגט געוואָרן און געאַכטעט געוואָרן פון צענדליגער און הונדערטער טויזנטער, וואָס וואַנדלען אום אויף די וועגן פון דער קבלה, האָבן אַ ידיעה אין איר חכמה און גלויבן אָן איר געטליכער אָפּשטאַמונג.

לאַנגע יאָרן איז רבי יוסף קארו — דער גרויסער און פּאָ־פּולערער קאָמענטאַטאָר פונ'ם רמב"ם'ס „יד־החזקה" און רבינו יעקב'ס „ארבעה־טורים" און דער מחבר פון „שלחן־ערוך" — גע־ווען דער רבי פון רבי משה קאָרדאָווירע אין נגלה. און דער באַ־רימטער מקובל און דיכטער, רבי שלמה אלקביץ, אַ שוואָגער פון רבי משה, איז אויך זיין לערער אין קבלה, אין נסתר. צוואַנציג יאָר איז ער דעמאָלט אַלט. און ער לערנט פון רבי שלמה'ן קבלה, אי פּריוואַט, אי דורך זיינע עפנטליכע שעורים אין קבלה. ער ווערט אַ שטאַרקער אָנהענגער פון ד ע ר תורה. ער לערנט אויך אַנדערע זאַכן. ער לערנט פילאָזאָפיע מיט גרויס פאַרשטענדניש און גרויסן ערפאָלג. ער לערנט נגלה — תלמוד און פוסקים — מיט גרויס

התמדה, אָבער די קבלה פאַרכאַפּט אים אינגאַנצן. דאָ פילט ער זיך „ווי איינער, וואָס ווערט געטראָגן פון די מעכטיגסטע ים־כוואַ־ליעס.“ ער ווייסט צו שאַצן דעם ווערט פון דער פילאָזאָפיע, וואָס האָט אונז געלערנט צו דערווייטערן פונ׳ם גאָט־באַגריף יעדערליי גשמיות; ער ווייסט צו שאַצן דעם למוד פון תלמוד, וואָס האָט אונז געלערנט צו אַנאַליזירן אַבסטראַקטע באַגריפן, פאַרגלייכן פּרינציפּן מיט פּרינציפּן, אידעען מיט אידעען און זיך לאָגיש מפלפל זיין אין לערנען. אָבער... ניט דורך פילאָזאָפיע און חקירה קאָן מען דערגרייכן די אמת׳ע תורה, און ניט דורך תלמוד־לערנען קאָן מען באַקומען אַן איינבליק אין קדשי־קדשים פון דער אמונה. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך דער קבלה. און דוקא דורך דעם ערשטן קוואַל אירן — דורכ׳ן ז ה ר. נאָר ווייניג דערפון, וואָס איז דאַטירט פ א ר ׳ן זהר, געפינט בא אים אָנערקענונג. און צו גאָר פיל פון די גרעסטע מקובלים און צו זייערע ווערק פאַרהאַלט ער זיך קריטיש. אפילו די גרעסטע און די פּאָפּולערסטע מיידן ניט אויס זיין קריטיק. אפילו אין זהר גופא געפינט ער גאַנצע שטיקער, וואָס שטאַמען פון אַנדערע, נ י ט פון רבי שמעון בן יוחאי.

טעג און נעכט, יאָרן און יאָרן שענקט ער אוועק דעם זהר. נייע וועלטן אַנטפּלעקט ער דאָרט, נייע קוואַלן שפּריצן אים דאָרט אַנטקעגן, און ער ווערט איבערציינט, אַז ער ק ע ן דעם זהר. אָבער וואָס הייסט דען ק ע נ ע ן קבלה? האָט זי דען אַ שעור? קבלה איז דאָך ווי אַ קוואַל, אַז וואָס מער דו שעפּסט פון אים, אַלץ שטאַרקער שלאָגט ער דיר אַנטקעגן... כדי צו האָבן די גע־לייטערטע השגה, וואָס איז נויטיג פאַר דער קבלה, מוז מען זיך אויסטאָן פון וועלטלאַכע הצטרכות׳ן. פון צייט צו צייט „ארויסגע־טריבן ווערן פון דער היים“. ווי ס׳איז מיט רבי שמעון בן יוחאי פאָרגעקומען. ערשט דעמאָלסט קאָן מען משיג זיין די אמת׳ע סודות פון דער תורה. ריכט ער מאַקע איצט אָפּט אָפּ גלות. וואַנ־דערט אום פון אָרט צו אָרט, פון בית־עולם צו בית־עולם, פון איין צדיק׳ס קבר צום אַנדערן. פּראַוועט התבודדות. זיצט אין תעניתים.

טוט תפלות. ער שרייבט אפילו א טאָג-בוך: „גרושין", וואו ער באשרייבט: וואו ווען ער איז געווען; וואו ווי־אזוי ער איז גע־שטאַנען בעת'ן מתפלל זיין א. ד. גל. איז ער טאַקע משיג פיל סודות פון דער תורה. סודות — וואָרים „פונקט ווי די נשמה איז געקליידט אין א גוף, אזוי איז די תורה געקליידט אין א גוף". און נאָר דורך קבלה קאָן מען משיג זיין דעם אמת'ן תוך אירן. און נאָר די קבלה מאַכט קלאָר יענע שטעלן אין דער תורה, וואָס זענען, לויט'ן פשט, „כולו מוקשה".

אָבער וואָס מער ער פאַרטיפט זיך אין דער קבלה, וואָס מער ער איז משיג אין איר, אַלץ מער. זעט ער איין, בלייבט פון אים פאַרהוילן. וואָרים קבלה, דאָס איז קדשי קדשים, וואָס ניט יעדערן איז ערלויבט דער אריינגאַנג אהין. נאָר אויסדערוויילטע האָבן אהין א צוטריט. כהנים־גדולים. ער שטרעבט און גרייכט צו דער מדרגה. און פון א ווייטער הויך געזען, ווער עס רוקט זיך אַלץ „אין די טויערן פון הימל". ווערט ער אַן אוצופרידענער. געוויס קען עס יעדער איינער ברענגען דערצו, אַז ער זאָל ראוי זיין צו שטיין דאָרט, וואו דער כהן גדול שטייט. מ'דאַרף עס אָבער פריער ברענגען דערצו. פאַרנעמט זיך אָבער דער עם־הארץ מיט קבלה, איז עס א פאַרשוועכן. און שעדליך איז עס, ווען זיי פאַרנעמען זיך מיט פראַק־טישער קבלה: מיט קמיעות, מיט שמות, מיט רפואות א. ד. גל. ער גלויבט אפילו אין כח פון קמיעות און צרופים, אָבער ניט יע־דערן איז עס דאָך געגעבן, און ניט יעדערן איז עס ערלויבט זיך צו פאַרנעמען מיט אזוינע הויכע און אזוינע איידעלע זאַכן. מ'מוז זיין צוגעגרייט דערצו. גרויסע אבסטראַקציאָנס־פייאיגקייטן און גרויסע רגילות אין אבסטראַהירן פאָדערט די קבלה. און אפילו דעמאָלט — ניט אַלץ, וואָס א מענש איז משיג, איז ער אימשטאַנד ארויסצוברענגען. און ניט ווי אזוי ער איז אַן ענין משיג, קאָן ער אים ארויסברענגען און אַנדערע איבערגעבן. דאָס באַגרײ־פענע ווערט טונקעלער און ווערט ווינציגער פון הארץ אין מויל, און ווערט נאָך ווינציגער און נאָך טונקעלער איבערגעבענדיג פון מויל צו כתב, און פון כתב ווידער צום אַנדערן מענש.

און פונדעסטוועגן, זאָל ניט קבלה בלייבן אַ „באַהאַלטענע״ תורה. פונדעסטוועגן מוז מען זיך באַמיען: „דאָס אמת׳ע ליכט צו פאַרשפרייטן וואָס ווייטער און וואָס מערער.״ און עס קומט דער טאָג, ווען ער הויבט אָן צו גלויבן אין זיך, אַז ניט בלויז איז ער אַווירקליכער תלמיד פון רבי שמעון בן יוחאי, נאָר ער איז באַהעפט אין רבי שמעונ׳ס הויכע מידות; אַז אין אים איז פאַרקערפּערט דאָס דערהויבענע און געאיידלטע, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין רבי שמעון בן יוחאי. און שטאָלץ איז ער דערמיט. און זעלבסט־באַוואוסט איז ער דערמיט. און ער הויבט אָן צו שרייבן אַ פּירוש אויפ׳ן זהר. און פעסט איז ער בא זיך מיט זיין פּירוש. ער לאָזט ניט צו די מעגליכקייט, אַז עמיצער זאָל אים קענען אָפּפרעגן — ווייל ער שטיצט זיך דאָך אויף רבי שמעון בן יוחאי אליין! און ווער איז דען נאָך אַזוי היימיש און זיכער בא רבי שמעון בן יוחאי, ווי ער, משה קאָרדאָווירע? אויב עמיצן איז דער זהר קלאָר און פאַרשטענדליך און מיט אַלע זיינע סודות אַנטפּלעקט, זענען זיי אים, משה קאָרדאָווירע, נאָך קלאָרער, נאָך פאַרשטענדליכער און נאָך אַנטפּלעקטער. ער זאָגט אפילו אָן דערויף זיינע גאָענטע.

זהר, תקונים, ספר־יצירה — דאָס זענען אַלץ קלאַסיקער פון דער קבלה. ווער עס וויל אריינדרינגען אין די געהיימנישן פון דער קבלה, מוז דורכגיין דורך די דאָזיגע פאַרשלאָסענע טויערן, — פאַרשלאָסענע, ווייל מיט סודות־געוועב באַוועבטע. און אַ טיפע פאַרבאַרייטונג איז נויטיג, כדי אין די דאָזיגע ספרים זיך צו אָריענטירן. שרייבט ער אַ פּירוש צו די דאָזיגע דריי ספרים. דעם פּירוש רופט ער „אור יקר״ (דאָס קלאָרע ליכט). ביז היינטיגן טאָג נאָך איז ער דערהאַלטן אין מאַנוסקריפּט. אָבער לאַנגע און לאַנגע דורות האָבן דעם פּירוש איבערגעשריבן און זיך באַנוצט מיט אים. דער פּירוש איז געשריבן געוואָרן, כדי פּאָפּולער צו מאַכן די קלאַסישע קבלה־ספרים. ער האָט געוויס אויך געווירקט אין דעם זין, אָבער אויך דער אויטאָר איז שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן דורך דעם פּירוש, און אויף ווייטע יאָרהונדערטער נאָך אים.

און נאָכ׳ן פּירוש אויפ׳ן זוהר, אויפ׳ן תקונים און אויפ׳ן „ספר יצירה" שרייבט ער אַ זעלבסטשטענדיגן ספר, דעם „הפרדס". דאָס איז, אַזוי צו זאָגן: סיסטעמאַטישע קבלה. עס ווערן דאָ באַהאַנדלט די אָנהויבן אָדער די ערשטע פּרינציפּן פון דער קבלה. ניט מאַכן סודות פון איר, איז ער אויסן, נאָר מ ג ל ה זיין סודות. די קבלה פאַרשטענדליך מאַכן, זי אויסדריקן מיט פּשוט׳ע, קלאָרע ווערטער. אָבער דאָס דאַרף ניט הייסן, אַז עס איז ניט נויטיג זיך אָנצושטרייִנגען, כדי דעם „פּרדס" צו באַגרייפן. דאָס איז אַ מין ספר „שאלות־ותשובות" אין קבלה.

דער דאָזיגער ספר מאַכט אים נאָך פּאָפּולערער. די אַנדערע ספרים, וואָס ער שרייבט נאָך, ברענגען אים איין נאָך מער פּאָפּולאַריטעט. ער הויבט אָן צו גלויבן, אַז ער האָט „רוח־הקודש", אַז די שכינה רוט אויף אים, אַז „פון הימל האָט מען אים געוויסע זאַכן מגלה געווען", און די, וואָס אַרום אים, הויבן אים אָן צו פאַרגעטערן. עס ווערט אָן אָנגענומענע זאַך, אַז בעת רבי משה קאָרדאָווירע לערנט זהר, אין התבודדות, נאָך האַלבע נאַכט, באַפאַלן אים קליפּות, ווילן אים שטערן, פאַרלאַנגען אים בייז צו טאָן, נאָר מיט שמות הרג׳עט ער זיי אַוועק. אפילו זיינע רביים זעצן זיך בא זיינע פיס און הערן קבלה פון זיין מויל. אַזוי רבי יוסף קארו, אַזוי רבי שלמה אלקביץ, אַזוי אליהו די ווידאַש — דער מחבר פון ראשית־חכמה, און אַנדערע. אפילו רבי יצחק לוריא איז אַ קורצע צייט זיינער אַ תלמיד. עס פעלן ניט אויך קיין אַנדערע. אָבער אויך פון ווייטע לענדער ציט מען קיין צפת כדי צו הערן לעבעדיגע קבלה פון רבי משה קאָרדאָווירע׳ס מויל. זיין ספר „פּרדס" מאַכט אים באַרימט. צוערשט איז דער דאָזיגער ספר אָנגעקומען קיין ווענעציע. פון דאָרט ווערט ער באַקאַנט אין פּוילן. און אַ גאַנצע עמיגראַציע גייט אָן פון אידן למודים, מופלגים, חקרנים און מקובלים, וואָס עמיגרירן פון פּוילן קיין צפת פון רבי משה׳ס נאָמען וועגן.

און די מענשן וואָס אַרום אים האָבן אין אַ הייליגער אַטמאָספערע געלעבט. וואָרים שטיל און באַשיידן און אין גרויס דחקות האָט דער גרויסער רבי משה געלעבט. אַ דיין איז ער געווען אין

צפת. און וועןן אָדער וואו האָט דען אַ דיין געוואוסט פון רחבות? אָבער זיצנדיק „על התורה ועל העבודה" גייט עס אים אויך ניט אין עשירות. דערצו, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרלאַנגט פון אים, איז ער רייך געגוג. תורה ווערט פון אים פאַרלאַנגט — און דאָס פאַרמאָגט ער בשפע. מיט עהרפורכט קוקט מען אויף אים. מען פאַרגעטערט אים — פאַר זיין פרייגעביגקייט אין תורה וואָס ער פאַרמאָגט. און ער האָט ליב געהאַט ס'פאָלק, געוואָלט עס דערהויבן ביז צו אַזאַ מדרגה, אַז ניט בלויז זאָל עס גלויבן אין גאָט, נאָר קענען זאָל עס אים. באַגרייפן. תופס זיין. ער פּראַוועט ניט קיין פרישות, האַלט זיך ניט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. פאַרקערט, ער אינטערעסירט זיך „מיט'ן ישוב" פון דער וועלט. מיט אידישע באַדערפנישן. ער לעבט מיט'ן פאָלק, מישט זיך מיט מענשן. נאָר רואיג איז ער. און געלאַסן איז ער — ווייל הייליג איז ער!

וואָרים פון זיך און פון אַנדערע פאָדערט ער: שטענדיג אין זינען האָבן תורה־זאַכן און קדושה־זאַכן. דאָס האַרץ דאַרף שטענדיג ריין זיין — גרייט זיין צו זיין דער משכן פאַר דער שכינה. קיינמאָל ניט זיין אין כעס. קיינמאָל ניט רעדן קיין בייז אויף קיין מענשן. קיינעם ניט שילטן. און קומט דיר אַ מענש אין מויל אַריין — בענטש אים. ניט שווערן, אפילו אויף אַן אמת. קיין ליגן ניט זאָגן. אויסגעמישט זיין מיט מענשן. אפילו מיט אַזוינע, וואָס זענען עובר אויף דער תורה, זיך באַגיין מיט רואיגקייט. צובינדן צו זיך, אָדער צוגעבונדן זיין צו אַ חבר, און רעדן מיט אים וועגן גאָטדינען. און אַלע ערב־שבת זיך מתודה זיין פאַר אים אויף אַלץ, וואָס מ'האָט די פאַרגאַנגענע וואָך אָפּגעטאָן. זיין אומגאַנגס־שפּראַך מיט חברים איז געווען לשון־קודש, תמיד. מיט אַנדערע תלמידי־חכמים, מיט זייטיגע, האָט ער גערעדט לשון־קודש נאָר שבתים און ימים טובים. און אַז מ'גיט אים איבער צונויפצושטעלן כללים פון צוזאַמענלעבן פאַר אַ „חברה מקובלים", וואָס רבי שלמה אלקביץ איז דאָרט דער אָנפירער, שטעלט ער דאָרט אַריין פאָלגענדע צוויי פונקטן: „אַלע מיטגלידער פון דער חברה זענען מחויב צו רעדן

צווישן זיך נאָר לשון־קודש. און, צווייטנס, בשעת'ן עסן זאָל מען דעם געדאַנק קאָנצענטרירן אויף געטליכע ענינים, כדי דאָס עסן זאָל קאָנען פאַררעכנט זיין ווי א קרבן און דאָס טרינקען — ווי די נסכים אויף דעם מזבח."

אָבער ניט זיין פרומע הנהגה האָט אים באַרימט און אומ־שטערבלאַך געמאַכט, נאָר די תורה, זיין שיטה אין קבלה. אין וואָס איז זי באַשטאַנען?

אויך ער, ווי פיל פאַר אים און פיל נאָך אים, זענען געשטאַ־נען פאַר דער אַלטער באַקאַנטער פראַגע: ווי אַזוי איז דאָס גע־שען, אַז א ריין־גייסטיגער, אַלגוטער, אַבסאָלוט־איינער און אומ־פאַרענדערליכער גאָט, זאָל שאַפן א וועלט אַ גשמיות'דיגע, א פע־לערהאַפטיגע, אַזוי פיל שלעכטס אין איר, אַזוי פיל פאַרשידנאַר־טיגקייט און פאַרענדערליכקייט? און ווי אַזוי קאָן די ענדליכע וועלט אַרויסקומען פונ'ם אומענלאַכן גאָט? און ער ענטפערט:

שוין אינ'ם שטעלן די דאָזיגע פראַגן, שטעקט א טעות. שוין דאָס פאַרשטעלן זיך די געטליכקייט אויף איין זייט און די וועלט (אָדער וועלטן) אויף דער אַנדערער זייט, אָדער קוקן אויף „גאָט" און „וועלט", ווי אויף צוויי באַזונדערע זאַכן, איז א דענק־פעלער.

וואָרים גאָט און וועלט, אָדער גאָט און די בריאה איז איינס. ניטאָ קיין שום מחיצה צווישן גאָט און וועלט, צווישן דעם שאַפער און געשאַפענעם. דאָס גייסטיגע איז פאַרקניפּט מיט'ן גשמיות'דיגן און דאָס גשמיות'דיגע מיט'ן גייסטיגן. דאָס געשאַפענע איז א נייע ערשיינונג בלויז פאַר'ן געשאַפענעם, אָבער ניט פאַר'ן שאַפער. וואָרים פון אַלע אייביגקייטן אָן, אָן אויפער און אָן פאַרענדער־ליכקייט, האָט ער געדענקט די שאַפונגען. און דאָס געטליכע ד ע נ ק ע ן זיי, באַטייט זייער עקזיסטענץ. דאָס געטליכע דענקען איז דער סוד פון אַלעמענס חיות און אַלעמענס קיום. ניטאָ קיין עקזיסטענץ אויסער אים און ניט אָן אים. ע ר איז א י ן אַלעם און אויסער אַלעם. אָבער קיינס איז ניט אויסער אים. גאָט איז דאָס אָרט פון דער וועלט, אָבער אַליין האָט ער קיין אָרט ניט. ער איז אין אַלץ. אַלץ איז פון אים און ניטאָ קיינס, וואָס זאָל זיין

לייִדיג פון אים. אַלץ, וואָס עקזיסטירט, נעמט זיך פון אים. ער שליסט אַלץ איין אין זיין וועזן; ער שליסט זיי איין — און זיי זענען איינס מיט אים. גענויער אויסגעדריקט: אַלע קומען מיר אַרוים פון אים און מיט זיין לעבן, לעבן מיר. דער קיום פון אַלע עקזיסטירנדיגע, איז ער. און אויב מיר נערן זיך מיט עקזיסטענצן נידעריגע, ווי פלאַנצן אָדער באַשעפענישן, הייסט עס כלל ניט, אַז מיר נערן זיך מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אויסער אים. וואָרים ער און אַ ל ץ איז איינס. און קיין זאַך, אָדער עקזיסטענץ, איז ניט אָפּגעשיידט פון אים. אַלץ איז באַהעפט מיט אים, ענטהאַלטן אין אים און עקזיסטירט אין אים. מיט אים. דארום איז ניט צו טיילן די אַלגעמיינע עקזיסטענץ אויף ענדליכן און אומענדליכן. וואָרים דאָס ענדליכע האָט ניט זיין עקזיסטענץ אָפּגעשיידט פונ׳ם אומ־ענדליכן, — ווייל נאָר אין אים עקזיסטירט עס. און געדענקען דאַרף מען, אַז אויך די פּילערלייקייט איז ענטהאַלטן אָדער עקזיסטירט נאָר אין דער אַבסאָלוטער איינהייט, און האָט ניט קיין עקזיס־טענץ אויסער אים. און דאָס פאַרענדערליכע האָט עקזיסטענץ בלויז אינ׳ם אייביג אומפאַרענדערליכן. אָבער ניט פ א ר־זיך. און דערצו: אַלע וועלטן, די אויבערשטע און די אונטערשטע, זענען איינס. אַלץ איז ווי א לייטער און די גאַנצע בריאה, פון דער העכ־סטער פון אַלע וועלטן (אצילות) ביז דער נידעריגסטער פון אַלע (עשיה), אָדער אַלע ספערן (ספירות) פון דער אויבערשטער (כתר) ביז דער אונטערשטער (מלכות), זענען בלויז טרעפּלאַך אויף דער לייטער. און נאָר אַלץ צוזאַמענגענומען שאַפט אַ גאַנץ בילד.

„נאָר אויף דעם דרך לאָזט זיך באַגרייפן דער גרויסער סוד פון גאָט מיט דער בריאה. ווער עס האָט זוכה געווען דאָס משיג צו זיין פולשטענדיג, טאָר עס פון זיין מויל ניט אַרויסברייגען...“

אין יאָר 1570 איז רבי משה קאָרדאָווירע געשטאָרבן. אין צפת און אין דער ווייטער וועלט אַרום איז געווען אַ גרויסער טרויער. זיינע גרויסע רביים און תלמידים האָבן זיך ניט געקאָנט טרייסטן. זיין רבי, ר׳ יוסף קאַרו, האָט געזאָגט: „דעם ארון־קודש האָט

מען גענומען אין קבר אראפצולאזן". און זיין תלמיד ר' יצחק לוריא האט דערציילט, אז ער האט אליין געזען ווי צוויי פייער־זיילן האבן דעם ארון באגלייט. און געזאגט האט ער אויף אים דאס באקאנטע ווארט:

„משה איז אמת און זיין תורה איז אמת!..."

רבי יצחק לוריא (דער „אר״י הקדוש״)

דער אר״י, אָדער „אר״י הקדוש״, ווי ער ווערט גערופן, איז דער גרויסער ווירטואָז פון דער קבלה. איר עלוי און איר גרויסער מאַגיקער. אין אים, אין זיינע לערן, דערגרייכט זי דעם העכסטן פונקט פון איר בליאונג אין 16טן יאָרהונדערט. ניט בלויז אַ הייליגער למוד איז זי פאַר אים, ווי געוויינלאַכע תורה, וואָס דורך לערנען זי קאָן מען דערגרייכן אַ געוויסע מדרגה אין די הימלשע וועלטן, נאָר אויך אַ „מאַגיש״ מיטל איז זי פאַר אים, דורך וועלכן מ׳קאָן דערגרייכן פּראַקטישע רעזולטאַטן אויך אויף ד ע ר וועלט. דורך איר קאָן מען ווירקן אויף מלאכים און שרפים, און אפילו אויפ׳ן רבונו של עולם אַליין, און זיי צווינגען, אַז זיי זאָלן באַפרידיגן געוויסע ערדישע באַדערפעניש. ניטאָ פאַר אים קיין שטערונגען און ניטאָ קיין גרעניצן. ניט אין דער צייט, ניט אין אָרט — ווייל ער שטייט איבער זיי.

און זיין שטייגער קבלה, אַלס פּראַקטיש מיטל צו פּראַקטישע צוועקן, ווי פאַר׳ן פּרט אַזוי פאַר׳ן כלל, איז איבערגעגאַנגען, דורכ׳ן בעל־שם, צו די שפּעטערע מקובלים און צדיקים, ביז אין אונזער יאָרהונדערט אַריין.

יצחק בן שלמה אשכנזי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1534 אין ירושלים, בא אַן אשכנזישער משפּחה. יונג איז ער געבליבן אַ יתום און זיין מוטער וואַנדערט אוים מיט אים קיין מצרים, וואו ער ווערט ערצויגן בא אַ רייכן פעטער זיינעם. ער לערנט בא די גרעסטע לומדים און ווערט אָנגעזען און געאַכטעט אין זיין גאַנצער סביבה. צו פופצן יאָר האָט ער חתונה מיט זיין פעטער׳ס טאָכטער, און ווערט זעלבסטשטענדיג אין דעם ווייזן זיינע למודים. גיט ער זיך אָפּ מער מיט מוסר־ספרים, ווי מיט תלמוד לערנען. אַרבעט אויף זיין פאַרפולקאָמען זיך. אַזוי גייט אים אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. אין יאָר 1558 ערשיינט אין איטאַליע דער זהר אין צוויי דרוקן

מיט אמאָל: אין מאַנטוא און אין קרעמאָנאַ. און נאָך אינ׳ם זעלבן יאָר קומט דעם אר"י אַ זהר צו־האַנט. צוויי־און־צוואַנציג יאָר איז ער אַלט. דער זהר האָט אויף אים אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג. און ער פּועל׳ט בײַ זיך, פון דעם טאָג אָן, אינגאַנצן זיך איבערגעבן דער קבלה. און דוקא אַ״יפ׳ן אשכנזישן שטייגער: מיט תעניתים, סגופים, התבודדות (פאַסטן, פייניגונגען, אָפּגעזונדערטקייט). באַזעצט ער זיך אין אַ חורבה ביים ברעג פון טייך נילוס, וואו ער לעבט גאַנצע זיבן יאָר און האָרעוועט אופּי׳ן זהר. גאַנצע טעג און אַמאָל אפילו וואָכן זיצט ער אָפּ אויף איין זאַץ זהר, ביז וואַנען ער איז אים תופס ווי געעריג. נאָר אויף שבת קומט ער אהיים, צו דער פאַמיליע. און נאָך זיבן יאָר קומט ער אַרויס פון זיין אָפּגעזונדערטקייט גאָר אַן אַנדער מענש, פון גאָר אַן אַנדערער וועלט. אליהו רעדט מיט אים, און לערנט מיט אים טאָג־איין טאָג־אויס. ער זעט זיך אָפּט מיט אַלע הייליגע, לאַנג שוין געשטאָרבענע תנאים, און זעאונגען זעט ער, צו וועלכע ניט אַלע זענען זוכה...

און אַז ער באַקענט זיך מיט דער קבלה פון די צפת׳ער מקובלים, מיט דער תורה פון רבי משה קאָרדאָווירע און אַנדערע; אַז ער דערהערט פון דער גאַנצער הייליגער כנופיא אין צפת, קאָן ער שוין מער אין מצרים ניט בלייבן. און אין 1569 קערט ער זיך אום צוריק קיין ארץ־ישראל און באַזעצט זיך אין צפת. זיצט אפילו צווישן די תלמידים פון רבי משה קאָרדאָווירע. אָבער די שפּאַ־נישע אידישע סביבה מאַכט פון אים קיין וועזן ניט. די שפּאַנישע מקובלים, נאָרמאַלע און רואיגע, האַלטן בכלל ניט פון דעם אשכנזישן שטייגער אין קבלה. אָבער אַ חשוב׳ער חבר איז ער. עס געפינען זיך פאַר אים אפילו אָנהענגער אויך. און אפילו תלמידים צווייערליי: פּשוט׳ע און געהויבענע. מיט די ערשטע לערנט ער די עלעמענטאַרע יסודות פון קבלה. די אָנהויבן. דאָס אויבנאויפיגע, אָדער דעם נ ג ל ה פונ׳ם נסתר. און מיט די לעצטע לערנט ער די סודות פון דער תורה, די סודות פון דער וועלט און דעם גרויסן סוד פונ׳ם מענשנ׳ס תכלית אויף דער וועלט. און אויך דעם ענין פון „צרופים", פון שמות־פאַרבינדונגען, אַנטדעקט ער פאַר זיי — ווי אַזוי אַרויס־

רופן נשמות פון צדיקים פון גן־עדן א. ד. גל. דער חשוב׳סטער פון זיינע תלמידים איז געווען רבי חיים וויטאל, פון קאלאבריא. א מענש מיט א געוואלדיגער איינבילדונגס־קראפט, מיט זייער א פארביגער פאנטאזיע און א גרויסער חלומות־טראדיציע. ניט גע־ווען די הייליגע פערזאן, ניט די הייליגע זאך, וואס ער זאל ניט האבן געזען אין חלום. און ניט געווען דאס פראבלעם אדער דער צווייפל, צי דאס רעטעניש, וואס ער זאל ניט אין חלום האבן גע־הערט א באשייד דערויף. און אלע זיינע חלומות האט ער גענוי פארשריבן. און יעדער פארשריבענער חלום זיינער איז פאר אים און פאר זיינע אנהענגער געווען „תורת־משה״. זיין רבי, רבי יצחק לוריא, האט אויף אים עדות געזאגט, אז ער איז ריין פון אדם־הראשונ׳ס חטא... אז נאר ער — רבי חיים וויטאל — איז דער איינער און איינציגער, וואס איז גענוי תופס זיין תורה און קען זי ארויפברענגען אויף פאפיר. מיט זיינע תלמידים, דערהויפט אבער מיט רבי חיים וויטאל, באזוכט דער אר״י רבי שמעון בן יוחאי׳ס קבר און די קברים פון אנדערע הייליגע תנאים — לויט ווי אליהו הנביא פלעגט אים אנווייזן.

אינגיכן, נאכ׳ן טויט פון רבי משה קארדאווירע (1570) וואקסן און מערן זיך דעם אר״י׳ס אנהענגער. דערהויפט צווישן די אשכנזים, פון וואנען דער אר״י האט געשטאמט. און כדי צוצוציען די ספרדים אויך (וועלכע זענען אויך איצט טריי געבליבן רבי משה קארדא־ווירע און זיין תורה), איז צוהילף געקומען א קלאנג, וואס דעם אר״י׳ס תלמידים האבן פארשפרייט. נעמלאך:

„דעם טאג, וואס רבי משה קארדאווירע איז נפטר געווארן, זענען זיינע תלמידים אריינגעקומען אים מבקר־חולה זיין. האט רבי משה צו זיי אזוי געזאגט: זייט וויסן, רבותי, אז א מאן וועט אויפ־שטיין נאך מיר, וואס וועט אייך עפענען די אויגן אין קבלה. איז הגם איר וועט פארשטיין, אז ער איז מחולק מיט מיר, איז עס פונדעסטוועגן ניט אמת. ווארים אלץ איז איינס. נאר אין מיין צייט זענען די רערן פון דער קדושה פארשטאפט געווען, האב איך געשריבן מיינע ווערטער מיט גרויס פארשטעלטקייט, אין דער

בחינה פון ספירות; אָבער נאָך מיין טויט וועלן די רערן פון ער אַנטפּלעקט ווערן און יענער מענש וועט ערקלערן זיינע ווערטער אין דער בחינה פון פּרצוף... דערום זאָג איך אייך אָן, אַז איר זאָלט ניט זיין מחולק מיט אים"...

האָבן מענשן געגלויבט דערין און געגאַנגען לערנען קבלה פון רבי יצחק לוריא. איז זיין אָנהענגערשאַפט געוואַקסן. אָבער פון צווישן אַלע האָט ער געהאַט צען באַזונדערע אָפּגעקליבענע חברים, גאָר הייליגע „בחיר", און מיט זיי פלעגט ער באַזונדער פאַרברענגען. אויספלוגן פלעגט ער מאַכן מיט זיי אין פעלדער, אין מדבריות און אויפ'ן וואַסער און גאָר אָפט אויף די הייליגע קברים פון צדיקים. דערהויפּט, נאַטירליך, אויפ'ן קבר פון רבי שמעון בן יוחאי און רבי אליעזר זיין זון. דאָן און דאָרט פלעגט ער זיי מגלה זיין גרויסע סודות פון גאָט און וועלט און דער גאולה, וואָס ליגט אייגענטלאך אין אונזערע הענט. איז געווען אַמאָל אַ פרייטאָג פאַרנאַכט, פאַר קבלת־שבת, איז דער אר"י, אַ שבת'דיגער, אַרויסגעקומען מיט זיינע תלמידים אויסן שטאָט, כדי דאָרט מקבל־שבת זיין. און זינגענדיג אַזוי די שבת'דיגע נגונים, האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן: חברים! ווילט איר, מיר זאָלן ביז פאַרנאַכט גרייכן קיין ירושלים און דאָרט שבת האַלטן (פון צפת קיין ירושלים איז אַ מהלך פון 20 מייל)? האָבן עטליכע געענטפערט: „מסכים!" אָבער אַנדערע פון זיי האָבן געענטפערט: „מיר ווילן דאָס פריער אָנזאָגן אונזערע פרויען". קוים האָבן די לעצטע אַרויסגעבראַכט פון מויל די דאָזיגע ווערטער, איז דער אר"י אַ פאַרציטערטער געוואָרן, האָט אָנגעהויבן ברעכן די הענט און האָט אויסגעשריען: „ווי צו אונז, מיר זענען נאָך אַלץ ניט ווערט אויסגעלייזט צו ווערן. וואָלט איר אָבער אַלע, פּה אחד, געענטפערט: „מסכים! מיר גייען און מיט'ן גרעסטן פאַרגעניגן!" — באַלד וואָלטן אַלע אידן געווען אויסגעלייזט געוואָרן. גראָד איצט איז געווען דער גינסטיגער מאָמענט פאַר דער גאולה. נאָר ווייל איר האָט ניט געוואָלט — איז דער גלות — ווי צו אונז! — ווידער אַריינגעטראָטן אין קראַפט"... און אַמאָל גיט ער דייטליכע אָנצוהערעניש, אַז ער אַליין איז משיח בן יוסף.

דאָס איז ד ע ר, וואָס דאַרף אַראָפּקומען און מתקן זיין די וועלט — זי אָפּרייניגן פון אַלע טומאות, אויסראָטן אַלע קליפּות, כדי זי זאָלווערט זיין, אַז ס'זאָל קומען דער אמת'ער משיח, נעמליך: משיח בן דוד.

און אויך ווייטער איז ער פון דער וועלט אָפּגעזונדערט. אין מקורבים — איבערקלייבעריש. מיט סודות אַנטפּלעקן — פאַרזיכ־טיג. און גראַד טאַקע אָט די צוריקגעהאַלטנקייט שאַפט די באַצי־אונג צו אים, ווי צו אַ הייליגן. דער ברייטער עולם הויבט אָן פאַר אים מורא צו האָבן, הויבט אָן אים צו פאַרגעטערן. נאָר אַמאָל האָט מען בא אים געפרעגט: פאַרוואָס ער איז אַזוי קאַרג אין טיילן זיך מיט זיינע קענטענישן מיט אַנדערע? האָט ער געענטפערט: „קוים הויב איך אָן מגלה צו זיין אַ סוד פון דער תורה, קומט אָן אויף מיר אַזאַ שפע פון חכמה, ווי אַ טייך וואָלט מיך פאַרפלייצט. און איך מוז דאָן זוכן אַ מעגליכקייט, ווי צו עפענען אַ קליין רערל בלויז און זאָל איך מגלה זיין בלויז טראָפּנווייז פונ'ם גאַנצן קוואַל, כדי איר זאָלט עס קאָנען תופס זיין, און ניט געבן אייך צופיל, וואָס קאָן אייך שעדיגן, ווי אַ קינד, וואָס וואָלט דערשטיקט געוואָרן, ווען מ'גיסט אים אַריין צופיל מילך אין מויל אַריין"...

צו אַכט און דרייסיג יאָר איז ער (1572) געשטאָרבן. אָבער ערשט איצט לעבט זיין תורה אויף. וואָס ער האָט צייט לעבן באַ־האַלטן, דאָס האָבן זיינע תלמידים אויסגעזאָגט. וואָס אים איז שווער געווען אַרויסצובריינגען פון מויל, דאָס האָבן זיינע תלמידים, מיט רבי חיים וויטאַל בראש, פריי און פראַנק פּאָפּולאַריזירט. ערשט איצט האָבן דעם אר"י'ס תלמידים אָנגעהויבן פאַררופן צו זיך אויך די מקובלים פון רבי משה קאָרדאָווירע'ס ריכטונג. מ'האָט די מענשן באַוויזן, אַז רבי משה אַליין האָט איינגעזען, אַז דער אר"י איז נאָענטער צו אמת'ן קוואַל, ווי ער איז געווען. און איינגע־זען האָט ער דאָס, נאַטירליך, אין חלום פון רבי חיים וויטאַל. דער חלום איז, ווי דער „בעל־החלומות" גיט אים איבער, דער:

„ראש חודש חשון, דריי חדשים נאָכ'ן רבי'נס טויט, האָב איך אין חלום געזען רבי משה קאָרדאָווירע ביים שוועל פון דער

צפת'ער חברה תלמידי־חכמים. האָב איך אים באַשוואוירן, ער זאָל מיר זאָגן דעם אמת: אויף וואָס פאַר אַן אופן לערנט מען קבלה אין דער וועלט פון נשמות, ווי ע ר, אָדער ווי מיין רבי? האָט ער צו מיר געזאָגט: ביידע וועגן זענען אמת. נאָר מיין שטייגער איז לויט'ן פשט, פאַר אַנפאַנגער, און דיין רבי'נס שטייגער אין אינער־ליכער, קערנדיגער. אפילו איך לערן איצט אויך אויבן נאָר אויף דיין רבי'נס שטייגער"...

דאַרף מען נאָך אַ גרעסערע ראיה, אַז דעם אר"י'ס שיטה איז די ריכטיגסטע? געוויס איז זיין שיטה די ריכטיגע, וואָרים ער איז אויך דער מאַן דער ריכטיגער. און שבחים אויף שבחים, נסים אויף נסים, וואונדער איבער וואונדער זענען געשפּונען געוואָרן אַרום אים. און דער עולם האָט געגלויבט. ער האָט ג ע מ ו ז ט גלויבן — ווייל ס'איז שוין די העכסטע צייט געווען משיח'ן אַראָפּ־צוברענגען. עס איז שוין מער קיין כחות ניט געווען די צרות אַריבערצוטראָגן. און דעם אר"י'ס תלמידים זענען אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט צו פאַרשפּרייטן דעם רבינ'ס תורה מיט'ן כח פונ'ם רבי'נס שבחים. און פון די אַלע כתב־יד'ן, וואו רבי חיים וויטאַל האָט געהאַט פאַרשריבן דעם אר"י'ס תורה, זענען אַרויס־געקומען גרויסע ספרים. דער „עץ־חיים" (טעאָריע פון קבלה), „פּרי עץ־חיים" (כוונות פון תפילה א. ד. גל.), „סדר הגלגולים" — וואָס איז געווען דער הויפּט־זייל פון זיין גאַנצער מיסטישער וועלט־אויפפאַסונג, און דער איינציגער מיטל, דורך וועלכן די וועלט קאָן געלייטערט ווערן און דערגרייכן איר ציל: אויסגעלייזט צו ווערן; משיח'ן אַראָפּצוברענגען.

אָבער ווי האָט ער זיך די וועלט פאַרגעשטעלט? וואָס האָט ער פאַרלאַנגט פון דער וועלט? און ווי אַזוי קאָן די וועלט דער־גרייכן איר תכלית? וואָס האָט ער געלערנט אין דעם פּרט?

צווייערליי איז זיין תורה געווען. טעאָרעטיש און פּראַקטיש. די טעאָריע לערנט: איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט דער אומענדליכער (אין סוף) אויסגעפילט מיט זיך דעם גאַנצן, אומענדליכן חלל. און אַז עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ

וועלט, כדי זיינע (דעם אין סופ׳ס) אקטיווע איינגעשאפטן זאָלן, אָפּגעשיידט פון אים, קאָנען באַווייזן און אַרויסאַנטוויקלען זייער פולקאָמענקייט, האָט מען געדאַרפט מאַכן פּלאַץ פאַר דער נייער בריאה. וואָס זשע טוט גאָט? האָט ער זיך צונויפגעצויגן, איינגע־שריינקט (מצמצם געווען). פון דער זעלבסט־איינשריינקונג איז אַרויסגעקומען אַן אומענדלאַך ליכט. און אַז דאָס אומענדלאַכע ליכט האָט זיך אויך איינגעשריינקט, אָדער קאָנצענטרירט, איז אין צענטר אַרויסגעקומען אַ ליידיגער שטח, אַרומגערינגלט מיט צען קרייזן (אָדער „כלים", אָדער „ספירות"). דורך זיי האָט די אומענדלאַכע צאָל רעאַליטעטן, וואָס אין עצם בילדן זיי אַן אַבסאָלוטע איינהייט, געקאָנט אַרויסקומען אין זייער גאַנצער פאַרשידנאַרטיקייט — וואָ־רים דאָס ענדלאַכע האָט ניט קיין באַזונדערע עקזיסטענץ אויסער דעם אומענדלאַכן. אָבער אויך דער צענטר בלייבט ניט אינגאַנצן ליידיג פונ׳ם אומענדלאַכן ליכט. וואָרים ווי אַ דין ליכט־רערל (צינור) ציהט דאָס אומענדלאַכע ליכט דורך אַלע קרייזן (אָדער כלים אָדער ספירות), און דרינגט אַריין אין צענטר. די ערשטע דריי קרייזן, ווייל זיי זענען נעענטער צום אומענדלאַכן און דער עצם מהות זיי־ערער איז ריינער, ווי דער עצם מהות פון די איבעריגע קרייזן, זענען געווען בכח אויסצוהאַלטן דאָס אומענדלאַכע ליכט, אָבער די אי־בעריגע קרייזן (כלים אָדער ספירות) זענען נ י ט געווען בכח דאָס אומענדלאַכע ליכט אויסצוהאַלטן, זענען זיי צעבראָכן געוואָרן. אַז שוואַך, אַז צעבראָכן, „שברי־כלים", האָט מען זיי געמוזט דערוויי־טערן פונ׳ם ליכט־קוואַל. מחמת דעם, האָט מען אַלע „ספירות" (אָדער קרייזן, אָדער כלים) געמוזט אינגאַנצן איבערשאַפן. אָנשטאָט זיי זענען געשאַפן געוואָרן קרייזן־געזיכטער (פּרצופים), און אַזוי, אַז אַלע פּרצופים, אינאיינעם גענומען, בילדן ווי איין משפּחה: פאַראַן אַקטיווע, מענשלאַכע פּרצופים, אין דער בחינה פון פאָטער (אַבאַ) און פאַראַן פּאַסיווע, ווייבלאַכע פּרצופים, אין דער בחינה פון מוטער (אמא). פאַראַן פּרצופים ז י ן און פאַראַן פּרצופים ט ע כ ט ע ר. יעדער מין פּרצוף מיט זיין באַזונדער נשמה. אַלע נשמות זענען באַ־שאַפן געוואָרן אינאיינעם מיט׳ן באַשאַפן די פאַרשידענע אברים

פון אדם הראשון. דערום איז פאראן א מח־נשמה, אן אויג־נשמה, א האנט נשמה א. ד. גל. יעדע נשמה איז א פונק פון אדמ׳ען. אלע גוטע, דורך און דורך גוטע. אזוי איז געווען ביז׳ן חטא פון אדמ׳ען. אָבער אז אדם האָט געזינדיגט, איז געקומען א צעמישונג צווישן דעם אומענדלאַכן ליכט — דעם קוואל פון אבסאָלוטן גוטס, און צווישן די שברי־כלים — דעם קוואל פון אבסאָלוטן שלעכטס. איז עס דאַ־רום געקומען דערצו, אז אין הייליגע נשמות געפינען זיך פונקען פון שלעכטס, פון טומאה, און אין שלעכטע, נשמות, געפינען זיך פונקען פון קדושה. און ווי לאנג עס בלייבט אזוי אלץ אויסגע־מישט, איז די וועלט פארקנעכטעט און משיח קאָן ניט קומען. וואָרים משיח קאָן קומען ערשט דעמאָלט, ווען דאָס טמא ועט לחלוטין אָפּגעשיידט זיין פון דער קדושה. און די נשמות וועלן דורך און דורך געלייטערט זיין. און כל־זמן דאָס געשייט ניט, די לייטערונג קומט ניט, ליידט די נשמה — ווייל זי שטרעבט געלייטערט צו ווערן, אָפּקומען פאר איר חלק אדמ׳ס זינד און באקומען א תיקון. איז כדי דאָס אָפּקומעניש גיכער אָפּצוקומען, ווערט די נשמה מגולגל אין פארשידענע שלעכטע מענשן, אפילו אין חיות און בהמות. און אמאָל ווערט אן אומגעלייטערטע נשמה מגולגל אין א גע־לייטערטן מענשן כדי דורך אים געלייטערט צו ווערן. און אמאָל ווערט א ריינע נשמה מגולגל אין אן אויסגעלייטערטן מענשן, כדי צו העלפן דער שוואכער נשמה, וואָס אין אים, זיך צו לייטערן. און צייטנווייז ווערט א מענטש „מעוברת" (דאָס איז דער קבלה־טערמין) מיט דריי און פיר נשמות מיט איין מאָל — ווייל אלע ווילן זיך לייטערן דורך אים. די אידן געפינען זיך אין גלות, כדי מתקן צו זיין די נשמות פון אנדערע פעלקער. פון יעדן אידן ווערט דאַרום פארלאנגט, ער זאָל אייגזען, אז ער איז מחויב צו שטרעבן צום איינציגן ציל — מתקן צו זיין די וועלט, די נשמות פון גאָר דער וועלט.

דורך וועלכע מיטלען? דורך תעניתים, דורך פייניגן־זיך, דורך אָפּצערן־זיך, דורך „ברעכן די תאוות", ניט דערשלאָפן, ניט דער־עסן, פלייש און וויין די גאנצע וואָך ניט געניסן; דורך וויינען,

דורך טראָגן אַש אויפ'ן קאָפּ און זיך פּילן אין שטענדיקער אבלות. און תשובה טאָן. שטענדיג תשובה טאָן, אויף עברות, וואָס מען האָט עובר געווען; דורך התבודדות (אָפּזונדערונג), על כל פנים איין טאָג אין חודש, כדי זיך צו פאַרבינדן מיט גאָט. דערצו טבילה לויט געוויסע באַשטימונגען און דורך תפילה לויט באַשטימטע כונות און באַשטימטן נוסח. אָט די דאָזיגע כוונות פונ'ם אר"י און זיינע נוסחאות בילדן כמעט אַ נייעם נוסח פון דאַוונען און אַ נייעם „שלחן־ערוך" פון אר"י.

און דערצו מוז מען זייער און זייער אָפּגעהיט זיין און מקיים זיין אַלע דינים פון תלמוד. וואָרים פאַר עובר־זיין אויפ'ן קלענסטן דין, איז די שטראָף אין לשער. איינער, למשל, איז וויפיל יאָר שוין נאָכ'ן טויט אַלץ נאָך אָפּגעקומען דערפאַר, וואָס שבת איז אים אמאָל אַריינגעפאַלן אביסל זאַמד אין פאַנטאָפל אַריין, און ניט וויסנדיג דערפון איז ער דערמיט אַרוים אין גאַס אַריין. און אַן אַנדערער האָט זיך כמה וכמה יאָרן ניט געקאָנט אויסצאָלן דערפאַר, וואָס פון גרויס כונה אין דאַוונען האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז ער האָט תפילין אויף זיך... א. ד. גל.

און דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען בילדעט דעם קאָמפּלעקס פּראַקטישע מיטלען, דורך וועלכע מ'זאָל די אייגענע נשמה מתקן זיין, די נשמות פון אַנדערע און די נשמות פון דער וועלט, כדי אַראָפּצוברייגען משיח'ן און די וועלט זאָל באַקומען אַ גאולה שלמה.

* * *

גאַנץ ווייניג היסטאָרישע פּערזענלאַכקייטן זענען פאַראַן באַ אונז, וואָס אויסער דער, אַזוי צו זאָגן, היסטאָרישער געשיכטע זייערע, פאַרמאָגן זיי אויך נאָך אַ געשיכטע, אַן איי־בער־היסטאָרישע. אַ געשיכטע, פאַרפאַסט פונ'ם גרויסן קיסטלער אנאָנים — דעם פאָלק.

און ווי די נאַטור איז רייך און פילפאַכיג און פרייגיביג אין אירע שילדערונגען, אַזוי רייך, אַזוי פילפאַכיג און אַזוי פרייגיביג איז אויך די שילדערונג פון פאָלק, וואו עס פאַרהערלאַכט, באַצירט און באַפּוצט זיין אויסדערוויילטן.

און אייפערזיכטיג איז דער דאָזיגער גרויסער אנאָנים. אויף קיין איינציגן טריט לאָזט ער ניט איבער זיין ליבן אַן זיין השגחה. אַ שטיק איידער ער ווערט געבוירן, האָט ער שוין אַן אויג אויף אים, און אַ שטיק נאָך זיין טויט קוקט ער אים נאָך.

פון גאָרניט ביז גאָרניט, פון ניט-זיין ביז ניט־ווערן — אַ פולשטענדיגן שאַפט זיך דאָס פאָלק זיין היליגן.

דער אר״י איז געווען איינער פון די דאָזיגע ווינציגע. און די לעגענדע דערציילט:

געווען אַ איד אין ארץ-ישראל, מיט'ן נאָמען רבי שלמה לוריא. אַ איד אַ ירא־שמים, אַן עהרלאַכער און זייער אַן אָפּגעהיטער. זיצנ־דיג אַמאָל איינער אַליין אין בית המדרש האָט זיך פאַר אים אנט־פּלעקט אליהו הנביא און צו אים אַזוי געזאָגט:

— זאָלסט וויסן זיין, שלמה, אַז איך בין פון גאָט געשיקט צו דיר, דיר אָנצוזאָגן די גרויסע בשורה, אַז דיין פרוי וועט געבוירן אַ זון, זאָלסט אים ט נאָמען געבן יצחק, און ער וועט אָנהויבן ארויס-צוהעלפן אידן פון די קליפּות, רחמנא לצלן, און וועט מתקן זיין כמה וכמה נשמות, וואָס געפינען זיך איצט אין פאַרשידענע גלגולים. ער וועט מגלה זיין סודות פו ןדער תורה און אַ פירוש אויפ'ן „זהר" וועט ער שרייבן. אַ שם וועט ער האָבן אויף גאַר דער וועלט. דערום היט זיך און זיי פאָרזיכטיג. זאָלסט דאָס קינד ניט מל-זיין, ביז וואַ־נען איך וועל דערביי ניט זיין; איך וועל זיין סנדקי באַ דעם קינד.

אָפּגערעדט און נעלם געוואָרן.

דעם גאַנצן טאָג איז רבי שלמה נאָכדעם געזעסן אין בית־המדרש און גאָט געבעטן און געוויינט מיט תחנונים, אַז דער אוי־בערשטער זאָל אים העלפן, ער זאָל זוכה זיין, אַז די גרויסע בשורה זאָל טאַקע מקוים ווערן. און זי א י ז מקוים געוואָרן. מיט ניין חדשים שפּעטער, נאָך דעם טאָג, האָט אים זיין פרוי אַ קינד גע-בוירן. באַם געבוירן ווערן איז דאָס הויז געוואָרן פול מיט ליכט. האָט דער פאָטער זיך זייער געפרייט מיט זיין זון. דעם אַכטן טאָג האָט דער פאָטער געבראַכט ס'קינד אין שול אריין צום ברית, ווי

דער שטייגער איז. קוקט ער, דער פֿאָטער, אויף אַלע זייטן, זוכט אליהו'ן און זעט אים ניט. דער עולם פֿאָדערט, מ'זאָל שוין מל-זיין ס'קינד. דער פֿאָטער איז אַלץ מדחה. וואַרט. דער עולם ווערט אומגע־דולדיג. ס'גייט אַוועק אַ שעה, נאָך אַ שעה, אליהו קומט ניט. מיינט רבי שלמה אַז זיין זינדיקייט האָט געבראַכט דערצו, אַז די גרויסע בשורה זאָל אָן אים ניט מקוים ווערן. האָט ער זיך פֿאַנאַנדערגע־וויינט. דערהערט וויינען, איז אליהו באַלד אַראָפּגעקומען, איז געווען סנדקי, ס'קינד האָט מען מל געווען און קיין מענש פֿון די דערבייאיקע האָט אים ניט באַמערקט. האָט מען דעם קינד אַ נאָמען געגעבן יצחק. באַלד איז דאָס קינד געזונט געוואָרן, אַז ס'האָט אויפֿגעהערט זויגן, האָט מען אים אָפּגעגעבן לערנען, און צו אַכט יאָר איז ער שוין געווען אַ גרויסער גמרא־למדן, אַ חקרן און אַ דיינקער.

און שפּעטער אַז ער האָט אָנגעהויבן לערנען „זהר" און אַנדערע קבלה־ספרים, האָט ער עס געטאָן מיט אַזויפֿיל תעניתים, מיט אַזויפֿיל סגופים, אַז עס האָט אין הימל אָנגעמאַכט אַ רעש. פֿלעגט מען אים אַלע נאַכט אָנזאָגן אין חלום אַ מיינונג וועגן זיין זהר־לערנען. אַמאָל — אַז ער האָט ריכטיג פֿאַרשטאַנען, אַמאָל — אַז ער האָט נ י ט ריכטיג פֿאַרשטאַנען, און אַמאָל — אַז זיין אויפֿפֿאַסונג איז ריכטיג, נאָר עס שטימט ניט מיט דער כונה, וואָס רבי שמעון בן יוחאי האָט אַריינגעלייגט אין די ווערטער... און אַמאָל ווידער האָט מען אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אויב ער וויל ריכטיג באַגרייפֿן אַ געוויסע שטעלע אין זהר, מוז ער נאָך מער פֿאַסטן, נאָך מער זיך מסגף זיין... פֿלעגט ער אַזוי טאָן. ער האָט עס געבראַכט אַזוי ווייט, אַז נאַכט און נאַכט האָט מען זיין נשמה אַרויפֿגענומען אין הימל אַריין און דאָרט געפֿרעגט בײַ איר, אין וועלכער ישיבה מען זאָל זי אַריינ־ברענגען: אין דער ישיבה פֿון רבי אליעזר הגדול, פֿון רבי עקיבא, צי פֿון רבי שמעון בן יוחאי. וואוהין זי האָט פֿאַרלאַנגט, אַהין האָט מען זי געבראַכט, דאָרט האָט מען איר איבערגעגעבן מוראדיגע סודות. צו מאָרגנס האָט זי קיין זאַך ניט פֿאַרגעסן. האָט זיך אומ־געקערט אין גוף אַריין, און די סודות איבערגעגעבן די תלמידים.

און א נאכט איז געווען, ווען די נשמה איז זיך געזעסן אין דער ישיבה פון רבי שמעון בן יוחאי און נהנה געווען פונ׳ם שיין פון דער שכינה. פלוצלינג האט אליהו הנביא זיך געווענדט צו אים מיט די ווערטער:

— וואס האסטו צו טאן אין דעם טמא לאנד מצרים (די מוטער האט אים א יונגן אהין געבראכט)? גיי קיין צפת. דארט וועסטו זוכה-זיין קומען צו קבורה. און וויסן זאלסטו, אז דיינע טעג זענען געציילטע. און רבי חיים וויטאל, וואס זיצט אין דמשק, זאלסטו זאלבען פאר א נביא נאך דיר. א גרויסער מענטש איז ער און א פונק פון רבי עקיבא׳ס נשמה לעבט אין אים. און א סך תורה האט ער דיך געלערנט — דערפסטו אים באצאלן. וואס ער וועט בא די פרעגן זאלסטו אים זאגן. און וואס דו וועסט הערן זאלסטו אים איבערגעבן.

האט ער געפאלגט און איז אהין געגאנגען. דא איז ער דער־הויבן געווארן פיל מדרגות. דא האט ער אנגעהויבן צו פארשטיין די שפראך פון די בוימער, פון עופות, פון פלאם, פון מלאכים, פון בהמות, חיות, שקצים, רמשים און פונ׳ם פרצוף פון א מענשן האט ער דערקענט, וואס פאר א נשמה עס געפינט זיך אין אים, און אויב זי איז נאר מגולגל געווארן אין אים — זייט ווי לאנג, און וויפיל מאל איז שוין די נשמה געווען אין גלגול און וואס פאר א תקון האט זי נויטיג... און האט מען אין הימל אויסגערופן עפעס וועגן אן ענין, האט ער דאס געהערט. אום יום-כפור האט ער גע־וואוסט וועגן יעדן איינעם: ווער ס׳וועט דערלעבן איבער א יאר און ווער ס׳וועט דאס יאר נ י ט אויסלעבן. א. ד. גל.

און איידער רבי חיים וויטאל איז אראפגעקומען קיין צפת, אז ער איז נאך געווען אין דמשק —

איז אלע נאכט האט דער אר״י ארויסגענומען פון אים די נשמה און האט גערעדט מיט איר און געזאגט צו איר: „חכם רבי חיים, פארוואס קומסטו ניט צו מיר? דער גאנצער צוועק פון מיין קומען אויף דער וועלט איז דאך נאר, כדי דיך צו לערנען

תורה". אינדערפרי האָט דאָס רבי חיים דערציילט צו זיינע תלמידים. און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „אַן אשכנזישער חכם געפינט זיך אין צפת, און אַלע נאַכט נעמט ער אַרויס פון מיר זיין נשמה און רעדט מיט איר. ער וויל, איך זאָל קומען צו אים און ע ר וועט מיט מ י ר לערנען תורה". אין די לעצטע ווערטער איז געלעגן אַ מין ביטול — ווייל רבי חיים האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרעסערן געלערנטן ווי דער אר"י האָט גע'שמ'ט. דערצו האָט דאָך רבי חיים געהאַלטן אין שרייבן אַ פּירוש אויפן זהר. מאַכט זיך אַ טאָג, רבי חיים קוקט אַריין אין זהר און פאַרשטייט ניט אַן אָרט; אויף מאָרגן — אַן אַנדער שטעלע, און ער פאַרשטייט ווידער ניט. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מן השמים, האָט ער זיך געזאָגט: „נאָ, איך וועל אַריבערפאָרן קיין צפת, אַריינגיין צום אשכנזי'שן רב און זען צי ס'איז ריכטיג, וואָס מ'זאָגט וועגן אים, צי ניט". געקומען קיין צפת, איז ער נאָך דעמזעלבן טאָג אַריינגעקומען צום אר"י. דער אר"י האָט אים זייער פריינטלאַך אויפגענומען, האָט אים אָפּגעגעבן כבוד. האָט רבי חיים געפרעגט בא אים די ערשטע שווערע שטעלע, האָט דער אר"י אים ערקלערט; די צווייטע שווערע שטעלע — האָט דער אר"י געעפנט פאַר אים אַלע טויערן פון ליכט, און וועגן דער דריטער שטעלע האָט דער אר"י אים געענטפערט: „עד כאן! מער ביסטו ניט ראוי צו הערן". „ווי אַ פּוקס אַנטקעגן אַ לייב" (אר"י איז טייטש: לייב) האָט זיך רבי חיים וויטאַל געפילט. מיט פאַרדרוס האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אַראָפּגעצויגן די קליידער און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ זאַק. אַזוי איז ער אָפּגעזעסן אין תענית אַ גאַנצן מעת־לעת און האָט אַלץ געוויינט און געקלאָגט און גאָט געבעטן, אַז דער אר"י זאָל אים אָנערקענען פאַר אַ תלמיד. אויף מאָרגן איז ער ווידער געקומען צום אר"י און נאָכאַמאָל געבעטן ער זאָל אים אָנערקענען פאַר אַ תלמיד. דאַן האָט דער אר"י אים געענטפערט: „דו ביזט אפילו ווערט, אַז איך זאָל דיך ניט אָננעמען, דערפאַר, וואָס דו האָסט פאַרזאַמט גאַנצע דריי חדשים, אָבער די תשובה וואָס דו האָסט נעכטן געטאָן, העלפט דיר, אַז דו זאָלסט אָנגענומען ווערן צווישן מיינע תלמידים, און עס זאָל מער

קיין זאַך פון דיר ניט זיין פאַרהוילן". איז רבי חיים געפאַלן צו זיינע פיס און האָט אויסגעשריען:

— אייביג זאָל לעבן דער מלך!

אָבער דערמיט איז נאָך ניט אַליץ געווען אָפּגעטאָן. דער אר"י האָט טאַקע געלערנט מיט אים, ס'האָט אָבער קיין פּעולה ניט געהאַט: אָט געלערנט און אָט פאַרגעסן. האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר'ן אר"י. האָט דער אר"י אים גענומען פאַר'ן האַנט, און אַראָפּגעגאַנגען מיט אים די בערג אַליץ נידעריגער ביז צו טבריה. געקומען צום ים כנרת (טבריה ליגט באַם ברעג פונ'ם דאָזיגן ים), זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין שיפל. שווימענדיג אַזוי אין שיפל איבער'ן וואַסער, האָט דער אר"י גענומען אַ גלאָז, אָנגעשעפּט אַביסל וואַסער און געגעבן עס טרינקען רבי חיימ'ן. „טרינק" — האָט דער אר"י געזאָגט, — „איצט וועסטו שוין מער ניט פאַרגעסן, וואָס דו וועסט לערנען, וואָרים די וואַסער, וואָס דו האָסט געטרונקען, איז פון מרימ'ס ברונען". פון דעמאָלט אָן האָט רבי חיים ווידער באַקומען זיין זכרון, און וואָס געלערנט, דאָס געדיינקט.

און אַמאָל, אום שבת פרשה בלק, איז דעם אר"י'ס אַ תלמיד אַריינגעקומען צו אים אין שטוב אַריין און געטראָפן אים שלאָפנדיג, און פון שלאָף עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּן. האָט דער תלמיד צוגעלייגט זיין אויער צום אר"י'ס מויל, כדי צו הערען, וואָס יענער שעפּטשעט. דערווייל האָט זיך דער אר"י אויפגעכאַפּט און געטראָפן דעם תלמיד איינגעבויגן איבער זיך.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט דער אר"י אים געפרעגט.

— אַנטשולדיגט, רבי! — האָט דער תלמיד געענטפערט — כ'האָב געזען אייערע ליפּן באַוועגן זיך, האָב איך געוואָלט הערן, וואָס איר ברענגט אַרויס פון מויל.

און דער אר"י האָט אים געענטפערט:

— שטענדיג, ווען איך שלאָף, דערהויבט זיך מיין נשמה אין דער הויך, אויף די וועגן, וואָס זענען מיר באַקאַנט. און מלאכי־השרת קומען מיר אַנטקעגן, זענען מקבל־פנים מיין נשמה און ברייננגען זי פאַר'ן מלאך מטטרון, און ער פרעגט באַ מיר, אין וואָס פאַר

אַ ישיבה איך וויל אַריינקומען. אין די דאָזיגע ישיבות אַנטדעקט מען פאַר מיר אַזוינע סודות־התורה, וואָס אפילו אין די צייטען פון די תנאים, עליהם השלום, האָט מען פון זיי ניט געוואוסט.

בעט דער תלמיד:

— רבי, אפשר קאָנט איר פאַר מיר מגלה זיין, וואָס מ׳האָט פאַר אייך דאָס מאָל אַנטפּלעקט?

האָט דער אר״י געשמייכלט און האָט אַזוי געזאָגט:

— הימל און ערד זענען עדות, אַז ווען איך וואָלט גע׳דרש׳ט אַכציג קיילעכדיגע יאָר אָן אויפהער, וואָלט איך ניט אימשטאַנד גע-ווען איבערצוגעבן אַלץ, וואָס איך האָב דאָסמאָל געלערנט וועגן דער פּרשה פון בלעמ׳ס אייזל.

אָבער ניט בלויז אין לערנען איז ער אַזוי הייליג געווען.

האָט אַמאָל געטראָפן, אַז דער אר״י איז געזעסן אין פעלד, בײַ צפת, מיט זיינע בעסטע תלמידים און געלערנט סתרי־תורה. פּלוצלינג האָט ער אויסגעשריען: „חברים, איך הער אויסרופן אין הימל, אַז אַ גרויסער היישעריק וועט זיך אַראָפּלאָזן אין די גרעניצן פון צפת און וועט אויפעסן אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אויף די אַרומ־מיגע פעלדער. און דאָס דערפאַר, ווייל אַן אָרימער תלמיד־חכם אין צפת זיצט און האָט תרעומות אויפ׳ן רבונו של עולם, און דער רבונו של עולם קאָן שוין מער ניט איבערטראָגן דאָס שלעכטס פונ׳ם תלמיד־חכמ׳ס שכנים, וואָס האָבן קיין השגחה ניט אויף אים. איצט, קינדער, האָט דער אר״י צוגעגעבן, למען השם, לאָמיר זיך צו־נויפלייגן עטלאַכע טאָלער, שיקן דעם באַדערפטיגן אַ מתנה — אפשר וועט ער זיך באַרוהיגן און גאָט וועט רחמנות האָבן". האָט מען דאָ אויפ׳ן אָרט צונויפגענומען דריי טאָלער און איינער פון די תלמידים האָט אוועקגעטראָגן דאָס ביסל געלט אין שטאָט אַריין צום אָרימען יעקב אַלטעראַס. אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, האָט דעם אר״י׳ס תלמיד געטראָפן דעם אָרימאַן וויינען. „וואָס וויינסטו?" — האָט ער בײַ אים געפרעגט. „ווי זאָל איך ניט וויי-נען" — האָט דער אָרימאַן געענטפערט — „אַז דאָס ליימענע פאַס וואו איך האָב געהאַלטן וואַסער אַ גאַנצע וואָך, איז מיר צעבראָכן

געוואָרן; פון וואַנען וועל איך קויפן אַן אַנדערע ? האָב איך געוויינט פאַר'ן רבונו של עולם : פאַר וואָס זאָל איך עפּעס לעבן אין אַזאַ דחקות ? מיט וואָס בין איך דען ערגער פון אַנדערע ?" דער תלמיד־חכם האָט אים איבערגעגעבן ס'ביסל געלט, דערציילט די מעשה מיט'ן היישעריק, און אים פאַרזאָגט, אַז ער זאָל בעטן גאָט, ער זאָל בטל מאַכן די גזרה. אַז ער האָט זיך אומגעקערט אין פעלד אַריין און האָט דערציילט די מעשה, האָט דער אר"י צו אים געזאָגט, אַז ניטאָ וואָס מער מורא צו האָבן; די גזרה איז בטל. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז אָבער פאָרט אָנגעקומען אַ היישעריק, האָט זיך דער עולם דערשראָקן, אָבער דער אר"י האָט אַלע באַרואיגט : דער אָרימאַן איז פאַרגיטיגט, די גזרה איז בטל, דעם היישעריק וועט דער ווינט פאַרטראָגן אין ים אַריין, קיין איינציגער וועט זיך ניט אַראָפּלאָזן אויף דער יבשה און אַזוי איז געווען.

אָדער :

אַריינגעקומען אַמאָל אַ יונגערמאַן צום אר"י אין שטוב אַריין. דער אר"י האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן. אַוועקגעשטעלט זיך פאַר אים: „ברוך הבא !", אים אַוועקגעזעצט נעבן זיך און גערעדט מיט אים לאַנג, צו־לאַנג. האָט עס די תלמידים שטאַרק געוואונדערט. אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, איז רבי חיים וויטאַל צוגעקומען צום אר"י און געפרעגט :

—וואָס איז דער מער, רבי ? וואָס אַזוינס האָט איר דערזען אין דעם יונגענמאַן ?

— איך שווער אייך —האָט דער אר"י געענטפערט — אַז ניט פאַר'ן בחור בין איך אויפגעשטאַנען, און ניט צו אים האָב איך געזאָגט „ברוך הבא !", נאָר פאַר רבי פּינחס בן יאיר, וואָס זיין נשמה האָט געשוועבט איבער'ן בחור'ס קאָפּ, מחמת דער בחור האָט היינט געטאָן אַ מצוה, וואָס רבי פּינחס בן יאיר איז געווען שטאַרק זהיר אין איר.

אַז רבי חיים וויטאַל האָט דאָס דערהערט, איז ער באַלד נאָכ־געלאָפן דעם בחור, אים דעריאָגט, און געפרעגט בא אים, וואָס פאַר אַ

מצוה איז אים היינט צו האנט־געקומען? האט דער בחור אים דער־ציילט:

—היינט אינדערפרי, אז איך בין געגאנגען אין בית-המדרש אריין דאווענען, בין איך פארבייגעגאנגען א הויז, פון וואנען עס האט זיך געהערט א ביטער געוויין. אז איך בין אריינגעגאנגען אין שטוב אריין, האב איך די גאנצע שטוב געפונען נאקעט, ווייל גנבים האבען בא נאכט אוועקגע'גנב'עט אלע זייערע קליידער. האב איך אראפגעצויגן פון זיך מיינע קליידער, און זיי אוועקגעגעבן דעם בעל־הבית, כדי ער זאל קאנען ארויס פון שטוב, און איך בין אוועק אהיים און האב אנגעטאן מיינע שבת'דיגע קליידער, אט ווי דו זעסט, אז איך האב אויף זיך מיינע בגדי-שבת.

איצט האבן די תלמידים פארשטאנען, וואס פאר א שייכות רבי פינחס בן יאיר האט צו דעם בחור (רבי פינחס בן יאיר האט זיך שטארק אפגעגעבן מיט פדיון שבויים און טאן גמילות-חסדים מיט באדערפטיגע), און אז קיין שום פארהוילעניש איז פון זיין אויג ניטא.

און אלע ערב שבת, ווען ער פלעגט ארויסגיין מיט זיינע תלמידים אויסן שטאט מקבל־שבת זיין, פלעגט ער פארמאכן די אויגן מחמת די פיל נשמות, וואס פלעגן זיך אויפהויבן פון קברים אין הימל אריין, און די, וואס פלעגן זיך פון הימל אראפלאזן אויף דער ערד...

און אט איז א פאקט:

בעת דער אר״י איז געקומען קיין ארץ ישראל, איז ער געגאנגען קיין עין־זיתן, כדי צו פאלן דארט אויף ר'בי יהודה בר אילעי'ס קבר. האט ער דערזען, אז אויף א בוים, הארט באם קבר, איז געשטאנען א ראב און האט כסדר געשריען: „קרע, קרע״. האט דער אר״י געזאגט צו זיין באגלייטער: „האסטו געקענט א מענטשן, שבתי, וואס איז געווען דער צינז־מאנער אין שטאט? „געוויס״ — האט יענער געענטפערט — „האב איך אים געקענט; א שלעכטער מענטש איז ער געווען, א טיראן״. „אט זיין נשמה, האט דער אר״י גע־זאגט, איז מגולגל געווארן אין דעם ראב, און איצט פארלאנגט ער,

אז איך זאָל מתפלל זיין פאַר אים. גיי, רשע, — האָט ער געזאָגט צום ראָב — גיי דיר אין דיין וועג אַריין, איך וועל פאַר דיר ניט מתפלל זיין". איז דער ראָב אַוועקגעפלויגן.

און אַמאָל איז ער פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ בית־המדרש אין טבריה. האָט ער אָנגעוויזן זיינע תלמידים אויף אַ שטיין אין וואַנט, און געזאָגט צו זיי, אַז אין דעם שטיין איז מגולגל אַ נשמה, און בעט רחמים, מ'זאָל זי ראַטעווען. דערויף שטייט עס אין פסוק: „אַ שטיין פון וואַנט שרייט".

אין אָוונט אַמאָל איז ער געזעסן צווישן די תלמידים און פּלוצלינג געזאָגט צו זיי: „אָט איצט זע איך צוויי שדות, אָנגעטאָן אין רויטע זיידענע קליידער, אויסגעפּוצט מיט גאָלד, צירונג און טייערע שטיינער, און גאָלדענע קייטן אויף די העלזער. זיי קומען אַריבער דעם צוים, כדי מטמא צו זיין צוויי כשר'ע בחורים".

איז עס טאַקע אַזוי געווען.

און פאַר דער פּטירה האָט דער אר"י געזאָגט צו זיינע תלמידים, אַז נאָר אינגיכן וועט ער זיך ווידער אומקערן צוריק אויף דער וועלט. טאָג־איין טאָג־אויס האָט רבי חיים וויטאַל, דעם אר"י'ס תלמוד אַרויסגעקוקט עס זאָל קומען צו אים עמיצער, וואָס זאָל זיין דער גלגול פון אר"י זכרונו לברכה. דריי־און־דרייסיג יאָר האָט ער אַזוי אָפּגעוואַרט און האָט זיך ניט דערוואַרט.

אָבער ווער קאָן עס איבערדערציילן אַלע שבחים, מיט וועלכע דאָס פאָלק האָט באַצירט און באַקרוינט זיין פאַרגעטערטן א ר " י ה ק ד ו ש?

רבי חיים וויטאל

דער טיכטיגסטער און דער טעטיגסטער פונ׳ם אר״י׳ם תלמידים און נאָכפאָלגער איז געווען ר׳ חיים וויטאל. ער איז דער אַפּאָסטעל פונ׳ם אר״י׳ם פּראַקטישער קבלה, איר פארשפּרייטער און פארפלאַנצער. ער זאַמלט און פאַרשרייבט און פאַרעפנטליכט דעם אר״י׳ם תורה. ער שמעלצט זיך אויך אליין צונויף מיט׳ן רבי׳ן זיינעם. אַלץ, וואָס ער האָט אפילו געהאַט אייגנס צו זאָגן, זאָגט ער עס אין נאָמען פון דעם אר״י. און ער האָט ניט קיין שלעכטע כונה דערביי. אדרבא, ער איז איבערצייגט, אַז אַנדערש קאָן עס ניט זיין. ווי זשע דען? קוים האָט שוין דער אר״י דורכגעזען די גאַנצע גייסטיגע וועלט פון עק ביז עק, קוים האָט מען שוין פאַר אים אַנטפּלעקט אַלע סודות און באַהעלטנישן פון דער קבלה, ווי זי ווערט געלערנט און ווי זי ווערט פאַרשטאַנען אין אַלע זיבן הימלען, און קוים האָט דער אר״י אַלע זיינע ידיעות איבערגעגעבן אים, זיין תלמיד־חכם, איז דאָך אַלץ, וואָס דער תלמיד קאָן און וואָס דער תלמיד באַגרייפט, ניט זיינ׳ס, נאָר זיין רבינ׳ס...

אזוי פשוט!

שרייבט ער טאַקע, רבי חיים, זייער פיל ספרים אין קבלה, טעאָרעטישע ספרים און פּראַקטישע, און אַלץ שרייבט ער צו דעם אר״י. פון אים האָט ער עס געהערט, פון אים האָט ער עס געלערנט. און פאַר ז י י ן צייט, מיט איר שווערן פאַרקער, האָבן די ספרים זיינע באַקומען אַ קאָלאָסאַלע פאַרשפּרייטונג. עס איז געגאַנגען אזוי ווייט, אַז עס האָבן זיך געפונען מענשן, וואָס האָבן אונטער־געקויפט זיינע נאָענטע, אַז זיי זאָלן געבן די מעגליכקייט א י ב ע ר־צ ו ש ר י י ב ן זיינע באַהאַלטענע כתבים, פשוט פון געשעפט וועגן, ווייל מ׳האָט פאַר זיינע כתבים געצאָלט זייער הויכע פּרייזן.

אַנגעהאַנגען איז ער אָן דעם אר״י, אָבער אויפגעגאַנגען אין אים איז ער ניט. אַ זעלבסטשטענדיגע פּערזענליכקייט בילדעט ער

פאר זיך, מיט א פארנעם, מיט אַנזען און מיט גרויסער אַכטונג, און אַנדערקענונג. און ער איז אויך געווען אַ מערקווירדיגער מענש. ער איז, דוכט זיך, דער איינציגער, צווישן די גרויסע מיסטיקער, וואָס ווייסט צו דערציילן, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, איידער נאָך ער איז געבוירן געוואָרן. כמעט אַ גאַנצע לעבנס־באַשרייבונג האָט ער איבערגעלאָזט נאָך זיך. דאָרט דערציילט ער פון די גרויסע וואונדער, וואָס זענען צוליב אים, אָדער דורך אים, געשען. וואָס אים האָט זיך אַלץ גע׳חלומ׳ט און וואָס ער האָט אַלץ אויפגעטאָן. אליין, הייסט עס, דערביי געווען, אליין איבערגעלעבט און פאַר־שריבן.

די זיכערסטע קוועלע!

שעפּן מיר פון דער קוועלע פאָלגנדע פאַקטן:

אַ צייט לאַנג, איידער נאָך רבי חיים וויטאַל׳ס פאָטער האָט געהאט בדעה ארויסצופאָרן פון חוץ־לארץ קיין ארץ־ישראל, איז גע־קומען צו אים אַן אורח, אַ גרויסער תלמיד־חכם מיט׳ן נאָמען חיים אשכנזי. האָט דער אורח געזאָגט צו זיין פאָטער: „זאָלסט וויסן זיין, אַז דו וועסט אַרויספאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט וועסטו געבוירן אַ זון, זאָלסטו אים אַ נאָמען געבן נאָך מיר, חיים, וועט ער זיין אַ גרויסער חכם, וואָס וועט אין זיין דור זיין גלייכן ניט האָבן“. מיט עטליכע יאָר שפּעטער איז זיין פאָטער געקומען קיין ארץ־ישראל און האָט געבוירן אַ זון, — דאָס איז געווען אין יאָר 1543, — און האָט אים אַ נאָמען געגעבן ח י י ם.

אַז ער איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט אים אַ גרויסער חכם, — אַ בקי אין לייענען פון די האַנט־שטריכן, — פאָראויס־געזאָגט, אַז צו פיר און צוואַנציג יאָר וועט ער באַקומען שלעכטע געדאַנקען אוועקצוואַרפן דאָס לערנען. דאָס וועט דויערן דריט־האַלבן יאָר. נאָכדעם וועט מען אים שטעלן פאַר צוויי וועגן, וואָס איינער וועט פירן אין גן־עדן אריין, דער צווייטער — אין גיהנם. און מען וועט אים געבן די ברירה: וועט ער זיך שטעלן אויפ׳ן וועג פון גיהנם, וועט ניט זיין נאָך אַזאַ רשע ווי ער וועט זיין:

וועט ער זיך שטעלן אויפ'ן וועג פון גן־עדן, וועט אין זיין דור ניט זיין נאָך אַזאַ צדיק ווי ער.

אַז ער איז אַלט געווען אַכט און צוואַנציג יאָר, האָט אים אַ חכמה „אויסגעגאָסן בוימל" און פאָראויסגעזאָגט, אַז אין קבלה וועט ער זיין זייער גרויס, אַלע קוואַלן פון דער חכמה וועלן פאַר אים זיין אָפן אַזוי ווייט, אַז „קיין שום חכם פאַר דיר האָט אַזוי פיל ניט דערגרייכט. אָבער דאָס וועט דיר קומען דורך אַ גרויסן חכם, וואָס וועט דאָ אַהערקומען פון דרום־זייט, פון מצרים אַן ערך". און אַזוי איז געווען. נאָך אינ'ם זעלבן יאָר איז דער אר"י אראָפּגעקומען פון מצרים קיין צפת.

און צו זיבן און דרייסיג יאר ווייסט ער שוין, וואָס ער פאַרמאָגט שוין אויף יענער וועלט, אין זיין גן־עדן. צופעליג, אומגעריכט, איז ער דאָס געוואָר־געוואָרן. עס האָט זיך געמאַכט, אַז זיין ווייב איז קראַנק געווארן און געהאַלטן ביים שטאַרבן. דאָס איז געווען אום שבת. שבת־צו־נאַכטס, אַז מ'האָט שוין געוואַרט אויף יציאת־נשמה, האָט זי פּלוצלינג געעפנט ס'מויל און געמאַכט אַ ברכה: „בורא מיני בשמים". האָט מען זי געפרעגט: „וואָס באַטייט די ברכה?" האָט זי געענטפערט בזה הלשון: „זייט וויסן, אַז מ'האָט מיך איצט געפירט אין גיהנם אַריין, האָב איך געזען, ווי מ'צינדט אָן ס'פייער, וואָס איז שבת געווען פאַרלאָשן. האָט עס געשמעקט מיט סמאָלע און מיט שוועבל. נאָכדעם האָט מען מיך און אַנדערע אוועקגעפירט אויף אַ פעלד, וואָס ביים גן־עדן, וואו עס וואַקסן הדסים, כדי צו לינדערן דעם שוועבל־ריח. האָב איך עס אַ ברכה געמאַכט „בורא מיני בשמים". האָב איך געבעטן, מ'זאָל מיך אַריינפירן אין גן־עדן אַריין און מ'זאל מיר ווייזן מיין מאַנ'ס אָרט. האָט מען מיך אַריינגעבראַכט אין גן־עדן, אַריינגעפירט דאָרט אין אַ גרויסן הויף, וואָס איז פול מיט בשמים־בוימער. אין מיטן הויף האָט זיך געפונען אַ טייכל, פון וועלכן עס קוועלט כסדר פריש וואַסער, און אין מיטן טייכל שטייט אַ גרויסער רער, דורך וועלכן ס'וואַסער שטייגט אַרויף און פאַלט ווידער צוריק אין טייכל אַריין. און אין וואַסער שטעקן ווי זילבערנע און גאָלדענע לעמפלאַך, — דאָס זענען

די נשמות פון דיינע קינדער, וואָס זענען קליינערהייט געשטאָרבן, — ווייל דער גאנצער הויף און אלץ, וואָס אין אים, געערט צו זייער פאָטער. נאָכדעם האָב איך אָן אַ זייט געזען אַ לייטער, וואָס פירט צו אַן אָפן אויבערשטיבל, וואו גרויסע צדיקים זיצן און לערנען דאָרט מיט מיין מאַן א. אַז. וו.״; אויף מאָרגן, אַז זי איז צו זיך געקומען און מ׳האָט באַ איר געפרעגט, צי זי געדענקט, וואָס זי האָט נעכטן דערציילט, האָט זי געענטפערט, אַז זי געדענקט גאָרניט. איז דאָס געווען דער בעסטער סימן, אַז אַלץ, וואָס זי האָט דערציילט, האָט זי ניט אויסגעטראכט, נאָר עס איז געווען דער ריינער אמת.

אָבער ר׳ חיים אליין איז דערפון ניט נתפעל געוואָרן. וואָרים שוין מיט דרייצן יאָר פריער האָט ער אַליין געהאַט די געלעגנהייט אריינצוקומען אין גן־עדן. דאן האָט ער אומגעשפאצירט אין אַ גרויסן גאָרטן, מיט שיינע בוימער פול פּרות, און גענז מיט קאַטש־קעס גייען ארום און לערנען משניות, און ציען אוים זייערע העלזער און פּיקן אַליין אַראָפּ עפּל פון די בוימער, נאָכדעם פארטרינקען זיי מיט וואסער פון די דאָרטיגע טייכן. ניט־פרעגנדיג האָט ער אַליין פארשטאַנען, אַז די גענז מיט די קאַטשקעס זענען עס די נשמות פון צדיקים, וואָס האָבן זיך שטענדיג פארנומען מיט לערנען משנה. דערביי האָט ער באַמערקט אַן אויבערשטיבל, וואָס הענגט אין דער לופטן איבער׳ן גאָרטן, און שטיינערנע טרעפּ פירן אַהין. אריינגעקומען, האָט ער געטראָפן גאָט, ווי ער זיצט אויף אַ שטול אין מיטן דער דרום־וואַנט. אַלט, מיט אַ באָרד ווייס ווי שניי און שיין אָן אַ סוף. און צדיקים, אין מענשן־געשטאַלט, זיצן אויף דער ערד פאר אים אויף פיינע דיוואַנעס, און דער רבונו־של־עולם לערנט מיט זיי תורה. דערזעען דאָס, האָט ער זיך זייער דערשראָקן, איז געפאַלן מיט׳ן פּנים צו דער ערד. האָט גאָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו אים און געזאָגט: „חיים, מיין זון, שטיי־אויף! האָב ניט קיין מורא, זעץ זיך דאַ, באַ מיין רעכטער זייט האָסטו אַ פרייען פּלאַץ פאר דיר“. האָט אים ר׳ חיים געענטפערט: „ווי קאָן איך זיך זעצן אויף דעם פּלאַץ, אַז ער איז גאָר באַשטימט פאר ר׳ יוסף קאָרו?״ — האָט גאָט געענטפערט: „אַזוי האָב איך גערעכנט,

לכתחילה, שפּעטער אָבער האָב איך אים געגעבן אַן אַנדער פּלאַץ, און דעם האָב איך געלאָזט פאַר דיר". האָט ר' חיים ווידער געענט־פערט: „ווי קאָן איך זיך זעצן אויף דעם פּלאַץ, אַז ער איז דאָך גאָר באַשטימט פאַר שמואל הנביא!" — „אַזוי האָט געזאָלט זיין", האָט גאָט געענטפערט, „אָבער זינט דער בית־המקדש איז חרב געוואָרן וויל ער דאָ מער ניט זיצן, האָב איך זיין פּלאַץ דיר אוועק־געגעבן". ערשט דעמאָלט האָט זיך ר' חיים געזעצט אויפ'ן אָנגעווי־זענעם פּלאַץ און געלערנט תורה פון גאָט'ס מויל בפועל־ממש. דאָס איז אַלץ געווען אין חלום. „און אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז מיר אַלץ נאָך געשטאַנען פאַר די אויגן לעבעדיגערהייט".

און מיט פופצן יאר שפּעטער, אַז ער איז שוין אַלט געווען צוויי און פופציג יאָר, האָט ער געזען אין חלום, ווי ער שפּאַצירט אין פעלד בא אַ גרויסן טייך. דערביי האָט ער געזען אַ גרויסע מחנה אידן רוען אין זייערע געצעלטן. אַז ער איז אַריינגעקומען אין איין געצעלט, האָט ער געזען דעם אידישן מלך, זיצנדיג אָנגע־שפּאַרט אויף אַ זייט, אַ הויכער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, אין עלטער פון 50 יאָר. אַז דער מלך האָט אים דערזען האָט ער אים אַוועקגעזעצט נעבן זיך און צו אים אַזוי געזאָגט: „זיי וויסן, מיין זון, אַז איך בין דער מלך־ישראל פון שבט אפרים. איך בין איצט אַראָפּגעקומען, ווייל עס איז געקומען די צייט צונויפצוזאַמלען די אידן פון אַלע זייערע גלות'ן. און דאָ אַהער בין איך אַראָפּגעקומען, בדי צו זען זיך מיט דיר".

אין דער זעלבער צייט:

אַ געליבטער פריינט ברענגט אים אַ בריף, געשריבן מיט גע־כתיבה'טע אותיות, ווי אין אַ ספר־תורה, און זאָגט אַזוי צו אים: „דו האָסט דאָך שטענדיג געוואָלט זען משיח'ס האַנטשריפט. האָב איך זי דיר געבראַכט פון אַ מהלך איבער צוויי יאָר גאַנג, פון דאָרט, וואו די עשרת השבטים לעבן. אָבער איך האָב זי געבראַכט שנעל. געשריבן דעם בריף האָט משיח אַליין". דריי מאָל האָט ר' חיים באַשוואָרן דעם שליח ער זאָל אים זאָגן, צי דאָס איז ווירקלאָך משיח'ס האַנטשריפט. און יענער איז דערויף באַשטאַנען. האָט ער

געעפנט דעם בריף. איז אין אָנהויב אַ פּשוט'ער „אהובי־ידידי בריף״; נאָכדעם שרייבט ער באריכות. צום סוף מעלדעט ער, אַז אין גיכן קלייבט ער זיך שוין אַראָפּצוקומען קיין ארץ־ישראל, בעט ער אים, ר' חיים וויטאַל, הייסט עס, אַז ער זאָל זען אידן זאָלן תשובה טאָן, כּדי זיין קומען זאָל ניט געשטערט ווערן . . .

אָבער אויסער דער וועלט פון חלומות לעבט ער אויך אין אַ וועלט פון ווירקליכקייט. און די דאָזיגע ווירקליכקייט רייסט אים אַמאָל ארויס פון דער פאַנטאַסטישער וועלט פון שמות מיט חלומות און ווייזט אים אָן אויף דער ערד, מיט איר פּשטות און ניכטערקייט און באַגרעניצטקייט. פיר יאָר נאָכ'ן אר״י'ס טויט הויבט ער אָן צו האַלטן פאָרלעזונגען וועגן קבלה, ערקלערט זיך פאַר משיח בן יוסף, וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט פאַר דעם, ווי דער אמת'ער משיח, משיח בן דוד, וועט קומען. און אומוואַנדערנדיג צו פאַר־שפּרייטן דעם רבי'נס תורה, האָט ער, אונטערוועגס, באַוויזן גרויסע וואונדער. האָט ארויסגערופן גייסטער דורך באַנוצן פאַרשיידענע צרופים. ער האָט אָבער באַגעגנט אַ קאַלטע אויפנאַמע. אפשר דער־פאַר, ווייל ער האָט געוואָלט אויפבויען דעם אר״י'ס אַשכּנזישע קבלה אויף די חורבות פון ר' משה קאָרדאָווירע'ס ספרדישע קבלה. אָבער ר' משה קאָרדאָווירע'ס נאָמען איז נאָך דאַמאָלס גרויס געווען בא אידן, דערהויפּט צווישן די ספרדישע אידן. האָט ער זיך אומ־געקערט קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין ירושלים. אַ טריקע־ניש איז דעמאָלט געווען אין לאַנד, און די ירושלימ'ער באַפעלקערונג האָט געלעכצט נאָך אַ טראָפּן וואַסער.. האָט דער גובערנאַטאָר, אבו סאַפיא, געלאָזט בעטן דעם וואונדערמאַן, ער זאָל מיט'ן כח פון דער קבלה געוואויר־ווערן, וואו עס געפינט זיך די וואַסער־לייטונג, וואָס חזקיהו המלך האָט געבויט און באַצויגן וואַסער קיין ירושלים פון טייך גיחון. כּדי צו ראַטעווען זיך פון דער אומאַנגענעמער פאַר־דערונג, איז ער אַנטלאָפן קיין דמשק. מיט עטליכע יאָר שפּעטער טרעפן מיר אים אין צפת. דאָ איז ער איצט גרויס און חשוב אין אַלעמענ'ס אויגן. זיין שיטה, — די שיטה פונ'ם אר״י, דערהויפּט איר פּראַקטישע זייט, איז זייער אָנגענומען. איצט ווערט פאַר־

עפנטליכט זיין הויפּטווערק „עץ־חיים“. דאָ ווערט פעסטגעשטעלט דער פאַקט, אַז דער אויבערשטער האָט ניט קיין גרעסערן פאַרגעניגן, ווי ווען ער זעט דעם ערפאָלג פון דער קבלה־וויסנשאַפט, וועלכע אַליין נאָר איז מקרב די גאולה און ברענגט אראָפּ משיח׳ן. די פריערדיגע קבלה, די שפּאַנישע, וואָס פאַר׳ן רמב״ן, האָט ניט געהאַט דעם ווערט, — ווייל זי האָט געשטאַמט פון מענשליכן שכל און ניט פון דירעקטער געטליכער אַנטפּלעקונג, ווי זיין קבלה, — די קבלה פונ׳ם אר״י־הקדוש. און אויך די קבלה פון ר׳ משה קאָרדאָווירע האָט ניט דעם ווערט, וואָס זיין קבלה, — ווייל אויך זי שטאַמט בלויז פון שכל. ער איז אָבער געגאַנגען אזוי ווייט, אַז ער האָט ארויסגערופן געגן זיך גרויסע מקובלים. אין 1594 ציט ער ווידער ארויס קיין דמשק. דא האַלט ער טעגליך פאָרלעזונגען וועגן קבלה און זאָגט־אָן דעם קץ, — אַז אין גיכן וועט קומען משיח. אָבער אויך דאָ טרעפט ער אָן אויף א ווילדן געגנער, יעקב אבולאפיע, וואָס סטראַשעט וויטאַל׳ן מיט חרם, אויב ער וועט ניט אויפהערן זיינע פאָרלעזונגען און ניט פאַרדרייען אידישע קעפּ מיט אומזיכערע און אומקאָנטראָלירטע זאַכן.

אָן אייגענער מענש אויפ׳ן הימל, א באַפעלער און א דעה־זאגער, האָט ער זיך דאָ, אין דמשק, געמוזט אונטערגעבן. זיינע פאָרלעזונגען אויפהערן. דאָס מאַכט פאַלן זיין חשיבות אפילו אין די קרייזן פון זיינע אָנהענגער. און אויף זיינע עלטערע יאָרן מוז ער עס צוהערן און צוזען, אַז אויך אין צפת, — די פעסטונג פון דער קבלה אין משך פון איבער א יארהונדערט, — גייט עס אַלץ מער און מער צוריק. מע צעפאָרט זיך פון דאָרט. די הייליגע קברים ווערן פאַרלאָזן. דער קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי, — דעם טרעגער פון זהר, — איז פאַרנאַכלעסיגט. די גרויסע אונטערנעמונג, — אראָפּצוברענגען משיח׳ן, — האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג. די גרויסע האָפנונגען, וואָס אידן האָבן אויף זיי געלייגט, זענען ניט מקוים געוואָרן. און געפאַלן איז דער גלויבן אָן דער אַלמעכטיגקייט פון דער פּראַקטישער קבלה און די מקובלים. פאַרשטערט דעם אויבערשטנ׳ס שמחה, וואָס ער האָט געהאַט פונ׳ם ערפאָלג פון דער

אשכנזישער קבלה. חרוב׳ע וועלטן זענען דאָ פּאַר אים געלעגן. דערהויפּט — הימלישע וועלטן, קומענדיגע וועלטן, מענשן און גע־טער, און די גאולה איז דאָך געווען אזוי נאָענט. אָן עלטער פול צער האָט ער פּארבראַכט. ער האָט כמעט געוואַרט אויפ׳ן טויט. און אין יאָר 1620 איז ר׳ חיים וויטאַל, אין דמשק, געשטאָרבן.

שבתי צבי

אין משך פון 16טן יאָרהונדערט האָט זיך די פּראַקטישע קבלה פעסט איינגעוואָרצלט צווישן די אידן אין ארץ־ישראל און אין דעם מזרח אַרום. און דאָס 17טע יאָרהונדערט, אָנגעזאַפּט מיט די באַגריפן, שטימונגען און גלויבונגען פון דעם פאָריגן יאָרהונדערט, פאַרלאַנגט פּראַקטישע פאָלגן פון דער פּראַקטישער קבלה. די שווערע צייטן האָבן געבראַכט דערצו. גאָר די וועלט איז פאַרפלייצט געווען מיט אידיש בלוט, די לופט — פול געווען מיט אידישן וויי־געשריי און דאָס פאָלק שטרעבט צו דערלייזונג. עס קען די מיטלען דערצו, און זיי זאָלן אָנגעווענדט ווערן. און אויך דער שטאַרקער גלויבן אָן גאָט און אָן דער געטלאַכער גערעכטיקייט, וועלכע מוז דאָך געשען, האָט דעם אידן געצוואונגען אָנצונעמען, אַז די גאולה איז נאָענט — ווארים גאָט מוז דאָך רחמנות האָבן אויף זיין אומגליקלאַך פאָלק ישראל. אַלע גלויביגע זעען־איין, אַז יעדער טאָג, יעדע שעה, איז די רעכטע צייט, ווען משיח קאָן קומען. ווען ער דאַרף קומען. און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם ווארט מען אויף אים. מ׳ווארט כסדר, אומאויפהערלאַך. אָנגעשטרענגט אַלע חושים. מ׳ווארט אויף אַ קול, אויף אַ וואָרט, אויף אַ טאַט, וואָס זאָל באַווייזן, אַז די האָפנונג האַלט ביי מקוים ווערן. אַז זי ווערט מקוים.

און אַזאַ קול לאָזט זיך הערן. אַזאַ טאַט — געשעט. און אַ בהלה ווערט אין אידישן פאָלק. דער עקסטאַז האָט קיין ברעג ניט. די גאולה איז געקומען — ווער קאָן דען בלייבן שטילשווייגענד? דער גואל, משיח, שטייט פאַר די אויגן — ווער זאָל אים דען ניט פאַרגעטערן?

דער גואל, דער משיח איז געווען שבתי־צבי.

אין יאָר 1626 איז ער געבוירן געוואָרן ביי אָרימע עלטערן אין דער שטאָט סמירנא. פון דער אינגסטער קינדהייט אָן, ווייזט ער אַרויס געניאַלע פייאיקייטן. ניטאָ דער צווייג פון תלמודישן

וויסן, וואו ער זאָל ניט זיין געגוי באַקאַנט. אַלץ, וואָס הייסט אידישע ליטעראַטור, האָט ער דורכגענומען. אָבער קבלה און מיס־טיק איז אים אַמליבסטן. צו פופצן יאָר שוין גיט ער זיך איבער אינגאַנצן דער קבלה, דערהויפּט אָבער — דער פּראַקטישער. איר תכלית — אָראָפּברענגען משיח'ן, איז אים זייער אָנציענד. יאָרן אויף יאָרן פאַרברענגט ער אין פרישות, אין דחקות, אין הונגער און לערנט דעם זהר, דעם אר"י'ס קבלה־ספרים, רבי חיים וויטאַל'ס. אָבער ווי באַהאַלטן און אָפּגעשיידט ער איז, קלייבן זיך דאָך אַרום אים צונויף געציילטע מקובלים, וואָס קומען זיך אָפּט צונויף מיט אים. מיט זיי אינאיינעם מאַכט ער אָפּט אויספלוגן צום ים, דאָרט פּראַוועט מען טבילות, מיט די דערהויבנסטע כוונות, און דאָרט, אונטער'ן פרייען הימל, האַלט מען אָפּ תפילות, הייסע, אין טרערן אַרויסגעבראַכטע און פון צעבראָכענע הערצער. אויפריכטיג און מיט טיפן גלויבן אָן דער וויכטיקייט און צוועקמעסיקייט פון דעם אַרט לעבן און טאָן, קימערט זיך ניט די גרופּע, און נאָך ווייניגער שבתי־צבי, וועגן דעם, וואָס די מענשן אַרום מיינען פון זיי. עס אינטערעסירט אים ניט. דערפאַר אָבער אינטערעסירט זיך שטאָט און לייט מיט אים. מ'ווערט געוואויר וועגן זיין אויפפירונג און מ'הויבט אָן צו קוקן אויף אים, ווי אַ הייליגן. ער ווערט אָנגעזען, חשוב. אפילו בײַ זיינע אייגענע עלטערן. דער פאָטער באַמיט זיך און מאַכט אים רייך חתונה. איין מאָל און נאָך אַ מאָל. ער וויל אָבער ניט וויסן פון קיין צוזאַמענלעבן מיט אַ פרוי, און גט זיך מיט זיי. אים ציט צו דער געזעלשאַפט פון מקובלים. און זיי ציט נאָך מער צו אים. זיין שיין געשטאַלט, זיין אָנגענעמע שטים, שטאַרקער טעמפּעראַמענט, גרויסע לומדות און גוואַלדיג וויסן אין קבלה און דערהויפּט—זיין אסקעטיזם שטייגער לעבן, ציט־צו צו אים אַ גרויסע צאָל פאַרערער. אין שטאָט קומט אַ שפע — און צוליב דער מלחמה צווישן טערקיי מיט דער ווענעציאַנישער רעפּובליק, טראָגט זיך אַריבער דער מסחר פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין סמירנא — מענשן ווערן רייך, אפילו שבתי־צבי'ס פאָטער ווערט רייך, אָבער אים גייט עס אַלץ פאַרביי. ער בלייבט בײַ זיין

קבלה, בּאַ זיינע סגופים און תעניתים. די נעכט פאַרבּרענגט ער אין אומוואַנדערן אַרום שטאָט אין תפילות זאָגן און תהלים זינגען. דער שטייגער לעבן האַלט אים אין שטענדיגן עקסטאַז, אין שטענ־דיגן שוועבן איבער דער רעאַלער וועלט — אַ מדרגה, וואָס פירט דירעקט צו קדושה — אַ שטאַפּל אין דער לייטער, אויף וועל־כער דער מענש מוז שטייגן, כּדי געלייטערט צו ווערן און אימשטאַנד זיין צו באַפרייען אַלע פונקען פון הייליגן ליכט, וואָס שמאַכטן אין דער טומאה — ווייל איינגעשמידט אין קערפּערלאַכע קייטן, באַפרייען זיי, געבן זיי אַ תקון — דורכ׳ן פאַראייניגן זיי מיט זייער קוואַל, מיט׳ן געטלאַכן, אומערמידלאַכן הייליגן ליכט. ווערט דאָס דערגרייכט — דאַן איז די טומאה באַזיגט און אויסגעראָט. דאַן וועט דאָס פאָלק ישראל אויפגעריכט ווערן אין ארץ־ישראל, און די הימעלישע מלוכה וועט אויפגעריכט ווערן אויף דר׳ערד. אָבער ענד־גילטיג קאָן די טומאה אויסגעראָט ווערן, און ממילא, די גאולה געבראַכט ווערן, נאָר דורך משיח׳ן — ווייל ער אַליין נאָר וועט דער־גרייכן די העכסטע מדרגה פון קדושה. און דאָס יאָר 1648 איז באַשטימט געוואָרן ווי דאָס יאָר ווען משיח דאַרף קומען. לויט אַ באַשטימטער שטעלע אין זהר, איז די דאַטע געוואָרן פעסטגעשטעלט. אָבער אויך די קריסטלאַכע וועלט, האָט, לויט אירע מיסטישע זעהונגען באַשטימט, אַז אַרום דער צייט, נאָר מיט 18 יאָר שפּעטער, וועט מיט אידן געשען עפּעס אויסערגעוועהנלאַכעס: אָדער משיח וועט קומען, אָדער אידן וועלען אָנערקענען דעם גוי׳אישן משיח — קריסטוס׳ען. די דאָזיגע שטימונגען און שפּירונגען האָבן פול געמאַכט די לופט אַרום שבתי־צבי. און בּאַ זיין גאַנצן אָפּגעשיידט זיין פון דער וועלט, איז אויך ער אָנגעשטעקט געוואָרן פון די דאָזיגע מיסטישע, איבער־מיסטישע שטימונגען. עקזאַלטירט, ווי ער איז געווען, אויפגעשרויפט אויף אַלע חושים, און דערצו — די פאַרגעטערונג, וואָס מ׳האָט אים פון אַלע זייטן אַנטקעגן געטראָגן, ברענגען זיין קראַנק געמיט צום געדאַנק: צי איז ער ניט אַמאָל דער הייליגער משיח, וואָס האָט די וועלט־אויפגאַבע: אויסצולייזן דאָס אידישע פאָלק? און אויב פאַר משיח׳ס קומען

מוזן זיין „חבלי־משיח“, „משיח־ווייטאָגן“, פּיין און ענויים — פעלן אויך זיי ניט.

ווארים דאָס פּאַראויסזען פון די מיסטיקער, אַז אין יאָר 1648 וועט מיט אידן געשען אויסערגעוועגלאַכעס, איז מקוים געוואָרן: עס איז דאָס יאָר ת"ח, וואָס איז מיט בלוט פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון די אוקראַיניש־פּוילישע אידן. און שבתי־צבי זעט אין די שחיטות פון דעם יאָר יענע חבלי־משיח, וואָס אידן איז באַשערט אויסצושטיין, איידער משיח וועט קומען. לכתחילה איז אים זיין איינפאַל: אַז ער איז אפשר משיח, בלויז אַ השערה. גאַנץ פעסט אין דער מיינונג איז ער ניט. נאָר אַז ער איז מגלה זיין געדאַנק פאַר זיינע חברים, און יענע זענען מסכים מיט אים — שטאַרקט עס אים ביסלאַכוויין, ביז עס ווערט בא אים אַ פעסטע איבערצייגונג:

ער איז משיח!

און אַז משיח, איז אים ערלויבט, וואָס די תורה האָט פאַרבאָטן. ערלויבט ער זיך אַרויסצוברענגען גאָט'ס נאָמען (יהוה), ניט „אדוני“, ווי אידן זאָגן, נאָר ווי די אותיות מיט די נקודות לייענען זיך — און אַז די רבנים פרעגן אים: „ווי ערלויבסטו זיך אַרויסצוברענגען גאָט'ס נאָמען לויט זיינע אותיות?“ ענטפערט ער זיי: „משיח איז געקומען, — דאָס בין איך. און משיח'ן איז אַלץ ערלויבט“. נאָך אַזאַ ענטפער, לייגן אים די רבנים אַריין אין חרם און ער מוז פאַרלאָזן סמירנא. גייט ער פון דאָרט קיין סאַלאָניק, פון סאַלאָניק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אומעטום דערוועגט ער זיך אָנהענגער, אָבער אומעטום יאָגט אים אָן דער חרם פון סמירנא און ער קאָן אויף קיין אָרט ניט בלייבן. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל שטייט־צו צו אים אַ טיכטיגע קראַפט: אברהם יכיני, וועלכער האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דער שבתי־צבי באַוועגונג. צי האָט ער ווירקלאַך געגלויבט אָן דער געטלאַכער מיסיע, וואָס ליגט אויף שבתי־צבי — דאָס בלייבט אַ ספק. ער איז אָבער איבערצייגט, אַז אויב ס'זאָל זיך איינגעבן צו סוגעסטירן שבתי־צבי'ן, אַז ער אַליין זאָל זיין שטאַרק געגוג אין זיין גלויבן

אין זיך — דאן קאן ער באמת אויפטאן וואונדער. און כדי צו ברענגען שבתי־צבי'ן צו אזא פעסטן גלויבן, פעלשט ער כתבים, לאזט זיי שטאמען פון אלטע צייטן, און אין זיי זענען פארשריבן נביאות, וואס זענען, אין יענע אלטע צייטן געזאגט געווארן וועגן שבתי־צבי; אז ער וועט געבוירן ווערן אין דעם און דעם יאר, אין דער און דער שטאט, בא דעם און דעם אידן — אלץ, ווי עס איז מיט אים געשען, און אז ער וועט זיין דער אמת'ער משיח. דערצו איז דארט פול געוועבן מיט קבלה, מיט שמות, מיט וואונקען דערויף, אז דאס פאלק וועט אים ערן, די רבנים — האסן און פארפאלגן. און אז די געגנ־ווארט איז די ריכטיגע צייט ווען די אידן זאלן אויסגעלייזט ווערן. די דאזיגע כתבים און די נביאות וואס אין זיי מאכן אויף שבתי־צבי א קאלאסאלן איינדרוק. ער קוקט זיך אום ארום זיך, ארום דער וועלט און איבערצייגט זיך אלץ מער, אז אלץ, וואס אין די כתבים שטייט געשריבן, איז ריכטיג. און טאקע אזוי: ערט אים דען ניט דאס פאלק? פארפאלגן אים דען ניט די רבנים? ווערט דען נאך ווייניג אידיש בלוט פארגאסן? מיט דער איבערצייגונג אין זיין משיח'שאפט וואנדערט ער איבער פון קאנסטאנטינאפאל קיין קאירא. דא ווארט אויף אים גאר גרויסער ערפאלג. פיל מקובלים, צווישן זיי לומדים און געלערטע שטייען־צו צו אים. דא באקומט ער א רייכן און חשוב'ען אנהענגער איינעם: רפואל יוסף (גערופן: סעראפא פאשא), א גביר אדיר, וואס פירט דאך אן אסקעטיש שטיי־נער לעבן, און ער גיט איבער זיין גאנץ פארמעגן אין רשות פון שבתי־צבי, אז ער זאל דאס פארווענדן צו זיינע גאולה־צוועקן. פון קאירא פארט ער קיין ארץ־ישראל און אונטערוועגס, אין עזה, טרעפט ער דעם עקזאלטירטן מקובל נתן בנימין, וואס ווערט שבתי־צבי'ס „רעכטע האנט“. א גלענצנדער רעדנער איז ער און א פאר־טרעפלאכער שרייבער. די אנהענגער פון שבתי־צבי זעען אין אים אליהו הנביא, וואס דארף דאך קומען און אנזאגן אידן, אז משיח גייט... דאן קומט ער און די זייניגע אין ירושלים, וואס זאל ווערן דער צענטער פון דער גאולה־טעטיקייט פאר די אידן פון דער גאנצער וועלט...

דאָ, „באם טויער פון הימל״ — ווי ירושלים ווערט אָנגעזען פון אידן — זוכט שבתי־צבי די שכינה אראָפּצוציען אויף זיך; רוח־הקודש אראָפּצונידערן אויף זיך און אינאיינעם דערמיט — דעם גייסט פון גבורה און שטאַנדהאַפטיקייט, וואָס האָט די גרויסע אידישע גבורים אויסגעצייכנט. דאָ נעכטיגט ער אויף הייליגע קברים. דאָ טאָגט ער אין די שולן און בתי־מדרשים, על התורה ועל העבודה. דאָ קומט ער צו דער העכסטער מדרגה פון משיח־בענקשאַפט, זינגענדיג די נאַציאָנאַלע לידער פון ישראל גאַגאַרע. און ער וואַקסט אין מדרגות, און זיין נאָמען וואַקסט. ער באַקומט אַ שם אין דער גאַנצער אידישער וועלט — צו וואָס עס העלפן אויך די אויפרופן, וואָס זיינע נאָענטע האָבן פאַנאַנדערגעשיקט איבער גאָר דער וועלט. און וואָס מער אַנדערע גלויבן אין אים, אַלץ מער גלויבט ער אַליין אויך אין זיך. אַ פּאָר צופאַלן — ער העלפט אַרויס די אידן אין ארץ־ישראל פון אַ שווערן אָפּצאָל, וואו זיין פריינד רפאל יוסף איז אים בייגעשטאַנען, און אַן אוקראַאינער אידיש מיידעל, שרה, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז באַשטימט פאַר משיח'ן, קומט אַראָפּ און האָט חתונה מיט שבתי־צבי — ברענגען דעם ברייטן עולם צו גלויבן, אַז עפּעס געטלאַכעס שטעקט ווירקלאַך אין אים. איינס נאָך איינס און אַ פּלאַן ווערט געבוירן און אויסגעאַרבייט: פון ירושלים־אויס זאָל מען אָרגאַניזירן די אידן פון דער גאַנצער וועלט, נאָכדעם זיך אַוועקלאָזן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַראָפּוואַרפן דעם סולטאַן און שבתי־צבי זאָל ווערן אַ מלך אין ארץ־ישראל. באַלד איז מען אויך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אויפרופן זענען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע גרויסע אידישע ישובים, שליחים האָט מען געשיקט קיין אַפריקע, קיין אייראָפּע און אַזיע, מ'זאָל וועקן אידן צו תשובה און אָרגאַניזירן אידן צו משיח'ן.

איז אָבער דאָס דעמאָלטיגע ארץ־ישראל מיט צוויי טויזנט נפשות, אינגאַנצן אָפּהענגיג מיט זיין עקזיסטענץ פון די רבנים אין גלות. און פוילן, וואָס האָט שטענדיג געשטיצט דעם ישוב אין ארץ־ישראל, איז נאָך גזרת ת״ח אינגאַנצן חרוב געוואָרן. דער דלות אין ארץ־ישראל איז געווען אומגעהויער. דאָס געפיל פון אָפּהענ־

גיקייט — זייער טיף, און דער פּחד פאַר'ן מאָרגנדיגן טאָג האָט אָפּגענומען בא זיי דאָס לעצטע ביסל מאָראַלישע זעלבסטשטענ־דיקייט. אַז מ'האָט אין דער צייט דערהערט פון די רבני'שע חרמות געגן שבתי־צבי, האָבן די ארץ־ישראל רבנים אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון משיח'ן. שבתי־צבי מוז פאָלגן. ער קערט זיך אום אהיים, קיין סמירנא, וואו דער אַמאָליגער חרם אויף אים איז לאַנג שוין געווען פאַרגעסן. ווערט סמירנא דער משיח־צענטער (1665). דאָס קליינע פאָלק, די אָרימע און דער־שלאָגענע, גייען אַרויס פון די כלים פון די פייערדיגע רעדעס, וואָס שבתי־צבי'ס מקורבים האַלטן. די העכערע שיכטן שטייען צו צו אים, נאָך קורצער איבערלייגונג. און צווישן זיי קומען אפילו לומדים און פּרנסים. עס קומען אהער פּאָרשטייער פון די „גלויביגע" פון פאַרשידענע שטעט אין טערקיי. מ'קומט אפילו פון ירושלים. אַלץ, וואָס שטייט אין באַרירונג מיט שבתי־צבי איז פאַרנומען מיט תעניתים, מיט פייניגן דאָס לייב, מיט צדקה־געבן און תשובה טאָן. סמירנא איז געוואָרן אַן אמת'ער לאַגער פון בעלי־תשובה. אפילו גאַסן־דעמאָנסטראַציעס האָט מען געמאַכט פאַר שבתי־צבי, און „לעבן זאָל דער קעניג" — האָט מען גערופן פאַר אים. און אָנשטעקענד איז די סמירנא'ר לופט געוואָרן פאַר נאָענט און פאַר ווייט. ביז איבער גרעניצן און ווייטע ימים האָט זי געגרייכט. און אין גאָר דער וועלט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן נביאים און נביאות, דערהויפּט נ ב י א ו ת, וואָס האָבן אין היסטערישן צושטאַנד מודיע געווען אין אַלע גאַסן, אַז משיח איז געקומען, אַז דער בית־המקדש ווערט באַנייט, און אידן קערן זיך אום קיין ארץ־ישראל. און גרויסע מענשן־מאַסן, אַלט און יונג, רייך און אָרים, תלמידי־חכמים און עמי־הארצים — אַלע ווערן אַרומגעכאַפּט פון דעם גלויבן. נעכטיגע צווייפלער, פון וועלכע מאָטיוון אויך, ווערן היינט גלויביגע. נעכטיגע פּאַסיווע קומען היינט צו ענטוזיאַסטי־שער אַקטיוויטעט. גרויסע רבנים הויבן־אָן צו געפינען אַ באַרעכ־טיגונג צו דעם גלויבן אָן שבתי־צבי. אפילו אַזאַ פילאָזאָף ווי ספּי־נאָזאַ בלייבט ניט גלייכגילטיג צו דער באַוועגונג. און אַז אַנדערע

רבנים פּראָטעסטירן געגן דעם, וואָס שבתי־צבי האָט מבטל געמאַכט דעם תענית עשרה־בטבת (און שפּעטער אויך שבעה־עשר בתמוז און תשעה־באב) — וואָרים צו וואָס פאַסטן אויף חורבן בית־המקדש, אַז ער וועט שוין ווידער אָפּגעבויט ? ! — האָט זיך קיינער מער ניט גערעכנט מיט׳ן פּראָטעסט. און אַז איינער פאָדערט פון אים אַ וואונדער, וואָס זאָל באַשטעטיגן, אַז ער האָט רעכט מבטל צו זיין אַ תענית, האָט שבתי־צבי געענטפערט: „צו וואָס מופתים באַווייזן ? דער בעסטער מופת וועט זיין, וואָס מיט דיינע אויגן וועסטו זען, ווי טויזנטער און טויזנטער אידן וועלן פון תענית מאַכן אַ יום־טוב“. און אַזוי איז געווען. די שבתי־צבי באַוועגונג איז אַריבערגעוואַקסן די רבנים מיט זייערע צוימען. אין אַמסטערדאַם און אין ווענעדיג, אין דייטשלאַנד און אין אונגאַרן, אין פּוילן און אין עסטרייך — אומעטום איז די באַוועגונג געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, פון בריוו צו בריוו, וואָס פלעגט אָנקומען פון סמירנא אַהין, דערהויפּט צו די ספרד׳ישע אידן. אין די בתי־מדרשים און אויף פרייע פּלעצער האָט מען די בריוו געלייענט. מיט פּאַראַד און מיט מוזיק און אין יום־טוב־קליידער האָט מען די בריוו פאַרעפנטלאַכט. אויך די קריסטלאַכע און מחמד׳נישע וועלט איז איבערצייגט, אַז משיח איז געקומען און די אידן ווערן שטאַלץ בײַ זיך. זיי ערקלערן די גויים, אַז אוים: זיי זענען שוין מער ניט קיין קנעכט בײַ די גויים פון דער וועלט. און די גויים הערן דאָס, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענד־לאַכקייט. זיי האָבן עס דאָך אויך אַליין שוין געזען און באַגריפן... מ׳פאַרקויפט אוים, און מ׳לאָזט אויף הפקר הייזער און גיטער און פאַרמעגן, און מ׳וואַרט אויפ׳ן נאָענטן טאָג, ווען מ׳וועט זיך לאָזן אין וועג אַריין. מ׳זאַמלט זיך אין די האַפן־שטעט: האַמבורג, אַמסטערדאַם, ווענעדיג, ליוואָרני, און אויך אין די מאַראָקאַנישע האַפן־פּלעצער. אידן שמאַכטן נאָך אויסלייזונג. און נאָר ווייניגע האָבן עס געפּרובט אָפּן זיך אַנטקעגן צו שטעלן. אַ פאָלק האָט זיך פון פאַרקימערונג אַרויסגעריסן, ווער זאָל אים שטערן ? אַ פאָלקס־באַגייסטערונג האָט די וועלט פאַרפּלייצט, ווער קאָן זיך דען אַנטקעגנשטעלן ?

ס'קומט דאָס יאָר 1666. שבתי־צבי איז איצט אַלט שוין פערציג יאָר, און ער און די זייניגע באַשליסן זיך צו לאָזן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַראָפּוואַרפן דעם סולטאַן און אויפריכטן דוד'ס שטול אין ארץ־ישראל. דער דאָזיגער באַשלוס האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער אַלע גלות־לענדער. מיט גוואַלדיגן שטוינען הערט מען צו די געוואַגטע אונטערנעמונג פון משיח'ן און מיט אַ ציטערניש אין די לענדן און איינגעהאַלטענעם אָטעם וואַרט מען אויף נסים. די אידן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל באַגעגענען דעם „מלך המשיח" מיט אָפענע אָרעמס. דער סולטאַן איז ניט געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און דער גרויס־וויזיר, זעענדיג דעם טומל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, סיי צווישן אידן, סיי צווישן מחמד'אַנער, אַרום דעם ניי־אָנגעקומענעם, לאָזט ער שבתי־צבי שמידן אין קייטן און אַריינזעצן אין פעסטונג. לכתחילה ווערן די נאָכפאָלגער ווי ענטוישט. אָבער אינגיכן טרייסט מען זיך: אויב מ'האָט אים בלויז אין תפיסה אַריינגעזעצט און ניט גע'הרג'עט, איז שוין דאָס אַליין אויך אַ גרויס וואונדער. שבתי־צבי אַליין האָט פאַרשטאַנען, אַז די קייטן און די תפיסה נעמט זיך דערפון, וואָס דאָס פאָלק האָט נאָך ניט גענוג תשובה געטאָן, מוז ע ר, דורך זיינע לײדן, אויסקויפן די זינד פון פאָלק. און ער נעמט עס אָן פאַר ליב. און אַז דער גרויסער עולם אָנהענגער האָט זיך באַרואיגט, קויפט מען אונטער די שומרים און מ'פאַרוואַנדלט די פעסטונג אין אַ פּאַלאַץ („מגדל־עוז" האָט מען אים גערופן), רייך געמעבלירט און שיין באַפּוצט; דעם אַרעסטירטן טוט מען אָן בגדי־מלכות, אַ טראָן שטעלט מען אויף אין פעסטונג און שבתי־צבי זעצט זיך אויפ'ן טראָן. אַלע אָנוועזענדע שווערן אים אונטערטעניקייט און פון ווייטע שטעט און לענדער קומען אָן מעלדונגען פון מאַסן גרויסע, פון קהלות גאַנצע, אַז זיי שווערן טרייקייט דעם מלך־המשיח. און שליחים זענען צום מלך געקומען פון מצרים און פון טערקיי, פון איטאַליע און פון פאַלעסטינע, פון אַזיע און פון אַפריקע, פון האָלאַנד און פון דייטשלאַנד און פון פּוילן איבערצוגעבן טרייע אונטערטעניקייט אין נאָמען פון די דאָרטיגע אידן.

דער „ועד ארבע ארצות" שיקט צוויי גרויסע קראָקויער תלמידי־חכמים און מיוחסים אַלס דעלעגאַציע צום געפאַנגענעם מלך. זיי קומען אַהין און ווערן נשתומם דערפון, וואָס זיי זעען ארום זיך; אַ קעניגלאַכער פּאַלאַץ, אַ קעניגלאַך באַנעמען. זיי בעטן באַם מלך הילף געגן כמעלניצקי'ס שחיטות און ער טרייסט זיי, אַז ער פאַר־געסט קיינמאָל ניט אָן די אידישע צרות און אינגיכן וועט קומען דער טאָג פון שטראָף. די דעלעגאַציע פאָרט אַוועק געטרייסט. און קומענדיג קיין פּוילן צוריק, ווערן בריוו פאַנאַנדערגעשיקט אומעטום, וואוהין זיי האָבן געקאָנט גרייכן, און אין די בריוו ווערט גערופן צו זאַמלען זיך און פּאַראייניגן זיך אַרום משיח'ן, וואָס וועט אינ־גיכן אָנהויבן צו באַווייזן גרויסע וואונדער און אויסלייזן די אידן פון אַלע זייערע צרות. און אַז דאָס אַלץ איז וויט און ברייט מפורסם געוואָרן, איז אויפגעשטאַנען דער גרויסער פּוילישער מקובל רבי נחמיה הכהן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי אַליין זיך צו איבערצייגן אין דער ריכטיגקייט פון די אַלע קלאַנגען וועגן משיח'ן, וואָס זענען צו אים דערגאַנגען. ער איז אַהינגעקומען. אַ לאַנגע צייט פאַרבראַכט מיט שבתי־צבי. דער לעצטער האָט פאַר רבי נחמיה'ן אַנטדעקט אַלע זיינע מיינונגען און פּלענער און רבי נחמיה איז געבליבן אומצופרידן. אַז ער איז אַרויסגעקומען פון שבתי־צבי, האָט ער אויפגעהויבן אַ גרויסן טומל:

— אידן, איר זענט אָפּגענאַרט! דער וואָס זיצט דאָרט איז קיין משיח **ניט!**

ער האָט געמיינט, אַז דאָס פאָלק וועט זיך לאָזן רעדן, דאָס פאָלק איז אים אָבער באַפאַלן מיט זלזולים און מיט געשלעג, האָט ער באַשלאָסן צו ווירקן מיט גוואַלט. דערשלאָגט ער זיך אָן אודיענץ באַם גרויס־וויזיר און פאַר'מסר'ט פאַר אים שבתי־צבי, אַז ער טראָגט זיך אום מיט רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און וויל אונטער־גראָבן דעם סולטאַנ'ס טראָן. די מסירה גרייכט צום סולטאַן און ער לאָזט אַרויסרופן צו זיך משיח'ן. די פלוצלינגדיגע איינלאַדונג צום סולטאַן וואַרפט אָן אַן אימה אויף שבתי־צבי. ער ווערט באַ זיך געפאַלן. אָפּהענגיג. די איניציאַטיווע איז איבערגעגאַנגען אין

האַנט פון׳ם שונא, און ער מוז זיך אונטערגעבן. ניט קיין גוטער סימן... קיין נס איז נאָך אַלץ ניט געשען. דער גרויסער עולם, האָט ער מורא, וועט אָנהויבן זיך צו וואַקלען, און דאַן... האָט ער דאָך זיין גאַנצן גלויבן אין זיך געשעפּט פון דעם גלויבן און באַגייסטערונג פון פאָלק! דאָס צוזאַמענטרעפן מיט׳ן סולטאַן שרעקט אים. ער באַפעלט אַלע זאָלן מתפלל זיין פאַר אים. און דעם פופצענטן אלול 1666 קומט פאַר די אודיענץ באַם סולטאַן. דאָ פרעגט בא אים דער סולטאַן:

— כ׳האָב געהערט זאָגן אויף דיר, אַז דו ביסט אַ געטלאַכער מאַן, אַז דו ווילסט אויסלייזן די אידן פון גלות און זיי אוועקפירן קיין ירושלים, אין מיין לאַנד אריין. איז עס טאַקע אמת, אַז דו ביסט משיח?

און משיח האָט געענטפערט:

— אַ אידישער געלערנטער בין איך און דעם גרויסן גאָט פון אברהם דין איך פון מיין קינדהייט אָן. און דאָס, וואָס מענשן זאָגן אויף מיר, אַז איך בין משיח, איז אַז ס׳וועט קומען די צייט און גאָט׳ס ווילן וועט זיין דערביי, וועט עס מקוים ווערן. צי דאָס וועט געשען דורך מיר אָדער דורך אַן אַנדערן, ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל.

דעם סולטאַן אין דער ענטפער ניט געפעלן. ער הייסט געפאַנגען נעמען אַלע חשוב׳ע אידן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זיי, אינאיינעם מיט זייער משיח׳ן, אויפהענגען. דער טאָלמעטשער, אַ גע׳שמד׳טער איד, וואָס איז דערביי געווען, האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער גרויסער סכנה, וואָס שוועבט איצט איבער׳ן קאָפּ פון כלל־ישראל. שבתי־צבי איז צוזאַמענגעבראָכן. האָט אינגאַנצן זיך פאַרלוירן.

— ווי ראַטעוועט מען דאָס אידישע פאָלק? — האָט ער אין פאַרלוירנקייט און פאַרצווייפלונג געפרעגט באַם טאָלמעטשער.

— ש מ ד — האָט דער טאָלמעטשער אים קורץ געענטפערט, און אים דערלאַנגט דעם טערקישן טורבאַן.

שבתי־צבי האָט דעם טורבאַן אָנגעטאָן — א סימן, אז ער האָט אָנערקענט דעם מחמד'נישן גלויבן.

איצט האָט אים דער סולטאַן באַפרייט פון פעסטונג. זיין ווייב און איינינע מקורבים נעמען אויך אָן דאָס מחמדאַנענטום. דער גרויסער עולם צעלויפט זיך אין גרויס שרעק און יאוש. אָבער שוין א גע'שמד'טער, זאַמלען זיך אַלץ נאָך ארום אים פארגעטערער. ער אַליין בלייבט אויך נאָך איבערגעגעבן דעם אידנטום און ווינציגע, אָבער פון אומעטום, מעלדן אים אויך איצט נאָך טרייקייט. נאָר אַז דער סולטאַן ווערט געוואויר, אַז שבתי־צבי פאַרקערט אַלץ נאָך מיט אידן, לאָזט ער אים פארשיקן אין ווייטן אלבאַניען, וואוהין קיין אידישער פוס קומט ניט. דאָרט, אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל ד אָ ל צ י נ א, פאַרברענגט ער זיינע לעצטע יאָרן אין עלנט, קראַנקייט און אָרימקייט. פאַר זיין טויט האָט ער געבעטן זיינע וועכטער, אַז זיי זאָלן אים ניט באַגראָבן, נאָר אַ גוסס'ען זאָלן זיי אים אוועקלייגן באַם ברעג ים, כדי דער שטראָם זאָל אים פארטראָגן און קיין מענש זאָל ניט וויסן, וואו זיין געביין איז אהינגעקומען און מ'זאָל ניט קומען אויף זיין קבר.

יום כפור 1676 איז ער געשטאָרבן. צי האָבן די וועכטער געפאָלגט זיין צוואה, צי ניט, ווייסט מען ניט. אָבער זיין גערעכניש איז ביז אויפ'ן היינטיגן טאָג ניט אינגאנצן פארשוואונדן. אין פאַר־שיידענע ערטער, דערהויפּט אין נאָענטן מזרח, געפינען זיך אויך איצט נאָך קליינע סעקטן, וואָס געדענקען זיין נאָמען און פאַר־געטערן אים.

דער בעל־שם

„רבי ישראל בעל־שם״, דער „בעל-שם״, דער „בעל-שם-טוב״, אָדער דער „בעשט״ — דאָס זענען די נעמען פון דעם מענטשן, וואָס האָט געשאַפן די חסידות. מיסטיק און עקסטאַז — דאָס זענען די צוויי עלעמענטן פון וועלכע די חסידות באַשטייט. פון דער פאַרבינדונג צווישן עקסטאַז און מיסטיק איז אויך אַרויסגעקומען די לעגענדע וועגן דעם שאַפער פון חסידות.

און אָט זעט דעם וואונדער: דער מענש, דער בעל־שם, האָט געלעבט, מ׳קאָן זאָגן, כמעט אין אונזערע צייטן. אין צייטן, ווען געשייעניש און ערשיינונגען ווערן פאַרשריבן און געדרוקט און פיל פאַרשפּרייט. מענטשן זעען נאָך כמעט דעם בעל־שמ׳ס טריט. מ׳ווייסט, וואו ער איז געבוירן, וואו געוואַנדערט, וואו געווירקט און וואו זיינע ביינער רוען. א רעאַלע פּערזענלאַכקייט, אַלזאָ, ווי איינער פון אונז: מיט ערפאָלג און דורכפאַל, מיט שלעכטע יאָרן און גוטע יאָרן.

קומט מען אָבער זאַמלען דעם מאַטעריאַל פאַר זיין לעבנס געשיכטע; זיפּט איר עס און קלייבט עס איבער, בלייבט בא אייך אין די הענט בלויז... לעגענדע. זי נעמט אים אויף נאָך פאַר׳ן געבוירן, און לאָזט אים ניט אָפּ ביז א שטיק נאָכ׳ן טויט.. די לעגענדע, אָדער לעגענדעס, זייַען כאַראַקטעריסטיש פאַר׳ן פאָלק, וואָס האָט זיי געשאַפן. פאַר דער צייט, ווען מ׳האָט זיי געשאַפן, אָבער קיין געשיכטע זענען זיי ניט.

איר ווילט קענען די אָפּשטאַמונג פונ׳ם בעל-שם? דערציילט מען אייך:

אין דער מדינה וואָלאַכיי, אין שטעטל אָקופּ, נאָענט בא דער פּוילישער גרעניץ, האָט געלעבט א איד, רבי אַליעזר מיט

זיין ווייב. אַלטע לייט זענען זיי געווען, אָרימעלייט און האָבן קיין קינדער ניט געהאַט. ויהי היום, באַפאַלן רויבער די שטאָט און נעמען צו רבי אליעזר'ן אין געפאַנגנשאַפט, און זיין אַלטע אנטלויפט אין אַן אַנדער שטאָט און ווערט אַ הויב־אַמע. האָט מען דעם אַלטן פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט אין אַ ווייטער מדינה, וואו קיין אידן זענען ניט געווען, האָט ער יאָרנלאַנג געדינט זיין בעל־הבית און פאַר זיין ערלאַכקייט האָט אים דער בעל־הבית געמאַכט פאַר אַ פאַרוואַלטער איבער זיין גאַנצער ווירטשאַפט. דער בעל־הבית איז געווען אַזוי צופרידן פון אים, אַז ער האָט אים אַפילו ערלויבט צו האַלטן שבת. אין אַ צייט אַרום האָט אים זיין בעל־הבית אַוועקגעשיינקט צום מלך'ס יועץ, איז ער דעם מלך'ס יועץ אויך זייער געפעלן געווען. האָט ער אים ערלויבט צו האָבן אַ באַזונדערן חדר, וואו ער האָט שטענדיג געדאַוונט און געלערנט. מחמת דעם, וואָס ער האָט דעם מלך'ס יועץ געגעבן אַמאָל אַ גוטע עצה, איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט'ן מלך אַליין אויך, האָט אים דער מלך געמאַכט פאַרן עלטסטן און פירער פון אַלע זיינע חילות, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געפילט געדריקט, און האָט געוואָלט אַנטלויפן, האָט מען אים פון הימל מתרה געווען: „אייל זיך ניט, די צייט איז נאָך ניט געקומען!" אַז דעם מלך'ס יועץ איז געשטאָרבן, האָט דער מלך גענומען דעם יועץ'ס טאָכטער, און זי געגעבן רבי אליעזר'ן פאַר אַ ווייב. ער האָט זי אָבער ניט אָנגערירט חלילה. און אַז זי איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל איר געבן באַשייד אויף זיין דערווייטערן זיך פון איר, האָט ער איר דערציילט, אַז ער איז אַ איד. אַז זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי אים אָנגעשאָטן מיט גאָלד, מיט זילבער, מיט טייערע שטיינער און באַלד אים אָפּגעשיקט אין זיין לאַנד אַריין. אין וועג זענען אים באַפאַלן גזלנים און אַלץ אָפּגענומען פון אים. האָט ער געהאַט גרוים פאַרדרוס. איז געקומען אליהו הנביא און האָט צו אים געזאָגט: אין דעם זכות וועסטו האָבן אַ זון, וואָס וועט זיין אַ ליכט אין די אויגן פון

פאָלק ישראל, און ישראל וועט ער הייסן". איז דער אַל־טער געקומען אַהיים, און האָט געטראָפן זיין ווייב, איז בא זיי אויף דער עלטער געבוירן געוואָרן אַ זון, האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן ישראל — דאָס איז דער בעל־שם — און זיי זענען שוין דעמאָלט אַלט געווען קרוב צו הונדערט יאָר.

אַז מ'האָט דאָס קינד אַנטוויינט, איז דאָס קינד געבליבן אָן טאַטע־מאַמע. איז ישראל'יק געבליבן אויף קהל'שער השגחה. אין חדר וויל ער ניט זיצן, אַנטלויפט ער פון חדר און בלאָנקעט זיך אַרום אין פעלד און אין וואַלד. און אַז שטאָט זעט, אַז דער יתום איז אַ לא־יוצלח, לאָזט מען אים לויפן. ווערט ער אַ באַ־העלפער בא אַ מלמד.

אָבער אַ באַהעלפער צו אַ באַהעלפער איז ניט גלייך. אַז ער איז געגאַנגען מיט די קינדער איבער די אָקופּער גאַסן, פירנדיג זיי אין חדר אַריין, האָט ער געזונגען מיט זיי. איז דאָס קול זיינס געגאַנגען אין זיבעטן הימל. האָט ער דאָרט געמאַכט אַזאַ נחת־רוח, ווי דאָס געזאַנג פון די לויים אין בית־המקדש. האָט זיך דער שטן זיי'ער דערשראָקן. האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ מכשף. דער מכשף האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ וואָלקולאַק, אַ חיה אַזאַ. האָט ער זיך געוואָרפן אויף די קינדער, בעת זיי זענען געגאַנגען אין חדר אַריין און זיי זענען זיך אַלע צעלאָפן. דער באַהעלפער האָט אָבער פאַר־שטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער איינגערעדט די עלטערן, זיי זאָלן אים אָנטרויען די קינדער און ער וועט זיי אָפּהיטן פון אַלדאָס בייז חלילה. האָבן זיי זיך געלאָזט איבעררײדן. האָט ער גענומען אַ גרויסן שטעקן און אַז דער וואָלקולאַק איז זיי נאָך אַמאָל באַפאַלן, איז דער באַהעלפער צוגעלאָפן צו אים, האָט אים אַזאַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן, אַז יענער איז געפאַלן אַ טויטער. שפּעטער האָט מען דערזען, אַז דאָס איז געווען דער ערל, דער מכשף.

פאַר זיין בריה'שקייט האָט מען דעם באַהעלפער געמאַכט פאַר אַ וועכטער אין בית־המדרש. אַלט געווען איז ער קרוב

צו דרייצעהן יאָר. און שוין איצט איז ער אַ „נסתר״: בעת אַלע לערנען אין בית־המדרש, שלאָפט ער. אָבער בעת אַלע שלאָפן — וואַכט ער. לערנט ער, אַז קיינער זאָל ניט מערקן.

ווילט איר וויסן: וואָס ער לערנט? דערציילט מען אייך:

ערגיץ אין אַ שטאָט האָט געלעבט אַ וואונדערמאַן מיט'ן נאָמען: רבי אדם בעל־שם. האָט ער ערגיץ אין אַ הייל געפונען כתבים, וואָס זענען פול געווען סודות און סודי־סודות פון דער תורה, פון קבלה און פראַקטישע קבלה. נאָר אברהם אבינו האָט געקענט די דאָזיגע כתבים, יהושע בן נון און דער דריטער: רבי אדם. האָט ער באַוויזן וואונדער מיט'ן כח פון די כתבים: גאַנצע פּאַלאַצן פון עפּעס אַ קעניג האָט ער אויסגעריסן און אַריבערגעטראָגן אין זיין שטאָט אַריין. מיט'ן זעלבן כח האָט ער זיין פרוי אויסגעפּוצט אין די רייכסטע קליידער, א. ד. גל. פאַר זיין טויט האָט מען אים פון אויבן געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל די כתבים איבערגעבן דעם אינגל ישראל. האָט רבי אדם צוגערופן זיין זון, האָט אים איבערגעגעבן די כתבים און צו אים אַזוי געזאָגט: געפין אויס אַ שטאָט מיט'ן נאָמען אָקופּ; דאָרט וועסטו געפינען אַ בחור פון אַ יאָר פערצען, וואָס הייסט ישראל בן אליעזר, זאָלסטו די כתבים אים איבערגעבן.

און אַזוי איז געווען. האָט דער בחור ישראל געלערנט פון די דאָזיגע כתבים און איז געוואָרן אַ גרויסער למדן אין סתרי־תורה. און אין תורה איז ער לאַנג שוין געווען אַ למדן. איז ער אַוועק אין אַ שטעטל לעבן בראָד און איז געוואָרן אַ מלמד. האָט ער געפונען לייטזעליקייט אין די אויגן פון די איינוואוינער פון שטאָט. הן מיט זיין לומדות, הן מיט זיין פיינקייט, איז וואו אַ סכסוך צווישן מענטשן, וואו אַ דין־תורה, איז מען געגאַנגען צו אים. אָבער פון זיינע „סתרי תורה״ האָט קיין מענטש ניט געוואוסט.

אזן ווי האָט ער זיך אויפגעפירט אַלס נסתר (פאַרבאָרגע־נער צדיק)?

האָט געטראָפן, אַז רבי אפרים קיטעווער האָט געהאַט אַ סכסוך מיט אַ אידן פון יענעם שטעטל, וואו דער בעל־שם איז געווען מלמד, זענען זיי געקומען זיך משפט'ן פאַר אים. ווי נאָר רבי אפרים האָט זיך באַוויזן פאַר'ן בעל־שם, האָט דער בעל־שם באַלד דערזען דורכ'ן רוח־הקודש, אַז רבי אפרים'ס טאָכ־טער איז זיין זיווג. האָט ער געזאָגט אַ פשט אין רמב"ם, וואו ער האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל חריפות, אַז רבי אפרים איז נשתומם געוואָרן. האָט ער געפונען לייטזעליקייט אין רבי אפרים'ס אויגן, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ גע'גט'ע פון איר ערשטן מאַן, האָט ער זי פאָרגעשלאָגן דעם בעל־שם פאַר אַ ווייב. דער בעל־שם איז מרוצה געוואָרן, האָט מען געשריבן תנאים, וואו דער חתן איז פאַרשריבן געוואָרן בלויז מיט'ן נאָמען ישראל בן אליעזר. רבי אפרים איז אַוועק־געפאָרן אַהיים און איז אין וועג געשטאָרבן. זיין זון, דער בראָ־דער רב, רבי גרשון קיטעווער, איז געקומען ברייננגען זיין פאָטער צו קבר ישראל. האָט ער אין פאָטער'ס קעשענע געפונען זיין שוועסטער'ס תנאים. האָט עס אים אפילו געוואונדערט: ער קען ניט דעם חתן, ניט זיין משפחה. ווער אַזוינער זאָל עס זיין? אָבער די שוועסטער האָט מסכים געווען צום שידוך. „אַז דער טאַטע האָט געטאָן, מן הסתם האָט ער געוואוסט וואָס ער טוט". האָבן זיי געוואָרט. ויהי היום איז צו רבי גרשון'ען אין שטוב אַריין אַריינגעקומען אַ פאַרגרעבטער מאַן, אַ פאַרוואַקסענער און אַ פאַרשטויבטער, אָנגעטאָן אין אַ קורץ פעלצל מיט אַ פויערשן גאַרטל און געזאָגט דעם רב, אַז ער האָט אים עפּעס צו זאָגן בסוד. דער רב האָט אים אַריינגערופן אין אַ באַזונדערן צימער, און דאָ האָט אים דער מאַן געוויזן אַ קאָפּיע פון דער שוועסטער'ס תנאים און אַ זאָג געטאָן:

— גיב מיר מיין ווייב!

דער הולך, דער טאָן און די ווערטער האָבן אויף רבי גרשונ׳ען געמאַכט אַזאַ שווידערליכן איינדרוק, אַז ער האָט שוין געוואָלט אָפּלאָזן דעם שידוך. האָט אָבער די שוועסטער ניט געוואָלט. פאַר דער חופה האָט רבי ישראל אַטפּלעקט דער כלה ווער ער איז אין אמת׳ן. ער האָט זי אָבער באַשוואָרן, אַז ביז אַ צייט זאָל זי עס פאַר קיינעם ניט אויסזאָגן. אַזוי האָבן זיי חתונה געהאַט. רבי גרשון האָט געהאַט גרויסע בזיונות פון זיין שוואָגער דעם קאָלאָ־סאָלן עם־הארץ. די שוועסטער האָט זיך אָבער גט׳ן ניט געוואָלט. האָט ער פאַר זיי געקויפט אַ פערד און וואָגן און זיי אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט אַריין. זיינען זיי געפאָרן וואַלד־אויס וואַלד־איין, ביז וואַנען זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ דאָרף צווישן קיטעווע און קאָסעווע. איז דאָס ווייב געזעסן אין דאָרף און ער פלעגט פאַר־ברייננגען אין די קאַרפּאַטן־בערג. אַליין, וויַיט פון מענשן. דאָ האָט ער הפסקות געפאַסט (פון שבת צו שבת). און האָט ער געוואָלט עסן, האָט ער געמאַכט אַ גריבל אין דר׳ערד, אַריינגעשאָטן אַהין מעל, אָנגעגאָסן וואַסער, פאַרקנאָטן און נאָכדעם אויפ׳ן זון געבאַקן. ס׳ווייב פלעגט צוויי־דריי מאָל אין וואָך קומען צו אים מיט׳ן פערד און וועגל, האָט ער עס אָנגעשאָטן פול מיט זאַמד, האָט זי עס אַוועקגעפירט אין נאָענטן שטעטל אַריין, דאָס פאַר־קויפט און דערפון זיך מפרנס געווען.

אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט גאַנצע זיבן יאָר. דאָס פעלצל האָט ער פון זיך ניט אַראָפּגענומען און פון צווישן די קאַרפּאַטן־בערג איז ער ניט אַרויסגעטראָטן.

נאָך די זיבן יאָר קערט ער זיך אום צווישן מענשן. באַזעצט ער זיך אין אַ דאָרף. דאָס ווייב פאַרקויפט בראַנפן און ער איז אַ שוחט. אָבער ביידע פרנסות געניגן ניט צום לעבן. די דחקות און דער דלות ווערן אים שוין ניט אַריבערצוטראָגן. דערצו קומט אויך די שווערינקייט וויַיטער נאָך איינצוהאַלטן אין זיך דאָס ליכט, ס׳זאָל פון זיך קיין שטראַל ניט אַרויסלאָזן. הויבט ער אָן שריטווייז זיך צו אַנטפּלעקן.

עס איז געווען פאר פסח. ניט קיין מצות, ניט קיין פלייש. פארט ער ארויס אין די ארומיגע דערפער צו שחט'ן, און קויפט פסח'דיג מעל און פירט עס אהיים. ברעכט־אויס א רעגן און דאס מעל ווערט פארנעצט, חמצ'דיג. פארט ער נאך אמאל דעם זעלבן וועג. קויפט ווידער פסח'דיג מעל. אבער אין מיטן וועג פאלט דער פערד און פגר'ט. שלעפט ער אליין דעם וואגן. בלייבט ער אבער גיך אן כחות. הויבט ער אן צו וויינען. איז אונטערגע־קומען א גוי און האט אים אפגעפירט זיין מעל אהיים.

און אט דער גוי איז געווען אליהו הנביא. אינגיכן טרעפט מען דעם בעש"ט האלטען א קרעטשמע. ס'ווייב שטייט ביים סטאיקע און ער באדינט די געסט. און איצט איז ער שוין באלד אלט זעקס און דרייסיג יאר — דער עלטער ביז וואנען ער האט געמוזט בלייבן א נסתר. אבער ניט מער. איז היינט איין גאסט, מארגן א צווייטער, באמערקן עפעס אויסטערלישעס אין דעם „חמר מיט'ן פעלצל", אבער עס בלייבט ביי זיי א סוד.

אין אט דער צייט פארפארט אין דער קרעטשמע רבי גרשון קיטעווער'ס א תלמיד. אפגערוט, אפגעגעסן, הייסט ער ישראל'ן, דעם בעל שם הייסט עס, איינשפאנען די פערד. ער וויל באלד פארן. טוט ער עס. ער בעט דעם אורח, ער זאל בלייבן ביי אים אויף שבת. לאכט יענער: עס איז ערשט דינסטאג, זאל ער זיך אפשטעלן שבת־האלטן! איז ער אוועקגעפארן. אבער קוים איז ער אפגעפארן א שטיקל וועג, האט זיך אים צעבראכן א ראד, און ער האט זיך געמוזט אומקערן אין דארף אריין. דערווייל איז אוועק דער טאג. צו מארגנס איז ער ווידער אוועקגעפארן, און ווידער האט זיך עפעס צעבראכן אין וואגן און ווידער האט ער זיך געמוזט אומקערן. אזוי איז עס אנגעגאנגען ביז פרייטאג, און ער איז געבליבן שבת אין דארף. פיל צער האט רבי גרשונ'ס תלמיד, דער תלמיד חכם, געהאט פון דעם גראבן דארפסמאן, דעם עם־הארץ. א פארשטערטען שבת האט ער געהאט. נאר שבת נאך מנחה איז רבי ישראל אריין אין שטוב אן א מאסקע, און ביי שלש־סעודות האט ער געזאגט תורה און סתרי־תורה, וואס קיין

מענשן־אויער האָט נאָך אַזוינס קיינמאָל ניט געהערט. איז רבי גרשונ'ס תּלמיד געוואָרן אויסער זיך, געוואָלט שוין לויפן, דערציילן. אָבער דער בעל שם בעט אים, ער זאָל רבי גרשונ'ען גאָרנישט דערציילן, נאָר אין שטאָט צווישן חסידים זאָל ער גיין זאָגן: „אַ גרויס ליכט געפינט זיך נאָענט פון שטאָט, גייט און ברענגט אים אַריין אין שטאָט אַריין". און אַזוי האָט ער געטאָן. אַז די חסידים האָבן עס דערהערט, האָבן זיי באַלד משער געווען, אַז דאָס מוז זיין יענער מיט'ן פּעלצל, וואָס מ'האָט לאַנג שוין באַמערקט אין אים וואונדערליכע זאַכן. האָבן זיך אַלע געלאָזט גיין אין דאָרף אַריין. דער בעל־שם האָט עס דערפילט, האָט ער זיך געלאָזט גיין זיי אַנטקעגן. אין שטאָט אַריין. אינמיטן וואַלד האָבן זיי זיך באַגעגנט. האָט מען אָנגעבראָכן צווייגן פון בוימער, צונויפגעליינט אַ שטול. דעם בעל - שם אַרויפגעזעצט אויף דעם צווייגן-שטול און אים אָנגענומען פאַר אַ רב אויף זיך.

אָפּן איז איצט זיין הייליגקייט. אָפּן זיינע מעשׂים. און אין וואָס באַשטייען זיי?

אַ מענטש נעמט ער זיך, ער זאָל אים העלפן שרייבן שפּרוכן, קמיעות און סגולות. אַלע בעלי־שמות פאַר אים און אויסער אים, האָבן, אייגנטליך, אויך דאָס איינענע געטאָן. און דאָך אַנדערש. יענע פלעגן אָנשרייבן אָן אַ שיעור שמות און צרופים, און ער פלעגט געבן נאָר אַ גלאָט און ניט-באַשריבן כשר שטיקל פּאַרמעט, ווייל — אַזוי האָט ער ערקלערט — אויב דער באַדערפטיגער איז זוכה, קומען שוין ממילא יענע מלאכים, וואָס האָבן אַ שייכות צום ענין און באַלויכטן דעם כשר'ן פּאַרמעט. שדים און לצים האָט ער פון הייזער פאַרטריבן. בלינדע האָט ער זעענדיג געמאַכט. משוגעים האָט ער נאָרמאַל געמאַכט. און איז עס שווער געווען, האָט ער ריזיקירט מיטביידע וועלטן, אָבער זיינס האָט ער אין הימל געמוזט אויספירן. קומט ער צו אַ חולה און טרעפט דעם מלאך־המות צוקאָפּנס, זידלט ער אים אָן און טרייבט אים אַרויס, און דער קראַנקער ווערט געזונט. און שווערט ער, אַז יענער חולה וועט געזונט ווערן, איז אפילו

נאָכדעם ווי די נשמה איז שוין ארויס פון אים, מוז זי זיך צוריק אומקרן. וואָרים מ'וועט דאָך ניט דערלאָזן, אז דער בעל־שם זאָל חלילה פאַלש שווערן!... און אמאָל האָט ער צוגעזאָגט א אידן, אז ער וועט האָבן א זון. האָט ער געהאַט. אָבער פאַר'ן ברית איז דאָס קינד געשטאָרבן. פאַרדריסט עס דעם בעל־שם. הייסט ער מל זיין דאָס טויטע קינד. ווייזט זיך אָבער קיין בלוט ניט. זאָגט דער בעל־שם די ברכות. און אז ער איז געקומען צו די ווערטער: „זאָלסט דערהאַלטן ס'קינד באַ זיין פאָטער און מוטער", האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווייטער ניט געזאָגט קיין וואָרט ביז וואַנען דאָס קינד האָט אָפּגעלעבט... וואָרים מ'וועט דאָך ניט לאָזן דעם בעל-שם זיין חס ושלום א ליגנער!...

און וואָס מענשן ווייסן ניט, דאָס ווייסט ער, און וואָס מענשן זעען ניט, דאָס זעט ער. באַ איינעם האָט מען אוועקגע־גנב'עט א פּאָר אָקסן, איז ער געקומען צום בעל-שם. דער בעל־שם האָט א קוק געטאָן אין זוהר און געענטפערט: איך זע די אָקסן דאָרט און דאָרט. דאָס אייגענע געשעט מיט גע'גנב'עטע סחורה. דאָס אייגענע מיט א גביר'ס א זון, וואָס מ'האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען. דאָס אייגענע מיט גרויסע צדיקים, וואָס אים האָט אינטערעסירט צו וויסן וואו זיי געפינען זיך. מיט זיין געט־ליכן אויג לייענט ער אראָפּ פון יענעמס שטערן, וואָסערע עבירות ער האָט אָפּגעטאָן. ער זעט אויך ווי לאַנג יענער האָט נאָך צו לעבן. אין אזוינע פאַלן איז ער יענעמס מתרה: גיכער צו פאַרענדיגן זיינע געשעפטן. בכלל איז אים קיין זאַך ניט שווער געווען. אמאָל איז זיין ווייב צוגעשטאַנען צו אים: וואָס שווייגט ער וועגן זייער אָרימען מצב? האָט ער איר געענטפערט: „דו זעסט פאַר זיך אָט דעם אויוון? איך זאָל נאָר וועלן, איז מיט א פשוט'ן דאַווענען ווערט פון אים א שטיק גאָלד. נאָר איך שעם זיך פאַר גאָט צו בעטן באַ אים אזאַ זאַך"... גענוג געווען פאַר אים אראָפּגיין אין מקוה אריין און פאַרמאַכן די אויגן — און ער האָט געזען אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין אַלע וועלטן. און זיצנדיג, דאַכט זיך, צווישן מענשן, שפּאַצירט זיין נשמה אַרום אין די העכסטע ספערן, איז

זיך מפלפל מיט די גרעסטע צדיקים און אפילו מיט'ן רבונו של עולם אליין, וועגן א דין, וועגן א כונה, וועגן א היילינן שם. און נאר אין חלום זיינען אנדערע אמאל זוכה — אויב דער בעל־שם וויל עס — צו זען וואס פאר א תקיף ער איז אין די אויבערשטע וועלטן. און לייענען יענעמס געדאנקען איז פאר אים געווען גאר א קלייניקייט, און די, וועמעס געדאנקען ער טרעפט, און יענע וואס זעען אים באלעבאטעווען אין די עולמות־עליונים, ווערן זיינע אנהענגער און זיינע חסידים ביז'ן לעצטן אטעם זייערן.

איינער א גדול האט ניט געוואלט אנערקענען דעם בעל־שם. האט ער פרייטאג־צו־נאכט געזען אין חלום ווי דער אר"י (רבי יצחק לוריא) און דער בעל־שם זענען זיך אין הימעל מפלפל וועגן א שטעלע אין זהר. האבן זיי געפרעגט בא רבי שמעון בן יוחאי (דער מחבר פון זהר) און ער האט געענטפערט, אז גערעכט איז דער אר"י. האט אבער דער בעל־שם געזאגט: דעם זהר האסטו דאך געשריבן מיט רוח־הקודש, לאמיר פרעגן בא גאט אליין, ווי דער פשט איז. איז ארויס א קול און געלאזט הערן: גערעכט איז דער בעל־שם. און דעמזעלבן שבת צו שלש־סעודות האט יענער געהערט פון בעל־שם דעמזעלבן פשט אין זהר, וואס ער האט גע־הערט אין חלום... איז ער געווארן דעם בעל־שם'ס א חסיד און א תלמיד.

און איז איינער געווארן זיינער א תלמיד, איז ער שוין מער פון אים ניט אוועקגעגאנגען. ווארים פאר זיינע תלמידים האט ער זיך אנטפלעקט מער נאך ווי פאר דער איבעריגער וועלט. זיי האבן, למשל, געוואוסט, אז אליהו הנביא קומט אפט צום בעל־שם, אז יונה הנביא לאזט אים גריסן, אז רבי שמעון בן יוחאי און דער אר"י באזוכן אים אפט פון יענער וועלט אראפ. אמאל האט דער בעל־שם געדארפט האבן דעם ס"ם (דעם שטן) צו עפעס א זאך. האט ער אים אראפגעבראכט. יענער האט זיך געבייזערט: „וואס באאומרואיגסטו מיך? סך־הכל האט מען מיך דריי מאל אראפגע־בראכט אויף דער ערד: בעת אדם הראשון האט געזינדיגט, בעת אידן האבן געמאכט דעם עגל און בעת'ן חורבן בית־המקדש, און

ד ו שלעפּסט מיך אראָפּ צוליב ווער-ווייסט-וואָס.״ דער בעל-שם האָט אים אָבער אָנגעהאַלטן און געוויזן פאַר זיינע תלמידים. ער האָט זיי נאָר געהייסן אָפּצודעקן די שטערנס, כדי צו אַנטפּלעקן דעם „צלם־אלהים״, וואָס אויף זייערע פּנים׳ער, וועט ער זיי קיין בייז ניט טאָן... און אַמאָל איז ער מיט די תלמידים געגאַנגען שפּאַצירן אויסן שטאָט. איז געקומען מנחה־צייט, און ס׳איז קיין וואַסער ניט געווען, מיט וואָס די הענט צו וואַשן. האָט דער בעל־שם אַ קלאַפּ געטאָן מיט׳ן שטעקן אָן דער ערד, האָט זיך געעפנט אַ קוואַל וואַסער. שפּעטער האָט מען דאָ אויסגעבויט אַ וואַסער־מיהל... און פאַר די תלמידים איז עס קיין סוד ניט געווען, אַז בעת דער בעל-שם קומט אין שמונה־עשרה צו דער ברכה „מחיה המתים״, באַלאַגערן אים צענדליגער טויזנטער נשמות, וואָס בעטן פון אים אַ תיקון. „וואָרים ניטאָ קיין נשמה — האָט ער אַמאָל געזאָגט צו די תלמידים — פון אדם הראשון אָן, וואָס איך זאָל זי ניט קענען, און ניטאָ קיין איינציגע נשמה און ניט קיין איינ־ציגע תפלה, וואָס זאָל קומען אויף איר ריכטיגן אָרט אָן מיין ערלויבעניש.״ און פאַר זיי האָט ער אויך דערציילט, אַז ער איז אַמאָל איבערגעגאַנגען דעם דנעסטער גאָר אָהן אַ שם: ער האָט נאָר אויסגעשפּרייט דעם גאַרטל איבער׳ן וואַסער און איז אַרי־בערגעגאַנגען.

און ווי ניט, אַז ער איז אין הימל אַ גאַנצער בן-בית! אַלע שבת בייטאָג דרש׳נט ער דאָרטן חידושים אין סתרי־תורה, און צו שלש-סעודות דרש׳נט ער דאָס אייגענע דאָ, פאַר׳ן עולם. פאַר אים זענען אַלע היכלות אָפן. מלאכים קומען־צו צו אים, רעדן מיט אים, פרעגן בא אים. ער באַשטימט יעדן מלאך זיין פּלאַץ. און געפעלט אים ניט אַ מלאך, באַשטימט ער אַן אַנדערן אויף זיין אָרט...

און ווי אַזוי גאָט צו דינען האָט ער זיי געלערנט דורך אַ משל:

אַמאָל — האָט דער בעל-שם דערציילט — האָט אַ תלמיד־חכם געוואוינט אין איין הויז מיט אַ בעל־מלאכה. ביידע זענען זיי

גלייך פרי אויפגעשטאנען. איינער איז אוועק אין בית-המדרש צו לערנען און דאווענען, און דער אנדערער — צו הארעווען און צו ארבעטן. ארום האלבן טאג האט זיך דער תלמיד־חכם אומגעקערט אהיים א צופרידענער: ער האט אזוי פיל געלערנט, אזוי פיין געדאווענט! און דער בעל-מלאכה פלעגט קוים איצט לויפן אין בית-המדרש אריין כאפן א קדושה און אויף גיך אפדאווענען. אלע טאג פלעגן זיי זיך אין דער צייט באגעגנען. דער תלמיד־חכם פלעגט א שמייכל טאן און זיך זאגן: וואס פאר א חילוק צווישן מיר מיט אים! אין איין צייט זענען זיי ביידע געשטארבן. אין הימל האט מען געפרעגט דעם תלמיד-חכם: וואס האסטו געטאן אויף יענער וועלט? האט ער געענטפערט, איך האב פיל געלערנט, פיל און מיט כונה געדאווענט. „און מיט ביטול האט ער אויסגעלאכט דעם ארימען בעל-מלאכה, וואס ער האט באגעגנט גייענדיג פון בית-המדרש” — האט צוגעגעבן דער הימלשער באשולדיגער. און אז מ׳האט אויף איין וואגשאל ארויפגעלייגט דאס גאנצע לערנען און ס׳גאנצע דאווענען פונ׳ם תלמיד-חכם, און אויף דער אנדערער — דעם ביטול־שמייכל, האט דער לעצטער אריבערגע־וואויגן. האט מען דעם תלמיד־חכם אריינגעזעצט אין גיהנום. איצט האט מען געפרעגט דעם בעל-מלאכה: וואס האסטו געטאן אויף יענער וועלט? „איך האב שווער געארבעט, כדי צו שפייזן מיין פאמיליע. כ׳האב קיינמאל קיין צייט ניט געהאט ווי געהעריג צו דאווענען, און לערנען האב איך קיינמאל ניט געקענט” — האט דער ארימאן געענטפערט. „ער האט אבער שטענדיג א שווערן זיפץ געטאן, בעת ער האט באגעגנט זיין שכן דעם תלמיד-חכם” — האט זיך אריינגעמישט דער הימלשער פארטיידיגער. האט מען דעם ארימען ארבעטער אריינגעזעצט אין גן־עדן...

מוזן די רבנים זיין אומצופרידן מיט אזא באציאונג צו די תלמידי־חכמים, און זיי זוכן דעם בעל־שם אומשעדליך צו מאכן. האט מען זיך געזאלט צונויפפארן קיין בראד און דארט אריינ־לייגן דעם בעל־שם אין חרם אריין. האט דאס דער בעל־שם דערפילט, האט ער זיך איבערגעטאן ווי אן ארימאן און האט זיך געלאזט

גיין קיין בראָד. אונטערוועגס האָט ער באַגעגנט איינעם אַ רב פֿאָרן אין שטאָט אַריין, האָט ער יענעם געבעטן, ער זאָל אים אונטערפֿירן. דער רב האָט אים אַרויפֿגענומען אויף דער פֿור און אָנגעהויבן מיט אים רעדן. האָט אים דער בעל־שם געענטפֿערט ווילדע זאַכן, און דער רב האָט זיך צעלאַכט. זאָגט אים דער בעל־שם: וואָס לאַכט איר, רב? די גמרא זאָגט דאָך, אַז ווען איינער האָט אין שבת-צונאַכטסדיקן מעריב אַ טעות אין דער ברכה „אתה חונן", דאַרף ער באַזאָרגט זיין די גאַנצע וואָך (און מיט'ן רב האָט עס געהאַט געטראָפֿן)! איז דער רב געבליבן זיצן פֿאַרשטיינערט. נאָכדעם האָט זיך דער בעל־שם אַנטפּלעקט פֿאַר אים. איז דער רב געפֿאָרן קיין בראָד און ניט צוגעלאָזט, מ'זאָל דעם בעל־שם מחרים זיין...

אַזוי איז אים געלונגען אַלץ. אין אַלץ האָט מען אים נאָכגעגעבן ווי אַ ציטערדיגן בן־יחיד. נאָר איינמאָל האָט ער זיך גע-מוזט אונטערגעבן, און דאָס — אין זייער אַ וויכטיגן ענין. נעמליך: אין אַראָפּברענגען משיח'ן.

אויף דער עלטער האָט ער עס געוואָלט אויפֿטאָן. און כדי דאָס אויסצופֿירן, האָט ער געמוזט פֿאָרן קיין ארץ-ישראל. אָבער פֿון אויבן האָט מען ניט מסכים געווען, אַז ער זאָל אַהין פֿאָרן. האָט זיך דער בעל־שם דאָך איינגעעקשנ'ט און אַוועקגעפֿאָרן. די ערשטע טעג פּסח האָט ער געהאַלטן אין סטאַמבול און דעם ערשטן טאָג חול־המועד האָט ער געוואָלט פֿאָרן ווייטער: ער, זיין טאָכטער האָדעל און זיין סופֿר. זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צום ברעג און האָבן קיין שיף ניט געפֿונען. זאָגט דער בעל־שם צו זיין סופֿר: אויב דו ווילסט, שפּרייט איך אויס מיין פּאַטשיילע איבער'ן ים, — דו זאָלסט אָבער פֿאַרזיכטיג זיין און אַפֿילו אַ רגע ניט אַרויסלאָזן פֿון זינען דעם שם, וואָס איך וועל דיר איבערגעבן. טאָמער וועסטו אים אָבער יאָ אַרויסלאָזן פֿון זינען, זענען מיר אַלע פֿאַרלוירן. האָט דער סופֿר ניט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ ריזיקע. האָבן זיי געוואַרט ביז אַ שיף איז אָנגעקומען. אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך געזעצט אויף דער שיף האָט אויסגעבראָכן אַ

שטורם־ווינט און האָט געשליידערט די שיף גאַנצע צוויי מעת־לעת. אויפ'ן דריטן טאָג איז דער ים רואיגער געוואָרן, די שיף איז צוגעקומען צו אַן אינזל, און אַלע רייזנדע זענען אַראָפּגעגאַנגען צו באַקוקן ס'אינזל. איז דער בעל־שם מיט'ן סופר אויך אַראָפּ אויפ'ן אינזל. זענען זיי אוועק אַ ביסל צו־ווייט און האָבן פאַר־בלאָנדזשעט און ניט געפונען דעם וועג צוריק צו דער שיף. דער־ווייל זענען אויף זיי אָנגעפאַלן גזלנים, האָבן זיי געבונדן מיט שטריק און אָנגעהויבן שווין שאַרפן די מעסערס. פּלוצלינג האָט אָבער די גזלנים אָנגעהויבן חלש'ן ס'האַרץ, האָבן זיי זיך געזעצט עסן. זאָגט דער סופר צום בעל־שם: „וואָס שווייגט איר, רבי?" ענטפערט דער בעל־שם: „ווי זאָל איך שרייען, אַז איך האָב מיין גאַנץ לערנען פאַרגעסן: אפשר קענסטו כאָטש דעם אלף־בית!" און דער סופר האָט אָנגעהויבן פאַרזאָגן דעם בעל־שם: אלף, בית, גימל, און דער בעל־שם האָט אים נאָכגעזאָגט, אות נאָך אות, וואָס ווייטער אַלץ מיט מער התלהבות, מיט מער ברען, ביז ער איז צוריקגעקומען צו זיינע כחות. דעמאָלט האָט זיך באַוויזן אַן אַל־טער קאַפּיטאַן, וואָס האָט די צוויי געבונדענע אָפּגעראַטעוועט פון טויט און האָט זיי אָפּגעפירט צוריק צו דער שיף. איצט האָט דער בעל־שם איינגעזען, אַז פון הימל לאָזט מען אים בשום אופן ניט פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. דער קאַפּיטאַן איז געווען אליהו הנביא...

אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָך דער דאָזיגער אומגעלונגענער נסיעה, הויבט ער אָן זיך צו קלייבן אין אַ צווייטער, נאָך ווייטע־רער נסיעה. — ער פילט, אַז אינגיכן וועט ער אינגאַנצן אוועק פון דער וועלט אויף יענער וועלט. פּסח תק"ך (1760) איז ער קראַנק געוואָרן. געמיינט האָט ער, אַז ער וועט, ווי אליהו הנביא, מיט שטורם אַריין אין הימל אַריין; איז אָבער דער דור ניט ווערט געווען אַזאַ וואונדער. איז ער דורך אַ קראַנקהייט פון דער וועלט אוועק. שבועות אויפדערנאַכט, אַז מען האָט געזעען, דאָס די לאַגע איז שלעכט, איז איינער פון'ם בעל־שם'ס תלמידים געגאַנגען מתפלל זיין פאַר אים. זאָגט דער בעל־שם: „דאָס איז

ארויסגעוואָרפענע אַרבעט. וואָלט ער געקאָנט אַריינקומען (אין הימל אַריין) דורך דער טיר, וואָס איך בין געוואוינט געווען אַריינ־צוקומען, וואָלט ער עפּעס אויפגעטאָן מיט זיין תפילה, אַזוי אָבער איז אומזיסט זיין טרחה"... און אַז ער איז שוין גאָר שוואַך געוואָרן, האָט ער געזאָגט צום מלאך־המות: „איך בין דיר מוחל די פּאָר שעה, נאָר פּייניג מיך ניט..." און צו די מענשן אַרום האָט ער געזאָגט: „דערזעלבער מלאך־המות, וואָס איז שטענדיג אַנטלאָפן פון מיר, קוים האָט מען מיך איבערגעגעבן אין זיין רשות, האָט ער געקראָגן גרעלבע ברייטע פּלייצעס און איז מלא־שמחה מיט מיר." און זעענדיג וואָס פאַר אַ צער ס'האָט אַרומגענו־מען די אַרומיגע, טרייסט ער זיי: „איך בין זיכער — האָט ער געזאָגט — אַז איך וועל נאָר פון איין טיר אַרויס, אין דער אַנ־דערער אַריין." און באַלד טאַקע איז ער (דעם צווייטן טאָג שבועות) „פון איין טיר אַרויס"... די צוויי זייגערס, וואָס זענען געווען אין שטוב, האָבן זיך אין דער מינוט אָפּגעשטעלט...

און באַלד איז ער דורך דער אַנדערער טיר אַריין. איצט, ווי פריער, פּאַרקערט ער מיט זיינע קינדער, אייניקלאַך, תלמידים און פאַרעהרער. ער רעדט, ער עצה'ט, ער העלפט, ער איז זיך משתדל — אי אין חלום, אי אויפ'ן וואָר. און מער נאָך ווי פריער איז ער איצט אַ „בן־בית" אין הימל. אָהן אים — ניט פון דאַנען אַהין. און רעדט מען פון משיח'ן, הייסט עס נאָר: דער בעל־שם וועט ווידער אַריינקומען, זיך באַווייזן, נאָר אין אַ נייעם געשטאַלט. וואָרים משיח — דאָס איז ער!...

דער ווילנער גאון

דאָס רבנ׳ישע אידנטום, אויפ׳ן האַר רעגולירט, אויפ׳ן פּינ־טעלע פּאַראוים-באַשטימט, — האָט אין אַבצעגנטן יאָרהונדערט געפונען אין ליטע זיין קלאַסישע פאַרקערפּערונג אין **ווילנער גאון**.

אויף א ווייטן, ווייטן שטח פון דורות און יאָרהונדערטן שטייט דער ווילנער גאון אליין, ווי א ריזיגער זייל אין דער גע־שיכטע פון אונזער תורה־קולטור. מעכטיג, בלענדענד און... קאַלט.

ער איז דער אמת׳ער גאון פון גאָט׳ס גנאָד. פון זיין ריזיגער הימל־הויך האָט ער תמיד א פולשטענדיגע, דורך און דורך אריינ־דרינגענדיגע איבערזיכט איבער דעם גאַנצן שטח, וואו זיין זשעני איז טעטיג. אלץ — אלע כללים און אלע פּרטים פון דער תורה זענען שטענדיג ענטפּלעקט פאַר אים. אלע „אבות" און אלע „תולדות", אלע וואָרצלען און אלע צווייגן און אלע אָפּצווייגונגען האָט ער אויבנאויף. זיין גאוניש אויג נעמט-ארום זיין גאַנצע וועלט פון ברעג צו ברעג מיט איין מאָל, מיט איין הרף-עין. קיינמאָל ליטאָ פאַר אים קיין פאַרבאָרגען וואָרט, קיין באהאַלטן אות. אלץ וואָס איז אין משך פון קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר אריינגעדרונגען גע־וואָרן אין די אותיות פון דער תורה און וואָס פון זיי איז געוואָרן ארויסגעדרונגען, האָט ער שטענדיג אין אויג. יעדע קלייניקייט, ווי יעדע גרויסע זאַך, אויף זיין פּלאַץ. אין זיין פּונקט.

ער איז די שטרענגסטע שליטה פון מח איבער׳ן האַרץ. פון שכל איבער׳ן געפיל. פון וואָרט איבער׳ן לעבן. ער איז די שטרענג־סטע, היסטאָריש-אידישע, אויסגעהאַלטענע אומבויגזאַמקייט. פעסט ווי א פעלז. ריין ווי א קינד. ער איז דער פאַרקערפּערטער דין, וואָס לעבערט בערג. געשטאַלט און געפּאַנצערט געגן יעדן אַנגריף פון פרעמדע וועלטן. פרעמדע פילאָזאָפיען און פרעמדע תורה׳ס. אָפּגעזונדערט איז ער פון דעם אַרום. אָפּגעשייט פון די

מענטשן, פון זייער טאָן און קעמפן, פון זייערע שמחות און דאגות. אָבער אויך פון אייגענע דאגות ווייסט ער ניט. „און וואָס זאָל דען אַ מענטש דאגה'ן אויף אונזער גוטער וועלט, אַז מיט איין קליינער מצוה, געטאָן ווי געעריג, קאָן מען די רייכסטע הימלישע וועלטן דערווערבן ! . . . “

די עקסטע אויספירונגען פונ'ם רבנ'שן אידנטום שפיגלען זיך אָפּ אין אים, אין זיין שטייגער לעבן און אין זיינע באַציאונגען צו וועלט און מענטשן: ע ר א י ז ל ח ל ו ט י ן פ ר י י פ ו ן ז י י. ער קען בלויז א י י ן וועלט — זיין אייגענע: דאָס אידנטום. אָבער זי איז ניט א ו י ס ע ר אים, נאָר אין אים. וואָרים דאָס אידנטום — דאָס איז ער. און ער איז דורך און דורך תורה, דורך און דורך יראה, דורך און דורך פרישות. און אַלץ איז אים גלייך טייער, גלייך הייליג, גלייך געטליך.

און אַלץ האָט ער פון זיך, מיט אייגענע כחות דערגרייכט.

געבוירן איז ער, רבי אליהו בן רבי שלמה זלמן, אין ווילנע, אין יאָר ת"פ (1720). ביז זעקס יאָר געפינט זיך נאָך פאַר אים אַ רבי, וואָס לערנט מיט אים. אָבער פון איצט אָן און ווייטער דאַרף ער שוין מער קיין רבי'ן ניט. אַליין לערנט ער. און די וועלט שטוינט אויף דער גאונות וואָס איז אַנטפּלעקט אין אים. וואָרים די לעגענדע וויל האָבן, אַז —

צו אַ כ ט יאָר לערנט ער קבלה.

צו נ י י ן יאָר איז ער בקי אין ש"ס און פוסקים.

צו צ ע ן — האָט ער אַ באַרימטן גאון פאַר אַ שטענדיגן חבר.

צו ע ל ף — שטייגט ער שוין אַריבער אַלע גאונים.

צו צ ו ו ע ל ף — קאָן ער אַלע „שבע חכמות“ ווי אַ פאַכמאַן.

צו ד ר י י צ ן — איז ער שוין אַ חסיד, אַ פרוש.

פון איצט אָן שטייט ער זעקס יאָר נאָכאַנאַנד מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ און לערנט, לערנט און לערנט. ניט קיין תלמידים, ניט קיין קרובים, ניט קיין מענטשן סתם. ער איז פאַרנומען מיט

פארגלייכן פארשידענע נוסחאות, אין די פארשידענע טעקסטן פון אונזער ליטעראטור, כדי אויסצוגעפינען דעם איינציג אמת'ן נוסח. ער צעווארפט אמאל מיט א ווארט, מיט א באמערקונג, אלע בנינים, וואס דער פלפול האט אנגעבויט אויף דעם געביט פון תלמוד, און מאכט דערמיט פרייען פלאץ פאר'ן פשט, פאר'ן שכל הישר. און איז אים א שטעלע צו שווער, גיים ער ארום טעג ניט געגעסן, נעכט ניט געשלאפן, דעם קאפ אנגעשטרענגט ביז פלאצן און מיט טיכער ארומגעבונדן — ביז וואנען דאס ליכט לאזט זיך אראפ איבער אים...

און אז דער קערפער ווערט אפגעשוואכט פון פארשפארט-זיצן, אז די ענגע פיער ווענט הויבן אן צו דריקן אויף דעם יונגן איינגעשפארטן פרוש, פארלאזט ער ווילנע און לאזט זיך אין דער וועלט אריין אפצוריכטן גלות. ער וואנדערט איבער פוילן, איבער דייטשלאנד. ער גייט, ער פארט און זעט א וועלט. ער פארשטעלט זיך ניט פאר א פארבארגענעם צדיק, באהאלט ניט זיין קענט-שאפט פון לייטן. וואו עס קומט צו רייד — רעדט ער אין לער-נען. און וואו ער רעדט, מאכט ער זיך א גרויסן נאמען. ער מיידט אוים פארעהרונגען, אנטלויפט פון כבוד. אבער אויב מ'נעמט אים ערגיץ אויף בכבוד גדול, מיידט ער דאס אויך ניט אויס. אגב, טוט ער אויף אונטערוועגס פאר זיך איין זאך: א בכור איז ער געווען, האט זיין פאטער געוויס געפראוועט א פדיון-הבן. האבן אים אבער צוויי זאכן געארט: ערשטנס, איז די סומע וואס מ'האט זיך אין ווילנע נוהג געווען צו געבן דעם כהן בעת א פדיון-הבן, ניט געווען, לויט זיין מיינונג, די ריכטיגע. און צווייטנס, איז מען דאך ניט זיכער מיט די היינטיגע כהנים, אז זיי שטאמען געוויס פון די פארצייטיגע כהנים... דערפאר האט ער זיך אין עטליכע שטעט, בא פארשידענע כהנים, ווידער אמאל אויסגעלייזט. איצט האט ער געקאנט אננעמען, אז אין איין פאל על כל פנים האט ער אנגעטראפן דעם ריכטיגן כהן...

צו פינף און צוואנציג יאר קומט ער צוריק קיין ווילנע. איצט שוין אויף אלע מאל. קיין רבנות וויל ער ניט אננעמען. בלייבט ער

אַ פרייער מענש. באַזעצט זיך אין אַ בית־המדרש און זיצט יומם ולילה און לערנט. איצט שרייבט ער פרושים אויף תנ"ך, אויף משניות, אויף תלמוד ירושלמי, אויף די פיר שלחן־ערוכ'ס, אויף פאַרשידענע קבלה ספרים. אָבער דאָס טוט ער אַלץ פאַר זיך. צו זיין געברויך. ער פאַרעפנטליכט ניט דערפון קיין איינציגן בויגן. און אויך זיין לערנען האָט ער נאָר פאַר זיך. וואָס ווייטער, אַלץ גרעסער ווערט ער אין תורה, אַלץ גרעסער אין קדושה, אַלץ מער הייליגקייט שטראַלט אויס פון אים. שטענדיג באַהאַלטן. שטענדיג ווי אונטער אַ פרוכת. און דאָס פאָלק הויבט־אָן אים צו עהרן, ווי מ'עהרט אַ ספר תורה און זעט אין אים די קדושה פון אַ ספר־תורה. אָבער אין דעם הויז וואו אַ ספר־תורה געפינט זיך פילט זיך דער מענש געבונדן, קליין און נישטיג. לעבענדיג אין אַ דור פון גרויסע לומדים, שטייט ער ווייט־הויך איבער זיי אַלעמען, ווי דער מאָנבלאַן איבער דער רייע בערג וואָס שטייען ווי צונויפגעדריקטע בא זיינע פיס... און מיט זיין גאַנצער שווערקייט דריקט ער אויף זיי, אַליין ניט פילנדיג דאָס... אידן הויבן־אָן מורא האָבן פאַר אים. אידן הויבן אָן אים צו פאַרגעטערן. אָבער ניט צו דערנעענטערן זיך צו אים. ער איז שטרענג. ער איז צוריקגעצויגן. באַווייזט זיך נאָר זעלטן פאַר מענשן. און באַווייזט ער זיך אַמאָל — קינד און קייט מאַכט פול די גאַסן צו כאַפּן אַ קוק אויפ'ן גאון, אויף דעם חסיד, אויף דעם צדיק. אָבער דער פשוט'ער מענש האָט קיינמאָל פון אים קיין ברכה ניט געהערט. דער למדן האָט קיינמאָל פון זיין מויל קיין לערנען ניט געהערט. ער האָט אפילו קיין תלמידים ניט געהאט, אין דעם זין ווי מיר פאַרשטייען עס. רבי חיים וואָלאָזשענער, איינער פון די סאַמע נאָענטסטע צום גאון, וואָס פיל האַלטן אים אַפילו פאַר אַ תלמיד דעם גאונ'ס, דערציילט:

אמאָל האָט ער געבעטן ביים גאון, אז ער זאָל מיט אים לערנען תורה. האָט אים דער גאון געענטפערט:

„ווען דו וואָלסט געבעטן בא מיר צו לערנען מיט דיר דקדוק, חשבון און דאָס גלייכן, וואָלט איך מסכים געווען. וואָרים וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דען די אַלע חכמות פאַר'ן מענשן? אָבער ת ו ר ה,

וואס דער מענש גרייט־אָן פאר זיך אויף יענער וועלט, קאָן איך מיט דיר ניט לערנען. תורה דארף איך פאר זיך אליין האבן"...

און אויך זיין צייט האָט ער געדארפט פאר זיך. און אמאָל איז געקומען דעם גאונ'ס א שוועסטער קיין ווילנע. זי האט אים לאַנג שוין ניט געהאט געזען, און נאָך לאַנגער מי גע'פועל'ט מ'זאָל זי צולאָזן צום ברודער. אז זי איז אריינגעקומען צו אים האָט ער זיך אומגעקערט מיט'ן פנים צו איר, ארויפגעהויבן דעם טלית פון קאָפּ און צו איר געזאָגט:

„אויף יענער וועלט וועלן מיר האבן גענוג צייט אויף צו זען זיך; דאָ דארף איך האבן די צייט פון לערנען וועגן"...

דערביי האָט ער זיך ווידער אומגעקערט מיט'ן פנים צום וואַנט, און מער האט זי אים שוין ניט געזען. און נאָר זעלטן־ווען האבן אים אויך אנדערע געזען. טיר און לאָדן זענען שטענדיג פארקלאַפּט. אפילו בייטאָג לערנט ער בא ליכט, ניט בא דער שיין פון דער זון. קיין שאַרך פון אויסן. קיין גערויש פון הויף אָדער גאַס. ער לאָזט זיך ניט שטערן פון זייטיגע מענשן. ער לאָזט זיך אויך ניט שטערן פון זייטיגע אידעען. שטרענג און באַוואָפנט און וואָרטלאָז שטייט ער אויף דער וואך פונ'ם עקסט טראַדיציאָנעלן. אזוי אין דער טעאָריע, אזוי אין דער פראַקטיק. א קורצער ביי־שפּיל:

א איד א משכיל האָט זיך אמאָל אָנגעהערט וואונדערבארע זאכן פון דעם ווילנער גאון און אים האָט זיך פארוואָלט ניט אַנ־דערש אים צו זען. האָט ער אָפּגעטאָן „מעשים אשר לא יעשו". איז געקומען קיין ווילנע און האָט זיך דערשלאָגן דערצו מ'זאָל אים צולאָזן צום גאון. אגב, האט זיך דער משכיל פאָרגעשטעלט אלס מחבר פון א ספר וועגן „סינאָנימען" אין תנ"ך.

דער גאון האָט געעפנט די טיר און געבליבן שטיין אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, אויפ'ן שוועל פון זיין חדר. האט דעם משכיל קיין שלום ניט געגעבן, אים אין די אויגן ניט געקוקט, נאָר געפרעגט וואָס ער האָט נויטיג. אויסגעהערט און געענטפערט. דערנאָך געפרעגט בא אים דעם ריכטיגן טייטש פונ'ם העברע־

אישן וואָרט „דיצה". דער משכּיל האָט געענטפערט, אָבער ניט אַזוי ווי רש"י ערקלערט דאָס וואָרט און ניט ווי דאָס וואָרט ווערט ערקלערט אין מדרש. איז דאָס דעם גאון זייער ניט געפעלן. ער האָט איינגעזען אין דעם, אַז דער משכּיל איז מבזה תּלמידי־חכמים. האָט דער גאון געלאָזט אים געבן פערציג שמיץ (מלקות) און דער־נאָך אים אַוועקגעשטעלט אין פּאָליש אויפ'ן קייט, מיט אַ פּאַפּיר אויפ'ן הארצן, וואו עס איז באשריבן געוועזן זיין פאַרברעכן. און ווער עס איז געקומען מנחה דאַוונען האָט אים אָריינגעזאָגט „פּושע ישראל!" — און אויסגעשפּיגן. און אין אָוונד האָט מען דעם משכּיל משלח געווען פון שטאָט...

און טאָמער איז דער גאון געווען געגן פּלפּול אין לערנען, איז עס דערהויפּט געווען דערפאַר, וואָס דער פּלפּול האָט אין זיינע יאָרן אָנגעהויבן צו דינען ווי אַ קאָנקורענץ־מיטל צווישן די ישיבות. וואָס פּ א ר פ ל אָ נ ט ע ר ט ע ר ע פּלפּולים מ'האָט אין אַ ישיבה אַרויסגעבראַכט, אַלץ מער האָט זי געשם'ט. און די לערנער האָבן צומאָל אָפּגעלערנט אַ לעבן־לאַנג און ניט געקאָנט פּסק'נען אַ שאלה. און דאָס איז ג ע ג ן דעם טראַדיציאָנעלן זין און צוועק פון לערנען. און צוליב דעם טראַדיציאָנעלן קוק אויף ידיעות און קענטשאַפטן, זאָגט דער גאון דעם באַקאַנטן דאָקטאָר ברוך פון שקלאָוו, אַז עס וואָלט רעכט געווען, אַז ער זאָל איבער־זעצן אויף העברעאיש עפּעס פון די אַנדערע חכמות, וואָס קאָנען ניצליך זיין, כּדי דורך זיי די חכמה פון דער תּורה צו פאַרשטיין... וואָלטן אָבער די „אַנדערע חכמות" ניט ניצליך געווען צו דעם צוועק, אָדער זיי וואָלטן גאָר אָנגערירט די טראַדיציאָנעלע חכמה פון דער תּורה — דער ערשטער וואָלט ער אַרויסגעקומען געגן זיי. דער גאון האָט זיך פון גרעסערע זאַכן אָפּגעזאָגט צוליב קליינע טראַדיציאָנעלע דקדוקים. איין ביישפּיל: קיין ארץ ישראל האָט ער געוואָלט פאָרן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז נאָר דאָרט קאָן אַ איד קומען צו דער מדרגה פון אמת'ער קדושה, פון אמת'ער געטליכקייט. אָבער ער איז פאָרט ניט געפאָרן. פאַרוואָס? ווייל אויף די שיפן זענען דאָ פיל מילבן, וועט ער שבת ניט קאָנען עסן

דאָרט קיין חלה, ווי דער דין איז... אמת, דעם מאָטיוו האָבן זיינע נ אָ ע נ ט ע אָנגעגעבן. אָבער זיינע נאָענטע האָבן דאָך גערעדט אין ז י י ן גייסט. זיי האָבן אים זיבער געקענט און באַגריפן פיל בעסער און ריכטיגער, ווי די שפּעטערדיגע משכּילים, וואָס האָבען אין גאון געוואָלט זען דעם אָנהויב פון דער השכּלה, וואָס האָט אין 18טן און אין 19טן יאָרהונדערט געהערשט צווישן אידן...

און שטענדיג און אין אַלע פאַלן זענען זיך זיינע נאָענטע טריי געבליבן. אין זייער אויפפּאַסן דעם גאון אויסגעהאַלטן גע־בליבן און געהאַנדלט איינערליי. אַ פּאָר ביישפּילן:

עס איז געווען אין אַ צייט אַרום נאָכ׳ן גאונ׳ס טויט. האָט דער לוקניקער רב צונויפגענומען אַן ערך פון 400 הנחות, וואָס דער גאון האָט אין פאַרשידענע צייטן, אין פאַרשידענע שטעלן און בא פאַרשידענע געלעגנהייטן אַרויסגעזאָגט, וואָס זענען נוגע געאָמעטריע, אַלגעברע, אַסטראָנאָמיע און ד. ג. איז ער גע-קומען קיין ווילנע דאָס אָפּדרוקן אין אַ בוך מיט׳ן נאָמען „איל משולש”. און אַלע לומדים פון דעם גאונ׳ס קלויז האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ נישטיגן מענשן. און אויף זיין אונטערנעמונג האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַ באַליידיגונג פאַר׳ן גאון און פאַר׳ן לוקניקער רב אויך. וואָרים „ווי קאָן זיך דען אַזאַ למדן ווי דער לוקניקער רב איז געווען, פאַרנעמען מיט אַזוינע שטות׳ערייען?”

און שפּעטער, אַז עס קומט זיין נאָענטסטער „תּלמיד” און גרינדעט די וואָלאָזשינער ישיבה — לויט׳ן פאַרלאַנג פון דעם גאון — א י ז זי און בלייבט זי אַ פעסטונג, וואָס שיצט דאָרט אי פון דער חסידות, אי פון דער השכלה. וואָרים דער איד דאַרף לערנען כּדי צו וויסן וואָס צו טאָן. און טאָן דאַרף ער אַלץ אָהן באַזונדערע כּוונות, מאַשינמעסיג, אָהן עקסטאַז און אָהן צו מח׳ן זיך. געוויס, מאַכט זיך איינער איז פייאיג צו כּונה אויך, איז מהיכי תיתי. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר אין אידישקייט און ניט אפילו אין גאָט דינען...

אָבער דאָ קומען מיר שוין צו דער באַציאונג פון גאון צו חסידות. דאָס איז געווען די איינציגע ערשיינונג אין אידישן קול־

טור-לעבן, וואָס האָט אים ארויסגעריסן פון זיין פּרישות און אים אוועקגעשטעלט אין צענטר פון אַ קולטור-קאַמף. נאָכמער: אין אַ קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן ניט מיט קיין קולטור־מיטלען. פּשוט'ער: ניט מיט קיין כשר'ע מיטלען. אָבער חסידות האָט אָנגערירט די טראַדיציאָנעלע וועלט־אַנשויאונג, די טראַדיציאָנעלע באַציאונג פון גאָט צו דער וועלט — און דער גאון, ווי אַמאָל רבי שמעון בן יוחאי, איז אַרוים פון זיין באַהעלטעניש, און וואו נאָר אַ פּונק פון זיין אויג איז געפאַלן — איז געוואָרן אַ שרפה... האָט מען שוואַרצע ליכט געצונדן, שופרות האָבען געבלאָזן און איבער טויזנטער און טויזנטער אידן האָט זיך דער חרם פאַרשפּרייט —

און דאָס אין אַ צייט, ווען דאָס פּויליש־ליטווישע אידנטום האָט אַזוי אויך געהאַט אויסצושטיין פייער־פּראָבע. ווען די געפאַר פון צעריסן ווערן און צעריבן ווערן און ממילא פאַרמינדערט און אָפּגעשוואַכט ווערן, איז זיי געשטאַנען פאַר די אויגן. דאָס צעטיילן פּוילן האָט אויך געהייסן: צעטיילן דאָס פּויליש־ליטווישע אידנטום און דאָס אויף שטיקער צערייסן. פּויליש־חסידישע צדיקים האָבן דערויף מרעיש-עולם געווען... אָבער דעם גאון גייט עס ניט אָן. ער העלפט־צו, און מיט זיין גאַנצער קראַפט, דעם דאַזיגן, קורע זיין דאָס אידישע פאָלק. פון זיינע דריי הרמות געגן חסידים, פאַלן צוויי אויס גראַד אין דער זעלבער צייט, ווען די טיילונגען פון דער פּוילישער מלוכה, און ממילא אויך פון פּויליש־ליטווישן אידנטום, זענען אויסגעפאַלן.

אָבער ווער זאָל עס דען מערקן?...

צוויי און פופציג יאר איז דער גאון געווען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און זיך ניט געמישט אין אירע שטרייטן און ניט אין אירע נצחונות. אָבער צו דער צייט, אַן ערך 1772, ווערט די חסידות שוין צו־אָפּערדיג. ווי לאַנג עס האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן חסידישע תורה, איז נאָך געווען צו דערלייִדן. אָבער די חסידים הויבן־אָן זיך אָפּטיילן אין מנינים פאַר־זיך. הויבן־אָן דאַוונען אין אַנדער נוסח פאַר־זיך. הויבן־אָן אָפּלאַכן פון די פאַרגליווערטע רבנים און פאַרשטיינערטע לומדים. פירן איין אין רעליגיעזן לעבן נייע מנהגים. אַנדערע

פירן זיך אויף אפילו אין גאס אויף לייטיש געלעכטער (ווי די קאַליס־קער חסידים, למשל), און דאָס קאָן מען שוין מער ניט צוזען און שווייגן. אין שקלאָוו קומט־פאָר א שטיקל ויכוח צווישן די חסידים און די מתנגדים. די חסידים בלייבן הינטערשטעליג. דאַן שרייבן שקלאָווער חכמים צום ווילנער גאון, שיקן צו אים ספּעציעלע שליחים און ווירקן אויף אים, אז ער זאָל אָפּן ארויסקומען מיט א חרם געגן די חסידים. דער גאון האָט מסכים געווען. זייער בלוט האָט מען מתיר געמאַכט. אויסער געזעץ האָט מען זיי געשטעלט. חסידים, געוועזענע מקורבים פון גאון, האָט מען עפנטליך געגעבן מלקות און געשטעלט אויפ'ן קייט אין פּאַליש. אָבער דער גאון האָט זיך דערמיט ניט געקילט. ער האָט דערביי ערקלערט, אז „ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער זיי געטאָן דאָס אייגענע, וואָס די אידן האָבן פאַרצייטן געטאָן צו מתן, וואָס איז געווען דער כהן פון דעם בעל".

דעם חרם שיקט מען פאַנאַנדער איבער גאַנץ ליטא און רייסן. און אומעטום, וואו ער גרייכט, רודפ'ט מען די חסידים. מ'טוט זיי אָן כל־ערליי עַנוּיִים. רבי לוי יצחק בערדיטשעווער איז דער־מאָלט געווען רב אין פּינסק, האָט מען אים פון שטאָט אַרויס־געטריבן.

אָבער דער קאַמף דערמוטיגט נאָר די חסידים. פילע פון זיי, וואָס זענען פריער געווען באַהאַלטענע חסידים, אַנטפּלעקן זיך איצט — אין אן עת־צרה קאָן מען ניט בלייבן פון דער ווייטן... די חסידישע באַוועגונג ווערט שטאַרקער. און מענשן געפינען זיך צווישן זיי, וואָס שליידערן צוריק די פיילן וואָס די חרם־רבנים האָבן אין זיי געוואָרפן. די מלחמה צעפלאַקערט זיך. דער באַרימ־טער גאון רבי מנשה איליער וויל זיך אריינלייגן אין שלום. ער איז דעם גאונ'ס א נאָענטער מענש. גלויבט ער, אז דער גאון וועט אים אויסהערן. ער פאָרט קיין ליאַדי, וואו דער גרויסער חסידישער רבי, רבי שניאור זלמן, לעבט, כדי אויפ'ן אָרט זיך צו איבערצייגן: וואָס אזוינס איז דער תוך פון חסידות? ער קערט זיך אום פון דאָרט א באַרואיגטער: פאַראַן א וועג צו שלום!

נאָר אַז ער קומט צוריק קיין ווילנע, גיט אים דער גאון קיין שלום ניט — דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט אַ מגע־ומשא מיט די חסידים.

און אין יאָר 1781 ערשיינט אין מעדזשיבעזש דער ספר „תולדות יעקב יוסף" פונ'ם פּאָלענואָער. דאָ געפינט זיך אַ שאַרפע קריטיק אויפ'ן רבנ'ישן שאַלטן און וואַלטן באַ אידן; אויף זייער לערנען און דאַוונען און „גייסטלאָזער" אידישקייט. און אויך דער גאון אַליין ווערט ניט געשאַנעוועט. עס ווערן דאָרטן שאַרף קריטיקירט יענע, וואָס זיצן פאַרשפּאַרט אין איין אָרט און לערנען כסדר, מורא האָבנדיג אַרויסצוגיין צווישן מענשן, טאָמער וועט זיי דער יצר הרע פאַרפירן און זיי מאַכן זינדיגן. פאַרקערט איז אַ מצוה: „דער מענש דאַרף זיך ניט צוגעוואוינען נאָר צום זיצן און לערנען: צווישן מענשן דאַרף ער קומען און דאָרט ניט אַרויסלאָזן גאָט פון זינען. און טאָמער קומט עס אפילו צו בטול־תורה, אָדער בטול־תפילה — קיין בייז ניט! עס קויפט זיך אויס מיט אַנדערע מעגליכקייטן", און אַז. וו. און א. וו.

דער ספר שטורמט אויף די רבנים. זיי זענען באַליידיגט, אויסגעלאַכט, אויסגעמישט מיט שטויב. זוכט מען און מען געפינט אין דעם ספר שטעלן, וואוהין מען קאָן אַריינטייטשן אפּי־קורסות. און ווידער שטייט מען צו צום גאון ער זאָל באַנייען דעם חרם. דאָס געשעט. און נאָך אין אַ שאַרפערן טאָן ווי פריער. דאָ איז פשוט דאָס אידישע פאָלק אויפגעהעצט געוואָרן נעגן די חסידים, מ'זאָל זיי עוקר מן השורש זיין, רודפ'ן, באַי־קאָטירן, ניט משדך זיין זיך מיט זיי. ניט עסן פון זייער שחיטה און כל־ערליי נגישות, וואָס זענען נאָר מעגליך, זאָל מען זיי אָנטאָן.

און אַזוי איז געווען. וואָרים דער חרם איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע נאָענטע און ווייטע קהלות. מיט חתימות פון גאון, פון ווילנער בית־דין און פון צענדליגער אַנדערע רבנים, חשובים און פּרנסים. חסידים ליידן דערפון זייער פיל. אָבער די

חסידות קומט ארויס דערפון געשטארקט. דעם ספר פונ׳ם פעלענווער האט מען אין פיל שטעט עפנטליך פארברענט, אבער די אידעען זענען געבליבן, ווי דורך ווינטן געטראגן און גענומען געפאנגען קבוצים נאך קבוצים. אין גאנץ וואלין, קיעווער גובער־ניע, פאדאליען, רייסען, האט די חסידות איר צענטער אין ליאדי מיט׳ן „מגיד׳ס״ תלמיד שניאור זלמן בראש. און אויך אין דער ליטע ווערן זייערע קבוצים געשטארקט. און א קול האבן די חסידים ארויסגעלאזט, און קלאנגען האבן זיי פארשפרייט, אז דער גאון האט חרטה דערויף וואס ער האט גע׳רודפ׳ט די חסידים, און דעם חרם איז ער מבטל. האט עס די רבנים פארדראסן. אין דערזועלבער צייט האט דער ליאדיער פארעפנטליכט דעם „תניא״ זיינעם, וואו די חסידישע תורה ווערט פעסטגעשטעלט. זוכט מען און מען געפינט דארט כפירה. כאפט מען זיך ווידער צונויף געגן די חסידים. און אין יאר תקנ״ו (1796) שטייט מען ווידער צו צום גאון ער זאל נאך אמאל באנייען דעם חרם. דער גאון טוט עס. און ווידער נאך אין א שארפערן טאן, און מיט שטעכיגערע ווערטער ווי דאס צווייטע מאל. און ווידער ווערט דער חרם פאר־שפרייט אין ווייטע שטעט און גובערניעס. די רדיפות אויף חסידים ווערן א „מצות־עשה״, וואס יעדער פרומער איד איז מחויב מקיים צו זיין...

רבי שניאור זלמן איז איבערצייגט, אז דער גאון האט א פאלשע פארשטעלונג וועגן חסידות. ער גלויבט, אז ער וועט זיין אימשטאנד דעם גאון צו איבערצייגן אין זיין גערעכטיגקייט. פארט ער קיין ווילנע. זיצט אפ דארט א לענגערע צייט און פארט אוועק צוריק מיט ליידיגן:

דער גאון האט זיך אפגעזאגט צו רעדן „מיט אזא פושע־ישראל ווי שניאור זלמן איז״...

דער גאון איז געבליבן בא זיין טעות. און דער טעות האט זיך פארשפרייט ווייט און ברייט איבער דער אידישער וועלט און אנגעהויפט האס און שנאה צווישן אידן. ניט בלויז איז די אידישע אומה צוטיילט געווארן אין צוויי אומות, נאר אין צוויי

פ י י נ ד ל י כ ע אומות, וואָס איינע זוכט אונטערצוברייננען די אַנדערע. און מיט אַלע אומערלויבטע מיטלען.

אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום, נאָכ'ן לעצטן חרם, איז דער גאון געשטאָרבן (סוכות 1797). גאַנץ ווילנא איז געווען אין טיפן טרויער אויף איר „געטליכן פּייערזייל, וואָס איז פאַרלאָשן געוואָרן", „אויפ'ן קרוין וואָס איז פון איר קאָפּ אַראָפּגענומען געוואָרן". אין דער זעלבער צייט האָבן זיך די ווילנער חסידים צונויפגעקליבן אין אַ הויז פון זייערע און געפּראַוועט אַ סעודה און זיך געפרייט דערויף, וואָס זיי זענען פּטור געוואָרן פון זייער ערגסטן און געפערליכסטן שונא. די דאָזיגע עפנטליכע טאַקטלאָזיגקייט האָט זייער אויפגערעגט די אידישע געמיינדע אין ווילנא, און ביים אָפענעם קבר פון גאון האָבן די שטאָט-מנהיגים געשוואָרן נקמה פון די חסידים.

און זיי האָבן די שבועה געהאַלטן. פון איצט אָן הויבט זיך אָן אַ סדרה פון חרמות, מסירות, פאַלשע עדות, תפיסות, וואָס פאַרטיפט דעם תהום צווישן חסידים און מתנגדים אויף לאַנגע דורות.

און דאָס אַלץ געשעט אין נאָמען פון גאון. אין נאָמען פון דעם, וואָס האָט צוויי דריטל פון זיין לעבן געוויכט פון מענשן, פון זייער טאָן און ווירקן און קעמפן. אין נאָמען פון דעם, וואָס האָט פאַרקערפּערט אין זיך מיליאָנען אידישע נשמות, זייער לעבן און שאַפן, זייער תורה און זייער קדושה פון דורי-דורות...

רבי חיים וואָלאָזשינער האָט אַמאָל געזאָגט: דער גאון האָט ניט אַנטפּלעקט זיין נייעם גאַנג אין פּאַרשן די תורה, און ניט זיינע ענטדעקונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער תורה — ווייל דער דור איז ניט אימשטאַנד אים צו באַגרייפן.

און עס שיינט, אַז דאָס איז געווען אמת. אָבער טיילווייז איז ער אפשר אַליין שולדיג געווען אין דעם — ווייל אויך ער האָט זיין דור און זיין צייט ניט באַגריפן....

די אידן אין רוסלאַנד

צופעליג און צייטווייליג און איינציגווייז טרעפט מען אידן אין רוסלאַנד שוין פון 15טן יאָרהונדערט אָן. און אפילו שוין אין 17טן יארהונדערט, ווען נאָך אַ מלחמה מיט פוילן ברענגט מען אריין קיין רוסלאַנד אַ גרעסערע צאָל ליטווישע אידן אַלס קריגס-געפאַנגענע, קימערט מען זיך אויך ניט וועגן זיי. מ׳האָט זיי פיינט — ווי אין דער פּראַוואָסלאַווגער תורה שטייט. איז אַ טייל צווינגט מען זיך צו שמד׳ן, און דעם טייל וואס וויל זיך בשום אופן ניט שמד׳ן צעוואַרפט מען אין פאַרשידענע ערטער. אַזוי לעבט זיך דורך די רוסישע מלוכה אָהן אַ אידן-פראַגע און אָהן אַ אידישער געזעצגעבונג ביז׳ן סוף פון 18טן יארהונדערט. אָבער אין לעצטן פערטל פונ׳ם דאָזיגן יאָרהונדערט, ווען רוסלאַנד ווערט רייכער מיט גרויסע שטחים פוילישער טעריטאָריע, באַקומט זיך אויך גרויסע אידישע מאַסן, וואָס וואוינען אויף דער טעריטאָריע. און איינגע־מענדיג קרים, קאַווקאַז און די מדינות ארום באַלטישן ים, נעמט זי אויך אַריין די אידן, וואָס לעבן אין די דאָזיגע איינגענומענע לענדער. און ווייל מ׳איז געוואוינט צו קוקן אויפ׳ן אידן ניט ווי אויף אַ מענשן, אַ בירגער סתם, נאָר ווי אויף אַן איבריג און דערצו אַ געפערליך באַשעפעניש אויף דער וועלט, פון וועלכן גאָט האָט ביז אַהער געשיצט „דאָס הייליגע רוסלאַנד“, האָט מען געמוזט זיך באַמיען און שאַפן פאַר אים געזעצליכע באַדינגונגען און נאָרמען, לויט וועלכע ער זאָל לעבן.

לכתחילה לאָזט מען די אידן לעבן אָפּגעזונדערט, אָרגאַני־זירט אין זייערע אויטאָנאָמע קהלות, ווי געווען, און בלייבן בא זייערע רעכט און פליכטן: די קהלות באַזאָרגן די רעגירונג מיט די אָפּצאָלונגען פון די אידן, באַזאָרגן די אידן מיט פעסער פון דער רעגירונג און היטן די אָרדנונג אין אינערליכן לעבן. און ווי פריער בלייבן די אידן אויך איצט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פונ׳ם בירגער־לעבן אין לאַנד. קוקט מען אויף דעם דאָזיגן אָפּגעזונדערטן, אייגנ־

אָרטיגן, פרעמדן אידישן לעבן און מ׳הויבט־אָן ווי מורא צו האָבן דער־פאַר: ווער ווייסט וואָסערע באַהאַלטענע, און נאַטירליך, שעדליכע זאַכן ווערן געפּלאַנט אין די געהיימע קהל׳שע טיפענישן? מ׳מוז דעם אידישן בונד אויפבינדן. די איינגונג — צערייסן. די אויטאָנאָמע רעכט — מינדערן און אָפּשוואַכן. זיי זאָלן אויפהערן צו עקזיסטירן ווי, אַזוי־צו־זאָגן, אַ באַזונדער „אידן־שטאַנד“, נאָר צעוואָרפן זאָלן זיי ווערן אין די איבריגע זיי גליכע, ניט־אידישע שטאָטישע שטאַנדן. אפילו יענע אידן, וואָס לעבן מאַסנווייז אין די ד ע ר־פ ע ר, ווערן אויך צוגערעכנט צו די שטאָטישע שטאַנדן. ווער צום ס ו ח ר י ם-שטאַנד, ווער צום מלאכה־שטאַנד און דאָס גלייכן. זיי וועהלן און ווערן געוועהלט אין די שטאָטישע זעלבסט-פאַרוואַלטונגען. זיי באַקומען אויך האַנדעל־רעכט און מלאכה־רעכט גלייך מיט די ניט אידן. און גלייך מיט די ניט־אידן ווערן זיי אונטערגעוואָרפן צו אַלע אַלגעמיינע נאָרמען און פאַרפליכטונגען. און אַז דאָס אינווייניגסטע אידישע לעבן ווערט נאָרמירט פון אויסן, בלייבט די קהלה-אויטאָנאָמיע ממילא בלויז אַן איבריגע לאַסט אויף אידן. און זיי קאָנען דאָך באמת ניט טראָגן אויף זיך צווייערליי אַפּטרופּסות — אי פון מאַגיסטראַט, אי פון קהל.

אָבער דאָס איינמאָנען אָפּצאָלונגען פון אידן בלייבט אויך ווייטער אין די הענט פון קהל. זיין פליכט ערפילט ער מיט׳ן כח פון דער תקיפות וואָס די רעגירונג גיט אַריין אין אים, פון איר טובה וועגן. און וואָס מער תקיפות קהל וועגדט-אָן, אַלץ מער ווערט ער פאַרהאַסט בא אידן. און דערצו די מחלוקת אַרום דער דעה אין קהל צווישן חסידים און מתנגדים. אומאויפהערליכע אָנקלאַגעס, מסירות און פאַסקווילן. בלייבט פון דער קהלה־אויטאָנאָמיע בלויז אַ שאָטן, און אַ ש וו אַ ר צ ע ר שאָטן. יעקאַ־טערינא די גרויסע, וואָס האָט געמאַכט די דערמאָנטע רעפאָרמען אין אידישן לעבן (1783), האָט געוואָלט אויך ווייטער גיין אויפ׳ן אָנגעצייכנטן וועג לטובת די אידן, און זייערע רעכט פאַרשטאַרקן און פאַרשפּרייטן. אָבער די קריסטליכע סוחרים אין די געוועזענע פּוילישע שטעט, וואָס זענען געוואוינט געווען צו זעען די אידן

באגרעניצט אין זייערע האנדעלס־רעכט, האָבן אָנגענומען מיטלען געגן „גנאָד" צו אידן. און זיי פירן־אוים זייערע פארלאנגען: די אידן ווערן אראָפּגעזעצט. זייערע רעכט בנוגע באַטייליגן זיך אין די מאגיסטראטן ווערן באגרעניצט; עס ווערט געשאפן א גרעניץ צווישן די געגנדן, וואָס זענען צוגעקומען צו רוסלאנד מיט זייערע אידן, און צווישן דער אייגנטליכער רוסלאנד. קיין איד טאָר די דאָזיגע גרעניץ (טשערטא) ניט אריבערטרעטן (1791). מען הויבט-אָן רעדן וועגן איבער־ערציהען די אידן, זיי בע-סער מאכן. אָפּגעוואוינען פון זייערע פּרנסות. טרייבט מען זיי אריבער פון די דערפער אין די שטעט אריין. מ'פארבאָט זיי צו האלטן שענקן, בראנפן־זאוואָדן, קרעטשמעס, פּאַכטיעס און דאָס גלייכן. די אָנגעוואָרפענע און צענויפגעטריבענע אידן אין די שטעט האָבן דאָ ניט געהאט וואָס צו טאָן: קיין נייע פּרנסות זענען פאר זיי ניט געווען. אָבער ס'קימערט קיינעם ניט. שוין איצט גילט דער שטאנדפונקט, אז מ'דארף ראטעווען דעם פויער פון אידישע הענט. און נאָר דער פויער אין דאָרף איז ווערט, אז די מלוכה זאָל זאָרגן פאר אים. זענען אָבער די לעבנס-באדינגונגען אין פאר-שידענע קאנטן פארשידן. אידישע רעכטס־פראגן ווערן ענטשידן פון פאל צו פאל. בילדן די געזעצן וועגן אידן א גרויסן פלאָנטער. אזוי, אז אין אָנהויב פון דעם 19טן יאָרהונדערט זעט זיך מלוכה געצוואונגען צו זעצן א ספּעציעלן קאָמיטעט—מיט'ן אָנטייל פון אידן וואָס זאָלן רעגולירן און פאראייניהייטליכן די געזעצגעבונג וועגן אידן. אין 1804 אונטער דער הערשאפט פון דעם יונגן פרייהייטליכן קייסער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, זענען ערשינען די ערשטע „כללים" וועגן אידישע רעכט. דער צוועק פון די דאָזיגע „כללים" איז: צו ראטעווען דאָס רוסישע פאָלק און לאנד פון דער אידישער אָנשי־קעניש — ווייל אידן זענען שולדיג אין אַלץ, וואָס עס געשעט ניט־גוטס אין לאנד. אפילו די פויערשע אומוויסנהייט, אפילו די פויערשע לייבאייגנשאפט, אפילו דאָס פריצישע הפקר-לעבן. אין אַלץ איז שולדיג דער איד. און אָט דעם קוק אויפ'ן אידן און אָט דער צוועק פון דער געזעצגעבונג בלייבט גילטן אין רוסלאנד ביז

אין צוואַנציגסטן יאָרהונדערט אַריין. אַזוי אין די געשריבענע געזעצן, אַזוי אין דער אַדמיניסטראַטיווער פּראַקטיק וואָס האָט די געזעצן איינצופירן אין לעבן. און האָט מען אפילו אמאָל געטאָן אַזוינס, וואָס האָט אין עצם געקאָנט זיין גינסטיג פאַר אידן, האָט מען עס אָבער געטאָן מיט בייזע כוונות, מיט דער אַבזיכט מער צו שעדיגן די אידן, ווי זיי צו נוצן. אַזוי, למשל, האָט מען שוין אין סוף 18טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו רעדן פון פאַרשפּרייטן בילדונג און אויפקלערונג בא אידן, כדי דורכדעם ברעכן די אידישע אָפּגעזונדערטקייט און מקרב צו זיין אידן צו דער רוסישער סביבה. אָבער אָנגעהויבן האָט מען עס (און מיט דער הילף פון אייניגע אידישע אינטעליגענטן) מיט דער פאָדערונג, אַז אידן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון תלמוד — „די קוועלע פון אַלדאָסבייז און פון כל'ערליי אַבערגלויבן" — פון זייער רעליגיעז-נאַציאָנאַלער וועלט-אַנשויאונג און פון אַלץ וואָס גילט ווי דער באַזיס פון אידנטום. ניט די רעכטלאָזיגקייט, ניט די אָרימקייט, ניט די ערנידריגונג, וואָס אידן ליידן, בריינגט זיי צו מורא האָבן פאַר דער וועלט און זיך צו דערווייטערן פון איר, נאָר דער תלמוד, וואָס איז געווען דער איינציגער לעבענס-זאַפט פאַר'ן אידן אין די אַלע שווערע, פינסטערע צייטן... און אַז אידן האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אידנטום, איז עס געווען אַ נייער מאָטיוו צו אונטערדריקונג: „ווי לאַנג אידן וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פון זייער אָפּגעזונדערטקייט, וועלן זייערע רעכט ניט פאַרברייטערט ווערן". און די באַגרעניצונגען ווערן טאַקע פאַרטיפט. און אַז מ'לייגט-פאָר אידן אַריבערצופאָרן אין די סטעפּעס פון דרום-רוסלאַנד און דאָרט זיך פאַרנעמען מיט ערד-אַרבעט, כאַפּן זיך אידן אָן דערין. און בפרט נאָכדעם ווי מ'האָט אין 1806 אַרויסגעטריבן מאַסן אידן פון די דערפער. אָבער מלוכה איז ניט גרייט אויפצונעמען אַלע טויזנטער מענשן, וואָס זענען אַהין געקומען. מיט גרויסע שוועריגקייטן אָרדנט מען איין אַן ערך פון דריי הונדערט פאַמיליעס (1807). פיל שטאַרבן-אויס פון קראַנקהייטן און מלוכה אַליין שטעלט אָפּ די גאַנצע באַוועגונג צו באַזעצן אידן אויף ערד.

זי איז ניט אימשטאנד אויסצופירן איר פאָדערונג. עס טרעפן בלויז מאָמענטן, ווען צוליב זייטיגע מאָטיוון לאָזט־נאָך די אונ־טערדריקונג. און זאָגט מען צו צו באריקזיכטיגן די אידישע באַדערפנישן און באפרידיגן זייערע נויטן — פון שטאנדפונקט פון אידישן וואויל— לאָזט עס זיך אוים מיט גאָרנישט. אזוי, למשל, בעת מ׳האָט זיך אין רוסלאנד דערשראָקן פאר׳ן סנהדרין, וואָס נאפּעלעאָן האָט צונויפגערופן אין פּאריז אין יאָר 1807, מ׳האָט מורא געהאט טאָמער וועלן אים אידן דאנקבאר זיין דער־פאר און בעת א מלחמה מיט רוסלאנד וועלן זיי העלפן נאפּאָ־לעאָנ׳ען. דעמאָלט זוכט מען כלומרשט צו באווייזן אידן א פריינד־ליכע מינע. מ׳שטעלט־אָפּ פארפאָלגונגען, מ׳שאפט א נייעם קאָמיטעט צו באטראכטן די אידישע לאגע. בעת דעם נאפּאָלעאָנישן מארש אין רוסלאנד אין יאָר 1812, זאָגט אלעקסאנדער צו די אידן „הרים וגבעות" פאר די טובות וואָס אידן האָבן אָפּט מיט סכנת נפשות ארויסגעוויזן צו דער רוסישער ארמיי. אָבער דער ווינ־טראָגט אוועק די אַלע צוזאָגן. נאָכ׳ן ווינער קאָנגרעס (1815) ווערט אַלעקסאנדער פארשלעפּט מיט׳ן שטראָם פון דער אַלגעמיינער אייראָפּייאישער רעאקציע. און אָן זיינע גוטע רייד טאָר מען אים ניט דערמאָנען.

און ווייטער גייען־אָן פארפאָלגונגען, גירושים, עלילת־דם און אָן אָרגאניזירטער ווילן צוצוציען אידן צום שמד. און אינ־איינעם דערמיט ווערט געשאפן א אידישע „דעפּוטאציע" ביים מיניסטעריום פון אינערן, וואָס באשטייט פון 22 געוויילטע אידישע דעפּוטאטן, מיט וועלכע מ׳דארף זיך בעראטן בא יעדער אידישער אנגעלעגנהייט. מען פרעגט בא זיי, און מ׳פאָלגט זיי ניט. מער ווי שתדלנות האָבן זיי ניט צו טאָן. און נאָך 8 יאָר עקזיסטענץ (1818—1825) ווערט די „דעפּוטאציע" בטל. עס קומט אויך גאָרנישט ארויס פון די הנחות און מתנות, וואָס מלוכה האָט צוגעזאָגט צו די אידן וואָס ווילן זיך שמד׳ן. ווייל ס׳האָבן זיך ניט געפונען קיין בעלנים אויף זיי. און אז די גזירות וואקסן, ציען זיך אידן צוריק פון גרויסן אָפּענעם וועג אין די

אייגענע פיר איילן אריין. זיי ווילן ניט וויסן פון קיין בילדונג און ניט פון רעכט. „די תורה איז זייער חלק אויף דער וועלט!”.

און מלוכה גייט זיך איר וועג: ווערט אין סאראטאָוו א סעקטע „יודאאיזירענדיגע”, קומט אין ווייס־רוסלאנד א הונגער — אין ביידע זענען אידן שולדיג. און כדי זיך צו ראטעווען מוז מען אידן מאכן אומשעדליך. און אידן אומשעדליך מאכן, הייסט — זיי דערווייטערן פון דער קריסטלי־כער באפעלקערונג, ארויסטרייבן פון די דערפער, ניט לאָזן האלטן קיין ארענדעס, קיין קרעטשמעס, קיין שיינקען, קיין פאָטשטן, קיין פאַסעסיעס, קיין ברויערייען און ניט קיין גאָריל־נעס און נאָך און נאָך. און ביז וואנען אידן וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פון זייער אָפּגעזונדערטקייט, וועלן די באגרעניצונגען ניט געענדערט ווערן... אזוי האָט געקוקט מלוכה און אזוי האָט געקוקט אויך די געבילדעטע. אפילו רעוואָ־לוציאָנערע רוסישע געזעלשאפט, אויף די אידן און אויף דער אידן־פראגע, און אויף דער לייזונג פון דער דאזיגער פראגע.

מיט ניקאָלאַי דעם ערשטן (1825) הויבט זיך אָן א ניי סיסטעם אין באזאָרגן די אידן. פויסט און גוואלט — זאָכן זיינען די מיטלען. שמד און גליק אויף יענער וועלט — דאָס ציל. אליין א סאָלדאט, זעט ער אין קאזארמע דעם „קאלך־אויוון”, וואו דער איד זאָל איבערגעשמאָלצן ווערן און פון וואנען ער זאָל ארויס־קומען אן אנדער מענש — אָפּגעזונדערט פון אידן און פרעמד צו זייער אמונה. און אין גוטן אופן — גאָר גע׳שמד׳ט.

געשעהט עס: ביז 1827 האָבן אידן ערפילט זייער מיליטער־פליכט מיט געלט. פון איצט־אָן מוזן אידן דינען פערזענלאָך. די דינסט־צייט איז געווען 25 יאָר. אויך ניט־אידן האָבן געקוקט אויף דעם מיליטער־דינסט, ווי אויף „קאטאָרגע”. אָבער טויזנט מאָל ערגער איז זי געווען פאר אידן. די קריסטלאכע סביבה, די גוי׳אישע אטמאָספערע, דער טריפ׳ער טיש, דער צוואנג צו שמד, די פיזישע שוואכקייט, דאָס ניט־קענען די שפראך, — דאָס אלץ מאכט די מיליטער־דינסט פאר׳ן אידן פאר אַן אמת׳ן גיהנום, וואו

מען מוז געפייניגט ווערן לעבעדיגערהייט. און דערצו: די תקנות פאר אידישן מיליטער־דינסט זיינען געווען אנדערש ווי פאר'ן ניט־אידן. צום דינסט האט מען גענומען פון 18 יאר אן און געדינט האט מען 25 יאר. אידישע קינדער אבער האט מען געקאנט נעמען אין עלטער פון 12 יאר אן. נאר דער דינסט האט זיך גערעכנט פון 18טן יאר אן. די 12 יעריגע האט מען זעקס יאר געהאלטן אין באזונדערע באטאליאנען, וואו מ'האט זיי צוגעגרייט צום מיליטער־דינכט. אבער די זעקס יאר האט מען ניט צוגערעכנט צו די 25 יאר דינסט. און גענומען האט מען ניט דוקא 12־יעריגע, נאר אויך 8 און 10 יעריגע קינדער. „קהל" איז מחויב געווען צו־צושטעלן א באשטימטע צאל סאלדאטן יעדן יאר. די פרנסים און די גבאים זיינען מיט זייער לייב און פארמעגן געווען פאראנט־ווארטלאך פאר דער צאל סאלדאטן. אבער די מיליטער־פליכטלינגע פלעגן זיך צעלויפן וואוהין די אויגן האבן געטראגן, פלעגט קהל דינגען „כאפער", וואס זיינען נאכגעלאפן צו כאפן די אנטלאפענע. האט מען זיי ניט געכאפט, האט מען גענומען אינגערע. קינדער פון דער מוטער'ס שוים. עופה'לאך, וואס האבן זיך ניט געקאנט באַ־גיין אן א מאמען. מען פלעגט זיי פארנארן. די קליינע קינדער האט מען כמעט שטענדיג פארשיקט אין מזרח־רוסלאנד, אין סיביר. ווי קעלבלאך צו דער שחיטה האט מען זיי געפירט. דער וועג פון דער אידישער טשערטא ביז סיביר איז פארזייט געווען מיט טויטע ביינדעלאך פון אומשולדיגע אידישע קינדערלאך. נאר א קליינע צאל פלעגט אנקומען אויפ'ן באשטימטן ארט. און דארט פלעגן זיי ערשט אויסשטיין אינקוויזיציע ליידן — אויב זיי האבן זיך ניט געוואלט שמד'ן. און אזוינע זיינען געווען זייער פיל. אמת'ע העלדן־טאטן האבן די דאזיגע אידישע קינדער באוויזן. אויף קידוש השם זיינען זיי געשטארבן. און מען ווייסט אפילו ניט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען... דאס דאזיגע סיסטעם צו נעמען אין מיליטער איז באקאנט מיט'ן נאמען: „קאנטאניסטן".

און די דאזיגע בלוטיגע גזירה האט אנגערירט בלויז דאס ארימע פאלק. סוחרים, וואס האבן געצאלט א גילדיע, זיינען פריי

געווען פון מיליטער־דינסט. גבירים האָבן זיך באַנוצט מיט דער לגאָטע. פריינד און מקורבים פון די קהל'שע קאָבלעפּל זיינען אויך ניצל געוואָרן, און דאָס אָרימע פאָלק האָט זיך געטרונקען אין בלוט פון זיינע קינדער.

און ניקאָלאַי האָט ניט גערוט: אין דריי חדשים אַרום, נאָכדעם ווי די גזירה איז פאַרעפנטליכט געוואָרן, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ צווייטע: אַרויסטרייבן די אידן פון גראָדנער גובערניע און פון דער שטאָט קיעוו; פון קורלאַנד און פון ליפלאַנד (נאָר די וואָס זיינען ניט קיין דאָרטיג־געבירטיגע), פון ניקאָלאַיעוו און פון סעוואַסטאָפּאָל. און שפּעטער (1835) ווערט באַשלאָסן נאָך מער צו פאַרקלענערן דעם שטח פון דער „טשערטאַ"; אין די שטעט וואו אידן זיינען אַ מערהייט טאָרן ניט געוויילט ווערן אין די מאַגיסטראַטן מער ווי איין דריטל אידן; אידן טאָרן ניט האַלטן קיין קריסטלאַכע דינערשאַפט און אַז. וו. און אַז. וו. און ווידער ווערן געשאַפן פּריווילעגיעס פאַר משומדים, אָבער דאָס אַלץ העלפט ניט. אידן ל י י ד ן. שטאַרבן אויס. גייען־אויס פון צער און הונגער און פון האַס צום אונטערדריקער. זיי האָפן אויסגעליזט צו ווערן. אָבער די „אויסלייזונג" פון א י ד נ ט ו ם נעמען זיי ניט אָן.

און אַז די אַלע מיטלען העלפן ניט, פּרוּווט עס ניקאָלאַי אויסצונוצן זיין פּויסט אויפ'ן געביט פון בילדונג. אפשר וועט די בילדונג מקרב זיין די אידן צום קריסטלאַכן גלויבן. און אַלץ אונטער דער מאַסקע פון אידישער טובה און אידישן תקון. פרעגט מען ווידער עצות בא די חכמים־אַדמיניסטראַטאָרן אין דער מדינה. שאַפט מען ווידער אַ קאָמיטעט צו דעם צוועק, און עס ווערט באַשלאָסן: שאַפן קאַזיאָנע שולן פאַר אידישע קינדער אין דער גאַנצער „טשערטאַ". דאָרט זאָל מען לערנען אידישע רעליגיע און אידישע למודים און אַלגעמיין־וויסן. נאָר די לערן־שפּראַך זאָל זיין רוסיש. און אַ אידישן דאָקטאָר אַ געלערנטן (ליליענטאַל) שיקט די רעגירונג צווישן אידן, ער זאָל באַווייזן אידן די נוצן וואָס אַזוינע שולן וועלן ברענגען די אידן. אין ווילנע זיינען די אידישע משכילים געווען פ א ר ליליענטאַל'ס אַגיטאַציע, אָבער די אָרטאָדאָקסישע אידן —

ניט. און אין מינסק האָבן אים אידן אויף אן אלגעמיינער אסיפה אָפּן ערקלערט: „כל זמן אידן וועלן ניט האָבן קיין בירגער־רעכט איז די בילדונג אן אומגליק פאר זיי. אן אומגעבילדעטער איד פאר־נעמט זיך מיט אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך, און געפינט טרייסט אין דער אמונה. אָבער אַ געבילדעטער מענש, אז ער וועט ניט קאָנען געפינען קיין פּאַסיגן פּלאַץ אין לעבן, וועט ער פון פארצווייפלונג אוועקוואַרפן די אמונה. צו אַזאַ צוקונפט וועט קיין איד ניט ערציען זיינע קינדער". מיט בזיונות איז ליליענטאַל אוועקגעפאָרן פון מינסק. אָבער אין פּעטערבורג ערקלערט ער, אז עס איז פאראַן אַ מעגלאַכקייט דורכצופירן די שול־רעפאָרם. ער פאָרט אויך נאָכ־דעם קיין וואָלין און פּאָדאָליע צו אַגיטירן. איידער מען האָט נאָך געעפנט די שולן האָט מען געוואָלט שוין פארמאַכן די חדרים און די ישיבות, נאָר דערוייל האָט מען דאָס אָפּגעלייגט אויף צוואַנציג יאָר, און צוויי ראַבינער־שולן עפנט מען (1847) אין ווילנע און אין זשיטאָמיר, וואו מען זאָל פאַבריצירן רבנים און לערער פאַר די אידישע שולן. אידן פאַרהאַלטן זיך מיט חשד און מיט פיינדשאַפט צו די דאָזיגע רעפאָרמען. זענען חושד די רעגירונג אין שמד־כוונות. אינגיכן ווערט מען געוואויר, אז די חשדים זענען געווען באַגרינדעט. ליליענטאַל אַנטלויפט דאַן פאַר בזיון קיין אַמעריקע. און די שולן, ווי די ראַבינער־שולן, זענען אין אידישע אויגן ווי א צלם, וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט אין בית־המקדש... דער שלעכטער ווילן, און די בייזע כונה פון מלוכה איז באַשטעטיגט געוואָרן אויך נאָך דערמיט, וואָס אינאיינעם מיט'ן ארויפצווינגען די שול־רעפאָרם האָט מלוכה ניט אויפגעהערט אָפּ־נעמען בא אידן די לעצטע שפּורן פון זעלבסטשטענדיגקייט — אפילו דאָס פאַרוואַלטן מיט'ן קאָראָבקע־געלט (אָפּצאָל פון כשר־פלייש). אינאיינעם דערמיט ווערן ארויסגעגעבן געזעצן וועגן פאָרט־זעצן די גירושים פון דערפער און אויך פון שטעטלאך פון ארום די גרעניצן ביז פופציג וויאָרסט. עס קומט כמעט צו אַ מרידה: ניינצען שטעטלאך ערקלערן, זיי וועלן זיך פון אָרט ניט רירן, סיידן מען וועט זיי מיט גוואַלד ארויספירן פון דאָרט. אין דערזעלבער

צייט זיצט א קאמיסיע און ארבעט אויס א פלאן ווי מתקן צו זיין די אידן, וועלכער באשטייט אין דעם, מען זאל אלע אידן איינטיילן אין צוויי „ראזריאדן": אין „ניצליכע" און „שעדליכע". צו די ערשטע געהערן גרויסע סוחרים, בעלי־מלאכות וואס געהערן צו א צעך, ערד־ארבעטער און באדן־אייגנטימער, אדער אייגנטימער פון אנדערע אומבאוועגלאכע גיטער. און אויך רבנים און לומדים זענען „ניצליך". אלע איבעריגע אידן זענען אומניצליכע, שעדליכע. זיי גיט מען אפ פאר סאלדאטן, פון זיי נעמט מען אויף צוואנגס ארבעט. זיי ווערן פארפאלגט און אויסגעראט, כדי זיי זאלן זיך נעמען צו ניצליכער ארבעט. דערצו קומען צו גזירות אויף די קליידער, אויף בארד־און־פיאות, אויף ווייבערשע פארוקן. די רעקרוטן־גזירות ווערן נאך פארשארפטער. כדי צו דערפילן די צאל, וואס מ'האט באשטימט צו באקומען פון אידן, וואס אידן האבן געזוכט אויסצומיידן, האט מען פארפולט פון וואנען ס'האט זיך געלאזט. מ'האט געכאפט מענשן אינמיטן גאס און „ארייגעווארפן אין געוואנט". טאמער איז איינער ארויס פון שטוב אן א פאס, איז ער ניט זיכער געווען אויב ער וועט זיך אומקערן אהיים. עס וואקסן אויס מוסרים, כאפער, „פארדינער", וואס באפרידיגן די בלוטיגע באדערפניש פון דער רעגירונג. און די רעגירונג פארפאלגט און פארציקט אויף רעכטס און אויף לינקס. דערצו קומען נאך צו בלוט־בלבולים אין פארשיידענע ערטער. דאס רוסישע אידנטום לעבט ווי אין א בלוטיגן קאשמאר. און ווער ווייסט צו וואס די רוסישע הערשער וואלטן נאך געווען דערגאנגען, ווען ניט דער פאל, וואס האט געבראכט די מלחמה אין קרים (1853).

בא אזא צושטאנד, וואו מ'האט אנגעשטריינגט די גאנצע מלוכה־מאכט אומצוברענגען אידן סאי מאטעריעל, סאי גייסטיג, סאי פיזיש, איז קיין וואונדער ניט, וואס אידן האבן זיך פעסט געהאלטן אן דער רעליגיע און אן די רעליגיעזע פירער זייערע. קיין חילוק ניט, צי רבנ'ישע, צי חסיד'ישע. קיין וואונדער ניט, וואס זיי האבן געקוקט מיט חשד און מיט אימה אויף יעדער פילאזאפיע, וואס קאן חלילה אראפפירן פון גלייכן וועג און אויף יעדער אפ־

ניגונג פונ'ם מנהג פון די אבות, טאָמער וועט עס פאַרפירן אין דער פרעמד.ביישפילן דערצו האָבן ניט געפעלט פון איינצעלנע געבילדעטע אידן, וואָס האָבן זיך אָדער גע'שמד'ט, אָדער געשטאַנען צו־הילף דער רעגירונג אין אירע גוואלט־מעשים. פונדעסטוועגן וואָלט געווען א טעות צו מיינען, אז אידן איז גאָר פרעמד געבליבן דער השכלה־גייסט, וואָס איז אהערגעקומען פון מערב־אייראָפּע. ברייט פאַרשפּרייט איז ער ניט געווען, אָבער זיינע ווינקלען האָט ער געהאַט אין פּוילן, אין ליטע און אין ווייס־רוסלאַנד. אין וואַרשע, ווילנע און שקלאָוו האָט די השכלה געהאַט ניט ווייניג אָנהייגער און פאַרעהרער. שוין אין לעצטן פערטל פון 18טען יאָרהונדערט קומען אַריבער א סך וואנדערנדיגע יונגעלייט פון דייטשלאַנד אין דער ליטע און ברייננגען מיט זיך די שפּראָצונגען פון דער השכלה. ליטווישע סוחרים פאָרן קיין האַמבורג און פראַנקפורט, ברעסלוי און קעניגסבערג — צענטרען פון מסחר און צענטרען פון השכלה. און אינאיינעם מיט פלוש און סאַמעט, באַרכאַט און זיידנס ברייננגען זיי אויך השכלה־אידעען מיט זיך. סוף 18טן יאָרהונדערט געפינען זיך אין ווילנע גרויסע פאַרעהרער פון מענדעלסזאָנ'ען, און אין אָנהויב 19טען יאָרהונדערט איז שקלאָוו א צענטער פון אידישער אויפקלערונג. ווען אויך אין א באַשרענקטער מאָס. און אין סוף דרייסיגער יאָרן טרעפן מיר אין וואָלין דעם געלערנטן משכיל יצחק־בער לעווינזאָן, אין ווילנע — מרדכי־אהרן גינזבורג, אדם הכהן לעבענזאָן, שמואל־יוסף פין און אין פעטערבורג — פּרץ און נעוואכאָוויטש, אָפּשפּראָצונגען פון דער שקלאָווער השכלה, אין די פופציגער יאָרן — מיכה־יוסף לעבענזאָן, אין די זעכציגער — א. מאַפּו, י. ל. גאָרדאָן און פיל אַנדערע.

דערפאַר איצט, נאָכ'ן קריג, וואו רוסלאַנד האָט געהאַט א פולשטענדיגע מפּלה אויפ'ן שלאַכטפעלד, האָט זי אָבער בייגעקומען דעם פּוילן רעזשים אין לאַנד: א פרייער גייסט האָט אָנגעהויבן צו שוועבן איבער'ן לאַנד. די פּויערים זענען באַפרייט געוואָרן. אידישע הענט זענען ביזלאַכווייז אויפגעבונדן געוואָרן. נייע פּרנסה־קוואַלן האָבן זיך געעפענט. די מיליטער־אינקוויזיציע איז בטל

געוואָרן און אידן הויבן־אָן צוטרויליך צו קוקן אויף דער רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און צו אירע פאַראָרדנונגען. אויך איצט שטרעבט זי צו אַסימילירן אידן מיט דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. אָבער דער סיסטעם איז אַנאַנדערער. פון איצט אָן גילט אַ מין פּרעמיען־סיסטעם פאַר די ווייניגע „בעסערע". די געבילדעטע באַקומען פּריווילעגיעס. די געהאָרכזאַמע ווערן באַלוינט. אָבער די אַנדערע ווערן ניט באַשטראָפט. בּיסלאַכווייז הויבט מען אָן ווײַלען די קאַטעגאָריעס, וואָס זענען ווערט רעכטס־פּרעמיעס: סוחרים ערשטע גילדיע האָבן וואוינרעכט אין גאַנץ רוסלאַנד און רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט וואָס זיי ווילן. דאָס אייגענע רעכט באַקומען שפּעטער מענשן מיט העכערער בילדונג. דאָסזעלבע רעכט באַקומען, נאָך שפּעטער, אויך בעלי־מלאכות, נאָר שוין מיט געוויסע באַגרעניצונגען. זייער קנאַפּ און זייער באַשרענקט ווערט אויך פאַרברייטערט די „טשערטאַ". משומדים ווערן אויס יחוס בײַ דער רעגירונג. אידן הויבן אָן צו פילן אַ באַדערפניש צו קאָנען די רוסישע שפּראַך און מאַסנווייז לויפן אידן אין די רעגירונגס־שולן — אין די גימנאַזיעס און אין די אָנפאַנגס־שולן וואָס ווערן געגרינדעט אומעטום. פון די ראַבינער־שולן ווערן לערער־סעמינאַרן. די ישיבות עקזיסטירן. די חדרים אויך. און די אַסימילאַציע הויבט אויך אָן בּיסלאַכווייז זיך צו ענטוויקלען, דאָס דויערט אַזוי אַן ערך צען יאָר. אין משך פון דער צייט קומען אויף אידישע צייטונגען אויף העברעאיש, אידיש און רוסיש אין ווילנע און אין אָדעס, וואו אידן קעמפן פאַר זייערע רעכט, באַקעמפן זייערע שונאים און קלערן אויף די אומוויסנדע קריסטליכע געזעלשאַפט וועגן אידישן מהות און אידישע פאַרלאַנגען, ווייזן אויך אָן דעם אומוויסענדן אידישן המון די פעלערן אין זיין לעבנס־שטייגער און ווי אַזוי זיי צו פאַרריכטן. אַלע טוען רימען די השכלה, אָבער די העברעאיש־אידישע פּרעסע האָט געוואָלט פאַראייניגן די השכלה מיט אַביסל רעפאָרמירטע אמונה, אָדער מיט'ן אידישן נאַציאָנאַליזם, בעת די אידישע פּרעסע אויף רוסיש האָט געפּרעדיגט אַסימילאַציע, און מיט ערפאָלג, צווישן די אידן, וואָס האָבן אויפ־

גענומען די רוסישע בילדונג און די רוסישע קולטור אין דער רוסי־שער שול. דיזעלבע טרעפן מיר אויך שפעטער אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן און ארויסטרעטונגען ניט אַלס אידן, פאַר אידישער קר־וודע, נאָר אַלס רוסן און פאַר רוסישע פאָדערונגען.

ווארים אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט ניט געהאַט דעם מוט צו קרוינען זיינע פרייהייטליכע רעפאָרמען אין לאַנד מיט פּאָליטישער פרייהייט פאַר דער רוסלענדישער באַפעלקערונג. די קולטור פרייהייט, וואָס דאָס פאָלק האָט גענאָסן, די פערזענליכע און געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג, צו וועלכער די רוסישע אינטעליגענץ איז געקומען, האָט צעפלאַקערט אין איר דעם ווילן צו פּאָליטישער פרייהייט, צו באַטייליגן זיך, דורך געזעצגעבונג אין רעגירן דאָס לאַנד. און ד אָ ס האָט אַלעקסאַנדער בא זיך ניט געקאָנט פועל׳ן. און וואָס באַמערקבארער עס זענען געוואָרן אין לאַנד די באוועגונגען צו פרייהייט, אַלץ רעאַקציאָנערער און שטרענגער איז אַלעקסאַנדער און זיין רעגירונג געוואָרן. דאָס רופט זיך אָפּ אויפ׳ן לעבן און אַנטוויקלונג פון גאַנצן לאַנד. דאָס מוז זיך אויך אָפּרופן אויף דער רעכטס־לאַגע פון די אידן. די רעכט, וואָס זיי האָבן באַקומען ביז איצט, ווערן ווייטער ניט אַנטוויקלט. עס באַווייזן זיך פּובליציסטן (ווי אַקסאַקאָוו, דאָסטאָיעווסקי א. א.), וואָס באַ־ווייזן, אַז אידן זענען ניט ווערט קיין רעכט, ווייל זייער מאָראַל איז אַ נידריגע און מוז ווירקן דעמאָראַליזירענד אויף דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. דאָס ווערט אויך דער שטאַנדפּונקט פון דער רעגירונג. די אידישע רעכט ווערן ניט מער פאַרברייטערט. דער נאַטירלאכער צוואַוואוקס פאַרפילט די קליינע צאָל מענשן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער טשערטאַ. די מיליאָניגע אידישע מאַסע בלייבט שטעקן אין די שטעט און שטעטלאַך און נאָר זייער ווינציגע אין די דערפער. די גוטע האָפנונגען ווערן ניט מקוים. די אידישע רעכט באַגרעניצונגען מאַכן דעם איינדרוק אויף דער ניט־אידישער באַפעלקערונג, אַז אידן שטייען אויסער׳ן געזעץ. און נאָך ביים לעבן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן קומט פאַר אין אָדעס אַ פּאָגראָם אויף אידן (1871) וואו פיל אידיש האָב־און־גוטס ווערט חרוב.

אין די מלוכה־קרייזן לאָזט מען זיך ערקלערן דעם פּאָגראָם דערמיט, וואָס די קריסטליכע מאַסן האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די אידן דערפאַר, וואָס די אידן עקספּלואַטירן זיי. עס הויבט זיך שוין אָן אַ טענדענץ צו באַגרענעצן די אידישע רעכט. נאָך דער מלחמה מיט טערקיי (1877־1878) הויבט זיך אָן צו באַווייזן אָפּענער אַנטי־סעמיטיזם אין די רעגירונגס־קרייזן ווייל אַ פּאָר אידישע פּאָדריאַד־טשיקעס אויפ'ן פראָנט האָבן ניט עהרלאַך געהאַנדלט. עס באַ־ווייזט זיך אַ בלוט־בלבול (קוטאַיס, 1878). עס קומט אויף אַן אַנטיסעמיטישע פּרעסע, אַ גאַנצע העץ־ליטעראַטור. נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער דער צווייטער ווערט דער'הרג'ט (1881) הויבט זיך אָן אַ גאַנצע פּאָגראָם־באַוועגונג, דערהויפּט אין אוקראַינע. מיט אַ יאָר שפּעטער ווערן געשאַפן די „צייטווייליגע פאַראָרדנונגען", וואָס זענען אויסן אָפּצושניידן אידן פון דער ניט־אידישער באַפעל־קערונג, באַגרענעצן די אידישע רעכט אויף אַלע געביטן פון געזעל־שאַפטליכן לעבן: באַוועגונג, וואוינונג, באַשעפטיגונג און בילדונג. עס הויבן זיך אָן גירושים פון דערפער און שטעט, דערוויטערונגען פון רעגירונג, שטאָטישער און זעמסקער באַאַמטענשאַפט. עס קומט איצט ווידער צום אַלטן, ווילדן כלל: „דעם אידן איז פאַרבאָטן אַלץ, וואָס עס שטייט ניט בפירוש געשריבן אַז עס איז אים ערלויבט".

ניט וועגן אידישער באַפרייאונג רעדט מען פון איצט אָן, נאָר וועגן באַפרייען דאָס רוסישע פאָלק פון דער אידישער אָנשיקעניש. און מען ערקלערט אויך אָפיציעל: די גרעניץ קיין אייראָפּע איז פאַר אידן אָפן, די אידן קאָנען גיין!...

אָבער די אידן א י צ ט זענען ניט מער די אייגענע וואָס מיט עטלאַכע יאָר צוריק. די עטלאַכע גוטע יאָרן האָבן אין אידן אַנטוויקלט זיין מענשליך און בירגערליך און נאַציאָנאַל באַוואוסט־זיין, ער וויל ניט מער באַהאַנדלט ווערן ווי אַן אָנגעוואָרפענער, אַ פרעמדער און פאַרהאַסטער. ער קאָן אויך מער ניט זיצן און שווייגן און וואַרטן אויפ'ן גנאָד פונ'ם מלך און זיינע שרים. אַ פאַרשיידנ־שפּראַכיגע פּרעסע האָט ער; אַ רייכע וועלטלאַכע ליטעראַטור האָט

ער, וואָס שטאַרקט זיין מוט און רופט צו טאַט. מיט אייגענע הענט און מיט אייגענער ענערגיע זאָלן אידן פּרוואוון צו שמידן זייער גורל. באַליידיגטע און דערצאָרנטע הויבן אידן אָן צו עמיגרירן פון רוס־לאַנד צו זוכן זייער גליק און פרייהייט אין אַנדערע לענדער, דער־הויפּט אין אַמעריקע. די אידישע אינטעליגענץ, אויסגעניכטערט פון איר אַסימילאַציע־אידעאַל, הויבט אָן צו זוכן דעם וועג צו זיך, זוכט אָנצוקניפּן דעם איבערגעריסענעם פּאָדים פון דער אידישער געשיכטע און אויפצוזוכן די שריט, וואָס אידן זענען געגאַנגען פון ארץ־ישראל אין גלות, כדי זיך אומצוקערן פון גלות קיין ארץ־ישראל. אויב דאָס איז ניט לויט די כחות פון איין אידישן קבוץ, מוז מען פאַראייניגן צו דעם צוועק די אידן פון אַלע לענדער, דעם גאַנצן כלל־ישראל. די אידן־פראַגע אין גלות קאָן געלייזט ווערן נאָר דורך אויסלייזן די אידן פון גלות. אויסלייזן ראַדיקאַל, דורך אַן אייגענעם באָדן, אין אַן אייגן לאַנד. עס קומען אויך אויף אַנדערע גרופּן אין אידנטום, וואָס ווילן מיט אייגענע הענט און מיט פּאָליטישער ארבעט מקרב זיין די הילף. אָבער זיי גייען אויס ניט ספּעציעל פון א י ד י ש ע ר נויט, נאָר פון די נויטן פון אונטערדריקטע בכלל, פון וועלכע אידן, דערהויפּט אידישע ארבע־טער, זענען בלויז א טייל. די לייזונג פון דער אידישער פראַגע זעען זיי לכתחילה אין דער אויפלייזונג פון אידן צווישן ניט־אידן. שפּע־טער — אין נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע. אָבער דאָס וועט מעגלאַך זיין ערשט דאַן, ווען די גאַנצע ארבעטנדיגע, אונטערדריקטע מענשהייט וועט, דורך געמיינזאַמען קאַמף, אויסגעלייזט ווערן, אויף א סאָציאַליסטישן באָדן, דורך רעוואָלוציאָנערע מיטלען, און דוקא דאָ, אויף די ערטער וואו זיי וואוינען, קיין כלל־ישראל אנערקענען זיי ניט, קיין אַלגעמיינע כלל־ישראל אינטערעסן האָבן זיי ניט.

זוכן די ערשטע און געפינען אנהייגער און מיטפילער און מיטארבעטער צווישן די מיטעלע שיכטן אין אידנטום, צווישן נאַציאָנאַל־געזאָנענע און ראָמאַנטיש־געשטימטע. זוכן די צווייטע און געפינען מיטפילער און מיטארבעטער אין די אידישע ארבעטער־קרייזן.

דאָס יאָר 1897 איז דער היסטאָרישער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר ביידע. אין דעם יאָר, אין חודש אויגוסט, קומט פאָר דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל. אינ׳ם זעלבן יאָר, אין סעפּ־טעמבער, קומט פאָר דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון „בונד“ אין ווילנע.

פרץ בן משה סמאָלענסקין

און עס איז געווען אין די „ששת־ימי־בראשית" פון דער נאַציאָנאַלער אידייע בא אידן:

ווען די אידייע האָט נאָך אַלס נאַקעטער געדאַנק בלויז, געשוועבט איבער די קעפּ פון די פאָרטגעשריטענע גייסטער אין אידנטום, און זיי באַהויכט און דורכגעלויכטן; ווען די ערשט געבוירענע איז געווען נאָך בלויז אַן אַלגעמיינהייט, בלויז אַ געשלאָסענער כלל אָן אויסגעשיילטע, אָדער געגלידערטע פּרטים; ווען אירע מאָמענטן אָדער טיילן, זענען נאָך ניט געווען אויסגעוויקלט פון איר, ניט דיפערענצירט און ניט פאַנאַנדערגעטיילט פונאַנאַנדער; ווען די עצם אידייע איז נאָך ניט געווען אויספירליך באַגריפן, ניט גענוי באַשטימט און ניט טיף באַגרינדעט —

אָט אין יענע ערשטע טעג פון איר בריאה, איז דער נאַציאָנאַלער אידייע בא אידן באַשערט געווען אַן אַפּאָסטעל פון גרויסען, היסטאָרישן מאַסשטאַב. דאָס איז געווען אַ מענטש — אַ וואולקאַן: שטענדיג צו פייערן גרייט! אַ מענטש מיט גרויסער ליידנשאַפט, שטורמדיגן טעמפּעראַמענט און גוואַלדיגער רעדענסקראַפט. אַ מאַן מיט אַ גרויסן ליטעראַרישן טאַלאַנט, מיט אַ ווייטן היסטאָרישן קוק און פון אינערליכן אימפּעט געצוואונגען זיין קוק און זיינע מיינונגען אַנדערע מענטשן מיטצוטיילן, איינצופּרעסן און זיי אויך צו אַנדערע אייגן מאַכן. און מער נאָך: קיין קרבן יז אים ניט צו שווער געווען, וואו ס'האָט זיך געהאַנדלט אום זיין אַפּאָסטלמיסיע צו דערפילן. קיין קרבן — ביז'ן לעצטן טראָפּן בלוט, ביז'ן לעצטן טאָג לעבן...

אַזוינער איז געווען פּרץ סמאָלענסקין!

ניט קיין פּראָגראַמען האָט ער פּראָפּאַגאַנדירט. ניט פּאָר באַשטימטע פּונקטן איז ער ארויסגעטראָטן. די אידייע אין איר דעמאָלטיגן ענטוויקלונגס־צושטאַנד איז נאָך ניט געווען צייטיג גענוג, איז נאָך ניט געווען אנערקענט גענוג, אז מ'זאָל קאָנען בויען אויף

איר פּראַקטישע פּראָגראַמען צו פּראַקטישע צוועקן. נאָר פאַר דער נאַציאָנאַלער אידייע אַלס פּרינציפּ, פאַר אנערקענען זי אַלס פּאָזיטיוון פאַקטאָר אין אידישן לעבן, שטעלט ער זיך איין — און מיט מעכטיגן ענטוזיאַזם, מיט אומפאַרגלייכליכער זעלבסטפאַר־געסונג און מיט גרעסטן ערפאָלג.

א גאַנץ פאָלק אויף לאַנגע דורות האָט ער מיטגעריסן און אוועקגעפירט נאָך זיך. וואָסער אַ ערפאָלג קאָן דען זיין נאָך גרע־סער? נייע וועגן האָט ער פאַר'ן היסטאָרישן אידנטום אויסגע־טראָטן. וואָסער אַן אַנדער לוין נאָך קאָן דען אַן אַפּאָסטל פון אַן אידייע פאַרלאַנגען?

און פון וואַנען און ווי אזוי איז ער דערצו געקומען?

געבוירן איז סמאָלענסקין דעם 8טן מערץ 1842 אין שטעטל מאָנאַסטירשטשינע, מאָהילעווער גובערני. א מתנגדיש שטעטל איז דאָס געווען. פול לומדות, יראת־שמים, מסחר און דלות. אָבער אויך השכלה האָט זיך דאָ ביסלאַכווייז געלאָזט מערקן. און ווייל נאָענט צום אמת'ן רוסלאַנד, צו סמאָלענסק, איז דאָס „קענען רוסיש", אלזאָ: א „גויאישע שפּראַך", ניט געווען דאָ קיין זעלטנ־הייט. סמאָלענסקינ'ס פאָטער איז געווען איינער פון צווישן אַנדע־רע. ערציהט ער זיין קינד ווי אַלע אַנדערע. און אַז פּרץ האָט גוטע פעיאיגקייטן, לערנט ער פון אינגסטער יוגנט אָן חומש, גמרא און גילט ווי א ביישפּיל פאַר אַלע אַנדערע קינדער זיין גלייכן. צו צוועלף יאָר בלייבט פּרץ אַ יתום און נאָך אינ'ם זעלבן יאָר וואַנ־דערט ער אויס פון זיין היים און קומט אָן קיין שקלאָוו אין ישיבה אריין. אינגיכן איז ער דער בעסטער תלמיד אין ישיבה. און אַז עס גייט ארויס די „גזרה", אַז אין ישיבה זאָל מען לערנען רוסיש, איז פּרץ דער איינציגער פון די תלמידים, וואָס גייט לערנען רוסיש פון קאַזיאָנעם לערער. און דאָ אויך מיט גרויס ערפאָלג. אָבער דאָס שטערט אים ניט צו זיינע ישיבה־למודים. און אַז די געזעל־שאַפט פון ישיבה־בחורים ווערט אים מיאוס, געפינט ער אין שקלאָוו אַ פּאָר משכילים, רעכט־געבילדעטע און פאַרקערט מיט זיי, לערנט פון זיי און לאָזט זיך פירן פון זיי. ער הויבט זיך אָן פילן

ה ע כ ע ר פון אנדערע זיינגלייכן. באשטייט אויף זיינע מיינונ־גען. באקומט כאראקטער און אויסגעהאלטנקייט. פארלירט „דרך־ארץ" פאר מענטשן, וואס ער האלט ניט פון זיי און זאגט זיי „דעם אמת" אין די אויגן אריין. מאכט ער זיך שונאים. ליגט ער אין לייטישע מיילער. ווערט אים דאס מיאוס און ער ווארפט אוועק שקלאוו מיט אירע טרוקענע מתנגדים און קלייבט זיך אריבער קיין ליובאוויטש צו די לעבעדיגע חסידים. דא בלייבט ער עטליכע חדשים און ער ווערט „א מקורב" אין ליובאוויטשער רבינ'ס הויף. דערהויפט צוליב זיינע זעלטענע פייאיגקייטן. אזוי שנעל און פינקט־ליך האט ער תופס געווען די „תורה", וואס דער רבי האט געזאגט, אז ער האט זי געקאנט איבער'חזר'ן פאר חסידים ווארט־ווערטליך. זיין לערנען, וואס ער האט געקאנט, האט מען אים אויך גערעכנט פאר א מעלה. ס'איז אים אבער מיאוס געווארן זיך צו פארשטעלן פאר א ירא־שמים, און אומגיין ברידערליך מיט די חסידים, וואס ער האט ניט געקאנט אריבערטראגן זייערע נענג, ווארפט ער זיי אוועק און קומט אן אלס סעקרעטאר צו א גרויסן אידישן גביר אין וויטעבסק. נאכדעם ווערט ער אויס סעקרעטאר און ווערט א משורר בא א חזן. א שטים האט ער געהאט א גלענצענדע, פארשטענדניש און געפיל צו זינגען אויך, זינגט ער א קורצע צייט. אבער די משוררים־געזעלשאפט עקעלט אים און ער באשליסט אוועקצופארן קיין אדעס — דער ציל־פונקט, וואוהין ס'האבן דעמאלט גע־שטרעבט אלע די, וואס האבן געגארט נאך א פריי קולטור־לעבן. צוואנציג יאר איז ער אלט, אז ער קומט קיין אדעס. דאס גליק שפילט אים דא. ער האט א פאר גוטע העברעאישע לעקציעס, לעבט בהרחבה און לערנט אויך אליין: דייטש, פראנצויזיש, פארשיידענע וויסנשאפטן; באקענט זיך מיט אנגעזעענע מענטשן, ווערט אויך אליין אנגעזען. און וואס מער ער באקענט זיך מיט פרעמדע ליטע־ראטורן, אלץ מער ווייטאגט ער פאר'ן נידעריגן צושטאנד פון דער העברעאישער ליטעראטור. אלץ פעסטער ווערט בא אים דער בא־שלוס זיך מקריב צו זיין פאר דער ליטעראטור אונזערער. אין יאר 1867 ערשיינט זיין ערשטע בראשור: „קריטיקירט זאל ווערן!"

(בקרת תחיה!), וואו ער צעפליקט דעם לאַרבער־קראַנץ, מיט וועלכן איינער פון די באַדייטענדע אידישע פּאָעטן אין יענער צייט (לעטערים), איז געקרוינט געווען. ער האָט דאָ געפירט אַ קאַמף געגן ליטעראַרישער־בטלנות, פאַר ליטעראַרישן געשמאַק. און אליין פּרובט ער דעם דאָזיגן געשמאַק, ריכטיגער: די ליטעראַטור מיט אייראָפּעאישן געשמאַק צו שאַפן. שרייבט ער איין ראָמאַן, באַ־אַרבעט פון דייטש אַ צווייטן און פאַרעפנטליכט אויך דעם לעצטן. און וואָס מער ער שרייבט, אַלץ מער הויבט ער אָן צו גלויבן אין זיינע קרעפטן. און וואָס שטאַרקער דער דאָזיגער גלויבן ווערט אין אים, אַלץ קלאָרער ווערט אים זיין אויפגאַבע — באַקעמפן דאָס העסליכע אין אידישן לעבן, קעמפן פאַר׳ן שיינעם. אָבער דערצו מוז ער האָבן אַן אייגענע טריבונע. די העברעאישע וואָכנצייטונג: „המליץ“, וואָס איז דאַן ערשינען אין אָדעס, באַפרידיגט אים נישט. וואַרפט ער אַוועק די שטאָט אָדעס און לאָזט זיך אַוועק קיין אויס־לאַנד. אונטערוועגס באַקענט ער זיך מיט עטליכע חשוב׳ע אידישע שריפטשטעלער און געלערנטע. אין 1868 קומט ער קיין ווין. און צום סוף פונ׳ם דאָזיגן יאָר, הויבט ער אָן ארויסצוגעבן זיין מאָנאַט־ליכן זשורנאַל: „השחר“ — דער מזבח, אויף וועלכן ער איז ווי אַ כהן־גדול געשטאַנען פופצן יאָר כסדר און טאָג־טעגליך דאָרט מקריב געווען זיין בלוט און זיין פלייש אַלס קרבן פאַר זיין פאָלק; די טריבונע, וואו „ער האָט זיך געפילט ווי דער ערשטער בירגער צווישן אידן, וואָס קען דאָס לעבן פון זיין פאָלק, האָט דערקענט זיינע וואונדן און שפירט זיין דופק, וואָס שלאָגט דורך דורות“ (דינאַבורג).

און היילן די וואונדן? און נאָרמאַליזירן דעם דופק?

לכתחילה איז אים אפשר ניט גאַנץ געגוי באַוואוסט, מיט וואָס מ׳קאָן די פאָלקס־וואונדן געזונט מאַכן. לכתחילה גייט עס אים בלויז אום קאַמף: צו באַקעמפן די שעדליכע שטרעמונגען, וואָס געפינען זיך אין אידנטום. די אָרטאָדאָקסאַלע ווי די פאָרטשריט־ליכע. די מתנגדים, וואָס זענען פאַרגליווערט געוואָרן ביים טויטן בוכשטאַב פונ׳ם לעצטן פוסק און פאַרמאַכן די אויגן פון אַלץ, וואָס

די וועלט ארום זיי פאַרמאָגט. פאַרזינקען אין דער מרה־שחורה און אין דער דאגה פאַר'ן גהינום־פייער נאָכ'ן טויט און זענען גלייכ־גילטיג צו דעם ליכט און צו דער פרייד פון לעבן בעת'ן לעבן. און די חסידים, וואָס האָבן זיך אביסל לויז־געבונדן פון דעם געשריבע־נעם אות, מיידן אוים עצבות, באמיען זיך צו שטיין איבער די טעגליכע דאגות, אָבער דאָס טוען זיי ניט מחמת דעם, וואָס דער שכל האָט זיי געבראַכט צו פאַרשטיין אזוי, נאָר מחמת זיי זענען פול מיט אבערגלויבן, מיט איבער־שכל'דיגע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען, וואָס זיי האַלטן פאַרווירקליכקייטן. און וועלט־פרעמד און וועלט־פיינטליך זענען זיי פונקט אזוי ווי די מתנגדים. וויסנשאַפט איז זיי סם. קענטשאַפט — טויט. ביידע מוזן באַ־קעמפט ווערן אין נאָמען פון אויפקלערונג, אין נאָמען פון השכלה און מענטשליכן פאָרטשריט. אָבער אויך די פאָרטשריטליכע, וואָס האָבן אוועקגעשפּאַנט צו־ווייט פון דעם אָרט, פון וואַנען זיי זענען אויסגעגאַנגען, די געבילדעטע און וואוילקענענדיגע, וואָס פאַר־לייקענען זייער אָפּשטאַמונג, וואָס האַלטן זיך נאַציאָנאַל — פאַר דייטשן, פראַנצויזן א. ד. ג., וואָס זיי זענען באמת ניט, און האַלטן זיך רעליגיעז — פאַר אנהענגער פון אידישן גלויבן, וואָס זיי גלויבן באמת ניט. ווייל זיי גלויבן בכלל ניט. אין קיין שום רעליגיע ניט. אויך זיי דאַרפן ביז אויסראָטונג באַקעמפט ווערן. שטאַרקער ווי די ערשטע. אומ'ברחמנות'דיגער, ווי די ערשטע — ווייל פאַר דער עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק זענען זיי געפערליכער ווי די ערשטע. דאָס אָפּזאָגן־זיך פון זיך און מיט אלע מעג־ליכקייטן זיך מקרב זיין צו די גויים — סיי דורך דער שפּראַך, סיי דורך דעם רעפאָרמירן די רעליגיע און סיי דורכ'ן גאַנצן שטייגער לעבן — זויגט אוים דאָס בלוט פון אידנטום, און איז אים מקרב צו אונטערגאַנג. און ס'איז דאָך אויפ'ן האַנט: אויב מ'איז דייטשן, פראַנצויזן א. ד. ג. נאָר פון משה'ס גלויבן, דאַן דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פון דער האָפנונג אָן משיח'ן, ד. ה. אז אידן וועלן אויסגע־לייזט ווערן פון גלות און ווערן א זעלבסטשטענדיג פאָלק אויף אייגענעם באָדן; דאַן דאַרף מען ניט האָבן קיין איינענע

שפּראַך, קיין העברעאיש, נאָר זיך באַנוגענען מיט דער לאַנדס־שפּראַך; דאַן הערט אויף צו זיין איין אידיש פּאָלק און ס'ווערן פאַרשיידענע אידישע „פּריבאָדן" (טשווירטשעס) אין פאַרשיידענע לענדער. איז דאָס ניט קיין פולשטענדיגער אונטערגאַנג פון אידישן פאָלק?

און אַ טעות איז עס אָנצונעמען, אַז אונזער גאַנצע „חזקת" שטעקט אין דער רעליגיע, אין די מצוות. נ י ט ־ ר י כ ט י ג, ערקלערט סמאָלענסקי'ן, די רעליגיע האָט זיך דערהאַלטן ווייל ס'פאָלק האָט זיך דערהאַלטן, און דאָס פאָלק האָט זיך דער־האַלטן, ווייל דער נאַציאָנאַלער גייסט האָט געלעבט אין אים. און דער נאַציאָנאַלער גייסט, וואָס איז א י י ג ן דעם גאַנצן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, און פ אַ ר א י י נ י ג ט דאָס גאַנצע פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, באַשטייט אין אנער־קענען זיך און פילן זיך ווי אַ באַזונדער פאָלק, אין דער האָפנונג אויסגעלייזט און זעלבסטשטענדיג צו ווערן און אין דער העברעאי־שער שפּראַך. ווילן מיר ניט לאָזן דעם נאַציאָנאַלן גייסט אויסוועפּן פון אונז, מוזן מיר באַשטיין אויף איין זאַך: א ו י ף ל ע ר ־ נ ע ן! „תלמוד־תורה כנגד כולם" — לערנען איבער אַלץ. ווארום דורכ'ן לערנען דאָס אידנטום, קומען מיר צו זעלבסטערקענטניש. צו זעלבסט־שעצונג. אָבער ניט דורך מקיים זיין די פּראַקטישע מצוות. דורך ל ע ר נ ע ן דאָס אידנטום, באַגרייפן מיר די פאַלשקייט פון יענע, וואָס ווילן מאַכן פון אידנטום אַן אבסטראַקטע פילאָזאָפיע. אָדער בלויז אַ שלחן־ערוך פאַר מענן און ניט מענן. אָבער דורך מקיים די פּראַקטישע מצוות, קאָן מען דאָס ניט באַגרייפן.

און סמאָלענסקין טיילט איין זיינע קרעפטן אויף צוויי: איין קראַפט זיינע שאַפט בעלעטריסטיק, ראָמאַנען, דאָ באַקעמפט ער דאָס פאַרשטיינערטע אָרטאָדאָקסישע אידנטום, וואָס רירט זיך ניט, באַווייזט ניט קיין לעבנס־אָטעם, און פאַרפאַלגט אַלץ, וואָס טראָגט מיט זיך ליכט און פאָרשרים. און די צווייטע קראַפט זיינע

איז די פובליציסטיק — דאָ באַקעמפט ער די פאַרשריטליכע אָדער השכלה־געפאַר פאַר'ן אידישן פאָלק.

און קעמפט ער קעגן די משכילים, וואָס קוקן אויף אידן בלויז ווי אויף אַ רעליגיעזער גרופּע, אָבער ניט ווי אויף אַ פאָלק, קעמפט ער קעגן דעם מעכטיגסטן פון דער דאָזיגער ריכטונג — קעגן משה מענדעלסזאָן. קעמפט ער קעגן דער ריכטונג, וואָס מאַכט פון אידנטום אַ פילאָזאָפיש סיסטעם, און פון לערנען די תורה בלויז אַ מיטל צו וויסן וואָס מ'מעג און וואָס מ'טאָר ניט. קעמפט ער קעגן דעם מעכטיגסטן פאַרטרעטער פון דער ריכטונג — קעגן רמב"ם. און שטייט ער אין קאַמף, ווייסט ער ניט פון ריקזיכט, ניט פון סענטימענטן און ניט פון איינזעעניש און אַכטונג. געשאַרפט איז דאָס שווערד, געשפּאַנט איז דער בויגן און נאָר איינס האָט ער אין אויג — צו טרעפן אין ציל און דאָרט מאַכן אַ רושם. און פירט ער אַ קאַמף — איז איבער'ן גאַנצן פראָנט, דורך דער גאַנצער אידישער געשיכטע מיט איין פּאַרנעם. איז ער אַמאָל ניט גאַנץ טיף, אָבער שטענדיג געניג ברייט ארומצונעמען ניט בלויז עפּאָכעס, נאָר די אידישע געשיכטע אינגאַנצן. און פון דאָרט אויס ארויסצוהויבן דעם אידישן נאַציאָנאַלן גייסט — דעם איינציגן טרעגער פון אידישן לעבעדיגן פאָלק.

און זיין שטענדיגער קאַמף קעגן די פאַרשיידענע ריכטונגען אין אידנטום, און דאָס לעבן אין ווין מיט איר שטענדיגן נאַציאָנאַליטעטן־קאַמף, און דער באַפרייאונגס־קאַמף פון די איטאַליענער פון עסטרייכישן עול, דער ערשטער אידישער פּאָגראָם אין אָדעס (1871) און די קאַמפן פון די באַלקאַן־פעלקער (1877-78) פאַר זייער באַפרייאונג פונ'ם טערקישן עול — דאָס אַלץ העלפט אים אין זיינע אַבסטראַקטע אידייען אריינצוגיסן פּראַקטישן אינהאַלט; זיין אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן גייסט צו צעגלידערן, אויסשיילען פּונקטן און שאַפן כמעט אַ פּראָגראַם.

„ווי אַלע פעלקער זאָלן מיר זיין!" — אָבער דאָס הייסט ניט אויפהערן צו זיין אַ באַזונדער פאָלק. געוויס אַ באַזונדער פאָלק. נאָר אַזוי ווי אַלע פעלקער שעמען זיך ניט מיט זייער אָנגע־

הערינקייט צו זיך, אזוי זאָלן מיר אויך זיך ניט שעמען א י ד ן צו הייסן און אידן צו זיין; אזוי ווי אַלע פעלקער האַלטן טייער זייער נאַציאָנאַלע, אין אומבאַוואוסטע אָנהויב־צייטן געשאַפענער שפּראַך, אזוי זאָלן אויך מיר היטן אונזער העברעאישע, איינציג־נאַציאָנאַלע שפּראַך, אין איר נאָר שאַפן און אין אינערליכן לעבן זי בלויז נוצן; און אזוי ווי אַלע אונטערדריקטע פעלקער לעבן מיט דער האָפנונג ווידעראַמאָל אויפגעריכט צו ווערן און הערן ניט אויף ט ע ט י ג צו זיין, כדי די אויפריכטונג זאָל קומען, אזוי זאָלן אויך מיר פעסט האַלטן אָן אונזער היסטאָרישער האָפנונג אויפ־געלייזט צו ווערן, און —

טעטיג זאָלן מיר זיין, כדי די אויס־לייזונג זאָל קומען!

און די דאָזיגע טעטיגקייט וועט אונז פאַרגרינגערן דאָס לעבן אין גלות אויך — ווייל דער גאַנצער אַנטיסעמיטיזם נעמט זיך דערפון, וואָס מיר זענען פּאָליטיש־נאַציאָנאַל שוואַכער פון אַלע אַנדערע פעלקער. און אין דער מאָס, וואָס די דאָזיגע שוואַכקייט וועט אָנהויבן צו פאַרשווינדן, וועט וואַקסן אונזער אַנערקענונג בא די אומות פון דער וועלט.

אין די אַכציגער יאָרן הויבט זיך אָן אין רוסלאַנד און אין פּוילן אַ מערקבאַרע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אויף דעם באַזיס פון חבת־ציון, ד. ה. צו קאָלאָניזירען אידן אין ארץ־ישראל, פאַרמערן דאָרט די אידישע באַפעלקערונג, און ביסלאַכווייז ווערן די בעלי־בתים אין איינעם לאַנד. און אַז ער קומט אין יאָר 1881 קיין רוסלאַנד, ווערט ער פון דער רוסלענדישער אידישער אינטעליגענץ געפייערט ווי דער נאַציאָנאַלער העלד; ווי דער פאָנען־טרעגער פון דער באַ־וועגונג, וואָס ער האָט אַרויסגערופן צום לעבן; ווי דער, וואָס האָט אין דער אידישער שטודירנדער יוגנט אריינגעהויכט דעם נאַציאָ־נאַלן גייסט, מיט וועלכן זיי לעבן און ווירקן פון איצט־אָן צו זייער גליק און צום גליק פון אידישן פאָלק אין דער געגנוואַרט און אין זיין צוקונפט.

די דאָזיגע נאַציאָנאַלע אַנערקענונג גיט אים צו מוט, הויבט

זיי גייסט, וואס איז געווען געפאלן צוליב זיין שווערער מאטעריע־לער נויט, וואס האט זיין געזונט אונטערגעבראכן. אבער אינאיינעם דערמיט טראגט ער ארויס פון זיין טריאומף־רייזע די איבערצייגונג, אז איבער די אידישע קעפ אין רוסלאנד הענגט א געדיכטער וואלקן, וואס איז אנגעלאדן מיט פייער־שטיינער. און יעדער טאג קאן מען זיך ריכטן, אז דער וואלקן זאל זיך אנהויבן אויסלאדן. דאס דאזיגע באוואוסטזיין פארביטערט אים זייער. ער ווארפט אוועק זיינע אלטע קאמפן און נעמט אויף דעם קאמף פאר אידיש־נאציאנאלער זעלבסט־הילף דורך אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל. און אז די פאג־ראמען הויבן זיך אינגיכן אן אין רוסלאנד, און אידן הויבן אן לויפן פון רוסלאנד, וואוהין די אויגן טראגן זיי — דאן פאדערט סמאלענסקין פון אלע גרויסע אידישע חברות, אז זיי זאלן זייער ארבעט קאנצענטרירן אין ארץ־ישראל — דאס איינציגע לאנד, וואו אידן וועלן זיין ב א ־ ז י ך, מיט־זיך און ענטוויקלען א לעבן, לויט זייער נאציאנאלן גייסט און לויט זייער אייגענעם שטייגער. יעדער ארטיקל, וואס ער האט אין דער צייט געשריבן, איז געווען מיט בלוט געשריבן.

ווארים אין דער צייט באקומט ער האלז־קאנסאמפשאן. די דאקטוירים הייסן אים רוען. ניט ארבעטן. פארן אין קור־ערטער. זיין מאטעריעלער צושטאנד איז שווידערליך. ווארים געלעבט האט ער דערפון, וואס ער האט געפירט די העברעאישע אפטיילונג אין א גרויסן דייטשען דרוק אין ווין, און דערצו געווען א קארעקטאר. אביסל האבן אים זיינע ראמאנען אייגגעטראגן. אבער צום „השחר" האט ער שטענדיג דערלייגט, — ווייל זיינע הויפט־לעזער זענען געווען אין רוסלאנד, און די הויפט־אפנעמער זענען געווען די אגענטן. און די אגענטן האבן שוין דעמאלט געהאט די טבע, דאס אבאנעמענט־געלט צו לאזן בא זיך, און די „רשימות" פון די אבאג־נענטן אריבערצושיקן אין רעדאקציע... און די גרויסע פארעהרער סמאלענסקינ'ס אין רוסלאנד האבן זיך אויף זיין גרויסער נויט ניט אפגערופן. אויף די ווינער „יאהודים" — ווי מ'טוט איצט אין אמעריקע — האבן זיי זיך פארלאזט. און די לעצטע האבן אויך

זייער שולדיגקייט געטאָן: געשאַפן געלט פאַר סמאָלענסקינ'ס פאַר־לאָזטער פאַמיליע, און געשאַפן געלט אויף אויסצוהאַלטן אים אין מעראַן א לענגערע צייט.

1884 פאָרט ער אַרויס קיין מעראַן, זיך קורירן.

אָבער בעסער האָט אים די קור ניט געמאַכט. וואָרים אויך ער האָט זיך פון איר ניט פיל געמאַכט. ער האָט טעגליך געשריבן, ווי אין פיבער. ער האָט זיך געאײַלט צו טאָן, צו ווירקן, צו וועקן דאָס אידישע פאָלק צו זעלבסט־הילף. צו זעלבסט־דערקענטניש. צו זײַן נאַציאָנאַלן גייסט. און אין הסכם מיט'ן דאָזיגן גייסט מקרב צו זײַן די גאולה. און די דאָזיגע פיבער־אַרבעט פאַרקירצט אים די יאָרן.

דעם פופצענטן שבט 1885 פילט ער, אז דער טויט שטייט אי־בער זײַן קאָפּ. פון דער פאָרציע מאָרפיום, וואָס זײַן דאָקטאָר גיט אים, כדי צו לינדערן זײַנע ווייטאָגן, ווערט ער כמעט ווי באַוואוסט־לאָז, און דעם 16־טן שבט אינדערפרי, אַז די נוירס איז אַרײַנגעקומען צום קראַנקן אין צימער אַרײַן, האָט זי אים געפונען ליגן אויף דער ערד א טויטן.

בא דער לויה איז געווען פּראָפעסאָר העלער און סמאָלענסקינ'ס ברודער לעאָן, וואָס זענען פון ווין געקומען אים מקבר צו זײַן. נאָך א פּאָר פון די קור־געסט אין מעראַן זענען געקומען אים באַגלייטן צו זײַן אייביגער רו.

זײַן טויט האָט געמאַכט א געוואַלדיגן רושם אין דער אידישער קולטור־וועלט. אפילו די העברעאישע פרעסע, וואָס האָט אים שטענדיג פאַרשוויגן ביים לעבן, האָט ניט פאַרפעלט צו דרוקן אַרטיקלען וועגן זײַן טויט...

ד״ר לעאָן פּינסקער

אין אלע צייטן און אין אלע לענדער האָט בא אלע מינים אידן געלעבט דער באַגער צו זיין, צו לעבן אָדער כאָטש צו שטאַרבן אין ארץ ישראל. רבנים, מקובלים צי חסידים — אלע האָבן זיי געהאַט מיסטישע צוועקן אין „הייליגן" לאַנד. ביים פּשוט'ן פאָלק איז ארץ ישראל געווען דער פונקט אויף דער ערד, מיט וועלכן אלע זיינע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע האָפנונגען זענען צונויפגעשמידט. א ל ע — מאַטעריעלע ווי גייסטיגע. אָבער האָפנונגען, וואָס זייער ערפילונג איז אָפּגעלייגט אין דער וויטער צוקונפט, ארויפגעלייגט אויף איבערמענשלאַכע כחות און איבערנאַטירלאַכע וואונדער...

דאָס 19טע יאָרהונדערט האָט די דאָזיגע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע האָפנונגען סעקולאַריזירט, אויב מ'קאָן זיך אזוי אויסדריקן. וואָכעדיג געמאַכט. וועלטליך געמאַכט. און מיט מענשליכע מיטלען געזוכט זיי צו רעאַליזירן. און ניט בלויז אידן האָבן עס געפּרובט. פריער ווי אידן האָבן עס געטאָן קריסטן. ענגלענדער פריער ווי אַנדערע — און צוליב אייגענע מלוכה־אינטערעסן, האָט מען דאָך געוואַרט אויפ'ן צעפאַלן פון דער טערקישער מלוכה, קומט עס ענגלאַנד אָן דאַרויף, אז די לענדער וואָס ליגן אויפ'ן וועג קיין אינדיע, זאָלן ניט אריינפאַלן אין די הענט פון אן איראָפּעאישער מלוכה. איז גוט דאָרט צו שאַפן אן אָרט פאר דער אידישער באָדנלאָזער נאַציע. ווילן אנדערע דאָס אייגענע צוליב אנאנדער צוועק, נעמליך: א אידישע פּאַלעסטינא קאָן שטאַרקן און דערהאַלטן די עקזיסטענץ פון דער טערקיי. און דריטע ווילן א אידישן ישוב אין ארץ ישראל — וויל נאָר אידישע ענערגיע און אידישע אינטעליגענץ קאָן אַנטוויקלען און קולטיווירן דעם מזרח. דאַן קומען ענגלישע שריפטשטעלער, פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן מיט א פּראָפּאַגאַנדע, מיט פּלענער און אפילו מיט פּרובן צו שאַפן א אידישע פּאַלעסטינא מיט

אויטאָנאָמיע־רעכט. און נאָך די ענגלישע קומען פראַנצויזישע שטאַטסמענער, פּאָליטיקער און שריפטשטעלער און ערקלערן די וויכטיגקייט פון אַ אידישן ישוב אין ארץ־ישראל צוליב די פראַנצויזישע אינטערעסן אין סיריען. און אויך איטאַליען קען הויכע שטימען פ א ר דער דאָזיגער אידייע, וואָס האָט איצט דעם נאָמען: צ י ו נ י ז ם.

אָבער אויך די אידן אין די דערמאָנטע לענדער האָבן זין פאַר דער דאָזיגער אידייע. משה מאָנטעפיאָרע אין ענגלאַנד; קרעמיע, נעטער און שפּעטער ראָטשילד אין פראַנקרייך טוען פּראַקטישע זאַכן פאַר אַ ישוב אין ארץ ישראל. אָבער אויך אין דייטשלאַנד ווערן געמאַכט פּרובן אין דערזעלבער ריכטונג. און דאָ — פון גרויסע רבנים. אין 1860 קומט פאַר אין טאָרן אַן אסיפה פון אידישע נאָטאַבלען וועגן דער פראַגע. אין 1861 ווערט אין פראַנקפורט־אַם־מאַין געגרינדעט דער ערשטער חובבי־ציון פאַראיין. נאָך פראַנקפורט קומען אויך אַנדערע שטעט. אין 1870 בויט קאַרל נעטער די ערד־אַרבעטער שול אין מקוה־ישראל, בא יפו. אין „המגיד", „השחר" הויבן אָן אידישע שריפטשטעלער צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע וועגן אומקערן דאָס פאָלק ישראל קיין ארץ־ישראל. אומקערן — צו דער נאַטור, צום באָדן, צו ערד־אַרבעט. אַלץ מער און מער ווערט פאַרשפּרייט דער געדאַנק וועגן נאַציאָנאַל־פּאָליטישער רענעסאַנס פון אידישן פאָלק. איינצעלנע געדאַנקען־פעדים וועגן אידישן ווידער־אויפלעבן ווערן געשפּונען און דורכגעצויגן אין דער אידישער וועלט...

אָבער פון די אַלע פעדים ווערט איין געוועב ערשט ב ע ת און נ אָ ך די גרויסע פּאָגראָמען, וואָס די רוסלענדישע אידן האָבן איבערגעלעבט אין די יאָרן 1881—1882. די אומערוואַרטעטע איבערפאַלן אויף אידן און רויבערייען אין מיטן העלן טאָג, וועלכע די אַגענטן פון דער רעגירונג האָבן ניט געשטערט, און די געבילדעטע רוסישע געזעלשאַפט האָט פאַרשוויגן, האָבן געמאַכט אויף דער אידישער אינטעליגענץ אַן ערשיטערנדיגן איינדרוק. די האָפנונגען אויף גלייכבאַרעכטיגונג ווערן צערונען. די אַסימילאַציע איז

באנקראָט. די ארבעט צו פארשפרייטן רוסישע בילדונג און רוסישע קולטור צווישן אידן ווערט אן אבסורד, דער גלויבן אָן דער מעגלאכקייט צו לייזן די אידנפראגע אויפ'ן אָרט, אין רוסלאנד, פארשווינדט. און דער בזיון און די באליידיגונג און די אָנמעכטיקייט איז גרויס. און דער צער איז ניט צו דערליידן —

דעמאָלט קומט אויף דער לאָזונג: אויסוואנדערן!

אין 1882 גרינדעט זיך דער ערשטער פאראיין: „חובבי ציון" אין ווארשע. צוועק: קאָלאָניזירן אידן אין פאלעסטינא. אינגיכן ווערן ענליכע פאראיינען געגרינדעט אויך אין פיל אנדערע שטעט און לענדער: יאסי, לאָנדאָן, בערלין, ווין, ניו יאָרק, פילאדעלפיא און נאָך און נאָך. אין דעמזעלבן יאָר ווערט אויך געשאפן דער ספר פונ'ם פאָליטישן ציוניזם, — דאָס בוך „אויטאָעמאנסיפאציאָן" (זעלבסטבאפרייאונג) פון ד״ר. לעאָן פינסקער.

ד״ר. ל. פינסקער איז געבוירן דעם 25טן דעצעמבער, 1821, אין שטעטל טאָמאשאָוו, אין פוילן. ער איז שוין געווען דער דריטער דור פון משכילים אין זיין משפחה. נאָך אַלס קינד ברענגט אים דער פאָטער קיין אָדעס. אן ערציאונג באקומט ער — ווי אַלע אידישע קינדער בא אינטעליגענטע עלטערן. אָבער זיין פאָטער, שמחה פינסקער, א אידישער אינטעליגענט, געלערנטער און שריפטשטעלער, האָט עס פארשטאנען אויך נאציאָנאל-אידישע זאָמען צו פארזייען אין יונגן קינד'ס הארץ.

אַמאָל, נאָך א קליין קינד, האָט אים דער פאָטער מיטגענומען אין שול אריין ערב ראש השנה פארטאָג, צו סליחות. דער גאנצער עולם האָט געוויינט. עס האָט אויך געוויינט דער פאָטער. און דאָס קינד, וואָס האָט דאָן קיין זאַך ניט פארשטאנען, פרעגט בא זיין פאָטער: וואָס וויינסטו? און דער פאָטער, אנשטאט אן ענטפער, זעצט אים איבער א סליחה פון ערב ראש השנה, וואו עס ווערט גערעדט פון אידישע צרות און אידישע פארפאָלגונגען און אידישער הילפלאָזיקייט. און דער דאָזיגער ענטפער —

פּלעגט פּינסקער דערציילן — האָט זיך אים איינגעקריצט אין הארצן אויפ׳ן גאנצן לעבן...

אָבער דערווייל לערנט ער, שטודירט ער, ענדיגט יורי אין אָדעס. שפּעטער ענדיגט ער מעדיצין אין מאָסקווע. אין 1848 קערט ער זיך אום קיין אָדעס מיט א מעדיצין־דיפּלאָם אין קעשענע, מיט אסימילאציע אין קאָפּ און דעמאָקראטיזם אין הארצן. ער זוכט ניט קיין עשירות, ניט קיין פּאָפּולאריטעט. ער היילט אָרימע קראנקע, און ס׳רוב אָזעלכע, וואו ער דארף איבערלאָזן אויף א רעצעפּט... ער איז אריינגעטאָן אין דער מעדיצינישער ליטעראטור און ארבעט אין דער אָדעסער „בילדונגס־חברה". אָבער שוין די אָדעסער פּאָגראָמען פון 1871 מאכן וואקלען זיינע אסימילאטאָרישע איבערצייגונגען. דאָס איז דאָך געוועזן דער ע ר ש ט ע ר פּאָ־גראָם אין דער „השכלה עפּאָכע"! די ארבעט אין דער „בילדונגס־געזעלשאפט" הערט אויף. די אנטיסעמיטישע באוועגונג אין דייטשלאנד פארשטארקט די איבערצייגונגען צו וועלכע די פּאָגראָ־מען האָבן געבראכט. נעמליך: אז ניט אין אסימילאציע און ניט אין גלייכבארעכטיגונג ליגט די לייזונג פון דער אידן־פראגע. אָבער ביסלאכווייז ווערט דער שטורם בארואיגט. מען גייט איבער צו דער טאָגאָרדנונג. און אז די ארבעט פון דער „בילדונגס־חברה" ווערט באנייט, אין יאָר 1878, געפינען מיר ווידער פּינסקער׳ן אין קאָמיטעט פון דער חברה. ווידער ארבעט ער דאָרט, הגם אָן דעם פריערדיגן ענטוזיאזם — ווייל אָן דעם פריערדיגן גלויבן.

און אָט קומט דאָס יאָר 1881. עס ווערט פּאָגראָמירט שטאָט נאָך שטאָט און שטעטל נאָך שטעטל. עס נעמט ארום כמעט גאנץ אוקראינע. די פּאָגראָם־באוועגונג גרייכט ביז אָדעס, דערגייט ביז ווארשע. און אידן הויבן אָן לויפן פון לאנד מאסנווייז. לויפן — וואוהין די אויגן טראָגן...

און אין דערזעלבער צייט זיצט די אידישע אינטעליגענץ אין דער „חברה צו פארשפּרייטן בילדונג צווישן אידן" און טוט זיך איר טעגלאכע ארבעט: באשטימט א פּאָר גראָשן פאר א אידישן גימנאזיסט, א פּאָר רובל פאר א אידישן סטודענט, כדי ז י י

מקרב צו זיין צו גלייכבארעכטיגונג און דאָס אידישע פאָלק צו אויפקלערונג.

צו איין זיצונג אזעלכער — אין זומער 1881 — איז געקומען פינסקער. און אז דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן באַהאַנדלען די טאָגאָרדנונג האָט זיך פינסקער אויפגעשטעלט און מיט אַ ציטער־דיגער שטים האָט ער געזאָגט:

— זעט נאָר, לאַנג שוין איז דער צושטאַנד פון אידן ניט געווען אַזוי שרעקלאַך ווי ער איז איצט. אידן לויפן נאַקעטע, הוילע, אָרימע, ווי מען לויפט פון א שונא. טויזנטער און צענדליגער טויזנטער וואַלגערן זיך אין אַלע האַפן־שטעט. זיי זוכן ברויט און זוכן רו נאָך די פּאָגראָמען, פאַרפאָלגונגען און גזרות — און איר שפּילט זיך אין פארשפרייטן בילדונג צווישן אידן!.. צי דען זעט איר ניט, אַז אייער גאַנצע ארבעט פאַר'ן פאָלק האָט קיין שום ווערט ניט? וואַרפט אַוועק די „שטיצע", הערט אויף אויפצוקלערן איינצעלנע. דעם פ אָ ל ק, דעם גאַנצן פאָלק גייט און העלפט! ברויט און רו שטעלט־צו פאַר די טויזנטער און טויזנטער אַנטלאָפענע און געטריבענע!

ערקלערט אים עמיצער פון די קאָמיטעט־מיטגלידער, אַז דער קאָמיטעט איז געבונדן מיט זיינע סטאַטוטן און קאָן זיך ניט פאַר־נעמען מיט אַזאַ ארבעט ווי פינסקער לייגט פאָר. און פינסקער מעלדעט זיך ווידער צום וואָרט:

— געוויס איז די חברה געבונדן מיט אירע סטאַטוטן. אָבער איך רעד דאָ ניט צו מיטגלידער פון אַ ק אָ מ י ט ע ט. נאָר צו ברידער, וואָס בלוט דאַרף רינען פון זייערע הערצער צוזעענדיג אַלץ וואָס עס קומט פאָר; און נייע וועגן און נייע מיטלען דאַרפן זיי זוכן, ווי צו העלפן אין אומגליק און היילן דאָס פאָלק. דערפאַר קאָן איך ניט מער ארבעטן אין דער חברה און שעפן וואַסער מיט אַ זיפּ... ערקלער איך אייך, אַז איך בין ניט מער קיין מיטגליד אין אייער קאָמיטעט, און זאָג זיך אָפּ פון מיטארבעטן מיט אייך.

און איז אַוועק. אַוועק אין־זיך. זיך קלאָר געמאַכט די הויפּט־סבות פון אידישן ליידן און אויסקריסטאַליזירט דעם פּלאַן, ווי אַזוי,

דורך וואָס פאַר אַ וועג, אידן קאָנען אַמאָל, נאָך צייטן און דורות און שווערע מעשים, קומען צו רו אויף דער וועלט.

איצט איז אים קלאָר, אַז אידן קאָנען זיך ניט אַסימילירן מיט די אַנדערע פעלקער — ווייל זיי זענען צווישן די פעלקער אַ פרעמדער עלעמענט, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרדייען. וואַרטן אויפ'ן קאָסמאָפּאָליטיזם, אויפ'ן פאָרטשריט פון דער קולטור — איז אַן אוטאָפּיע. אפילו קיין פעלקער־בונד וועט דאָ ניט העלפן — ווייל דער איד קאָן ניט אַריינקומען צווישן די פעלקער ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע. עס פעלן אים די נויטיגע באַדינגונגען דערצו. די אידן האָבן פיל מוטערלענדער, אָבער ניט קיין איינציג פאָטערלאַנד. דער איד האָט ניט קיין צענטער, קיין שווער־פּונקט, קיין אייגענע רעגירונג, קיין נאַציאָנאַלע פאָרטרעטונג. אומעטום איז ער דאָ, און אין ערגעץ איז ער ניט אין דערהיים. כדי מען זאָל קאָנען לייזן די פראַגע פון אידישן פ אָ ל ק, מוזן אידן פריער ו ו ע ר ן אַ פאָלק, אַ נאַציע, מיט אַן אייגן לאַנד, מיט אַן אייגענער שפּראַך. און דאָס זענען מיר איצט ניט.

ווארים פון זינט דעם חורבן אָן, זינט די אידישע מדינה איז חרוב געוואָרן, זענען מיר בלויז אַ „גייסטיגע" נאַציע. אַ גייסטיגע, אָן אַ קערפּער, אָן אַ לאַנד. און די וועלט קוקט אויף אונז ווי אויף אַ טויטן, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן לעבעדיגע. אַ בלאָנדזשענ־דיגער מת, אַ פאָלק וואָס איז ניט פאַראייניגט אין איין קערפּער, וואָס איז ניט צוגעבונדן צו איין לאַנד, ו ו אָ ס ל ע ב ט ש ו י ן נ י ט, און גייט פאָרט אום צווישן לעבעדיגע. אַ טשיקאַווע ער־שיינונג, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע. אַ פאָלק — אַ געשפּענסט! אויף דער פאַנטאַזיע פון פעלקער האָט עס געמוזט מאַכן אַ משונה'דיגן איינדרוק. דער פחד וואָס מענשן האָבן פאַר רוחות, פאַר גייסטער, פאַר אַזוינע וואָס זענען אי טויט אי לעבעדיג, האָט באַהערשט די פעלקער אויך בנוגע צו אידן. אַ פּסיכישע קראַנקייט איז עס: „דיימאָנאָ־פאַטיע" אָדער „גייסטער־שרעק". זעט זי אין אידן אַלע פאַנטאַס־טישע פאַרברעכנס. אַלע אומגלויבליכע בלבולים. דאָס פאַר־

ברעכן פון פּרט זעט זי אין דעם גאַנצן כלל. און מיט ווערטער פון „אָפּשפּרעכן“, מיט פּאָלעמיק, קאָן מען קיין פּסיכישע קראַנקייט ניט היילן. נאָכמער, ווייל אַ פּסיכישע קראַנקייט, גייט זי איבער פון עלטערן צו קינדער, פון דור צו דור, און עס איז פון איר קיין סוף ניט צו זען.

און אומעטום לעבט זי, און אין דער גאַנצער מענשהייט ווירקט זי — אָט די פּסיכישע קראַנקייט. זי באַווייזט זיך נאָר פאַרשידן. די „טאָלעראַנץ“ איז נאָר אַ מאַסקע. ווארים *פאַגראַמירט* צו ווערן אלס איד, אָדער *געשיצט* צו ווערן אַלס איד, איז גלייך באַליידיגענד, גלייך פּיינליך פאַר דער מענשליכער ווערדע פון דעם אידן. דאָס איינציגע מיטל פּטור צו ווערן פון דער שנאה איז — ווערן מענשן גלייך, אונזער נאַקעטן גייסט אריינברייננגען אין אַ קערפּער. ווערן אַ פאָלק מיט אלע „חושים“: מיט אייגענעם באָדן, אייגענער שפּראַך און אייגענעם לעבנס־שטייגער. ערשט דעמאָלט וועט מען אָנהויבן קוקן אויף אונז, ווי נאָרמאַלע מענשן קוקן אויף אַנדערע נאָרמאַלע מענשן.

אמת, קיין פאָלק האָט ניט ליב *קיין* פרעמד פאָלק, וואָס לעבט צווישן אים. און אויך מיר וואָלטן ניט געהאַט זיך צו באַקלאָגן, ווען די אומווילינגע אָדער אומפריינדליכע באַציאונג צו אונז וואָלט געווען נאָר אַזאַ, ווי זי איז צו אַנדערע פרעמדע פעלקער. איז זי אָבער צו אונז אַנדערש און ערגער ווי צו אַנדערע. און ס'איז פאַרשטענדליך פאַרוואָס:

שטענדיג און אומעטום איז אַ חילוק ווי מען נעמט־אויף אַן אורח אַ *בעל־הבית* און ווי מען נעמט אויף אַן אורח אַ *קבצן*. דער ערשטער קומט צו אונז ווי אַ *גלייכער צו־גלייכע*. ווארים בא זיך אינדערהיים נעמט ער דאָך אויך אויף אורחים. דערפאַר איז ער זיך באַוואוסט אין זיין רעכט צו פאַרלאַנגען און צו *פאָדערן*, אַז מען זאָל אים באַהאַנדלען אַזוי ווי ער באַהאַנדלט אורחים, וואָס קומען צו אים, און דאָס דאָזיגע רעכט אַנערקענט מען אים. אָבער דער אורח דער *שלעפּער* — ווער קומט־אָן צו אים, ווער האָט פון אים? ניט קיין הויף,

ניט קיין הויז. ער בעט גוטע באַהאַנדלונג — ווי אַ נדבה. ווארים נאָר נעמען קאָן ער, ניט געבן... און האָט מען אויך **א ו נ ז** אָנערקענט רעכטע, עמאַנציפּירט, איז עס געווען בלויז אַ פאָדערונג פון דער לאָגיק, פון רעכט, פון גוט־פאַרשטאַנענעם אינטערעס. דאָס איז אָבער ניט געווען דער אויסדרוק פון **ג ע פ י ל**. אין **ג ע־ פ י ל** פון די פעלקער זענען אידן אויך ווייטער געבליבן רעכטלאָז, פרעמד און ניט־געוואונשן. דערפאַר איז דער איד אויך ווייטער: „פאַר די לעבעדיגע א טויטער; פאַר די היימגעבוירענע אַ פרעמ־ דער; פאַר די אַלטגעזעסענע אַ שלעפער; פאַר די רייכע אַ בעטלער; פאַר די אָרימע — אַן אויסזויגער און אַ מיליאָנער; פאַר'ן פּאַטריאָט — אַ מענש אָן אַ פאָטערלאַנד; פאַר אַלע קלאַסן — אַ קאָנקורענט".

ווי אַן אורח א **ב ע ל ־ ה ב י ת** וועט מען אונז באַהאַנדלען אויך אין דער פרעמד ערשט דאַן, ווען מיר וועלן **ז י י ן** בעלי־ בתים. ווען מיר וועלן האָבן אַן אייגן לאַנד. ווען מיר וועלן אויך זיין אימשטאַנד אויפצונעמען **א ו ר ח י ם**, און זיי באַהאַנדלען מיט כבוד. דעמאָלט וועט מען קוקן אויף אונז ווי אויף גלייכע און באַהאַנדלען ווי גלייכע.

אָבער כל זמן מיר בלייבן ווי מיר זענען — אומוואַנדערער, אומשלעפער, אומעטום איינגעבעטענע, אומעטום ניט־געווינשטע, קאָנען מיר ניט און ווערן מיר ניט גערעכנט פאַר קיין נאַציע צווישן נאַציעס. ביים פעלקער־ראַט האָבן מיר קיין שטים ניט אפילו אין אזוינע פראַגן, וואָס זענען נוגע נאָר אונז אליין. **א נ ד ע ר ע** מאַכן אונזער געשיכטע, באַשטימען אונזער גורל, שמידן אונזער מזל. און מיר? אונזער פאָטערלאַנד איז די פרעמד. אונזער איי־ ניגונג — די צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט, אונזער סאָלידאַריטעט — די אַלגעמיינע שנאה. אונזער וואָפן — הכנעה. אונזער פאַנצער — דאָס אַנטלויפן. אונזער אָריגינאַליטעט — דאָס צופּאַסן זיך. אונזער צוקונפט — מאָרגענדיגער טאָג. ווער זאָל זיך דען נאָך רעכענען מיט אונז?

און ווי אַרויסגיין פון דער לאַגע? ניט דורך אסימילאַציע, ניט ־ורך עמאַנסיפּאַציע, נאָר דורך אויטאָעמאַנסיפּאַציע — דורך

זעלבסטבאפרייאונג, — וועט די אידישע פראגע געלייזט ווערן. אָבער זעלבסט־באפרייאונג הייסט: ווערן א נאציע. כדי צו ווערן אַ נאציע מוז מען דאָך פריער האָבן דעם נאַציאָנאַלן געפיל און דעם נאַציאָנאַלן ווילן דערצו. מוז מען האָבן דעם נאַציאָנאַלן עהרן־געפיל! פון וואנען ווילן מיר אָבער נעמען דעם דאָזיגן נאַציאָנאַלן עהרן־געפיל? דאָס איז דאָך אונזער אומגליק, וואָס מיר מאכן ניט אוים קיין נאציע און זיינען בלויז אידן. א סטאדע צעשפּרייט איבער דער גאנצער וועלט. און ניטאָ דער הירט, וואָס זאָל זי צונויפנעמען און זי שיצן.

אָבער... איין שטראַל האָפענונג. די געשלאָגענע אידן אין רוסלאנד און אין רומעניע, וואָס האָבן אָנגעהויבן לויפן און זיך באזעצן אין ארץ ישראל — עס מאכט נישט אוים וואָס די ערשטע פּרובן האָבן זיך ניט איינגעגעבן — האָבן ארויסגעוויזן דעם ריכטיגן פאָלקס־אינסטינקט: אז דאָס פאָלק דאַרף האָבן אַ פאָטערלאַנד. דאָס נאַציאָנאַלע עהרן־געפיל האָט ערוואכט! און דאָס דיקטירט אונז די נויטווענדיקייט צו האָבן ערגעץ אַן אָרט אויף דער וועלט, וואָס זאָל נאָר אונז אָנגעהערן, וואו די מערהייט פון פאָלק זאָל קאָנען לעבן און זיך אַנטוויקלען אויף זיין שטייגער, מיט דער צושטימונג און פאַרזיכערונג פון די פעלקער. מעגלאך, אז אין אמעריקע, אָדער אין מזרח־טערקיי, זאָל זיך געפינען אזא פרייער אָרט. און זאָל ארץ ישראל גינסטיג זיין דערצו, איז געווים רעכט. אָבער כדי דאָס צו באשליסן, מוז גערופן ווערן אַ נאַציאָנאַל־קאָנגרעס. ער וועט וויילן אַן עקספּעדיציע פון פאַכלייט, וואָס וועט די מעגלאכע לענדער אויספאָרשן. ער וועט וויילן אַ דירעקטאָריום, וואָס וועט זיך פארנעמען מיט קאָלאָניזירן דאָס געוויילטע לאנד. דאָס דירעקטאָריום וועט אויך מאכן אַ נאַציאָנאַלע געלט־זאמלונג. דאָס וועט געבן די נויטיגע מיטלען צו קויפן דאָס לאנד, דאָס אָרימע פאָלק צו באזעצן א. אז. וו.

דאָס אַלץ, די טעאָרעטישע זייט פון דעם פּראָבלעם ווי די פּראַקטישע, איז טיף און געניי ערקלערט אין דער בראָשורע „אויטאָ־

עמאַנציפּאַציע", פון וועלכער מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן בלויז אַ פּאָר סאַמע אַלגעמיינע שטריכן.

די בראָשורע איז געשריבן אין דייטש. די כונה דערביי — צו באַאיינפלוסן די מערב־אייראָפּעאישע „גרויסע" אידן און רייכע „אַליאַנסן", זיי זאָלן אויפהערן זיך פאַרנעמען מיט „תמיכה" און מיט נדבות און בעסער טאָן ברייטע און גרויסע „קאָנסטרוקציאָנס־אַרבעט" — ווי מען זאָגט עס איצט — אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אָבער אין אויסלאַנד האָט ער געהאַט ווייניג ערפאָלג. פאַרקערט, דאָרט רופט ער ערשט אַרויס געגנערשאַפט. די אידיש־דייטשע פּרעסע הויבט אויף אַ שאַרפע פּאָלעמיק קעגן דער בראָשורע. די אידישע גבירים אין אייראָפּע, צו וועלכע ער ווענדט זיך, ווילן פון זיינע פּלענער ניט הערן. צו קיין נאַציאָנאַלן קאָנגרעס קומט עס ניט. צו קיין דירעקטאָריום אויך ניט, און ניט צו קיין פאָלקס־זאַמלונג.

אָבער די אידישע פּרעסע אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד נעמט אויף די בראָשורע מיט גרויס התפעלות. און מיט אַ יאָר אַנדערהאַלבן שפּעטער, גרינדעט זיך אין אָדעס אַן אגודה חובבי־ציון מיט'ן נאָמען „זרובבל", וואו פינסקער איז פּאַרזיצנדער. די דאָזיגע אגודה ווערט דער צענטער פאַר אַלע חובבי־ציון אגודות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט שוין געפונען אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל אי אין רוס־לאַנד, אי אין פּוילן, מיט'ן צוועק — העלפן דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל.

וואָרים צו יענער צייט געפינען זיך שוין די קאָלאָניעס ראשון־לציון, ראש־פּינה, זכרון־יעקב, פּתח־תקוה, וואַד־אַלחאַנין, יסוד־המעלה, און אַלע ליידן גרויס נויט — ניט קוקנדיג אויפ'ן גאַנצן אידעאַליזם, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך. שטיצע פאַר די קאָלאָניעס — איז די דרינגנדע אויפגאַבע פון די חובבי־ציון. דערצו קומען־צו נאָך אַנדערע פּאָליטישע, פינאַנציעלע און אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן, און עס ווערט באַשלאָסן צו רופן אַן אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון חובבי־ציון, וואו וועגן די אַלע פראַגן זאָל באַשטימט ווערן. אין 1884 קומט פאָר די היסטאָרישע „קאַטאָ־

וויצער אסיפה". פינסקער איז דער פּאָרזיצנדער. ער האַלט די ערעפנונגס־רעדע. צוליב פארשידענע מאָטיוון הערט מען ניט אין דער רעדע דעם וויטן, געשיכטליכן אויסקוק וועגן אַ נאַציאָנאַל־אידישן ישוב. מיט איינצלנע בייזע ערשיינונגען אין אידישן לעבן מאָטיווירט ער די נויטיקייט צו שאַפן און צו שטיצן די קאָלאָני־זאַציע אין פּאַלעסטינא. אידן מוזן זיך אומקערן צו דער נאַטור, צו דער ערד און צו באַארבעטן די ערד. ער וואָרנט נאָר פון איבער־איילטע האָפענונגען. ניט גיך ווערט אַ פאָלק איבערגעשאַפן. גע־דולד דאַרף מען האָבן, דורות דאַרף די אַרבעט דויערן. „אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דען עטלאַכע דורות בא אונזער אומ־פאַרגענגלאַכן פאָלק?"

אויף דער אסיפה ווערט געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַר־אייניגט אַלע צעוואָרפענע, באַזונדערע אַרבעטן פון די איינצלנע אגודות אונטער איין לייטונג, און בראש פון דער לייטונג שטייט פינסקער. זיין סעקרעטאַר איז ליליענבלום. אַ צווייטע ביוראָ, אַ מין עקזעקוטיווע, ווערט געשאַפן אין וואַרשע. פינאַנץ־ראַטגעבער זענען ש"י פין אין ווילנע און וויסאָצקי אין מאָסקווע. באַלד נאָך דער אספה מאַכט פינסקער אַ רייזע קיין אויסלאַנד, וואו ער ציט־צו חשוב'ע עסקנים צו חבת־ציון. ער קערט זיך אום אַ צופרידענער. עס ווערט אויך אָנגעזאַמלט אביסל געלט, מען טוט אביסל גוטע אַרבעט אין פּאַלעסטינע. אָבער באַלד דערפילט ער זיך ווי באַלאַ־גערט פון פאַרשיידענע זייטן. די אידן אין ארץ־ישראל, וואָס לעבן פון רבי מאיר בעל־נס'ם פושקעס, שיקן פאַנאַנדער צירקולאַרן איבער דער וועלט און וואָרנען די פרומע אידן ניט צו באַטייליגן זיך אין קאָלאָניזירן ארץ־ישראל איידער משיח איז געקומען — ווייל דאָס איז קעגן דת; וויסאָצקי קערט זיך אום פון ארץ ישראל מיט אַ פּלאַן, אַז שטיצן זאָל מען נאָר די פרומע, באַווייבטע קאָלאָניסטן, אָבער די בילו'צעס זאָל מען עוקר זיין: מען זאָל זיי מאַכן פאַר קנעכט בא די פרומע קאָלאָניסטן פון פתח־תקוה, און דעם באָדן, וואָס מען האָט געקויפט פאַר זיי, זאָל מען אָפּגעבן צו אַנדערע. פון ביאַ־ליסטאָק האָבן אָנגעהויבן אָנקומען תביעות וועגן יראת־שמים, און

קעגן ווארשע האָט מען אָנגעהויבן שיטן מיט פּאַסקווילן; סתם חובבי־ציון האָבן טויזנט מיט איין טענה: פאַרוואָס האָט מען דאָס געטאָן אזוי און ניט אַנדערש? און פאַרוואָס האָט מען אַנאַנדער זאַך געטאָן אַנדערש און ניט אַזוי? און געלט האָט אָנגעהויבן אָנקומען אַלץ ווייניגער. די אָכראַנקע האָט אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף זיין פּאָליטישער כשרות. פינסקער׳ס הארצפעלער האָט זיך גער־לאָזט אָנהויבן פילן. און פינסקער ווערט מיעד. ער הויבט אָן פאַרלאַנגען: מען זאָל אים באַפרייען פון זיין אַמט און אויף זיין אָרט באַשטימען א קאַמפּס־פייאיגערן מענשן ווי ער איז. ער וויל אַרויסקריכן פון דער „פּאַרפּוילטקייט", וואָס ער שפּירט אַרום זיך. אָבער איידער ער גייט אַוועק, וויל ער אָפּגעבן א רעכנונג פון זיין לייטונג. צו דעם צוועק ווערט גערופן די צווייטע גרויסע אסיפה פון חובבי־ציון אין דרוזגעניק (יוני, 1887).

דאָ האָט זיך ערשט רעכט צעפלאַקערט דער קאַמף צווישן די משכילים און די אָרטאָדאָקסן. אָבער ניט קוקנדיג אויף אַלץ איז ווידער פינסקער געוויילט געוואָרן פאַר׳ן „גבאי־ראשון" אין דער לייטונג פון די חובבי־ציון. נאָר דריי רבנים ראַטגעבער האָט מען אים צוגעשטעלט: רבי שמואל מאָהליווער פון ביאַליסטאָק; ר׳ מרדכי עליאַשבערג פון בויסק; און דעם וואָלאָזשינער ראש־ישיבה, רבי נפתלי צבי יהודה בערלין — אַלע דריי, מענשן מיט א גרויסער ידיעה אין אַלץ, וואָס איר ווילט, אויסער אין קאָלאָניזירן א לאַנד. דער וואָלאָזשינער ראש־ישיבה איז באַלד געוואָרן זייער טעטיג. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל באַשטימען א פרומען אידן, וואָס זאָל מדריך זיין די אידישע קאָלאָניסטן אין אידישקייט. ווער עס וועט ניט פאָלגן זאָל באַשטראָפט ווערן; די בילו׳צעס זאָל מען אַרויסטרייבן פון לאַנד, ווייל זיי זענען ניט פרום; אין יסוד־המעלה זאָל מען אוועקזעצן א פרומען כהן אָדער א לוי, וואָס זאָל אכטונג געבן אויף די קאָלאָניסטן און זיך מפרנס זיין פון מ ע ש ר, וואָס מ׳וועט אָפּשיידן פון תבואה און נאָך און נאָך, וואָס האָט פינסקער׳ן פאַרביטערט דאָס לעבן. די אינטריגע אין ארץ ישראל און אין חוץ־לאָרץ איז געוואקסן, דאָ איז די בימה אין שול ניט אין

מיטן, דאָרט וואו מען ניט די מקוה אלע טאָג, און אין אַן אַנדער אָרט איז דער עירוב ניט אין אָרדנונג. דערצו איז אונטערגעקומען א יאָר, וואָס לוחות־קענער האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז „שמיטה" און מען טאָר ניט באַארבעטן קיין פעלדער און ניט קיין ווייגגערטנער. א שטורעם איז געווען אין דער חובבי־ציון־וועלט, וואָס האָט גע־קאָנט אויסוואָרצלען דעם גאַנצן יונגן ישוב... און פינסקער האָט זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן. ער האָט ניט געוואוסט, וואו דאָ הערט אויף די רעליגיע און עס הויבט זיך אָן די אינטריגע מצד די פרומע שונאי־ציון. עס ווערט אים ענג, און ווידער רייסט ער זיך צו אַנטלויפן. אין יוני 1889 זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין אמט. און מיט אַכט חדשים שפּעטער, אַז די רעגירונג האָט באַשטעטיגט די „חברה צו שטיצן אידן ערד־אַרבעטער און בעלי־מלאכות אין סיריע און פאַלעסטינע" ווערט פינסקער ווידער דער פאָרזיצענדער פון דער חברה. איצט איז ער פריי פון רבנ'ישער אַפּטרופּסות, פון גבאים און אויסוואַרטיגע ראַטגעבער. עס גייט אָן א סיסטעמאַטישע אַרבעט. און פינסקער אַרבעט רואיג און איז צופרידן.

קומט אָבער דאָס יאָר 1890־1891. דער גירוש פון מאָסקווע, נייע גזרות. און ווידער לויפן מאַסן אידן קיין ארץ־ישראל. עס הויבט זיך אָן די בהלה אין קויפן ערד. הויכע פרייזן, ספּעקולאַציע און שווינדל פון איין זייט; און פון דער אַנדערער: טויזנטער עלענדע אונטער'ן יפו'ער הימל, אָן געלט, אָן האָפנונגען און אָן מעגליכקייטן צוצוקומען צו עפּעס. די טערקיי פאַרבאָט דעם פרייען אריינפאָר קיין ארץ־ישראל פאַר רוסישע אידן. א ח ד ה ע ם פאָרט קיין ארץ־ישראל און ברענגט פון דאָרטן אַן „אמת" וועגן דער לאַגע, אַז ער האָט געמאַכט קילן דאָס בלוט אין די אָדערן — דאָס אַלץ אינאיינעם מאַכט אויף פינסקער'ן אַן ערשיטערנדן איינדרוק. ווי־ניט־ווי זעט ער דאָך אויך זיך פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אומפאַראַנטוואָרטליכע מעשים, וואָס זענען אָפּגעטאָן גע־וואָרן אין ארץ ישראל. און זיין האַרצקראַנקהייט שטייגערט זיך. און באַטראַכטנדיג דאָס איבערגעלעבטע אַרום דער אַרבעט אין ארץ ישראל האָט ער ערקלערט:

„... ארץ-ישראל איז פאָרט ניט דער ריכטיגער פּלאַץ פאַר אַ זיכערער היים. איר פּאָליטישע לאגע און די באַציאונגען פון די אַנדערע פעלקער צו דעם לאנד וועט אונז תמיד זיין א שטער". פונדעסטוועגן טאָר מען ניט אויפהערן צו שטיצן און פארברייטערן דעם ישוב אין ארץ ישראל, ווי ווייט מעגליך. אין ארץ ישראל קענען מיר און דאַרפן מיר גרינדן אַ נאַציאָנאַלן, ג י י ס ט י ג ן צענטר.

דאָס איז געווען —ווי אחד־העם זאָגט עדות — זיין ציוניס־טישע צוואה.

שטריכן פאַר דער ריכטונג האָט ער געצייכנט. מייל־שטיינער אויפ'ן וועג — צוריק אַ פאָלק צו ווערן, — האָט ער געלייגט.

און אינמיטן דער דאָזיגער ארבעט איז ער — דעם 9טן דע־צעמבער 1891 — געשטאָרבן.

משה לייב ליליענבלום

אין קליינעם שטעטל קיידאַן, וואָס אין זומפּיגן און וואַלדיגן זשאַמעט, איז ליליענבלום, אין 1844, געבוירן געוואָרן. אין יענער צייט איז קיידאַן, מיט אירע קנאַפּע דריי טויזנט נפשות, געווען אַ שטאָט מיט לומדים. פיל אָרימעלייט האָט קיידאַן פאַרמאָגט, אָבער ניט קיין עמי־הארצים. די קיידאַנער ווייבער זיינען געווען געשייט און געזאָרגט פאַר פּרנסה, און די מאַנסבילן, די תלמידי־חכמים, זיינען געזעסן און געלערנט און גאָט געדינט. דאָס אידישקייט איז געווען איינגעפונדעוועט. אַרכיטעקטאָניש פעסט־געבויט און פעסט־געשמידט מיט אַלע פּרטים פון לעבן. אידן זענען מיט צופרידנהייט געווען צוגעשמידט צום אידנטום. ניט אין טאָן און ניט אין טראַכטן האָט זיך אַ איד ערלויבט אָפּצוטרעטן פון דעם דרך, וואָס איז אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל און פאַר אייביגע צייטן געווען אָנגעוויזן. רואיג האָט דער איד געטראָגן זיין עול, וואָס איז אים ניט שווער געווען — ווייל דאָס אמת'דיגסטע גלויבן האָט דאָך גאָט אים באַשערט, כדי אים זיין לעבן זים צו מאַכן. אָבער דאָס זיסע לעבן וועט זיך ערשט אָנהויבן אויף יענער וועלט, דערפאַר איז „יענע וועלט“ דאָס איינציגע פאַרוואָס עס איז כדאי זיך מקריב צו זיין אויף דער וועלט. און ניטאָ גרינגערס, ווי אָנצוגרייטן פאַר זיך אַ שיינע עולם־הבא — מען דאַרף נאָר אָפּהיטן וואָס עס שטייט געשריבן אין דער הייליגער תורה, אין דער הייליגער גמרא, אין די הייליגע פּוסקים, אין אַלע פיר שלחן־ערוכ'ם און וואָס אונזערע הייליגע חכמים און גאונים און רבנים און צדיקים און מקובלים, ראשונים און אחרונים, האָבן אין זייערע הייליגע ספרים געהייסן אונז צו גוטן טאָן... און קהל איז געווען תקיף און גאָטס־פאָרכטיג און האָט מיט אָפענע אויגן השגחה געגעבן, אַז עס זאָל חלילה אַ האָר ניט געמינערט און ניט געענדערט ווערן אין דת דערפון וואָס אידן האָבן בקבלה פון זייערע הייליגע אבות־אבותיהם.

און זאָל זיך אימיצער אונטערשטעלן אַ פריי וואָרט צו זאָגן!
אַזאַ איז געווען זיין היים. אַזאַ איז געווען די סביבה, וואו ליליענבלום איז געוואַקסן פון קינדווייז אָן. המשה עשר בשבט, אין יאָר 1848, דאָס הייסט אַז ליליענבלום איז אַלט געוואָרן פיר יאָר מיט דריי חדשים, האָט ער אָנגעהויבן גיין אין חדר אריין. דאָס זעלבע יאָר לערנט ער שוין חומש. צו זעקס יאָר איז ער אַ בקי אין נביאים ראשונים. צו זיבן לערנט ער גמרא. צו ניין לערנט ער שוין אליין אַ בלאַט גמרא. צו דער בר־מצוה זאָגט מען אויף אים, אַז ער וואַקסט אַ ג ד ו ל ב י ש ר א ל. צו פערצן ווערט ער אַ חתן פאַר אַ קצב'ס אַ טאָכטער, אַ מיידל פון עלף יאָר. פון דער שטאָט ווילקאָמיר. און אַז ער איז אַלט געוואָרן פופצען יאָר מיט צען כדשים און די כלה דרייצען יאָר מיט פיר חדשים, האָט מען זיי חתונה געמאַכט. האָט ער אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ שוויגער אַ גרויסע מרשעת — איינע פון יענע „אשת חיל'ס" וואָס טעראָריזירן די גאַנצע פאַמיליע, וואָס אַלץ אין שטוב מוז געשען לויט איר־„נאַרישן שכל". פון פרי ביז נאַכט האָט זיך איר דאָס מויל ניט צוגעמאַכט — כסדר האָט זי געהאַלטן אין שרייען און שילטן און זידלען דעם מאַן, די קינדער. און אַן איידים, וואָס זיצט אויף קעסט, איז דאָך אויך אַ קינד... האָט זי אים אויך פאַרפינסטערט דאָס לעבן. פילט ער זיך נידערשלאָגן, געבונדן, האָט מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבן. זעט ער זיך נאָר צו קליגן, ווי אויסצומיידן דער שוויגער'ס בליק, ניט צו זאָגן אָדער טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן דער שוויגער ניט געפעלן. און אָט די שטענדיגע געבונדנקייט, נידערשלאָגנקייט און מורא פאַר'ן פרעמדן ווילן לאָזן איבער אַן איינדרוק אויף זיין געמיט אויפ'ן גאַנצן לעבן. אין דער געגנוואַרט פון פרעמדע מענשן קאָן ער קיין אויג ניט אויפהויבן, קיין וואָרט פון מויל ניט אַרויסברייינגען. צווישן מענשן פילט ער תמיד ווי אַן אימה פאַר די אנדערע און פילט זיך ווי בטל פאַר זיי. דערצו איז ער געווען טיכטיג איינמאַרינירט אין די ווילדסטע בבא־מעשיות פון צדיקים, „נסתרים", מתנגד'ישע בעלי־שמות, לעגענדעס א. ד. גל. זאַכן, וואָס יאָגן־אָן אַ מרה־שחורה אויף ניט־דערוואַקסענע מענשן.
אָבער צו זעכצען יאָר ווערט ער שוין זעלבסטשטענדיג. דאָס

הייסט: ער הערט שוין אויף צו לערנען מיט א רבי'ן און לערנט פאר־זיך. ער לערנט יורה־דעה, לערנט דעם רמב"ם'ס פירוש אויף משניות. און דא טרעפט ער זיך מיט דער באוואוסטער סתירה צווישן די צוויי אנגענומענע פרינציפן, וואס הייסן: „ידיעה" און „בחירה". דאס הייסט: א) גאט ווייסט אלץ אין פאראויס, און ב) אז דער מענש האט א פרייע וואל. די סתירה באשטייט אין פאלגנדען: אויב עס איז ריכטיג, אז גאט ווייסט שוין פאראויס וואס דער מענש וועט טאן אויף דער וועלט און וואס ער וועט ניט טאן, איז עס דאך קלאר, אז דער מענש קאן ניט טאן אנדערש ווי גאט'ס וויסן איז. נאך מער — ער איז געצוואונגען צו האנדלען אזוי ווי ער האנדלט און ניט אנדערש. אבער דאן קומט אים ניט קיין שטראף, אויב ער טוט שלעכטס, און ניט קיין לוין אויב ער טוט גוטס. ווארום ער האט ניט קיין פרייען ווילן און ניט קיין אנדער ברירה.

דאס איז די ערשטע מוק, וואס הויבט אים אן צו פיקן אין מוח. אין גיכן קומען אים אין האנט אריין ספרים פון גאונים און קדושים, וואו ער ווערט געוואר, אז קיין שדים זענען אויף דער וועלט ניטא — הגם די גמרא דערציילט פון זייערע חפציות. א ווארט נאך א ווארט, א געדאנק נאך א געדאנק, און אומבאמערקט פאר זיך הויבט ער אן צו לייקענען אין נסים, אין איבערנאטירליכען — אפילו אין די נסים וואס שטייען אין דער תורה. ער גרייפט נאך העכער. ער הייבט אן זוכן זיכערקייט וועגן אלע פרינציפן פון דער אמונה, אפילו וועגן גאט אליין. און אז ער געפינט ניט אזוינע זיכערקייטן, דערשרעקט ער זיך פאר זיינע אייגענע געדאנקען, פרואווט ער זיך פארטויבן, טוט ער זיך אריין אין די טיפסטע פלפולים, אבער דאס קאן ניט לאנג אנהאלטן. ליליענבלום, ווי פיל אנדערע דעמאלט, פאלן ארונטער אונטער דער ווירקונג פון זייער צייט.

און די צייט איז געווען זייער א באדייטנדע. דאס יאר 1848 האט געענדערט די פאליטיש־בירגערליכע באגריפן פון דער פריער־דיגער צייט אין מערב־אייראפע. עס ענדערן זיך די באציאונגען צווישן פאלק און פאלק. פרייהייטליכע אידייען דרינגען אריין אויך

אין מזרח־אייראָפּע. דער קרימער קריג ברייננט אין רוסלאַנד צו אַ ליבעראַלן רעזשים, צו נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטענדן. נייע פּערספּעקטיוון אנטפּלעקן זיך פאַר די רוסישע בירגער. פריי־הייטליכע באַוועגונגען קומען־אויף. דאָס דרינגט אויך אריין צו די אידן אין רוסלאַנד. דאָס וועקט אין זיי דעם פאַרלאַנג זיך מקרב צו זיין צו בילדונג, צו מענשליכקייט, צו וועלטליכקייט. דאָס ארומגעצאמטע, אָפּגעגרעניצטע לעבן פילט מען ענג. עס ווילט זיך געפינען עפּעס אַן אויסגאַנג צו פרייהייט — צו פּאָליטישער, אוי־סערער, ווי צו רעליגיעזער אינוועניגסטער. קאָוונער גובערניע, צו וועלכער עס געהערען ביידע שטעטלאַך: קיידאַן און ווילקאָמיר, איז אַ שטיק צענטער פון השכלה. אפילו קיין ווילקאָמיר גרייכן אי־דישע וואָכנבלעטער: „המגיד“, „הכרמל“, „המליץ“. צייטונ־גען — קולטור־טרעגער. און די נייע אידייען גייען ליליענבלום'ען ניט פאַרביי.

אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און פיל הייליגע זאַכן ווערן אים וואַכעדיג. די תורה ווערט אים אַ ליטעראַרישע גרויסע שאַפונג, און אויפ'ן תלמוד קוקט ער ווי אויף אַ ספר, וואָס גרויסע חכמים האָבן אים פאַרפאַסט, אָבער אין הסכם מיט דער קולטור־שטופע און מיט די לעבנס־פאָדערונגען פון זייער צייט. אָבער ניט בקבלה האָבן זיי געהאַט דאָס וואָס זיי האָבן געשריבן, און ניט פון באַרג סיני אַראָפּ האָט דאָס אַלץ גאָט געלאָזט הערן. קומענדיג צו די געדאַנקען, אי פון ספרים אי פון זיך אליין, קומט ער צום ווילן צו שאַפן אַ ביב־ליאָטעק אין ווילקאָמיר, כדי אויך אַנדערע זאָלן אויפגעקלערט ווערן, ד. ה. אַז נאַרישקייטן וועלן אָט די אַנדערע אויפהערן צו גלויבן, און די וויכטיגע פּרינציפּן פון דער רעליגיע וועלן געשטאַרקט און געאַכפּערט ווערן.

אָבער אָט די „כשר'ע ביבליאָטעק“ רופט אַרויס גרויסע רדיפות אויף ליליענבלום'ען. דער רב קאָנפיסקירט אַלע ספרים. די בעלי־בתים נעמען אָפּ בײַ אים זייערע קינדער, מיט וועלכע ער האָט גע־קנעלט, כדי זיך מפרנס צו זיין. אין דעם ווינטער 1866-67 ברעכט־אויס אַן עפּידעמיע אין ווילקאָמיר. כדי צו קעמפן קעגן דער עפּי־

דעמיע, הייסט דער רב פאַסטן תעניתים און לייענען אין די בתי־מדרשים די פרשה קטורת — ווייל לויט'ן זוהר, איז די דאָזיגע פרשה דאָס בעסטע מיטל קעגן דער עפּידעמיע. ליליענבלום דערציילט אין „המליץ" די דאָזיגע מעשה און מאַכט פון איר חוזק. דאָס „בלאַט" קומט־אָן קיין ווילקאָמיר און — הימל עפן זיך! קהל מאַכט אסיפות, זוכט מיטלען ווי זיך אָפּצורעכענען מיט'ן אפיקורוס. עס דערגייט ביז מסירה. אָבער קיין פּראַקטישע פאָלגן האָט נאָך דערוויילע דער קהל'שער גרימצאָרן ניט געהאַט. און גוטע פריינט עצה'ן אים: „הערט־אויף צו שרייבן אין די צייטונגען, וועט זיין אַזוי וואויל צו אייך". אָבער ער באַגרייפט ניט די עצה. „וואָס הייסט, זאָגט ער זיך, עס וועט זיין אַזוי וואויל צו אים?" ווי קאָן דען אַן ערליכער מענש צוזען, ווי דאָס אידנטום ברענט „פון ביידע זייטן" — אי מצד דעם אבערגלויבן, אי מצד דער אבסאָלו־טער כפירה, און בלייבן רואיג? גייט עס נאָך ווייטער אַזוי, וועט דאָס אידנטום אונטערגיין, און אינאיינעם מיט'ן אידנטום וועלן די אידן אויך אונטערגיין. ווארים אָן אַ לאַנד און אָן אַ שפּראַך — וואָס קאָן דען נאָך זיכערן זייער עקזיסטענץ?

מיט וואָס קאָן מען אָבער אָפּהאַלטן דאָס אידנטום און דאָס אידישע פאָלק פון אונטערגאַנג? נאָך לאַנגן טראַכטן און קעמפן מיט זיך קומט ער צו דער איבערצייגונג, אז דאָס איינציגע מיטל דערצו איז: „צו פאַראייניגן דעם דת מיט'ן לעבן", דאָס הייסט: אַראָפּצוואַרפן, מתיר מאַכן אַלע חומרות און גזרות און פאַרבאָטן, וואָס פילן זיך ווי אַ שווערע לאַסט אויפ'ן מענשן, וועלכער לעבט מיט דער וועלט און קאָן ניט אָדער וויל ניט זיין אָפּגעשיידט פון איר. דורכדעם וועט עס ניט שווער זיין אָפּצוהיטן דעם דת, און אידן וועלן אים אויך היטן. און די נאַרישע מנהגים, וואָס זיינען געבויט בלויז אויף אבערגלויבן, דאַרף מען דאָך אודאי און אודאי אויסראָטן.

אין דעם ווינטער 1866־67 ערשיינט אין „המליץ" זיין ערש־טער ארטיקל: „ארחות התלמוד" („דער שטייגער פון תלמוד"), וואָס מאַכט לכתחילה קיין שום רושם ניט אין דער אידישער וועלט.

דאָס ערגערט אים זייער. שרייבט ער אינגיכן — אין א צייט פון גרויסן דלות און קראַנקהייט — א צווייטן ארטיקל: „נוספות לארחות התלמוד", וואו ער באַהאַנדלט דיזעלבע טעמע ווי אין ערשטן, נעמליך: רעפאָרמירן דעם שלחן־ערוך. דער ארטיקל שטורמט אויף די וועלט. ער איז שאַרפער ווי דער ערשטער, קאָנצענטרירטער ווי דער ערשטער. ער ווענדט זיך דאָ דירעקט צו די רבנים, און ער רעכנט דאָ אוים אַ סך דינים, וואָס מען דאַרף זיי, לויט זיין מיינונג, מבטל זיין, און צווישן זיי אזוינע, וואָס זענען בא אידן שטאַרק אָנגענומען.

דאָ רעדט ער בפירוש, אַז אַ סך דינים אין שלחן־ערוך שטיצן זיך ניט בלויז אויף אגדות, קבלה א. ד. גל. יסודות, וואָס שטייען אין ווידערשפרוך מיט'ן מענשליכן שכל הישר, נאָר שטיצן זיך אָפט אפילו אויף חלומות, וואָס האָבן זיך גע'חלומ'ט דעם איינעם אָדער דעם אנדערן פוסק, אָדער אויף א פלפול, וואָס האָט אויך קיין שום שייכות ניט צום געזונטן מענשן־פאַרשטאַנד. און ווייל די דינים און די חומרות מערן זיך און זייער צאָל וואַקסט אָן א שום יסוד און אָן א שום שיטה, און דער שלחן־ערוך איז פול מיט דינים וואָס האָבן ניט קיין צובונד צו קיין שום צייט, דארום איז וואָס מער דער צוים פון די פאַרבאָטן וואַקסט, וואָס העכער ער וואַקסט־אָן, אלץ גרעסער איז די געפאַר אַז דער צוים זאָל אינגאַנצן איינפאַלן.

און ער ברענגט דאָ אַ גאַנצע רייה ראיות דערצו, ווי ווייט די פוסקים און די רבנים האָבן איבערגעטריבן אין זייערע פאַרווערן, אסר'ן און טריף־מאַכן. ער רעכנט אוים אַ גאַנצן צעטעל איבער־טריבענע חומרות בנוגע צו שבת, צו פסח, צו יום־כיפור, צו נידה א. ד. גל. ער רעדט וועגן דעם פאַרבאָט צו גיין אָן אַ היטל, וועגן מאַכן פייער אום שבת, וועגן די דינים פון ספירה־טעג, פון די דריי וואָכן און ד. גל. און שאַרף רעדט ער מיט די רבנים וועגן דעם אַלעם. ער גלויבט, אַז נאָר זיי זענען אימשטאַנד צו ראַטעווען דאָס אידנטום פון אונטערגאַנג. און ניט נאָר דאָס אליין. ער גלויבט, אַז די רבנים זענען אימשטאַנד צו ענדערן די ערציאונג

אויך, כדי עס זאָלן ניט זיין בא אונז אזויפיל ליידיג־גייער, בטלנים, הענדלער, און ממילא אויך שווינדלער, וואָס כדי זייערע שווינדלען צו פאַרדעקן ווערן זיי צבוע׳קעס און גאָט׳ס־סטראַפּטשעס. א נייעם שלחן־ערוך פאָדערט ער, וואָס זאָל פארפאסט זיין אין גייסט פון תלמוד און זאָל אונז אסר׳ן נאָר דאָס, וואָס איז מיט אן אמת אסור.

און די רבנים האָבן זיך אָפּגערופן אי אין דער פרעסע, אי אין באַזונדערע בראָשורן. און נאָך די רבנים זענען געקומען די מגידים, און נאָך די מגידים זענען געקומען די מלמדים, און נאָך די מלמדים — סתם שיינע אידן, ניט כלי־קודש. אָבער אויך „דר. לעווינזאָן פון שטאָקהאָלם“ איז אַרויסגעטראָטן קעגן ליליענבלום׳ען, און דער אָרטאָדאָקסישער משכיל יחיאל מיכל פינעס איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן אים.

די פּאָלעמיק איז אָבער געפירט געוואָרן — ווי דער שטייגער איז — ניט אַרום דער ע צ ם פראַגע: רעפאָרמירן צי ניט רעפאָרמירן דעם שלחן ערוך, נאָר אַרום ווערטער. קיינער האָט ניט געפּרואווט צו באווייזן, אַז דער שלחן־ערוך איז יאָ צוגעפאסט צו דעם לעבן און דערמיט בטל מאַכן ליליענבלום׳ס טענות און פאָדערונגען. מען האָט זיך נאָר באַמיט צו באווייזן, אַז ער האָט פאַרזען די אָדער יענע גמרא, אַז ער האָט „שלעכט פארשטאַנען“ די ווערטער פון דעם אָדער יענעם פּוסק א. ד. גל., אַז די קבלה געהערט אויך צו די זאַכן וואָס משה האָט מיטגעבראַכט פון באַרג סיני, אַז חלומות זענען א וויכטיגער ענין און מען קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן א. אז. וו. און דערצו — זידלעריי, צונעמעניש, קללות, פוילע וויצן, בלבולים, סטראַשונקעס.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער פרעסע — די אייגנטליכע ליטעראַטור אין יענער צייט. און אין ל ע ב ן זיינען פאָרגעקומען גאָר שוידערליכע זאַכן. גאַנץ ליטע איז געשטאַנען „אין פלאַמען“. אין די אַרומיגע שטעטלאַך האָט עס געשטורעמט מיט אסיפות: וואָס זאָל מען טאָן מיט דעם פושע ישראל? עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּגעבן אים פאר א סאָלדאַט, וועגן אריינליינגן אים אין חרם, מסר׳ן אים אַז ער איז א רעוואָלוציאָנער, פאַר׳סמ׳ען

א. ד. גל. , אנדערע, ווייכערע, האָבן געוואָלט אים געבן עטליכע רובל, אַז ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט. וואו אַ טיר, איז זי געווען באַקלעפּט מיט פּאַסקווילן קעגן ליליענבלום׳ען, מיט זלזולים און באַליידיגונגען און בלבולים.

זיין שווער, דעם קצב, האָט מען באָיקאָטירט; זיין פאָטער אין קיידאַן האָט מען גע׳רודפ׳ט; זיינע קינדער האָט מען ניט גע־לאָזט לערנען אין חדר; קיין אנשטענדיגער בעל־הבית האָט אים ניט געוואָלט פאַרדינגען קיין דירה. קיין מענש האָט אים קיין האַנט ניט געגעבן. קיין וואָרט מיט אים ניט אויסגערעדט. און סוף־כל־סוף האָט מען טאַקע געשריבן אַ מסירה אויף אים צום ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז ליליענבלום איז אַ כופר בעיקר, פירט אַראָפּ יונגע־לייט פון וועג און מען מוז אים אַפּרוימען. אויף דער מסירה האָבן זיך גע׳חתמ׳עט איין־און־צוואַנציג מאַן. און מען וואָלט זיך מיט אים אָפּגערעכנט, ווען פון קאָוונע אוים, פון דער גובערניע הייסט עס, וואָלט מען זיך ניט אריינגעמישט דערין. רבי יצחק אלחנן, קאָוונער רב, קאָוונער משכילים, און קאָוונער סוחרים האָבן אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטן, אַז מען זאָל ניט פראַווען אין ווילקאָמיר קיין מיטל־אַלטערליכע אינקוויזיטאָרישע סדרים. דערצו האָט זיך אויך די גובערנסקע מאַכט אריינגעמישט און די געמיטער האָבן זיך בארואיגט. אָבער בלויז אויסערליך. אין דער שטיל איז די שנאה צו ליליענבלום׳ען נאָך שטאַרקער געוואָרן. די נגישות — נאָך שאַרפער. דער באָיקאָט — נאָך פילבאַרער. אַזוי, אַז ווייטער לעבן אין ווילקאָמיר איז פאַר ליליענבלום׳ען שוין געווען לחלוטין אוממעגליך. זיינע קאָוונער פריינט ראָטן אים אוועקצופאָרן קיין אָדעס — אַ שטאָט פול אינטעליגענטן אין אייראָפּייאישן זין. דאָרט זאָל ער זיך פאַרבארייטן אָנצוקומען אין אַן אויסלענדישן אוניווער־זיטעט. דעם 3טן אָקטאָבער, 1869, קומט ער אָן קיין אָדעס — אי־בערלאָזנדיג אינדערהיים אַ פרוי מיט דריי קינדער, וועלכע די קאָוונער משכילים האָבן צוגעזאָגט צו באַזאָרגן מיט אַכט רובל אַ חודש.

געקומען איז ער קיין אָדעס מיט אַ גאַנצן פּאַק מליצה־בריוו פון די קאָוונער משכילים, מיט אַ סך ווילן צום לערנען, צו בילדן

זיך א. ד. גל. אָבער אָן אן איין־איינציגן טראָפּן פון יענער חוצפה, וואָס דער קריבער פּארמאָגט, וואָס העלפט אים צו דערגרייכן זיין ציל. און אז די מליצה־בריוו האָבן ניט געהאָלפן, אז ער דערפילט זיך איינזאַם און פארגעסן, הויבט ער אָן זיך מיאש זיין פון אַלע זיינע האָפנונגען. ער הויבט אָן צו בענקען נאָך ווילקאָמיר און נאָך דער ראָלע וואָס ער האָט דאָרט געשפּילט. דער ערשטער אין דאָרף זעט אים דאָן אוים חשוב'ער ווי דער לעצטער אין שטאָט. אמת, „די היים איז געווען א טויטע" — שרייבט ער אין זיין טאָגבוך אין צען וואָכן ארום נאָך זיין קומען קיין אָדעס — „אָבער די אטמאָספערע, וואָס האָט מיר אין ווילקאָמיר ארומגערינגלט, איז געווען א לעבעדיגע — פול מיט געפיל, טעטיגקייט, ענדערונגען. און דאָ! — אָדעס לעבט, אָבער די אטמאָספערע, אין וועלכער איך געפין זיך, איז טויט."

און אין אמת'ן, דאָרט איז ער געווען א שרייבער, א יש און א ציל, אין וועלכן צענדליגער מענשן — מעג זיין בטלנים! — האָבן זייערע פּיילן געוואָרפן. און ער זאָל ווערן א שילער פון אלף־בית? ! ער טוט דאָס. ער פילט זיך אָבער דערפון נידערגעשלאָגן. און מיט באזונדער התפעלות שרייבט ער איצט ווייטער זיינע ארטיקלען און פירט ווייטער זיין פּאָלעמיק מיט זיינע געגנער וועגן דעם פאראייניגן דעם דת מיט'ן לעבן. אין דער אטמאָספערע פילט ער זיך ווי דער פּאָפּולערער שריפטשטעלער, דער מענש וואָס האָט — פאר רוסלענדישע אידן, על כל פנים — א נייוואָרט געזאָגט. און דאָס גיט אים נייעם מוט — צום שרייבן.

זיין ציל — לערנען, שטודירן — איז פאררוקט ערגיץ אין א ווינקל. אגב איז דער ציל געווען בלויז אין דער פאנטאזיע, אָבער ניט אין הארצן. ווארים אין הארצן טראָגט ער אנדערע, ריין משכילישע זאָרגן און דעם „אידישן וועלט־שמערץ" — אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקן.

און אין פיר חדשים ארום נאָך זיין אָנקומען קיין אָדעס שרייבט ער צו י. ל. גאָרדאָן:

„... אָדעם איז באוואוסט ווי א שטאָט פון „השכלה און טאָלע־ראַנץ“. מיר דוכט זיך אָבער, אז אין אמת'ן איז זי ווייט פון ביידע מעלות צוזאמען. דער תוך פון איר השכלה איז אַ קאַלטער פריי־גייסט, וואָס שטאַמט פוו מסחר און פון תאוה צו געניס. אָבער ניט קיין אינווייניגסטע השכלה, אויפקלערונג, וואָס קומט פון פאָרשן און פון לערנען. ס'רוב אידן, וואָס קומען אהער, הויבן אָן אין אַ קורצער צייט ארום צו פירן א הפקר־לעבן. דער עול פון דת איז דאָ ניט שווער. פראַנק און פריי רויכערט מען אום שבת, קויפט מען און מען פאַרקויפט אום שבת א. ד. גל. און אינאיינעם דער־מיט זענען זיי אויך אבערגלויבער. מיט'ן ציגאַר אין מויל לויפט אַ איד שבת אין שול אריין — קדיש זאָגן נאָכ'ן פאָטער; א איד וואָס טראָגט אום שבת איז מדקדק צו האָבן דוקא א שניי־ווייסן האָהן אויף כפרות. אַ זעצער, וואָס ארבעט אום שבת, פאַסט דאָך עשרה בטבת. און אַ אידענע, וואָס גייט מיט די אייגענע האָר, היט זיך ניט צו שלאָפן אויף קיין היהנערשע פעדערן — ווייל, לויט קבלה, טאָר מען דאָס ניט. און די טאָלעראַנץ — זי נעמט זיך פון דער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס יעדער מענש לעבט דאָ פאַר זיך, ארייַנגעטאָן בלויז אין זיין מסחר. הונדערטער פאַמיליעס וואוינען יאָרן־לאַנג אין איין הויף און איינער קען ניט דעם אַנדערן, ווייסט אפילו ניט ווי מען רופט זיין שכן און וואָס איז זיין טועכץ. און אַז מענשן לעבן איינע־אליין, יעדער פאַר־זיך, מוען זיי וואָס זייער האַרץ געלוסט. דערפאַר איז אַזאַ הפקרות, אַזאַ שאַרלאַטאַנסטוואָ און דאָס גלייכן.“

אזוי האָט דער קעמפער פאַר דעם פשוט'ן לעבן דאָס דאָזיגע לעבן דערזען, און מיט אָפשיי זיך אָפּגעקערט דערפון...

ער פרואווט אויך לערנען אביסל. אָבער פאַרשיידענע שטע־רונגען שטייען אים אין וועג. און ער ל אָ ז ט זיך שטערן — ווייל דער קאָפּ איז פאַרנומען מיט דעם אידישן „וועלט־שמערץ“. און אַמאָל מאַכט ער דעם איינדרוק, אַז גאַנץ טיף אין האַרצן איז ער, אפשר אומבאוואוסט, צופרידן מיט די שטערונגען, וואָס האָבן אים ניט געלאָזט ארויסרייסן זיך פון דער וועלט פון „מאמרים“,

וואו ער האט זיך געפילט פיל פרייער און שעפערישער ווי בא דער פרעמדער רוסישער גראמאטיק...

און ער שרייבט ווידער און פאלעמיזירט ווידער אין דער פרעסע. שרייבט לאנגע בריוו און פאלעמיזירט וועגן דת און ווי אים צו פאראייניגן מיט לעבן.

א חודש נאך א חודש, א זמן נאך א זמן, און לילענבלום שטייט נאך אלץ אויף זיין ווילקאמירער שטאנדפונקט: רעפארמירן דעם שלחן־ערוך, כדי צו פאראייניגן דעם דת מיט׳ן לעבן — דאכט זיך, די לאגישסטע און זיכערסטע פאזיציע.

אבער פלוצלינג ווערט ער ארויסגעשליידערט פון זיין פאזיציע. ער באקענט זיך מיט׳ן געדאנק פון די ביבל־קריטיקער, אז די תורה, ווי זי ליגט פאר אונז, איז געשריבן געווארן אין ירמיהו׳ס צייטן; אז געשריבן האבן זי די כהנים פון יענער צייט — דערפאר פארנעמען דארט די קרבנות אזא גרויסן פלאץ. און דערצו ראיות, וואס באשטעטיגן די דאזיגע מיינונג.

איז דאס אים אזוי איינלויכטענד, פארענטפערט אזויפיל קשיות, אבער... אויב דאס איז ריכטיג — אויב די תורה גופא איז אויך נאר א פראדוקט פון א באשטימטער צייט און א באשטימטער קולטור־מדרגה, דאן זענען דאך קיין גרעניצן ניטא, דאן איז קיין קריטעריו ניטא. פארוואס דעם שלחן־ערוך — א פראדוקט פון ז י י ן צייט — יא רעפארמירן, און די תורה ניט?

אכט חדשים קעמפט ער פאר זיין „גייסטיגער עקזיסטענץ“, אזוי צו זאגן, און סוף כל סוף זעט ער זיך געצוואונגען די דאזיגע מיינונג אנצונעמען, אבער אנגענומען, דערפילט ער באלד דאס גרויסע אומגליק, וואס אים האט געטראפן.

„דער גאנצער אוצר — שרייבט ער — וואס איך האב אנגעזאמלט אין מיין קאפ אין משך פון מיין גאנצן לעבן, איז צו־נישט געווארן, אין דער מינוט, וואס איך האב אנגענומען די מיינונג פון די ביבל־קריטיקער. מיין גאנצע טעאלאגיע איז פארשוואונדן. די גאנצע ליטעראטור, וואס איז דאך אויך בלויז טעאלאגיע אן פראקטישן ווערט, איז פון מיר געוויבט געווארן. די גאנצע פראגע

וועגן פאראייניגן דעם דת מיט'ן לעבן, פאר וועלכער איך האב אזויפיל געליטן, האט מער קיין שום זינען ניט. דער גאט, וואס האט מיך אויפגעהאלטן פון קינדערווייז־אן, איז מיר אזוי גוט ווי געשטארבן... עלנד און איינזאם פיל איך זיך אויף דער וועלט. דעם לעצטן טעארעטישן שריט האב איך געמאכט און מיין מוח איז ליידיג געווארן און מיין הארץ דערשראקן".

און ניט בלויז דער מוח. די גאנצע וועלט זעט אים איצט אוים ליידיג, וויסט און ווערטלאז. ניט קיין ליכט, ניט קיין האפ־נונג. ער איז פלוצלינג ווי אויסגעניכטערט געווארן פון דער שכרות, מיט וועלכער ער האט זיינע רעליגיעזע קאמפן געפירט. און אים עקלט דערפון, וואס ער האט געטאן אין שכור'ן צושטאנד.

אבער אינגיכן ווערט דער ליידיגער פלאץ ווידער פארנומען. אין יאנואר, 1871, באקומט ער צו לייענען טשערנישעווסקי'ס באוואוסטן ראמאן „טשטא דיעלאט?" („וואס טוט מען?") און א נייע וועלט עפנט זיך פאר אים. א וועלט — דער ווארשטאט פון לעבן. פונ'ם לעבן פון ארבעט, פונ'ם גליק פון ארבעט. א בוך נאך א בוך און עס קומען־אויף נייע פאזיטיווע געדאנקען אין זיין מח. א חודש נאך א חודש און ער ווערט אריינגעצויגן אין געדאנקען־קרייז פון די זעכציגער יארן אין רוסלאנד.

און „די 60־גער יארן" בילדן איינע פון די גלענצנדסטע און פרוכטבארסטע תקופות אין דער געשיכטע פון רוסישן פאלק. אלעקסאנדער דער צווייטער האט אפגעשאפט דאס לייב־אייגנ־שאפט און האט אנגעמערקט א פלאן פון גרויסע רעפארמען אויף אלע געביטן פון מלוכה־ און פאלקס־לעבן. איז געשאפן געווארן א פריי פעלד פאר געזעלשאפטליכער ארבעט. דאס גאנצע רוס־לענדישע לעבן האט געזאלט פון גרונט־אוים איבערגעבויט ווערן. מ'האט געדארפט אויסראטן די פריערדיגע, פריצ'ישע וועלט־אנשויאונג מיט אירע מאראלישע יסודות: אונטערטעניקייט און געהארכזאמקייט. פריי זאל דער מענש ווערן. פריי אין אלע פרטים; ער זאל מער, ווי פריער, דינען בלויז ווי א מיטל פאר זייטיגע צוועקן, נאר זעלבסטצוועק זאל ער ווערן. וואס ער שמידט, זאל

דינען צו זיין אייגענעם גליק. אבער דעם מענשנ'ס גליק איז אינ־גאנצן אפהענגיג פון זיין ארבעט. דערום מוז דער מענש, קודם־כל, ארבעטן. ארבעט ער ניט, האט ער קיין רעכט ניט צו געניסן פון די גיטער, וואס אנדערע שאפן דורך זייער ארבעט. און אלץ הארף דינען דער ארבעט. אפילו זיינע תאוות זאל א מענש אזוי באפרידיגן, אז זיי זאלן דערמונטערן דעם מענשן צו ארבעט.

און די וויכטיגסטע שטיצע פון דער ארבעט איז די וויסנ־שאפט. און וואס נאענטער די וויסנשאפט איז צו דער ווירקליכ־קייט, אלץ נ י צ ל י כ ע ר איז די דעם מענשן. און ווייל די גרעסטע נוצן זיינע ציט דער מענש דערפון, וואס ער איז גובר די נאטור, דערפאר איז די נאטור־וויסנשאפט די וויכטיגסטע פון אלע וויסנשאפטן. קונסט און פאעזיע זענען ניט בלויז אומניצליך, נאר אויך שעדליך — ווייל זיי פירן־אראפ דעם מענשן פון ריכטיגן וועג, וואס פירט צו זיין נוצן. און אויך דער יסוד פון דער מאראל איז די ניצליכקייט. ווארים דער גאנצער כח פון מענשן ליגט אין זיין שכל. דורך דער וויסנשאפט איז ער מנצח די נאטור און קומט צו זיין אייגן גליק. דער פ ר ט קאן אבער נאר דאן מיט אן אמת גליקליך זיין, ווען א ל ע פרטים, ווען דער כ ל ל איז גליקליך. מוז מען שטרעבן צו אזא געזעלשאפטליכער ארדנונג, וואו פאר יעדן פרט זאל געזיכערט ווערן די מעגליכקייט צו געניסן זיין חלק לעבנס־גליק. נאר אזא ארבעט און אזא שטרעבן איז מאראליש.

און צו די אלע פרינציפן קומט צו דער וויכטיגסטער: די א כ ט ו נ ג צ ו ד ע ר ו ו ע ר ד ע פ ו ן י ע ד ן א י י נ־צ י ג ן מ ע נ ש ן. פולשטענדיגע גלייכבארעכטיגונג פאר אלע מענשן אין אלע זייערע געזעלשאפטליכע באציאונגען. דאס אלץ ווערט אויסגעדריקט מיט'ן ווארט: ע מ א נ ס י פ א צ י ע (באַ־פרייאונג), וואס ווערט פון איצט־אן א קאמפס־לאזונג פאר דער רו־סישער אינטעליגענץ. ווי ווייט זי ווערט, אין דער ערשטער העלפט פון די 60־ער יארן, פארגעשטעלט דורך נעקראסאוו'ן, טשערנישעוו־סקי'ן, דאבראליובאוו'ן, א. ד. גל. און אין דער צ ו ו י י ט ע ר העלפט פון דער זעלבער תקופה ווערן די זעלבע געדאנקען נאך

שארפער, נאָך איינזייטיגער פאָרמולירט. דאָס טוט פיסארעוו.

עמאַנסיפּאַציע — מיינט פיסארעוו — געווים!
אָבער קודם־כל מוז זיך באַפרייען דער פּרט, די איינצלנע פּערזאָן. כדי זיך צו באַפרייען, מוז דער מענש האָבן אַ ניכטערן אָדער רע־אַלן קוק אויפ'ן לעבן און אויף די באַציאונגען פון מענשן צווישן זיך. ער מוז זיין אַ פּערזענליכקייט, ד. ה. אַ מענש מיט אַ פעסטן ווילן, מיט אַ געזונטן שכל און מיט פיל וויסן. דורך זיין אַרבעט האָט ער צו דערגרייכן דעם גרעסטן נוצן פאַר דער געזעלשאַפט און דעם גרעסטן געניוס פאַר זיך. אָבער ער ווייסט ניט פון קיין מוז און ניט פון קיין פליכט, און ניט פון קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר מענשן. וואָרים אַלץ קומט אַרויס פון פּרט און אַלץ קערט זיך אום צו אים. אויסער זיך האָט ניט דער פּרט צו זוכן קיין אָנשפּאַר און ניט קיין ציל. דאָס איינ־ציגע ציל זיינס איז — אַליין, וואָס מער צו געניסן. אויסער זיך אַליין איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין וויכטיגער פון אים. אַלץ, וואָס ציט אָפּ דעם מענשענ'ס אויפמערקזאַמקייט פון זיך אַליין, איז שעדליך. דערפאַר איז שעדליך יעדע מיסטיק, יעדע מעטאַפיזיק, וואָס שטיצן זיך כלומר'שט אויף פּרינציפּן, וואָס שטייען העכער פון דער פּערזאָן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פראַגן, וואָס שטייען אויסער, אָדער איבער דער נאַטור און צילן — צו באַ־גרעניצן די פרייהייט פון דער פּערזאָן. די דיינקנדע פּערזענליכקייט האָט אָבער רעכט אויף פולשטענדיגער, אומבאַגרעניצטער פרייהייט און פולשטענדיגער אומפאַראַנטוואָרטליכקייט — וואָרים איר האַר און באַפעלער איז נאָר זי אַליין, און נאָר פאַר זיך אַליין איז זי פאַראַנטוואָרטליך. נאָר פריי, לויט אייגענעם ווילן און אייגענעם נוצן, באַגרעניצט דער מענש זיין פרייהייט און אַרבעט לטובת דער געזעלשאַפט און צוליב אייגענעם געניוס קעמפט ער קעגן געזעלשאַפטליכער אומוויסנקייט, אָרימקייט געפאַלנקייט און פאַרקנעכטונג. כדי מיט ערפאָלג די אַלע איבלען צו באַקעמפן, איז נויטיג: אין שול — נוצליכע וויסנשאַפטן, אין דער ליטעראַ־טור — רעאַלע געזעלשאַפטליכע פראַגן און אָנווייזונגען, ווי אַזוי

צו קעמפן געגן דלות, אבערגלויבן, א. ד. גל. אבער די פערזענליכ־קייט — זי איז דער האר פון איר וועלט, דער שאפער פון איר וועלט. און כדי אט די וועלט אירע פולער צו מאכן, רייכער און אינטערעסאנטער צו מאכן — ארבעט זי, אבער ניט צוליב א וועלכן עס איז א ו י ס ע ר ן ציל. די דיינקנדע ענטוויקלטע פער־זענליכקייט — דאס איז דער קרן פון דער געזעלשאפט. די מאסן, דער המון — איז ארים, נאריש און ווילד. מ'דארף קענען אירע באדערפענישן, אבער ניט זיך צוהערן צו אירע מיינונגען; ניט אכטן אירע רגילות'ן און ניט לייגן קיין ווערט אויף איר לויב און ניט אויף איר טאדל. און כדי דער רוב מענשן זאל קאנען קומען צו דער מדרגה פונ'ם „דיינקנדן רעאליסט", איז פריער נויטיג צו באפרייען, אדער צו עמאנסיפירן, די פערזענליכקייט פון די קייטן, וואס די טראדיציע האט אויף איר ארויפגעלייגט. און די פערזענליכקייט קאן ניט פריי זיין, ווי לאנג די געזעלשאפט, דאס פאלק, איז ניט פריי.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און שוין הערט מען לילענבלום'ען רעדן אין גייסט פון די דאזיגע אידייען. אויב פריער האט ער געוויינט דערויף, וואס דער שלחן־ערוך שטימט ניט מיט'ן לעבן, וויינט ער איצט דערויף, וואס די ליטעראטור איז אפגעריסן פונ'ם לעבן. נאר פריער איז ער גע־ווען אויסגעהאלטענער. פריער האט ער געגלויבט, אז אן א שפראך און אן א לאנד קאן די אומה געפינען שטיצע נאר אין דער רע־ליגיע, וויל ער, אז די רעליגיע זאל פארגרינגערט ווערן,, כדי זי זאל קאנען עקזיסטירן. איצט אבער הערט איר פון איין זייט טענה'ן, אז דער באגריף „כלל" עקזיסטירט בלויז אין רעדן, אדער שרייבן, אבער ב מ צ י א ו ת זענען פאראן בלויז פרטים. איך — איין פרט, דו — א צווייטער פרט, יענער — א דריטער פרט. און ס'האט קיין זין ניט, אז איין פרט זאל מקריב זיין זיין גליק פאר'ן גליק פון א צווייטן פרט; איצט דריקט ער אויס זיין איבערצייי־גונג, אז ווי טרויעריג עס איז אויך, מוז מען דאך צוגעבן, אז פונקט ווי דער לעבעדיגער מענטש מוז שטארבן, אזוי מוז אויך א פאלק

שטאַרבן. און אידן גיבער ווי אַנדערע — ווייל מיר האָבן ניט קיין לאַנד, וואָס זאָל מגין זיין אויפ׳ן קיום פון פאָלק. און דאָך הערט ער אויך איצט ניט אויף צו זאָרגן פאַר׳ן אייביגן לעבן פון אידישן פאָלק; און דאָך גלויבט ער ניט אָן דער מעגליכקייט פון פולשטענדיגער אַסימילאַציע, און דערביי שיט ער פעך און שוועבל אויף די, וואָס זאָרגן פאַר׳ן כלל און פאַרלאָזן דעם פּרט. ער טאַדלט יענע, וואָס באַמיען זיך צו פאַרשפּרייטן דעם כאָאָס פון השכלה, ווייענען אויף דער געפאַלענקייט פון דער אמונה, און זאָרגן ניט פאַר אַ ציל אין לעבן. זאָרגן ניט צו געבן די אידן אַ מאַטעריאַליסטישן קוק אויפ׳ן לעבן. אָבער „דאָס איינציגע ציל פון לעבן איז דאָס לעבן גופא. און ניטאָ קיין לעבן אָן באַוועגונג, און ניטאָ קיין באַוועגונג אָן כח, און ניטאָ קיין כח, אָן אַרבעט, און ניטאָ קיין פולקאָמענע אַרבעט אָן וויסנשאַפט. און וויסנשאַפט איז בלויז נאַטור-וויסנ־שאַפט — ווייל נאָר די וויסנשאַפט איז ניצליך אין לעבן, און שטיצט זיך אויף אייביגע געזעצן. און לעבן הייסט — מיין לעבן. וואָ־רים ניטאָ קיין ווערטפולערע זאַך פאַר׳ן מענטשן, ווי זיין „איך“. און נאָר דאָס, וואָס איז פאַר מיין „איך“ ניצליך, דאָס האָט אַ ווערט. וואָס אויסער די דאָזיגע גרעניצן איז הבל־הבלים. עסטעטיק איז בלאָטע. מעטאַפיזיקע — אודאי. פּאָעזיע — אָן אויסגעבלאָזן איי. „אידישע וויסנשאַפט“, „אויספאָרשן די פאַר־גאַנגענהייט“ — פאַנטאַסטערייען. דאָס וואָס מיר רופן „השכלה“, „אויפקלערונג“, איז ניט מער ווי כאָאָס. אמת׳ע השכלה, דאָס זענען יענע למודים, וואָס מ׳לערנט אין גימנאַזיום, וואָס קאָנען מיר נוצן אין לעבן. די געזעלשאַפט איז נאָר אַ הערדע בהמות, וואו איינע גייט נאָך דער אַנדערער, און דער מענטש דאַרף ניט זי, נאָר זיך אין זינען האָבן. און רעכט אויף הנאה צו האָבן פון לעבן האָט נאָר דער מענטש, וואָס לעבט פון זיין אַרבעט, אָבער ניט פון פרעמדער אַרבעט. אָבער ווער עס האָט ניט קיין מאַטעריאַליס־טישע וועלט־אנשויאונג, נאָר אַ טעאָלאָגישע, אָדער פאַנטאַסטישע, ברענגט דאָס אים צו בטלה, בטלה (ליידיג אַרומגיין) ברענגט צו

אָרימקייט און אָרימקייט — צו אַלע צרות — ווי פּיסאַרעוו זאָגט, לויט נעקראַסאָוו, מאַלעשאָט און ביוכנער... און די וויכטיגסטע פון אַלע פראַגן איז די פון „קאַפּיטאַל און ארבעט"—ווייל דער קאַפּיטאַל גיט מאַכט צו די רייכע און די אָרימע זענען געצוואונגען צו אַלערליי אומאַרטיקייטן, כדי זיך ביים לעבן צו דערהאַלטן", א. אַ. וו.

און נאָך דער גאַנצער פילאָזאָפיע, ניט־ניט, און פאָרט רעדט ער מיט הארצווייטאָג וועגן דעם, וואָס די רעליגיע פאַלט און דאָס פאָלק ווערט צוברעקלט; ניט־ניט, און דאָך הערט ער ניט אויף צו זאָרגן פאַר'ן כלל, פאַר'ן קיום פון כלל. זיינע לעצטע פרייע שעה'ן גיט ער אוועק דעם שרייבן — ניט קוקנדיג דערויף, וואָס ער איז איבער־צייגט אז די העברעאישע ליטעראַטור האָט ניט קיין שום ווירקונג אויפן לעבן און אזוי שרייבט ער אין אַ משך פון צען יאָר. אין דער צייט איז די איינציגע גרונטלאַגע פון אַלע זיינע ארויסטרעטונגען — די פ ר י י ה י י ט: פון פרט, פון קינד, פון דער פרוי, פון ארבעט. ער פאָדערט פיזישע ארבעט, אַ ניכטערן, מאַטעריאַליסטישן קוק אויפ'ן לעבן; ניצליכקייט און אייגנליבע. ערציאונג צו מלאכה, אָדער צו נאַטור־וויסנשאַפט, א. ד. גל.

1872 שרייבט ער צוויי גרויסע קריטישע ארטיקלען וועגן פאַר־שיידענע ווערק — גאַנץ אין גייסט פון פּיסאַרעוו, כמעט אפילו מיט יענעמס אויסדרוקן. 1873 ענדיגט ער שרייבן זיין באַרימטע אויטאָביאָגראַפיע: „חטאת־נעורים", וואָס האָט שפּעטער געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער אידישער משכילים־וועלט. אָבער שוין איצט קומט דער צווייפל און שניידט אים אונטער די פליגל. און פון 1873, ווען ער האָט זיך געפונען אונטער'ן איינפלוס פון די רוסישע ראַדיקאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זענען געווען אביסל סאָצי־אַליסטיש געפארבט, שרייבט לילענבלום זייער ווייניג — ווייל... נאָר גיך זעט ער איין, אז טשערנישעווסקי איז אין זיין דאָ־מאָן „טשטאָ דיעלאַט?" בלויז אַ פאַנטאַזיאָר, וואָרים דער דור איז לחלוטין ניט אימשטאַנד זיך צו פירן, אין פּראַקטישן לעבן, לויט זיינע אידייען. און דערצו: דאָס גאַנצע בינטל געדאַנקען, וואָס איז דעמאָלט געווען מאָדערן און פאַרכאַפּט די גאַנצע דעמאָלדיגע

אינטעליגענטע יוגנט, האָט אין זיינע לעצטע אויספירונגען געפירט צו קאָסמאָפּאָליטיזם. פּ ר אַ ק ט י ש: צו אַסימילאַציע. דאָס האָט געהייסן: זיך אָפּזאָגן פונ'ם אייגענעם פאָלק פון דער אייגענער קולטור. אָבער געגן דעם שטעלט זיך די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט ליליענבלומ'ס. ליליענבלומ'ס מח און ליליענבלומ'ס הארץ — ביידע זיינען ניט קיין גינסטיגער באָדען פאַר די נייע קערנער, וואָס זענען דאָרט געזייט געוואָרן. די פרוכט, וואָס קומט בא ליליענבלומען אַרויס פון זיי, איז מאָגער און שוואַך און ווייניג אין צאָל. אַרויסגייענדיג פון די זעלבע פּרינציפּן, וואָס אַנדערע, קומט ער דאָך צו גאַנץ אַנדערע אויספירונגען. ק אָ ס מ אָ פּ אָ ל י ט י ז ם, מיינט ער, וואָלט אפשר טאַקי אַ גליק געווען פאַר דער מענשהייט. אָבער ווען? ווען פעלקער, ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, זאָגן זיך אָפּ פון זייערע נאַציאָנאַליזמען, נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, און ווערן בלויז מ ע נ ש ן, אָבער אויב די גרויסע פעלקער טוען דאָס ניט, און נאָר מיר, אידן, אָנשטאָט זיך צו רופן מיט אונזער נאָמען, וועלן מיר הייסן: רוסן, דייטשן, פראַנצויזן, א. ד. גל., וואָס וועט דען די מענשהייט דערפון געווינען? אין דעם „דענקענדן רעאַליסט“ האָט ער אין אַדעם געזען אָט די „באַפרייטע פערזענליכקייט“, וואָס האָט זיך פריי געמאַכט פון טראַדיציע, פון פאַראַנטוואָרטליכקייט און געזוכט בלויז נוצן. בלויז געננוס — און ער האָט אים בכלל ניט באַפרידיגט. און צו אַלעם האָבן דאָך די גרויסע רעפאָרם־פּלענער פון דער רעגירונג קנאַפּ נוגע געווען דער אידישער באַפעלקערונג. אידן האָבן אויך איצט ניט געהאַט יענע גרויסע מעגליכקייטן צו פאַרווענדן זייער אַרבעט, וואָס די רוסישע באַפעלקערונג האָט געהאַט. און גיין אַ ה י ן אַרבעטן (ווי אַנדערע אידן האָבן געטאָן), זאָגן דעם פּויער: „מיין ברודער ביסטו“, און דעם אַרבעטער: „איך בין דיין פאַרזאָרגער“ — דאָס קאָן ניט ליליענבלום. זיין געזונטער שכל ווייזט אים, אין וואָס פאַר אַ פאַלשן ליכט עס שטעלן זיך די אידן, וואָס טוען עס יאָ. צוליב אָט די אַלע מאָטיוון פאַרלאָזט ער דאָס שרייבן. אויף די אַמאָליגע טעמעס קאָן ער ניט שרייבן, ווייל ער האַלט מער ניט פון זיי, אויף די נייע ניט — ווייל ער גלויבט ניט גאַנץ אין זיי.

שווייגט ער. אין יאָר 1878 שרייבט ער אַ מין אַלעגאָריע אויף דער טעמאַ פון קאַפּיטאַל און אַרבעט (אלישע בן אבויה). איז עס אַ קאַפּשטיק, וואָס דער הויפּט־ווערט זיינער איז אין דער געקינסטל־טער פאָרם, אָבער ניט אין אינהאַלט.

אינגאַנצן, די אידייען פון די 60־גער יאָרן, מיט אַלע זייערע קאָנסעקווענצן, קאָן לילענבלום ניט אָננעמען: אָבער די איינציגע פּרינציפּן פון יענער צייט, וואָס ער האָט י אַ אָנגענומען. די ברענגט ער אַריין אין דער אידישער פּרעסע און מאַכט זיי אויך פּרוכטבאַר ביים באַהאַנדלען פאַרשיידענע אידישע פראַגן.

פון דאָרטן ברענגט ער די איבערצייגונג, אַז אַ פאָלק קאָן זיין געוועזן געוועזן דורך אַ געזונטן חוש צום רעאַלן לעבן; דאָרט האָט ער געלערנט צו שעצן און ריכטיג צו שאַצן דעם מאַטעריעלן, אָדער עקאָנאָמישן יסוד פונ'ם לעבן און אויך די שאַרפע אָפּנייגונג פונ'ם מיסטישן האָט ער דאָרט דערוואָרבן.

און אַז ער שרייבט אין 1877 וועגן אַ רבי'נישער אסיפה, וואָס זאָל דאַן צונויפגערופן ווערן, פאַרשטייט ער טוין, אַז דאָס אידישע לעבן איז ניט אָפּהענגיג פון תלמוד און פון שלחן ערוך, נאָר אַז דער תלמוד און דער שלחן ערוך זענען אָפּהענגיג פון לעבן. און דאָס אידישע לעבן זעט אויס, אזוי ווי עס זעט אויס — ווייל מיר זענען אַ פאָלק פון אָרימעלייט, און אָרימעלייט זענען מיר, ווייל מיר זענען צונויפגעפּרעסט אויף אַן ענגן שטח פון לאַנד, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַר אונז פאַרשלאָסן. לאָמיר נאָר האָבן גלייכע רעכט מיט אַלע, און מיר וועלן אויך ווערן לייטן־גלייך. ס'איז אָבער לעכערליך צו פאָדערן אייראָפּעאישע קולטור פון מענטשן, וואָס ליגן אין צוואַנגען געקרעמפּט. און בכלל איז ער ניט קיין גרויסער אָנהענגער פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און ניט קיין גרויסער מאמין אין דעם גליק, וואָס זי ברענגט. און וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער ווערט בא אים די מיינונג, אַז ניט קולטור און אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע פעלט אונז, נאָר אַ פעסטער באָדן אונטער אונזערע פיס. אַ באָדן, וואו אידן זאָלן קאָנען אַ האַנט צולייגן, אַרבעטן און פאַר זיך אַרבעטן. און אַז ער געפינט (אין יאָר

1876) אַ ידיעה־אין „המגיד“, אַז חיים גדליה פון לאָנדאָן וויל אָפּ־קויפן פּאַלעסטינאַ ביים סולטאַן און באַזעצן דאָרט אידן, קומט ער אַריין אין גרויס התפּעלות. „אויב אידן, שרייבט ער, וועלן זיך באַזעצן אין זייער פאָטערלאַנד, ווערט דאָך אין איין אויגנבליק פאַר־ענטפערט די גאַנצע אידן־פראַגע, אין אַלע פּרטים“. דערפון איז אָבער גאָרניט אַרויסגעקומען. אין 1879 קומט אַ ידיעה, אַז די חברה „כל ישראל חברים“ קויפט אין רוסלאַנד צוויי מאָל הונדערט טויזנט דעסיאַטין ערד, כדי צו באַזעצן אויף איר צען טויזנט אידישע פאַ־מיליעס, ווערט ליליענבלום ווידער מלא־שמחה. וואָרים „ניט בלויז די קאָלאָניסטן, נ אָ ך די קאָלאָניסטן וועלן אַהינקומען בעלי־מלאכות און טויזנטער אידן וועלן דערלייזט ווערן פון הונגער, פון דרוק, פון קעלט, פון קראַקייט, פון פאַרצווייפלונג“, א. ד. גל. און אַז די דאָזיגע ידיעה לאָזט זיך אויך אויס מיט גאָרניט, פאַלט לי־ליענבלום באַ זיך ניט אַראָפּ. „רוסישע אידן קאָנען אליין שאַפן די מיטלען, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַזאַ קאָלאָניזאַציע“. ער שרייבט וועגן דעם אין „המליץ“, אין „ראַזסוויעט“, עס ווערט אַ שטיקל באַוועגונג. אין 1880 גרינדעט פּאָליאַק“אָוו דעם „פאָנד צו שטיצן אידישע ערד־אַרבעט און מלאכה אין רוסלאַנד“. אָבער אויך דאָס איז געבליבן אַ טויט באַשעפעניש. ליליענבלום איז זיך מיאש פון דער מעגליכקייט צו קאָלאָניזירן אידן אין רוסלאַנד. ער בלייבט אָבער פעסט באַ זיין איבערצייגונג, אַז נאָר אויפ׳ן יסוד פון ערד־אַרבעט קאָנען אידן ראַטעווען זייער לעבן. און ראַטעווען וועלן זיי זיך נאָר דאַן, ווען ז יי אַ ל יי ן , ניט וואַרטנדיג אויף זייערע גבירים, וועלן אָנהויבן פאַרווירקליכן זייער אידעאַל.

עס קומט דאָס יאָר 1881 מיט די פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד און די שריפות אין צפון־רוסלאַנד. עס ווערט חרב איין ידישער ישוב נאָכ׳ן אַנדער׳ן. אַ פּאַניק כאַפּט אַרום די אידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. מ׳זעט איין, אַז די רעגירונג אָרגאַני־זירט די פּאָגראָמען, אַז אידיש בלוט און פאַרמעגן איז הפקר. עס הויבט זיך אָן אַן עמיגראַציע. מ׳רעדט פון אַמעריקע, פון שפּאַניע, אינטעליגענטן רעדן אויך פון ארץ־ישראל, פון אָפּקויפן ארץ־ישראל.

לילענבלום טראַכט און שרייבט אין דער צייט זייער פיל וועגן אַנטיסעמיטיזם, וועגן די „איינגענע“ און די „פרעמדע“ אין פאַר־שיידענע לענדער. „אין מיטלאַלטער, שרייבט ער, זענען מיר זיי פרעמד געווען — ווייל אונזער גלויבן איז אַן אַנדערער, און איצט, בעת דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ הערשט, זענען מיר זיי פרעמד — ווייל אונזער אָפּשטאַמונג איז אַן אַנדערע. די פאָלגן זענען, איןביידע פאַלן, די זעלבע“.

„און וואָס וואַרט אויף אונז אין דער צוקונפט, אויב מיר האָבן ניט קיין אייגענעם באָדן? אָבער וואו אויף דער וועלט נעמט מען אייגענעם באָדן?“

„און ארץ־ישראל?“ „פאַרוואָס זאָלן מיר דוקא זיין פ ר ע מ ד ע אין פ ר ע מ ד ע לענדער? פאַרנעמט דאָך אונזער פאָטערלאַנד איר אַמאָליגן פּלאַץ אויף דער ערד און איז אויך איצט נאָך פּונקט אַזוי וויסט ווי געווען. דאָס לאַנד, אינאיינעם מיט די דערבייאיגע לענדער, קאָן אַריינגעמען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. ווי גרויס איז דער רעיון!“ „פאַראַן אַ מעגליכקייט אידן זאָלן געהאָלפן ווערן! און דאָס פאָלק אליין, אויב ס׳וועט נאָר וועלן, קאָן זיך העלפן! און אַ פאָלק, וואָס איז אימשטאַנד זיך צו העלפן, איז שוין ניט מער אומגליקליך, נאָר גליקליך — א ו י ב ע ס ו ו י ל“...

„דער שווערער שטיין — שרייבט לילענבלום — וואָס האָט געדריקט אויף מיר די לעצטע צייט, איז אין איין מינוט פאַר־שוואונדן. ליכטיג איז מיר געוואָרן. מיין גייסט האָט זיך דערהויבן און גאָר אַן אַנדער מענש בין איך געוואָרן. אַ ווידעראויפלעבונגס־טוי האָט זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזט, און דער שרעקליכער אייז, וואָס האָט אַזויפיל יאָרן געפרעסט מיין האַרץ, איז צושמאָלצן“.

איצט וואַרפט ער אַלצדיג אַוועק און גיט זיך איינגאַנצן אָפּ צו ישוב ארץ־ישראל. ער איז פּאַרטאָן אי טעאָרעטיש, אי פּראַקטיש. ער איז, פּראַקטיש, דער סעקרעטאַר פון דער חברה „חובבי־ציון“, וואָס גרינדעט זיך צו יענער צייט, און ער פאַרטיידיגט דעם געדאַנק פון חבת־ציון געגן זיינע געגנער פון אַלע פאַרשיידענע זייטן. חבת־ציון — דאָס איז אים פון איצט־אָן דער לייכט־טורם

אין האפען, ביים שטורמישן ים, אויף וועלכן די אידישע שיף ווערט געשליידערט ביז צוברעכן צו ווערן, ביז אונטערגיין. און זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט איז פון איצט־אן אנגעשטרענגט אויף דעם לייכט־טורם; זיין גאנצע ענערגיע איז אנגעשטרענגט דערויף — די שיף אין האפן צו ברענגען.

קוים 38 יאר אלט — און ליליענבלום פירט אונטער א שטריך און מאכט דעם סך־הכל פון'ם אפגעלעבטן. מיט דער פארגאנגענ־הייט מאכט ער שלום. די באליידיגונגען פארגעסט ער. די באליי־דיגער — אמנעסטירט ער. די גאנצע געגנווארט מיט אלע אירע פראגן און פראבלעמען און פאדערונגען קאנצענטרירט ער אין איין פונקט, וועלכער שיינט צו אים ארויס פון דער ווייטער צוקונפט... און אין ד ע ם פונקט ווייסט ער מער נית קיין צווייפל און הערט נית מער פון זיך אוים דעם „טאמער פארקערט", וואס האט פריער אזוי אפט חרב געמאכט זיינע „פעסטע איבערצייגונגען".

צו 38 יאר דערהויבט זיך ליליענבלום צו זיין אידעאל, פון וואנען־אוים ער זעט דאס לאנד, וואו עס ליגט די צוקונפט פון זיין פאלק. אין דעם מאמענט — דאס איז פון דאן אן זיין טיפסטער גלויבן — האט ער געזען דעם אמת „פנים אל פנים". נאך מער: ער האט דעם אמת דורכגעלעבט, און ער איז פאר אים געווארן א פאקט, וואס שטייט איבער און אויסער יעדן צווייפל.

פעסט און זיכער און איבערצייגט באשטייט ער פון דעם טאג אן אויף זיין אמת. פון איצט־אן ווידמעט ער זיין לעבן, זיינע פעאיקייטן, זיין וויסן און זיין ענערגיע פאר דער גליקליכער צו־קונפט פון זיין פאלק. פון איצט־אן קען ער נאר איין דאגה — ווי זיין אידעאל צו פארווירקליכן. פון איצט־אן הערט ער אויף צו לעבן אלס פרט, און ווערט אינגאנצן פארשלונגען אין כלל. אלץ, וואס עס ווערט פון דעם טאג אן געטאן אין חבת־ציון, איז ליליענ־בלום. אלץ, וואס ליליענבלום האט פון דעם טאג אן געטאן, איז חבת-ציון...

און אזוי ביז'ן צווייטן אדר, תר"ע (1910), דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן.

ד״ר הערצל

ד ר. ה ע ר צ ל געהערט צו יענער גרויסער מענשען־ראסע, וואס געבירט בלויז בן־יחידים און בלויז אין זעלטענע פעריאָדען. ער געהערט צו יענע אומשטערבליכע, וואס די פעדים פון זייער לעבנס־געשיכטע זענען פעסט איינגעוועבט אין דער וועלט־געשיכטע. איינער פון די וועניגע איז ער, וואס שפירן די טריט פון דער צוקונפט, פארנעמען דעם שאָרך פון איר באוועגונג אויף דורות פאָראויס און נעמען אונטער שריט פאר ווייטע דורות שפעטער.

זיין אויסערלאכקייט — מאיעסטעטיש. זיין קוק — הער־שעריש. זיין וואָרט — באפעלעריש און אינסטינקטיוו בויגען מענשען זייער נאקען פאר אים.

געבוירן איז ער אין בודאפעסט, אונגארן, בא ספרדישע עלטערן אין יאָר 1860. דערצויגן איז ער פריער אין זיין געבורט־שטאָט און פון די סטודענטן־יאָרן אָן אין ווין. אי דאָרט אי דאָ — אין אַן אסימילאטארישער סביבה. ער פילט זיך ווי א דייטש, לעבט מיט דייטשע אידעאלן. נאָר ער ווייסט, אז ער איז א איד. שוין אין זיין 21טן אָדער 22טן יאָר קומט אים צו־האַנט דאָס בוך פון דיהרינג: „די אידנפראגע, אלס פראגע דער ראסענשעדליכקייט פאר עקזיסטענץ, זיטן און קולטור דער פעלקער״—און ער הויבט אָן זיך צו אינטערעסירן מיט דער אידנפראגע. א ביסל שפעטער און ווייטער — און ער הויבט אָן צו זוכן די מעגלאכקייט, ווי אזוי צו ל י י ז ן די אידנפראגע. פארשיידענע מעגלאכקייטן קומען אים אויפ׳ן געדאנק און פארשווינדן. קומען — און פארשווינדן. עס וואקסט דער אנטיסעמיטיזם, און ער וואקסט אויך. אינאיינעם דער־מיט אנטוויקלט זיך אין אים זיין אידישער שטאָלץ. און אז ער ברענגט זיינע א יוגענד־דערציילונג אין דער רעדאקציע פון דער „דייטשע וואָכענשריפט״, און דאָרט לייגט מען אים פאר זיך אונ־

טערצושרייבן מיט א פסעוודאָנים — „כדי זיין צו־אידישן נאָמען צו פאַרדעקן“, ווערט ער אויפגעבראַכט. „איך וועל בלייבן בא מיין פאָטער׳ס נאָמען“, — דערקלערט ער, און פאַרלאַנגט זיין מאַנו־סקריפט צוריק. דער שטאָלץ פונ׳ם אויטאָר אימפּאָנירט דעם רעדאַקטאָר. די דערציילונג ווערט אָפּגעדרוקט. אינגיכן ווערט ער א באַקאַנטער דייטשער שריפטשטעלער. ער שרייבט טעאַטער־שטיק מיט גרויס ערפאָלג. זיין פּאָפּולאַריטעט וואַקסט. ווערט ער א מיטאַרבעטער אין דער איינפלוסרייכסטער ווינער צייטונג: „נייע פרייע פּרעסע“. 1891 שיקט אים די צייטונג אַלס איר שטענדיגן קאָרעספּאָנדענט קיין פּאַריז. זיינע אַרטיקלען פון פּאַריז וועגן די פּאַרלאַמענטס־זיצונגען, וועגן די פראַנצויזישע פּאָליטיקער און פראַנצויזישן פּאָליטישן לעבן, מאַכן אים א גרויסן נאָמען. זיינע געניאַלע באָאַבאַכטונגען, זיין גלענצנדער סטיל, זיינע פילאָזאָפיש־פּאָעטישע באַאורטיילונגען שטעלן אים אַוועק אין דער ערשטער ריי פון דער דייטשער פּובליציסטיק. ער איז אויך אין פּאַריז פּאָ־פּולער אין דער פּאָליטישער וועלט ווי אין דער קינסטלער־ און דיכ־טער וועלט. ער לאָזט זיך ניט פיל שטערן פונ׳ם אַנטיסעמיטיזם. ער לעבט זיך איין אין דער קולטור פון דעם קולטורעלסטן פון אַלע פעלקער — ווי ער קוקט אויף די פראַנצויזן.

און פּלוצלינג א פּולשטענדיגער איבערברוך — ווייל אַן אַנ־טוישונג.

1894 איז ער דערביי, באַם היסטאָרישן דרייפוס־פּראָצעס. דאָס איז דער אַלטער „בלוט־בלבול“, נאָר אויף א פּאָליטישן באָדן. זיכערער, מאָדערנער, אָננעמבאַרער. דעם **אידישן** קאַפּיטאַן דרייפוס משפט מען דערפאַר, וואָס ער זאָל האָבן פאַרקויפט דער דייטשער רעגירונג מיליטערישע סודות פון דעם פראַנצויזישן מילי־טער־שטאַב. מען משפט דרייפוס׳ן און מ׳פאַר׳משפט אים און מ׳שיקט אים אַוועק אויפ׳ן „טייפל׳ס אינזל“. אויפ׳ן גאַס, אַרום מיליטער־געריכט, שטורמט דאָס קולטורעלסטע פון אַלע פעלקער: „טויט די אידן!“ וואָס הייסט: טויט **אַלע** אידן, דערפאַר, וואָס **איין** פאַררעטער האָט זיך געפונען צווישן זיי... **און**

איז ער דען א פאררעטער? „דא איז דאך פארגע־קומען מער ווי בלויז א געריכטס־טעות: די מערהייט פון פראנצויזישן פאלק האט דאך פארלאנגט מ'זאל דעם אידישן קאפיטאן פאר'משפט'ן כדי אינאיינעם דערמיט ארויסבא־קומען א טויט־אורטייל פאר אלע אידן... כדי צו באקומען א פרייע האנט קעגן זיי. פון איצט אן ווערט אין פאריז פאפולער דער לאזונג: „נידער מיט די אידן!" און דאס — הונדערט יאר נאך דער דעקלאראציע פון מענשן־רעכט! און אויב אין דער הויך־קולטו־רעלער פראנצויזישער רעפובליק אזוי, וואס זאל מען שוין דער־ווארטן אנדערש־וואו?"

די דאזיגע פראגן הערן ניט אויף אים צו עגבערן. ער ליידט טיף פון דעם האפנונגסלאזן צושטאנד פון די אידן. ער האט ניט מער קיין אנדער טעמע צו רעדן, ניט קיין אנדערע פראגן צום בא־טראכטן. עס ווערט אים ענג אין זיך. עס ווערט אים קלאר, אז אויב ער פילט די פראגן, — אדער ריכטיגער: די אידנפראגע — אזוי טיף, אויב ער זעט דעם אפענעם תהום אזוי קלאר — מוז ער אויך עפעס טאן פאר'ן אידישן פאלק. מוז ער עפעס אונ־טערנעמען, כדי דאס אידישע פאלק פון דעם תהום צו ראטעווען. ער געפינט זיך קיין ארט ניט. ער שפירט זיך שטענדיג ווי באגייס־טערט, ווי אין עקסטאז, ווי באזעסן. מטושטש'דיגע געדאנקען קומען און גייען. ציען פארביי און פארשווינדן. ווי אין טונקל, ווי אין וואלקן, און פלוצלינג בליצט דורך דער געדאנק:

אויב אידן קאנען זיך ניט אויסלעבן און ניט אויסמישן אין פרעמדע מלוכות, זאלן זיי זיך שאפן אן אייגענע מלוכה!

פון געדאנק צו געדאנק, און אים ווערט קלאר: די אידן־פראגע איז ניט בלויז א אידישע פראגע פון אידן, נאר א וועלט־פראגע. אן אינטערנאציאנאלע פראגע. די גאנצע וועלט, וואו אידן זענען צעזייט און צעשפרייט, אלע לענדער, וואו אידן געפינען זיך (און זיי געפינען זיך אומעטום), האבן א אידנפראגע, און די רעגירונגען זענען פאראינטערעסירט, אז די פראגע זאל געלייזט

ווערן — צו זייער וואויל און צו זייער באפרייאונג און צו אונזער וואויל און אונזער באפרייאונג. און יעדער לאנד פאר זיך קאן די פראגע ניט לייזן, אויף קיין אויפן ניט — אויבביידע צדדים זאלן זיין צופרידן. זי קאן געלייזט ווערן נאר מיט דער ווירקונג פון א ראט פון קולטור־פעלקער. די פעלקער דארפן און וועלן העלפן זי צו לייזן; אבער געלייזט ווערן דארף זי און קאן זי נאר דורך די אידן. דורך דער גאנצער אינטער־נאציאנאלער אידישער נאציע, און בלויז מיט פאליטישע מיטלען. פאליטיק רעגירט די וועלט. און אן איר קאן מען קיין שום רעגירונג ניט געווינען צו פראקטישע טאטן.

פון זיך אויס געזען, איז אים די אידן־פראגע א מאראלישע פראגע — ווייל דער איד ווערט באליידיגט, ניט־דערשאצט, גע־טאדלט, אן גרונד באשולדיגט. זי וואקסט אבער אויך פון דער אידישער סאציאל־עקאנאמישער סטרוקטור. „זיי, די פעלקער, ווייסן דאך ניט, אז אונזער סטרוקטור איז אזא — ווי די געשיכטע האט אין גרויס פיין פאר אונז געשאפן. מיר קלעפן אן געלט — ווייל דאס איז דאס איינציגע געווען מיט וואס אונז איז דערלויבט געווען צו באשעפטיגן זיך. און קומען די סאציאליסטישע צייט־אידעען און העצן קעגן דעם באוועגליכן קאפיטאל, וואס אין משך פון הונ־דערטער יארן זענען אידן געצוואונגען געווען זיך צוצופאסן צו אים; און אין משך פון דיזעלבע יארהונדערטער איז דער אנטיסעמיטיזם אויסגעוואקסן אין א פסיבאז, וואס לאזט ניט היילן, ווי לאנג די סיבה, וואס שאפט אים, — די אידן, — בלייבט אויף׳ן ארט. דערפאר איז אויך די אסימילאציע ניט קיין לייזונג פאר דער אידן־פראגע: גיי, אסימיליר זיך מיט אנדערע עלעמענטן, אז יענע על־מענטן דולדן דיך ניט! עס איז אויך קלאר, אז אויפ׳ן קולטור־פארטשריט פון דער מענשהייט איז ניט צו ווארטן, ווייל עס איז זיך ניט צו דערווארטן. דער נצחון פון סאציאליזם וועט ניט העלפן — ווייל, ווי אין דער קאפיטאליסטישער וועלט, אזוי אין דער סאציאליסטישער, פארנעמען אידן די ניט־געשיצטע פונקטן; אויפ׳ן אידישן רוקן וועט געפירט ווערן די סאציאלע שלאכט...“

איין מיטל גילט — זיך אומקערן צו זיך, צונויפזאמלען אלע כחות און באקומען א „פלעק ערד" אויף דער וועלט, וואס זאל זיין אונזערס.

און אז די אמת'ן ווערן אים קלאר, זעט ער זיך אום נאך מעגלאכקייטן זיי צו רעאליזירן: דער אידישער גרויס־קאפיטאל! פאר אלע — דער באראן הירש! האט ער דאך ארויסגעוויזן אזויפיל מיטגעפיל דעם אידישן פאלק, אזויפיל אפפער־וויליקייט פאר אים! קאן ער דאך באנעמען היסטארישע פראבלעמען!

און ער ווענדט זיך צו אים. ער זאגט אים פאראויס, אז דא האנדלט זיך וועגן אן אויפטו, וואס ניט ער, ניט הירש, וועלן זען זיינע פאלגן, הירש נעמט אים אויף, הערט אים אויס, אבער זיינע פלענער נעמט ער ניט אן. צו פאנטאסטיש זעט אים אויס די אידעע: אידן זאלן ווערן א פאליטישע איינהייט! א זעלבסט־שטענדיגע אידישע מלוכה! דער סוחר האט ניט פארשטאנען דעם דיכטער. א פאלק אויפריכטן! אנטרויען אידן זיך אליין — דאס איז אים קיינמאל אויפ'ן זינען ניט געקומען.

הערצל רעדט הירשן דערפון, אז פילאנטראפיע אנטוויקלט שנארער און זעלבסט־הילף שאפט העלדן; אז דאס גרעסטע אידישע אומגליק באשטייט אין דעם, וואס אין דער גאנצער צייט פון אונזער צעשפרייטונג האבן מיר ניט קיין איינהייטלאכע פאליטישע פירער־שאפט, האבן ניט קיין נאציאנאלע פאליטיק; דאס קאן און מוז געענדערט ווערן. אבער הירש באגרייפט עס ניט. ער איז ניט געוואוינט צו טראכטן אין אזעלכע ווייטן. און הערצל זאגט אים:

איך וועל זיך ווענדן צום דייטשן קייזער און ער וועט מיך פארשטיין. ער איז דערצו דערצויגן צו באאורטיילן גרויסע זאכן...

הירש פילט דעם שטאך. איבערצייגט זיך נאך מער אין הערצל'ס פאנטאסטישקייט. און זיי גייען זיך פאנאנדער פריינטלאך, אויף ווידער זיך צו טרעפן.

און שפעטער שרייבט הערצל צו הירש'ן:

„...איך וואלט אייך נאך געדארפט זאגן וועגן די פאנען און ווי איך וויל זיי פאנאדערוויקלען. און וואלט איר מיך מיט שפאט

געפרעגט: א פאָן, וואָס איז דאָס? א שטאַנג מיט א שטיק טוך! ניין, מיין הער, א פאָן איז מער ווי דאָס. מיט א פאָן פירט מען די מענשן וואוהין מען וויל, אפילו קיין ארץ ישראל".

און ווייטער:

„...ווייסט איר פון וואַנען די דייטשע מלוכה איז אויסגע־וואַקסן? פון טרוימערייען, פון לידער, פון פאַנטאַזיעס און פון שוואַרץ־רויט־גאָלדענע בענדער. און אין א קורצער צייט. ביסמאַרק האָט נאָר אָפּגעשאָקלט דעם בוים, וואָס פאַנטאַסטן האָבן געפלאַנצט... יאָ, נאָר דאָס פאַנטאַסטישע נעמט מענשן. און דער, וואָס ווייסט ניט, וואָס צו טאָן דערמיט, דער קאָן זיין א פּאַרטרעפ־לאַכער, בראַווער און ניכטערער מענש, אפילו א בעל־צדקה אין גרויסן סטיל, אָבער פירן די מענשן וועט ער ניט, און קיין שפּור פון אים וועט ניט בלייבן".

און ווידער גייט הערצל אַוועק אין זיך. עס לאָזט אים ניט רוען. ווידער איז ער פאַרטיפט אין די פרטים פון זיין פּלאַן. סיי אין דער באַוועגונג, סיי אין דער פאַרווירקלאַכונג. און פּלוצים באַפאַלט אים אַן עקסטאַז. ער שיידט זיך אָפּ פון דער וועלט אויף דריי וואָכן צייט. די דאָזיגע וואָכן לעבט ער אין גלות און אין פיבער. און — שרייבט! און אז די דאָזיגע וואָכן ענדיגן זיך, ער באַפרייט זיך פון זיין „דאַימאָן", פון דעם גייסט, וואָס איז אים באַזוכן — האָט ער פאַר זיך פאַרטיג זיין ווערק: „דער אידנ־שטאַט". דער גרונדשטיין פון'ם פּאָליטישן ציוניזם.

שוואַך און קראַנק און אויסגעמאַטערט איז ער פון דער ארבעט. ער ווייזט זי זיינע נאָענטסטע פריינט אין פּאַריז. זיי לייענען זי און ווינען, לייענען און ווינען —

אויס מיטלייד צו הערצל'ן; זיי גלויבן, אז ער איז פון זינען אראָפּ...

אזוי משונה אומגלויבלאַך האָט זיין אידעע אויסגעזען. אָבער ער בלייבט פעסט בא זיין אמת. ער איז איבערצייגט, אז זיין הויפּט־געדאַנק איז דער איינציג ריכטיגער.

דער הויפּט־געדאַנק איז דער היסטאָרישער משיח־געדאַנק, נאָר אין אַ צייטגעמעסער פּאָליטישער פאָרם. און אַנדערש ווי פיל אַנדערע (די חובבי ציון) האָבן דאָן שוין געהאַט אויפגעפאַסט דעם־זעלבן געדאַנק. ניט פריער זיך באַזעצן אין לאַנד און נאָכדעם זוכן פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, נאָר פריער האָבן געזיכערט פּאָליטישע אויטאָנאָמיע און נאָכדעם דאָרט שאַפן אַ ישוב. פריער אָנערקענונג פון די גרויסע מלוכות, אַז אַ באַשטימט לאַנד געהערט צום אידישן פאָלק, און דערנאָך אימיגרירן אַהין. און וואָס גיכער, דורך מאַסנאויסוואַנדערונג. וואָרים דאָס אריינקומען אין אַ לאַנד אַריין ביסלאַכוויַיז, וועט ברענגען אַנטיסעמיטיזם אין דער סביבה, איידער די אידישע זעלבסשטענדיגקייט וועט ווערן אַ פאַקט.

אויסגעפירט וועט דער פּלאַן ווערן דורך צוויי אינסטיטוציעס: אַ „אידישע חברה" און אַ אידישע „קאָמפּאַניע". די ערשטע טוט די פּאָליטישע ארבעט: פירט אונטערהאַנדלונגען מיט די מלוכות וועגן נייטראַלן באָדן; זי שאַפט די קאָנסטיטוציע פאַר'ן נייעם ישוב; באַזאָרגט די פעלקער־אחריות פאַר אונזערע רעכט אויפ'ן באַשטימטן באָדן, א. ד. ג., און די „קאָמפּאַניע" — זי רעגולירט די איבערוואַנדערונג — אַן ארבעט אויף צענדליגער יאָרן. צוערשט פאָרן די אָרימע און ארבייטנדיגע: זיי בויען שאָסייען, באַנען, בריקן; מאַכן דאָס לאַנד, דעם באָדן, גינסטיג פאַרבויט צו ווערן. נאָכדעם קומען די אינדוסטריעלע, א. אז. וו., די גרויסע סומען, וואָס זענען נויטיג צו קויפן דאָס לאַנד און עס צוגרייטן צום באַבויען, ווערן געזאַמעלט פון אקציעס אויף אַ מיליאַרד מאַרק. דער אויבער־ראַט פון דער אונטערנעמונג וועט זיך געפינען אין לאָנדאָן „אונטער'ן שוץ פון דער מלוכה, וואָס איז דערוויַיל נאָך ניט אַנטיסעמיטיש..."

דאָס איז אַלץ אויספירלאַך באַשריבן אין דער דערמאַנטער בראָשור: דער „אידנשטאַט". אָבער דאָס איז ניט פאַר'ן ברייטן עולם. דאָס וועט בלייבן אין מאַנוסקריפּט. ער וועט דאָס נאָר וויַיזן צו די מאַכט־האָבנדיגע אידן און ניט־אידן, וואָס דאַרפן דאָס געשריבענע פאַרווירקלאַכן. ווענדט ער זיך צו די רייכע און די גרויסע: צו די ראָטשילדס, צו די מאַנטאַגיוס, צו די פאַרשטייער

פון דער „אליאנס איזראעליט“ (כל ישראל חברים) ; ער ווענדט זיך צום גראנד־ראבינער פון פראנקרייך : צדוק כהן; צום לאנדאנער רב — אדלער, צו גידעמאן אין ווין, צום ספרדישן רב אין לאנדאן דר. גאסטער און אנדערע. ער ווענדט זיך צו שריפטשטעלער, צו קינסטלער, צו דיכטער — און דער סך־הכל ?

פון די גבירים איז ער ארוים איינזאם ווי ער איז אריין. פון די ראבינער — ציט ער מיט צדוק כהן און דר. גאסטער. פון די שריפטשטעלער : מאקס נארדוי און זאנגוויל. און שוין !

בא אלע איבעריגע איז, אדער עם פעלט קאפ, אדער עם פעלט הארץ. נאר די אימה פאר די גויים, פאר הויך רעדן, פאר שטאלץ שטיין — דאס איז אלעמען איינן. נאר גיך קומט הערצל צו דער איבערצייגונג, אז אויב ער מיינט עס ערנסט מיט זעלבסט־הילף דארף ער דערמיט אנהויבן. מוז ער זיך ווענדן צום אינטערנאציאנאלן אידנטום, און אים פארלייגן זיינע פלענער. אבער דערצו מוז ער האבן זיין פלאן א געדרוקטן.

און אין פרילינג 1896 ערשיינט הערצל׳ס „אידענשטאאט“ אין דרוק. די בראשור מאכט א געוואלדיג אויפזען. הערצל׳ס נאמען מאכט נייגעריג צו וויסן : וואס זאגט ער ? דער נאמען פון ווערק איז אזוי סענסאציאנעל, אז קיינער קאן דאס ניט פארביגיין גלייכ־גילטיג. אומעטום ווערט עס געלייענט און אומעטום נעמט מען „שטעלונג“ דערצו. די אסימילירטע פאלן אריין אין טויט־שרעק — אידן א פאלק ! — ווען מען קאן עס נאר איינפאלן ? אידן זאלן אויס־וואנדערן — וואס וועלן אנטיסעמיטן זאגן ! די ראבינער : אויב אידן זאלן אויסוואנדערן פון די גלות־לענדער, ווי אזוי וועלן זיי דער־פילן זייער היסטארישע מיסיע צו פארשפרייטן די אידעען פון אן איינציגן גאט אויף דער וועלט ! דערהויפט האט ער צו ליידן פון זיינע חברים אין דער רעדאקציע פון זיין צייטונג : „נייע פרייע פרעסע“. קאלעגן קיבעצן אים, ווער גראב, ווער איידל, אבער אלע טוען אים וויי. די אייגנטימער פון דער „פרעסע“ האבן מורא עס וועט שאדן דעם פרעסטיזש פון דער צייטונג, וואס מ׳פארשרייט אזוי אויך, אז זי איז א אידישע... אבער דאס אלץ שטופט אים

ניט אראָפּ פון זיין פּאָזיציע. די חובבי־ציון אין גאַליציע, רומעניע און א סך פון זיי אויך אין רוסלאַנד, זענען באַגייסטערט פאַר זיין אידעע. זיי פּאַרמאָגן „די פּאַנטאַזיע פון דער נויט", גלויבן זיי אָן דער מעגלאַכקייט צו רעאַליזירן אפילו די שווערסטע אויפגאַבן. ענטוזיאסטן־סטודענטן אין ווין שטייען צו צו אים. כמעט פון היינט אויף מאָרגן ווערט ער א פירער פון א באַוועגונג.

און אַליין הויבט ער אָן אויסצופּרובירן זיינע פּלענער. זומער 1896 הויבט ער אָן אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען, וואָס זאָלן אים מעגלאַך מאַכן אויפצוטרעטן אין אייראָפּעאישע קעניגלאַכע הויפן. דורכ'ן גרויסהערצאָג פון באַדן זוכט ער צו באַקומען אָן אודיענץ באַם דייטשן קייזער; דורכ'ן טערקישן געזאַנדטן זוכט ער צו באַקומען צוטריט אין אילדיז־קיאָסק (דעם סולטאַנ'ס הויף). דאָ געפינט ער מער פאַרשטענדעניש פאַר זיין אידעע „צו גרינדן א אידנשטאַט" אין פּאַלעסטינע, ווי אין די רייכע אידישע סאַלאָנען. דאָ האָט מען אים אפילו צוגעזאָגט שטיצע. אין יולי 1896 קאָן ער שוין רעדן (אין לאָנדאָן באַ די מכבייער) פון פּאָליטישע ערפאָלגן. עס איז אים קלאָר, אז מיט א היבשער הלואה וואָלט מען באַם סולטאַן באַקומען א טשאַרטער אויף פּאַלעסטינע — מיט די ברייטסטע אויטאָנאָמע רעכט. וועלן אָבער די רייכע אידן געבן אזא הלואה? געוויס ניט. אדרבא, וואָס העכער הערצל רעדט פון א אידישער מדינה, וואָס אָפּטער די וועלט־פּרעסע (אויסער דער „נייע פריע פּרעסע", וואו ער איז מיטאַרבעטער) אינפאָרמירט וועגן זיינע אודיענציעס, אַלץ שניידיגער ווערט די פּאָלעמיק קעגן אים און קעגן זיין אידעע אין דער **אידישער** פּרעסע אויף אַלע **ניט**־אידישע שפּראַכן. אין יוני 1897 גרינדעט ער די צייטונג: „די וועלט". דאָס זאָל זיין דער אָרגאַן פון אַלע יענע, „וואָס ווילן אַרי־בערפירן די אידן פון דער צייט אין בעסערע צייטן". „געל איז די אומהילע פון דער צייטונג — אַלס זכר פון דער געלער לאַטע, וואָס מ'האָט געצוואונגען אידן צו טראָגן". און דאָ, אין דער צייטונג, ווערט געפירט די שאַרפסטע פּאָלעמיק מיט די געגנער פון דעם פּאָליטישן ציוניזם. איצט שטעלט ער זיך די אויפגאַבע צונויפ־

צורופן אן אַל־אידישן קאָנגרעס, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר אַ ציוניסטישער פאָלקס־באַוועגונג. אַ גרופּע איבערגעגעבענע אָרגאַניזירן דעם קאָנגרעס. הערצל אַליין איז איצט בסדר אונטער־וועגס — ניט קוקנדיג אויף די הוצאות, ניט אויפ'ן געזונטס־צושטאַנד און ניט אויפ'ן פּאַראיבל פון די אינהאַבער פון זיין ציייטונג. ער פאָרט אום פון לאַנד צו לאַנד, פון מיניסטער צו מיניס־טער, פון דיפּלאָמאַט צו דיפּלאָמאַט — כדי צו פּאָפּולאַריזירן דעם ציוניזם צווישן די מאַכטהאָבער אויף דער וועלט. כדי זיך צו פאַר־זאָרגן מיט פאַרשטענדניש פאַר'ן ציוניזם, מיט הבטחות אויף גוטן ווילן און זיכערער שטיצע פאַר זיין אידעע ווען די צייט וועט קומען. און ער האָט דאָס גע'פּועל'ט: אויפריכטיג צי ניט, — אָבער אָן אַ צוזאָג מיטצוהעלפן האָט מען אים פון ערגעץ ניט ארויסגעלאָזט.

דער קאָנגרעס האָט געזאָלט פאָרקומען אין מינכען, אין אויגוסט 1897. אָבער קוים איז מען דערפון געוואָר געוואָרן, און די אַסימי־לאַטאָרן האָט באַפאַלן אַ טויט־שרעק. פינף דייטשע ראַבינער זענען ארויס מיט אַ פּראָטעסט קעגן דעם גאַנצן ציוניזם. די פאַרוואַלטונג פון דער אידישער קהלה אין מינכען האָט מודיע געווען דעם קאָמי־טעט, וואָס אָרגאַניזירט דעם קאָנגרעס, אַז זי וויל ניט האָבן דעם קאָנגרעס בא זיך אין שטאָט. איז אָנשטאָט אין מינכען פאָרגעקומען דער קאָנגרעס אין באַזעל.

דעם 29טן אויגוסט 1897 האָט זיך דער קאָנגרעס געעפנט. עס זענען געווען צוויי הונדערט דעלעגאַטן, דריי הונדערט געסט און צייטונגס־לייט. דאָ איז פייערלאַך פּראָקלאַמירט געוואָרן די עקזיס־טענץ פון אַ אידיש פאָלק, און אַז דאָס אידישע פאָלק שטרעבט צו שאַפן פאַר זיך „אַן עפענטלאַך־רעכטלאַך געזיכערטע היים אין ארץ ישראל". דאָס איז דער קערן פון „באַזעלער פּראָגראַם" — די קאָנסטיטוציע פונ'ם פּאָליטישן ציוניזם, וואָס איז דאָ אויספירלאַך אויסגעאַרבעט געוואָרן. דאָ ווערט אויך באַשלאָסן צו גרינדן אַ קאָלאָניאַל־באַנק און אַ נאַציאָנאַל־פאָנד. די ערשטע — צו פּאָלי־טישע צוועקן, דער פאָנד — צו קויפן באָדן אין ארץ ישראל, וואָס זאָל זיין נאַציאָנאַל אייגנטום. מיט אַ יאָר שפּעטער קומט פאָר דער

צווייטער קאָנגרעס (אויגוסט 28—30, 1898). דאָ זענען שוין געווען 385 דעלעגאַטן, און אז דער קאָנגרעס באַשליסט, אז מ׳זאָל אויך ווייטער ניט אויפהערן צו קאָלאָניזירן אידן אין ארץ ישראל, ניט וואַרטנדיג אויף דער גאַראַנטיע פון די פעלקער, נאָר מ׳זאָל זיך באַנוגענען מיט אַן ערלויבניש פון טערקיי, — נעמט עס הערצל אויף זיך די דאָזיגע דערלויבניש צו באַקומען. אָבער ניט־קוקנדיג אויף אַלע זיינע דיפּלאָמאַטישע פּייאיקייטן, האָט ער דאָך ניט געקאָנט בייקומען די פאַלשקייטן און אינטריגעס פון דער טער־קישער דיפּלאָמאַטיע. אין דערזעלבער צייט (אָקטאָבער 1898), מאַכט קייזער ווילהעלם זיין רייזע קיין פּאַלעסטינע. הערצל האָט דאַן אַן אוידיענץ בא אים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קלערט אים אויף וועגן די אויפגאַבן פון ציוניזם. ווילהעלם גיט הערצל׳ן ס׳וואָרט, אז ער וועט צורעדן דעם סולטאַן, אז ער זאָל געבן אַ טשאַרטער צו אַ פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע־קאָמפּאַניע, וואָס וועט שטיין אונטער דייטשן שוץ. ער זאָגט אויך צו, זיך צו טרעפן מיט הערצל׳ן אין פּאַלעסטינע. אין ארץ ישראל טרעפט זיך הערצל מיט וויל־העלמ׳ן צוויי מאָל און ווידער חזר׳ט ער איבער דעם פאַרלאַנג, „דער קייזער, אַלס פריינד פון סולטאַן, זאָל פאַרמיטלען אין דער פראַגע". אָבער דאָ מאַכט זיך שוין ווילהעלם אַרויס פון אַ קלאָרן ענטפער. „דאָס באַגעגניש פונ׳ם גייסט־העלד און שווערד־העלד האָט צו קיין שום רעזולטאַטן ניט געבראַכט..."

און אויך די געלט־העלדן לאָזן זיך ניט איבעררעדן צום ציוניזם. איין מיטל בלייבט נאָך: די קאָלאָניאַל־באַנק זאָל אָנהויבן צו פונקציאָנירן. ריכטיגער, אירע פאַרקויפטע אַקציעס זאָלן דער־גרייכן די סומע, וואָס זי האָט נויטיג: צוויי מיליאָן פונט (צען מיליאָן דאָלאַר). אָבער נאָך דריי יאָר שווערער אַרבעט מצד הערצל׳ן, איז קוים געזאַמלט געוואָרן איין פערטל מיליאָן פונט. און דאָס אויך בלויז פון מיטעלע און אָרימע אידן. הערצל זעט ניט די באַגייסטערונג פון פאָלק פאַר זיין אויסלייזונג. די אָרימע ווילן און קאָנען ניט, די רייכע קאָנען — און ווילן ניט. און די צרות וואַקסן. איין יאָר ערגער פונ׳ם אַנדערן. רומעניע פאַרפאָלגט אירע

אידן. עס קומט דער קעשענעווער פאָגראָם. פון אַ גרויסער אימי־גראַציע קיין ארץ ישראל איז אַלץ נאָך קיין זכר ניטאָ. און ווידער לויפט הערצל קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זעט זיך מיט׳ן סולטאַן און מאַכט אויף אים אַ גרויסן איינדרוק. דער סולטאַן זאָגט אים צו צו דערפילן זיין וואונש, אויב ער שטעלט אים צו אַ הלואה פון צוויי מיליאָן פונט. פול מיט האָפנונגען פאָרט ער קיין פאַריז, קיין לאָנדאָן. ער שטעלט פאַר די באַנקירן, וואָסערע גרויסע פּראָפיטן עס דערוואַרטן זיי פון דער באַנק־אָפּעראַציע — אָבער אַרויסגעוואָר־פענע רייד. ער שרייבט צו קאַרנעגי קיין אַמעריקע, צו סעסיל ראָדאָס אין דרום־אַפריקע — אָבער טויט איז אַרום. קיין האַרץ באַוועגט זיך ניט, קיין דופק קלאַפּט ניט —

און אינעווייניג, אין דער אָרגאַניזאַציע, גייט אַ געראַנגל: „פּאָליטישע" ציוניסטן קעמפן מיט „פּראַקטישע", „קולטור־ציוניסטן", מיט „מזרחי־ציוניסטן", די „דעמאָקראַטישע פראַקציע מיט די אַלגעמיינע, בורזשואַזע ציוניסטן. דערצו אַ וועלט מיט „קיקער", וואָס שטייען פון דער ווייטן און קריטיקירן און רייסן אַרונטער — ווייל עס שטימט ניט מיט דער אָדער יענער אידעאָ־לאָגיע פון עפּעס אַ סאָציאַליסטישער ריכטונג און אַלע שלעפּן הערצל׳ן אויף זייער זייט...

און הערצל?

אין פּיין און פאַרצווייפלונג זוכט ער הילף באַם טייפל: ער פּרובירט, אפשר וועט די רוסישע רעגירונג, וואָס האָט אַזוי פיינט אידן, ווילינג זיין זיי צו געבן די מעגלאַכקייט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד לויט׳ן ציוניסטישן פּראָגראַם. דאַן וועט זי ווירקן אויף טערקיי, זי זאָל אָננעמען דעם ציוניסטישן פאָרשלאָג. 1903 קומט הערצל קיין פּעטערבורג. ער באַווייזט פּלעווע׳ן, אַז די רוסישע רעגירונג וועט זיך אַ טובה טאָן, אויב זי וועט שטיצן דעם ציוניזם. פּלעווע זאָגט אים צו צו העלפן ווי ווייט עס האַנדלט זיך וועגן שאַפן אַ אידישן צענטער אין ארץ־ישראל און אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד. נאָר קיין ציוניסטישע אַגיטאַציע אין לאַנד

וועט מען ניט ערלויבן. דאָס ל ע צ ט ע האָט פּלעווע מקיים געווען, אָן דעם ערשטן האָט ער פאַרגעסן...

און פאָרנדיג צוריק פון פעטערבורג, איז ער דורכגעפאָרן ווילנע. קענגליכע ערע האָט מען אים דאָ געוויזן און דעם גרויסן אידישן דלות האָט ער דאָ געזען. ערשט דאָ האָט ער באַגריפען, וואָס פאַר אַ דרינגענדע נויטווענדיקייט עס איז די אידן פון דעם מנובל'דיגן גלות אַרויסצופאָרן, און ווי גרויס זיין פאַראַנטוואָרטלאַכקייט איז קעגן די דאָזיגע אָרימע מאַסן, וואָס האָבן אַזאַ צוטרוי צו אים. לייגן אַזוינע האָפנונגען אויף אים. פון ווילנע פאָרט ער צום זעקסטן באַזעלער קאָנגרעס. דאָ דערקלערט ער, אַז דער ענגלישער קאָלאָניען מיניסטער האָט אים פאָרגעלייגט אוגאַנדע, אין מזרח אַפריקע, פאַר אַן אויטאָנאָמען אידישן ישוב אונטער ענגלישן שוץ. הערצל דערקלערט דערביי, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט חלילה וועגן פאַרבייטן ארץ ישראל אויף אוגאַנדע; דער ציוניזם וועט זיך אויך ווייטער באַמיען צו דערגרייכן זיין ציל אין ארץ ישראל. דער ציוניזם קאָן וואַרטן, נאָר דאָס אידישע פאָלק קאָן ניט וואַרטן. א י ם מוז שוין געגעבן ווערן די מעגלאַכקייט זיך אַרויסצוראַטעווען פון דער קנעכטשאַפט און אונטערגאַנג אין וועלכער ער געפינט זיך. דאָס זאָל זיין בלויז אַן אויפענטהאַלט אויף אַ ווילע, אַ „נאַכט־אַזיל", ווי נאָרדוי האָט זיך אויסגעדריקט. אָדער אַ „שטיק ברויט", ווי הערצל רופט עס. דערווייל זאָל מען בלויז שיקן אַן עקספּעדיציע, אויסצופאָרשן ס'לאַנד. פון פינף הונדערט דעלעגאַטן זענען בלויז הונדערט פינף און אַכציג געווען ק ע ג ן אוגאַנדע. די מינדערהייט האָט אויפ'ן קול געוויינט. הערצל האָט געשוואוירן: „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני" — אויב איך וועל דיך, ירושלים, פאַרגעסן, זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן זיין. דאָס האָט די מינדערהייט אַ ביסל באַרואיגט. אָבער ניט אינגאַנצן. זי אָרגאַניזירט זיך צום קאַמף קעגן הערצל'ן און קעגן דעם באַשלוס פון לעצטן קאָנגרעס בנוגע אוגאַנדע. אין כאַרקאָוו קומט פאָר אַ באַראַטונג פון די „ניין־זאָגער" — אָדער „ציוני־ציון", ווי זיי האָבן זיך גערופן — זיי נעמען אָן פאַרשיידענע רעזאָלוציעס און צו הערצל'ן

שיקט מען אָן אולטימאַטום: אָדער אַנולירן די באַשלוסן פון לעצטן קאָנגרעס, אָדער זיי טיילן זיך אָפּ פון דער אָרגאַניזאַציע. אין דערזעלבער צייט באַזוכט הערצל ווידער אַמאָל קאָנסטאַנטינאָפּאָל, געווינט דעם איטאַליענישן קעניג פאַר׳ן ציוניזם, האָט אַן אויפנאַמע באַם פּאָפּסט — וואו עס געלינגט אים צו באַרואיגן אַ ביסל די קאַטוילישע גייסטלאַכקייט בנוגע די „הייליגע ערטער" אין פּאַלעס־טינע... און פון יעדער נסיעה קערט ער זיך אום אַהיים אַלץ קראַנ־קער און קראַנקער. זיין האַרץ־פעלער לאָזט זיך פילן אַלץ מער און מער. אָבער יעדע רואיגע מינוט פאַרווענדט ער אויף ציוניסטישער אַרבעט.

ענדלאַך איז געקומען פון כאַרקאָוו אַ דעפּוטאַציע, וואָס האָט הערצל׳ן געבראַכט דעם דערמאַנטן אולטימאַטום. דעם אולטימאַטום נעמט ער ניט אָן. די דעפּוטאַציע פאָרט אַוועק מיט גאָרניט. ערשט שפּעטער קומט פאָר אַ זיצונג פון גרויסן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס דויערט פינף טעג און עס ווערט ווידער געשלאָסן שלום צווישן הערצל׳ן און דער אָפּאָזיציע.

אָבער אויף מאָרגן נאָך די זיצונגען, דעם 16טן אַפּריל, וואו ער האָט איבערגעלעבט אַזויפיל אויפרעגונג, באַליידיגונג, פּאַרדרוס, זעט ער אויס אינגאַנצן פאַרענדערט. די דאָקטוירים זענען זייער אומרואיג. ער באַקומט העפטיגע אַטאַקעס, קורצן אָטעם, אַלגע־מיינע שוואַכקייט. דעם 9טן מאַי באַזוכט אים דר. קאַצענעלסאָן. ער פאָרט אין הערצל׳ס שליחות קיין פּעטערבורג. הערצל זאָגט אים:

— צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן. איך האַלט באַם דריטן קלונג. איך בין ניט קיין פּחדן. רואיג קוק איך דעם טויט אין די אויגן אריין, און דערהויפּט... מיינע לעצטע יאָרן האָב איך אָן נוצן ניט פאַרבראַכט. איך בין געווען ניט קיין שלעכטער דינער באַ דער באַוועגונג. מיינט איר ניט אַזוי? עס איז ניט די צייט פאַר קאַטאָוועס טרייבן. עס איז ביטערער ערנסט.

און צו מאָרגנס האַלב נאָך זעקס אין דערפרי איז ער אריינ־געקומען צו קאַצענעלסאָנ׳ען אין צימער אריין מיט אַ דיקן מאַנו־סקריפּט אין האַנט. דאָס איז געווען אַ מעמאָראַנדום קיין פּעטער־

בורג. די גאַנצע נאַכט איז ער אַ טויט־קראַנקער געזעסן און געאַרבעט אויף'ן מעמאַראַנדום. קאַצענעלסאָן האָט אים געמאַכט אַ פאַרוואורף דערפאַר, און ער ענטפערט אים:

— יאַ מיין פריינט, איר האָט דאָך נעכטן געזען. מיר טאָרן מער קיין צייט ניט פארלירן. די לעצטע וואָכן אָדער טעג. מיר מוזן זיך איילן!...

דעם 3טן יוני פאָרט ער אַרויס קיין ערלאַך, באַ ווין. דעם ערשטן יולי, — דערציילט דר. פרידעמאַן, — באַקומט ער לונגען־אָנצינדונג. הערצל ווייסט, וואָס דאָס הייסט פאַר אים. „גריסט פון מיר פאַלעסטינע", זאָגט ער צו אַ קריסטלאַכן ציוניסט, וואָס האָט אים באַזוכט, — „זאָגט איר: איך האָב מיין בלוט אוועק־געגעבן פאַר מיין פאָלק". מיט אומגעדולד פאַרלאַנגט ער צו זען זיינע איינגערע קינדער און די מוטער, וואָס האָט ניט געוואוסט די אמת'ע לאַגע פון זיין קראַנקייט. דעם 3טן יולי אין דער פרי דערקענט מען סימנים פון גסיסה. ער פאָדערט פון דאָקטאָר זיין ערן־וואָרט, אַז ער וועט אים ניט לאָזן שטאַרבן ביז וואַנען זיינע אייגענע וועלן קומען. אָבער זיין אייזערנער ווילן האַלט אַליין אויף דעם טויט. און ענדלאַך, אַז די מוטער איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען אוועקגעזעצט. „דאָס איז זייער גוט, מוטער, וואָס דו ביזט שוין דאָ", האָט ער צו איר געזאָגט, „דו זעסט אויס זייער גוט. איך זע נ י ט אויס אַזוי, אָבער עס וועט בעסער ווערן". נאָכדעם ווי ער האָט זיך צעקושט מיט דער מוטער און די קינדער, איז ער אום פינף אַ זייגער נאָך מיטאָג געשטאָרבן, אין עלטער פון פיר און פערציג יאָר.

מיט פערצן יאָר שפּעטער איז זיין פּאָליטישע אידעע פאַר־ווירקלאַכט געוואָרן...

די אידן אין אמעריקא

אמעריקע — דאס איז דער קאמפלעקס לענדער, אדער: דער וועלט-טייל, וואס אידן זענען דערביי געווען, בעת דער מענש פון אייראפעאישן קולטור־קרייז האט אים אנטדעקט*) וואו דער איד איז ניט ערשט אהינגעקומען שוין אויף אלעם פארטיגן. וואו ער האט אין איינעם מיט אנדערע און באזונדער פון אנדערע אריבערגעטראגן אלע געבורטס־ליידן. וואו ער האט געהאלטן וואך אין די נאכט־צייטן, וואס זענען אויף דער נייער וועלט ארויפגעקומען. אירע קרעמפען מיטגעליטען, אירע קאמפען מיטגעמאכט. אירע ליידן און פריידן, געפארען און זיגען מיטגעטיילט. און אזוי פון אירע ערשטע טריט אן.

אויב ניט נאך פריער: נאך פון יענער צייט אן, ווען די „אנט־דעקונג" אמעריקא'ס איז נאך בלויז אן אידעע געווען. ווארים פארשידענערליי וויסענשאפטליכע אינסטרומענטן, וואס אן זיי וואלט אזא ווייטע ים־רייזע ניט מעגליך געווען, האבן אידן ערפונדן. געלט אויף הוצאות פאר ביידע ערשטע רייזן קאלומבוס'עס האט די שפאנישע רעגירונג פון אידן גענומען. צווישן די געלערנטע, אין קאלומבוס'עס עקספעדיציע, זענען געווען אידן. נאך מער: דער ערשטער אייראפעער, וואס האט זיין פוס ארויפגעשטעלט אויף דעם אמעריקאנער באדן, איז געווען דער איבערזעצער ביי קאלום־בוס'ען, דער איד לואי דע טארעס.

אבער אויך א מין היסטארישער מיסטיציזם פארבינדט דאס אנטדעקן אמעריקא מיט אידן. א היסטארישער פאקט איז עס, אז „אין דעם אייגענעם טאג (30טן אפריל, 1492), וואס אין אלע שפא־נישע שטעט איז פובליקירט געווען דער קעניגליכער דעקרעט וועגן ארויסטרייבן די אידן פון לאנד, האט דער קעניג אונטערגעשריבן זיין באפעל צו קאלומבוס'ן צו מאכן זיין ערשטע רייזע צום געאנטן,

---

*) ניט צו רעכענען די ערשטע אנטדעקונג פון יאר 1,000).

אבער אומבאקאנטן לאנד. דעם 2טן אויגוסט, 1492, האט מען ארויסגעטריבן די אידן פון לאנד און אויף מארגן, דעם 3טן אויגוסט, איז קאלומבוס ארויסגעפארן פון שפאניע צו אנטדעקן נ י י לאנד, און האט אנטדעקט אמעריקא". דערפאר גילט אויך דער באקאנטער זאץ: „דארט וואו עס ענדיגט זיך די געשיכטע פון אידן אין שפאניע, הויבט זיך אן די געשיכטע פון אידן אין אמעריקא", אבער צוערשט אין שפאנישן גייסט... ווארים גאנצע אנדערטהאלבן הונדערט יאר, נאך גירוש שפאניע, שטייען די אידן אין דער נייער וועלט אונטער'ן שווערד פון דער שפאנישער אינקוויזיציע.

א טייל פון די אידן, וואס מ'האט ארויסגעטריבן פון שפאניע, און א טייל פון די מאראנען (אידן געצוואונגענע צו שמד, און בסוד האלטן זיי אן אידישקייט), וואס זענען נאך געבליבן אין שפאניע, נוצן אויס די נייע מעגליכקייט, וואס דאס אנטדעקטע אמעריקא גיט זיי, זיך צו ראטעווען פון פיין און טויט, וואס יאגט זיי נאך. האבן זיי ביסלעכווייז אנגעהויבן ציען איבער די נייע ים־וועגן צו נייע הימלען און נייעם באדן, וואס איז נאך ניט שכור פון מענשן־בלוט, אין גאט'ס נאמען געטרונקען. קומען זיי איינציגע, צענדליגע, און באזעצן זיך אויף דעם נייעם, ווייטן באדן. שפעטער פ ר י י ע לופט אין דרום־אמעריקא. אינגיכן באפט זיך די שפאנישע רעגירונג, אז זי האט געלאזט אן אפענע טיר פאר די מאראנען, וואס אנטלויפן פון לאנד און נעמען מיט זייער פארמעגן... פ א ר ־ ב א ט מען די מאראנען (1502) צו עמיגרירן אין דעם ניי־אנטדעקטן לאנד. נאר פאר קאלאסאלע געלט־סומען געלינגט עס זיי צו קויפן אן ערלויבניש אהין צו פארן. אבער אפילו ווען דער פארבאט איז געווען אין קראפט, האבן דאך די שפאנישע און פארטוגאלישע מאראנען געפונען וועגן — און ווען אויך מיט סכנת נפשות, אהין צו עמיגרירן. א לעבנס־באדערפניש איז עס זיי דאך געווען! און א מעגליכקייט צו גרויסע פארדינסטן אויך! אבער אפט פלעגט עס טרעפן, אז אין די נייע ערטער — וואס האבן דאך אנגעהערט צו שפאניע — האט מען די אנטלאפענע געכאפט, אויף שיפן גע־זעצט און אומגעקערט צוריק קיין שפאניע — אויף אינקוויזיטארישן

משפט און זיכערן טויט. עס טרעפט אָבער אויך פאַרקערט, נעמ־ליך: אַז מ׳פאַרשיקט שטראָפּירטע מאַראַנען אין די נייע שפּאַנישע קאָלאָניעס: בראַזיליע, מעקסיקאָ און ענלאַכע.

און וואו מ׳לאָזט די אידן אָדער מאַראַנען רוהיג לעבן, דאָרט שמידן זיי אויך לעבן. זיי אַנטוויקלען צוקער־פּלאַנטאַציעס. זיי אַנטוויקלען מסחר מיט גאָר דער וועלט. זיי נוצן אויס זייערע אַלטע האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט דער אַלטער וועלט, מיט די גרויסע האַנדלס־צענטרען — ביז ווענעדיג און ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און אַז מ׳ווערט מאַטעריעל פעסט, געזיכערט, ווערט מען אויך גייסטיג דרייסט, און די מאַראַנען וואַרפן אָפּט אַראָפּ זייערע קריסטליכע מאַסקעס און לעבן אָפן ווי אידן.

אָבער אויף לאַנג פאַרגינט מען זיי ניט אַזאַ רו. שוין 1519 באַזאָרגט שפּאַניע אויך די נייע וועלט מיט אַ רעליגיעזן טריבונאַל, מיט אַ הויפּט־אינקוויזיטאָר, מיט אַלע יענע פּייניגונגס־אַפּאַראַטן, וואָס זענען טעטיג געווען בעת אַן אינקוויזיטאָרישן משפט. אין 1524 פלאַקערט אין דער מעקסיקאַנישער לופט דער ערשטער אױ־טאָדאַפע, וואו „מאַראַנען־אַפּיקורסים" ווערן פאַרברענט. פון איצט־אָן אַרבייט די אינקוויזיציע אין דער נייער וועלט סיסטעמאַטיש. עס אַרבייט אַ גאַנצער שטאַב שפּיאָנען, הייליגע „ברידער" — מ׳זוכט קריסטן, וואָס זענען חשוד אויף רעפאָרמאַציע, מ׳זוכט „נייע קריסטן" (מאַראַנען), וואָס זענען חשוד אויף אידישקייט. און מ׳משפט זיי מיט פייער. וואָס עס איז צוערשט פאָרגעקומען אין מעקסיקאָ, קומט פאָר שפּעטער אין בראַזיליע, אין פּערו, אין טשילי, א. ד. גל. — אומעטום וואו די שפּאַניש־פּאָרטוגאַלישע הערשאַפט גרייכט. אַ יאָר מער, אַ יאָר ווייניגער — אָבער יאָר־איין, יאָר־אויס. און אין אַ משך פון איבער הונדערט יאָר, 1524—1641 — איז די לופט אין דער נייער וועלט אָפּט פול מיט׳ן ריח פון מענשן־פלייש, וואָס די הייליגע אינקוויזיציע האָט מקריב געווען פון גאָט׳ס כבוד וועגן...

און צווישן אויטאָדאַפע און אויטאָדאַפע פירן אידן געשעפטן. פאַרבינדן זייערע שטעט מיט די גרעסטע האַנדלס צענטרן אין דער

וועלט. און פון צייט צו צייט קומט די טויטע האנט פון דער אינ־קוויזיציע און קאנפיסקירט די אנגעהויפטע פארמעגנס, ארעסטירט די בויער און די שאפער פון נייע ווערטן אויף דעם נייעם באדן. מ'האלט זיי געפאנגען, מ'שיקט זיי קיין שפאניע, מ'שיקט זיי אין פייער. פיל פון די, וואס בלייבן אין פרייען, צעלויפן אין אלע עקן פון דער נייער וועלט. דערהויפט פון דרום — קיין צפון. אבער פיל בלייבן אויך אויף די ערטער. ווארים געבראכן אלס ים־מאכט אין אייראפא, פארלירט שפאניע איר הערשאפט אויך אין די אמע־ריקאנישע געביטן. און נאך אין ערשטן פערטל פון 17טן יאר־הונדערט פארנעמט האלאנד א טייל פון די שפאנישע קאלאניעס אין בראזיליע. אונטער האלענדישער הערשאפט לעבט זיך אידן פריי. עס קומען איצט צו נייע אידן פון האלאנד, ענגלאנד, פון פראנקרייך, זייערע באשעפטיגונגען בליען אויף — צום גליק פון די קאלאניעס, וואו זיי ארבייטן, און צום גליק פון די מוטער־לענדער, אין אייראפא, וועמען די קאלאניעס געהערען (האלאנד, ענגלאנד, פראנקרייך). און זייערע באשעפטיגונגען — אויסער דעם קאלאניאל־האנדעל, דורך וועלכן זיי האבן פארבונדן די וויי־טסטע וועלט־צענטרען מיט אנאנדער, האבן זיי זיך אויך נאך פאר־נומען מיט צוקער־פלאנטאציעס, צוקער־פאבריקאציע און צוקער־האנדל, איז אין יענע צייטן געוועזן (נאך דער גאלד־ און זילבער־פראדוקציע) דער וויכטיגסטער לעבנס־נערוו אין דער קאלאניאלערווירטשאפט און ממילא אויך שוין אין דער מוטערלענדישער ווירט־שאפט. די אידן קומען צו רייכטום, צו ווירטשאפטליכער מאכט און צו אנערקענונג מצד די מאכטהאבער. זיי געפינען אויך מאטעריעלע און מאראלישע שטיצע ביי די אידן אין די אויסוואנדערונגס־לענ־דער, וואס זענען פאראינטערעסירט — אלס באטייליגטע אין פאר־שידענע האנדלס־בענק און קאלאניזאציאנס־קאמפאניעס — אין דער אנטוויקלונג פון האנדל און אינדוסטריע אין די קאלאניעס. די וויכטיגקייט פון די אידן וואקסט אויך נאך דורך דעם, וואס זיי פארבינדן זיך (אין דער צווייטער העלפט פון 17טן יארהונדערט) מיט די ענגלישע קאלאניעס אין נארד־אמעריקע און אין וועסט־

אינדיע. דורך דער דאָזיגער פארבינדונג שאַפן זיי די עקזיסטענץ־מעגליכקייטן פאר די ערשטע שפּראָצן פון אומאפּהענגיגע „פאר־אייניגטע שטאַטן". און דאָס אויף פאַרשידענע אופנים.

1654 זענען צוויי שיפן אָנגעקומען פון בראַזיליע צו די ברעגן פון האַדסאָן, און אראָפּגעלאָזט א געוויסע צאָל אידישע פאַמיליעס. זיי זענען אויסגעשטיגן אין ניו־אַמסטערדאַם (איצטיגע ניו יאָרק), וואָס איז געשטאַנען אין רשות פון האָלאַנד, און האָט פאַרמאָגט אַן ערך טויזנט איינוואוינער. דער דעמאָלטדיגער באַפעלער פון ניו־אַמסטערדאַם האָט חשק ניט אריינצולאָזן די אימיגראַנטן אין דער קאָלאָניע אריין. אָבער אינגיכן קומט א בריף פון די דירעק־טאָרן פון דער „האָלענדיש־וועסט־אינדישער קאָמפּאַניע" אין אַמ־סטערדאַם וואָס האָט געגרינדעט די קאָלאָניע, מיט דער ערקלערונג: די אידן דאַרפן אריינגעלאָזט ווערן אין געביט פון דער קאָמפּאַניע, צום וואוינען און צו האַנדלען — „ווייל די אידן האָבען אריינגע־לייגט זייער גרויסע סומען געלט אין די אַקציעס פון דער געזעל־שאַפט". די פראַגע איז געווען ערליידיגט. הגם פיל רעכט פעלן זיי נאָך. זיי האָבן רעליגיאָנס־פרייהייט. אָבער עפנטליך טאָרן זיי קיין גאָטעסדינסט ניט אָפּריכטן. זיי האָבן האַנדלס־פרייהייט, אָבער בלויז בנוגע אויסוועדטיגן האַנדל, דעם אזוי גערופענעם קאָ־לאָניאַל־האַנדל, אָבער מיט אינוויינינגסטן קליין־האַנדל טאָרן זיי זיך ניט פאַרנעמען. און ליב האָט מען זיי ניט — דאָס גיט מען זיי צו פילן. אָבער ניט בלויז צו אזוינע קלייניקייטן זענען זיי גע־וואוינט. מ'קומט דורך. זיי האַלטן זיך פעסט אָן אנאַנדער. באַ־זעצן זיך אין באַזונדערע קוואַרטאַלן, פאַרקערן כמעט בלויז מיט אייגענע. זייער מאַטעריעלע לאַגע איז געזיכערט. אליין מיט קאָלאָניזירן לאַנד־שטרעקעס פאַרנעמען זיי זיך ניט. אָבער זיי ווירקן־מיט און אַנטוויקלען־מיט די ניי־געבויטע קאָלאָניעס און העלפן זיי זעלבסטשטענדיג צו ווערן. איין ביישפּיל:

אין גאַנצן 17טן און 18טן יאָרהונדערט איז דער אידישער גרויס־האַנדל געווען דער איינציגער קוואַל, פון וואַנען די פאָלקס־ווירטשאַפט פון דער נאָרד־אמעריקאַנער קאָלאָניע האָט זיך גענערט;

נאָר די אידישע האנדלס־באציאונגען האָבן איר געגעבן די מעג־ליכקייט אזא לאנגע צייט צו בלייבן עקאָנאָמיש געבונדן אָן דעם מוטערלאנד, און דאָך אנטוויקלען אן אייגענע בליענדיגע ווירט־שאפט. ווארים דאָס, וואָס ענגלאנד האָט געצוואונגען אירע קאָ־לאָניעס אלע אינדוסטריעלע ארטיקלען צו קויפן בלויז אין מוטער־לאנד, האָט געמוזט ברענגען דערצו, אז דער האנדלס־בילאנץ פון דער קאָלאָניע האָט שטענדיג געמוזט זיין א פאסיווער. די ווירט־שאפט אין די קאָלאָניעס וואָלט געוועז דערטרונקען געוואָרן אין חובות, ווען ניט דער שטענדיגער שטראָם פון גאָלד, וואָס איז פון אויסן אריינגעקומען. און אָט דעם שטראָם האָט דער אידישער האנדל אריינגעבראכט אין די צפון־אמעריקאנישע קאָלאָניעס פון די דרום און מיטל־אמעריקאנישע לענדער, מיט וועלכע זיי זענען געשטאנען אין געשעפטס־פארבינדונגען.

אזוי העלפן אידן צו בויען דאָס לאנד אין משך פון 17טן יאָר־הונדערט און א העלפט פון 18טן, ווען זיי ווערן באטראכט און בא־האנדלט ווי אויסלענדער. נאָר מיט גרויס אנשטרענגונג און אין גרויסן אויסדויער געלינגט עס איינצלנע מענשן זיך צו דערשלאָגן צו קליינע רעכט. אזוי געלינגט עס איינעם (אשר לעווי) אויס־צוקעמפן פאר זיך בירגער־רעכט, אז ניט האָט ער קיין שטייערן ניט געוואָלט צאָלן... אזוי געלינגט עס א צווייטן צו באקומען די ערלויבניש אויף צו קויפן א פלאַץ פאר א באזונדערן אידישן בית־עולם; געלינגט עס א דריטן אויסצו׳פועל׳ן, אז א אידן זאָל מען געבן א שבועה לויט׳ן אידישן נוסח, און דער איד זאָל ניט מוזן שווערן דוקא „אלס טרייער קריסט”; און א פערטן — קיין איינ־לאדונג אין געריכט אריין זאָל מען א אידן ניט טאָרן איבערגעבן אום שבת, א. ד. גל. אזוי קומען זיי אויך ביסלעכווייז צום רעכט זיך צו פארנעמען מיט קליין־האנדל. און ביסלעכווייז פארשפרייטן זיי זיך אין אנדערע פלעצער, ווי: לאָנג-איילאנד, אָלבאני, רהאָד־איילאנד, פילאדעלפיא און אין אנדערע ערטער אויף פארשידענע וועגן. און שפעטער, אז ניו־אמסטערדאם און די ארומיגע געגנט גייט איבער צו ענגלאנד, ענדערט זיך ניט די אידישע לאגע. ערשט

אין 1740 ווערן די אידן אין די ענגלישע קאָלאָניעס אנערקענט פאַר ענגלישע אונטערטאַנען, מיט אַלע רעכט פון ענגלישע אונטערטאַנען. אָבער די באַציאונג פון דער אַדמיניסטראַציע און פון דער באַפעל־קערונג צו די אידן איז אויך ווייטער אָפּגעזונדערט פאַר זיך. און וואָס ווייטער, אַלץ מער פאַרנעמען זיי זיך מיט אינערליכער אָר־גאַניזאַציע. אָרגאַניזירן קהלות, שאַפן קאָנגרעגיישאָנס, בויען שולן, גיבן אַכטונג אויף קינדער־ערציאונג, האַנדלען, וואַנדלען און וואַרטן אויף בעסערע צייטן, אויף פולער פרייהייט און פולע רעכט.

און די דאָזיגע צייטן הויבן זיך אָן מיט'ן באַגינען פונ'ם קריג, וואָס דאָס אַמעריקאַנער פאָלק הויבט אָן געגן ענגלאַנד פאַר זיין אומאָפּהענגיקייט. דער קריג האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1775. און אידן, ווי קליין זייער צאָל איז, באַטייליגן זיך אויך אין קריג און לאָזן זיך מערקן אין קריג. כמעט אַלע זענען זיי פאַר'ן פרייהייט־קריג, און באַטייליגן זיך אין אים אַקטיוו. די טשאַרלסטאָנער אי־דישע געמיינדע, למשל, אָרגאַניזירט (1779) אַ באַטאַליאָן פרייוויי־ליגע, וואָס טרעטן אריין אין קריג ווי אַ באַזונדערע „איינהייט“. אידישע גבירים שטיצן די מלוכה מיט געלט. חיים סאָלאָמאָן, אַן אימיגראַנט פון פוילן, שענקט אַוועק זיין גאַנץ פאַרמעגן — קנאַפּע דריי־פערטל מיליאָן דאָלאַר — דער רעוואָלוציאָנס־רעגירונג. ער ריזיקירט אויך מיט'ן לעבן פאַר זיין ניי פאָטערלאַנד. ער זאַמלט געלט אין די שולן אויך פון אַנדערע און ער דערמוטיגט אויך אַנ־דערע צום קאַמף. און די אידישע איבערגעבנקייט ווערט אנער־קענט. אינאיינעם מיט דער מלחמה, וואָס לאָזט זיך אויס אין יאָר 1783, לאָזט זיך אויך אויס די אידישע רעכטליכע אומגלייכ־קייט, ווי ווייט זי איז נאָך געווען. לויט דער קאָנסטיטוציע פון 1787 באַקומען אידן גלייכבאַרעכטיגונג מיט אַלע אַנדערע בירגער אין לאַנד. און אַזוינע פעסטע און זיכערע און וואוילהאָבנדע קומען די אַמעריקאַנער אידן אריין אין 18טן יאָרהונדערט אריין. פריי פון אויסן, קאָן זיך, פון איצט אָן, דאָס אידנטום בויען פון אינעווייניג.

פון וועמען איז באַשטאַנען דאָס דאָזיגע אידענטום?

די אידן, פון וועלכע מיר האָבן ביז איצט גערעדט, זענען, אין דער גרויסער מערהייט, שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידן. ספרדים. אַפּילו יענע, וואָס זענען דאָ אהערגעקומען פון האָלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך — האָבן אויך געשטאַמט פון די ספרדים, מיוחסים, אדעלליט מיט הויך־אַריסטאָקראַטישע טראַדיציעס. אָנגעהעריגע צו דער הויכער שפּאַנישער געזעלשאַפט, נאָענטע צו די הויפישע קרייזן און זעלבסטבאַוואוסטע און גרויס־געהאַלטן מיט זייער מאַרטירערטום, מיט זייער אומענדליכן פּיין, פאַר זייער גלויבן. אָבער טיפן אידישן אינהאַלט האָבן זיי ניט מיטגעבראַכט. און פאַר אַנדערע מיני אידן האָבן זיי צדקה, זענען אָבער אָפּגעשיידט פון זיי. האַלטן זיך פון דערווייטן, און קוקן אויף די אַנדערע פון אויבן אַראָפּ. צו דער צייט, וואו מיר האַלטן דאָ, אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט, זענען דאָ עטוואָס מער פון 3,000 נפשות. שאַפן זיי זייערע קאָנגרעגיישאָנס, צו וועלכע ס'געהערן אויך די שולן פאַר קינדער. די קהלות ווערן אָנגעפירט לויט'ן אַלטן שטייגער: צוויי פּרנסים, דריי „חברים" („חבר" איז א טיטול פאַר א לומדישן אידן), דער חזן און דער מלמד. אין די שולן לערנט מען ענגליש און העברעאיש. פון 9 ביז 12 און פון 2 ביז 5. טיכטיגע מענשן האָבן זיי צווישן זיך, אָבער ניט קיין גרויסע אידן. קיין קולטור־שאַפער, אין גרויסן פאַרנעם. קיין אויפטוער אין נאַציאָנאַלן פאַרנעם. נאָר איינער אַזוינער האָט זיך באַוויזן: מרדכי עמנואל נח, א זשורנאַליסט און א פּאָליטיקער, וואָס האָט אין 1818 — אין אָנהויב פון דער אידישער עמיגראַציע פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע — אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אַלע אידן, מ'זאָל אָפּקויפן גרענד־איילאַנד, ביים ניאַגאַרא וואַסערפאַל, און דאָרט שאַפן א אידישן שטאַט. אין 1825 לייגט ער דעם גרונטשטיין צו אַזאַ אידישן ישוב אין דער סביבה פון באָפאַלאָ. דער ישוב דאַרף הייסן אררט, א רמז אויף דעם, וואָס נח'ס תיבה (און ער האָט דאָך אויך געהייסן נח), האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי אין דער תורה שטייט, אויפ'ן בארג אררט... איז אָבער דערפון גאָרניט אַרויסגעקומען. קיין זאַך ניט איבערגע־

בליבן — אויסער דעם דאָזיגן ספור־המעשה... מיידט אויס דעם איינצלנעם פאַל — און אָפּגעזונדערט האָבן זיך די ספרדים געלעבט. שדוכים געטאָן בלויז צווישן זיך און גרויסע געשעפטן געפירט. זיי בילדן דעם ערשטן אידישן שיכט אין אמעריקע.

אָבער אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָנ׳ס מלחמה, און נאָך מער — בעת דער שווערער רעאַקציע נ אָ ך די דאָזיגע מלחמות, בעת אין דייטשלאַנד קומען פאָר פּאָגראָמען, הויבט זיך אָן א גרויסער עמיגראַציאָנס שטראָם פון דייטשלאַנד קיין אמעריקע. ס׳קומט פאָר א מאַסן־עמיגראַציע. עס קומען מענשן באַשיידענע, פאַרפאָלגטע, נידערגעשלאָגענע — ערשט פון קאַלך־אויוון ארויס... פון זיי זענען בלויז וועניגע מיט געניגענדער בילדונג. דער רוב זענען אין אמעריקע „פּעדלער" — א באַשעפטיגונג, וואָס זיי האָבן אויך אין דייטשלאַנד אָנגעהאַלטן דורות־לאַנג, און סוחרים מיט אַלטע קליידער — א ו י ך א היימיש געשעפט. דערצו — אָרימע בעלי־מלאכות. אַלע גלייך — אָן מיטלען צו בויען א נייע עקזיסטענץ. אָבער זייער ענערגיע, זייער אונטערנעמונגס־גייסט שטייט זיי ביי. גאָר אינגיכן ארבעטן זיי זיך ארויף. דאָס ציט צו נייע איינוואַנדערער פון דער היים. ארום דער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט געפינען זיך שוין אין אמעריקע קרוב צו פ ו פ צ י ג טויזנט אידן. און מיט א פערטל יאָרהונדערט שפּעטער גרייכט שוין די צאָל כמעט צו א פערטל מיליאָן. און איצט זענען די מענשן אנדערע, דער מאַטעריעלער צושטאַנד אַן אַנדערער. פון זינט דער דייטשער רעוואָלוציע אין 1848, ווען עס האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען, די רעאַקציע האָט געווילדעוועט, זענען פיל אידן, פּאָליטישע עמיגראַנטן, אריבערגעקומען אויף ד ע ר זייט אַטלאַנטיק. זיי ברענגען מיט זיך קענטשאַפט, אינטעליגענץ, קולטור און קולטור־באַדערפנישן. דאָס ווירקט אויף דער גאַנצער סביבה פון דער אידיש-דייטשער אימיגראַציע. מענשן הויבן אָן זיך צו אַנטוויקלען, שטרעבן צו בילדונג, צו א העכערן לעבנס־שטייגער. און פון די „פּעדלער־קעסטלעך" וואַקסן אויס גרויסע „וואָרן־הייזער", פון די דומפּיגע

סעלערן מיט אלטע קליידער וואקסט ארוים די קאָלאָסאלע „קלאָדינג אינדוסטריע". און אנשטאט גראָשן־געשעפטן פירט מען מסחר אויף מיליאָנען. עס קומען אויף קאָלאָסאלע פאבריקן, באנק-גע-שעפטן, קרעדיט־אנשטאלטן.

אָבער איידער נאָך מ'האָט פארזאָרגט דעם גוף, האָבן אידן — אזוי איז פארצייטן געווען דער שטייגער — שוין געזאָרגט פאר דער נשמה. יעדער האָט געוואָלט אויף זיין היימישן שטייגער זעליג זיין. אויף זיין ארט און אין זיין גייסט. איז ניט קוקנדיג אויף דער פריינדשאפט, וואָס די ספרד'ישע אידן האָבן לכתחילה ארויסגעוויזן דער אידישער אימיגראציע פון דייטשלאנד, האָבן זיי זיך דאָך גייסטיג ניט געקאָנט אינאייינעם איינלעבן. שוין אינגיכן זענען די ספרד'ישע קאָנגרעגיישאָנס געבליבן פאר די ספרדים און די אשכנזים (דייטשע אידן) בילדן זייערע קאָנגרעגיישאָנס פאר זיך. דאָס טוען אויך פוילישע אידן, האָלענדישע, בעהמישע א. ד. גל. שפעטער, צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, הויבן אָן צווישן די דייטשע אידן צו ווירקן יענע אידעען, וואָס זיי האָבן פון דער היים געבראכט: די רעפאָרמאציע. און די קאמפן ווערן געפירט צווישן די רעפאָרמירטע און דער אָרטאָ־דאָקסיע. די ערשטע רייסן זיך אָפּ, אָדער דערווייטערן זיך על כל פנים, פונ'ם היסטאָרישן אידנטום, און די לעצטע פארפעסטיגט זיך אין זיך, און דערווייטערט זיך פונ'ם וועלטליכן אָדער קולטור־אידנ-טום. די גאנצע אידישקייט איז קאָנצענטרירט אָדער אין שול, אָדער אין טעמפל. און דערצו צעשאָטן און צעברעקלט לויט די לענדער, פון וועלכע די אימיגראנטן זענען געקומען. א שטיקל תרופה געגן דער פולשטענדיגער צעברעקלונג זענען געווען די פארשידענע „אָרדנס", וואָס זענען געשטאנען איבער די לאנדס-גרעניצן און אריינגענומען חברים, פון וואנען זיי זאָלן אויך זיין געקומען. אָבער זייער קולטור־איינפלוס לאָזט זיך ניט הויך שאצן. דאָס אייגענע לאָזט זיך זאָגן אויך וועגן די פארשידענע צדקה חברות, וואָס זענען געשאפן געוואָרן צו גונסטן פון אלע נויטבאדערפ־טיגע — אָן אונטערשייד פון לאנד און היים.

אָבער איידער נאָך דער דאָזיגער צווייטער און לעצטער „דייטשער“ שיכט פון דער אידישער אימיגראַציע אין אמעריקע האָט צייט געהאט זיך אָפּצוזעצן, „אויסקריסטאַליזירן“, און שוין איז ער איבערשאָטן געוואָרן פון א דריטן אימיגראַציאָנס-שטראָם, פון א דריטן שיכט, וואָס איז דאָ אהערגעקומען פון מזרח-אייראָפּא. די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד פון די יאָרן 1881 און 1882 ; די פאַר־פאָלגונגען אין רומעניע, דער גרויסער דלות אין גאַליציע — רייסן ארויס הונדערטער טויזנטער אידן פון זייער איינגעזעסענעם באָדן און ווארפן זיי אריבער איבער׳ן ים. דער דאָזיגער שטראָם האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך מענשן פון אַלע קלאַסן און שטאַנדן. מענשן פון פארשידענע בארופן, פארשידענע בילדונגס-שטופן, פאר־שידענע אָנשויאונגען און באדערפענישן. געווען דאָ אידישע אינטע־ליגענטן, אידעאַליסטן, וואָס זענען דאָ אהערגעקומען מיט׳ן צוועק זיך צו פארנעמען מיט ערד־ארבעט אויף קאָמוניסטישע און אויף אנדערע יסודות. געווען בעלי-מלאכות, מוסמכים, דאָקטוירים, אינזשענערן, ליטעראַטן, הענדלער און סתם מענשן, וואָס פארלאָזן זיך אויף גאָט׳ס בארַאָט. אין גרויסע ליידן ווערט די גרויסע מערהייט פון די דאָזיגע איינגעוואנדערטע צעזויגן און צעצויגן אין די פארשידנסטע שעפּער, בא די פּאַחשוידנסטע מלאכות. די גרויסע ארבעטס־טיילונג, וואָס עקזיסטירט דאָ בא יעדער מלאכה, מאכט עס יעדע האַנט מעגליך ניצליך צו זיין אין א וועלכן עס איז פּרט פון א גאנצער ארבעט. עס קומט פאָר א ראדיקאַלע איבערשמעל־צונג פון מענשן און געוואוינהייטן, און בשעפטיגונגען. עס בילדן זיך אוים גרויסע פּראָלעטארישע מאסן, וואָס שאפן נייע און מאכן פּול די אלטע ארבעטער-אָרגאַניזאציעס. מיט גרוים מי און אנ־שטרענגונג, אָבער אויך מיט גרויסן פלייס און איבערגעבנקייט פאסן זיי זיך צו צו די נייע לעבנסבאדינגונגען און לעבנספאָדערונ־גען אין נייעם לאַנד. זיי באטייליגן זיך גערן אין פּאָליטישן לעבן ; זיי ווערן די איבערגעגעבענסטע פּאטריאָטן פון דער נייער היים. אויך זיי קאָנצענטרירן זיך אין באזונדערע שטאָט־טיילן—ווייט אָפּ־געשיידט פון די פּארקימערטע ספרדים און אָפּגעטיילט פון די אסי־

מילירטע אשכנזים. זיי לעבן פאר זיך, מיט זיך, פון זיך. כמעט לחלוטין א באזונדער ישוב בילדן זיי. צום אָנהויב פון צוואנציגסטן יאָרהונדערט זענען פאַראַן אין אמעריקע קנאפע צוויי מיליאָן אידן. און מער ווי דריי־פערטל פון זיי געהערן צו דעם דריטן, מזרח־אייראָפּעאישן שיכט.

און אינגיכן אנטוויקלט זיך אין דעם „ישוב" א ברייט קולטור־לעבן. אַ פאַרשידנפאַרביגס און פאַרשידנאַרטיגס. עס אנטוויקלט זיך אַ היימיש־רעליגיעז לעבן: מיט ישיבות, תלמוד־תורה'ס, שולן, פאַרשידענע חברות, און אַ וועלטליכע אידישע קולטור אַנט־וויקלט זיך, און די אנטוויקלונג גייט אָן אין דער ברייט, אין דער לענג, אין דער הויך, אָבער נישט אין דער טיף. עס קומט אויף אַ אידישע פּרעסע, אַ אידיש טעאַטער, אַ אידישע ליטעראַטור, וואָס הערט נישט אויף צו וואַקסן און זיך צו פאַרפולקאָמען. און דאָס דאָ־זיגע פרישע, אידישע בלוט, וואָס די מזרח־אידן האָבן מיט זיך געבראַכט, האָט ביסלעכווייז, לאַנגזאַם, אָבער אומאויפהערליך אָפּ־געפרישט אויך דעם צווייטן שיכט, די דייטשע אידן, וועלכע זענען אָפּט אראָפּגעקומען פון זייערע הויך־געשפּרייטע געצעלטן צו די אידן אראָפּ אין „דאונטאון". אראָפּגעקומען מיט הילף אין אַ נויט, מיט שטיצע פאַר באַדערפטיגע, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אַ ברייטער האַנט, און זיך אומגעקערט, אָנגעשטעקט מיט נייע מיינונגען, אַנ־שויאונגען, שטרעבונגען.

און זיי קומען צו, באַהיט, פאָרזיכטיג, אָבער זיי קומען צו צו אַנאַנדער. און די גרויסע אידישע נויט פאַראייניגט זיי מיט די אידן אין אונטערשטן שטאָט־טייל, און דורך זיי — מיט די אידן פון גאַר דער וועלט.

און פ י ל נ ד י ג זיך פאַרבונדן מיט'ן אידישן פאָלק, אָנגעהעריג צו אים און פאַרפליכטעט אים בייצושטיין, וואָס עס ווערט פ א ק ט י ש באַוויזן בא יעדער אידישער נויט, און אין קאָלאָסאַלן מאַסשטאַב — איז מיט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער, נעמט דאָס אמעריקאַנער אידנטום איבער די פירער־ראָלע אין אידישן פאָלק און ווערט אַ צענטער פאַר'ן וועלט־אידנטום.

די אידן אין ארץ־ישראל

די לעצטע שפורן פון אידישער הערשאפט, אדער כאטש פירערשאפט אין ארץ ישראל, זענען נאכ'ן פאלן פון בר-כוכבא (135) אפגעווישט געווארן. דער נאמען „ירושלים" ווערט אויסגעמעקט, און אנשטאט אים קומט דער נאמען „איליא קאפיטאלינא". דער נאמען „ארץ ישראל" ווערט פארגעסן, און אנשטאט אים ווערט באנוצט דער נאמען „פאלעסטינע". די אידן ווערט פארווערט דאס ארײנקומען אין ירושלים און אנשטאט זיי ווערט די שטאט פול מיט רוימישע סאלדאטן...

מיט טיפן צארן און ברענענדיגן ווייטאג ציען אפ די אידן פון יהודה. טיילווייז וואנדערן אויס קיין בבל, טיילווייז בלייבן אין גליל. אי דארט, אי דא שפינען זיי די גייסטיגע פעדים, וואס זאלן צוזאמענהאלטן דאס פאלק אין זיין צעזייטקייט. הגם קיינער אהנט נאך ניט דעמאלט ווי לאנג די דאזיגע צעזייטקייט וועט דויערן. נאך האפט מען, אז איינגיכן וועט „מלכות אדום" (רוים) אונטערגיין, ווי עס זענען אונטערגעגאנגען אנדערע אידישע אונטערדריקער, און דער בית־המקדש וועט געבויט ווערן און אידן וועלן זיך אומקערן אהיים... אבער וואס ווייטער, אלץ טונקעלער ווערן די האפנונגען אויף א גיכער דערלייזונג. דא און דארט פלאקערן־אויף צומאל די האפנונגען, מענשן נעמען זיך צו געווער, ווילן מיט גוואלט דערנענטערן די גאולה, אבער די אויפפלאמונגען ווערן אלע מאל אויסגעלאשן מיט אידיש בלוט. זיי ברייגגן נאר נאך דערצו, אז נאך א געוויסע צאל אידן ווערט ארויסגעטריבן פון לאנד אין ווייטן גלות אריין, און נאך א שווערער שטיק גלות קומט פון ווייטן, אין לאנד אריין... ווארים יעדן מאל, וואס רוימישע לעגיאנען מארשירן דורך דאס לאנד, לאזן זיי איבער נאך זיך חרב'ן באדן, פארברענטע ישובים, פאר'יתומ'טע קינדער און א פארארימטע באפעלקערונג. עס קומען פאר אמאל בעסערע צייטן. אזוי בעת אין

רוים איז געווען קיסר מארקוס־אוירעליוס־אַנטונינוס (161־181). אַזוי אין דער ערשטער העלפט פון דריטן יאָרהונדערט, אין דער צייט פונ׳ם קיסר אַלעקסאַנדער סעווערוס (222—235), ווען דער אידישער נשיא איז אין גרוים חשיבות אין רוימישן הויף. אָבער די חשיבות גייט, ס׳רוב, בלויז אַזוי ווייט, ווי ס׳איז נויטיג מיט ער־פאָלג אויסצולייזן די אידישע קעשענעס פון די רוימער וועגן... און גראָד קרוב צו דער דאָזיגער „בעסערער" צייט הויבט אָן אין ארץ ישראל צו וואַקסן דער גייסטיגער דלות. די מענשן ווערן קליין, און קלענער. דאָס לערנען ווערט פלאַך און פלאַכער. ארץ־ישראל הויבט אָן אַלץ מער צו פאַרלירן איר תורה־אויטאָריטעט בײַ אידן און הערט אויף, אין די הערצער, צו גילטן, ווי דער צענטער, צו וועמען אַלע זענען נכנע. מען פילט און מען ווייסט, אַז די שכינה, וואָס האָט שטענדיג געשוועבט איבער ארץ ישראל, האָט אַוועקגעוואַנדערט קיין בבל. דאָרט ווירקן די אמוראים. דאָרט וואַקסן די פּאָפּולערע ישיבות. ס׳גייט אָן אַ שטענדיגע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל. מענשן גייען אויף און אָפּ און צאָלן כבוד און אַכטונג צו די לערער, וואָס לעבן און לערנען דאָרט. מ׳זוכט אויך צו דער־האַלטן ארץ ישראל ביים כבוד. אָבער דאָס לעבן טוט זיך׳ס. די פּאָליטישע פאַרהעלטנישן שאַפן זייערס.

און די פּאָליטישע פאַרהעלטנישן ווערן פאַר ארץ ישראל און פאַר די אידן און אידנטום אין ארץ ישראל אַלץ ערגער און ערגער. זיי ווערן נאָך נאָר ג ע ד ו ל ד ע ט אין זייער לאַנד. זיי קומען אין באַטראַכט נאָר ווי שטייער־צאָלער. די קריסטן וואַקסן אין חשיבות. זיי הויבן־אָן צו פּרעטענדירן אויף ז י י ע ר ע הייליגע ערטער אין לאַנד. און אַז קאָנסטאַנטין דער גרויסער (312—337) שיצט און אַנערקענט דאָס קריסטנטום, מאַכט עס כמעט פאַר דער שטאַטס-רעליגיע, הויבט מען אָן צו דריקן די אידן אין ארץ-ישראל אפילו בירגערליך. זיי ווערן באַהאַנדלט ווי מינדערוועררטיגע מענשן. מ׳רעדט פון זיי ווי פון אַ „שעדליכער סעקטע". אין דער צייט הויבט מען אָן צו מאַכן איבעראַשענדע אַנטדעקונגען אין לאַנד. צווישן אַנדערע אַנטדעקט מען דעם קבר פון יעזוס. דאָס לאַנד

ווערט פול מיט קירכן, באזיליקן, דענקמעלער — אין קלאסיש־סינאגאגאלן סטיל געבויט. דאס לאנד ווערט פול מיט קריסטן, וואס זענען „עולה־רגל" צו ז י י ע ר ע הייליגע ערטער. דאס לאנד ווערט פול מיט גלחים, וואס העצן געגן אידן אין זייער לאנד. אידן זעען עס, הערן עס און זענען דערציטערט פון אויפרעגונג. דערפאר איז אין קריג, וואס קאנסטאנטינ'ס יורש, גאלוס, פירט מיט די פערסער, שטעלן זיך אידן אויף דער פערסישער זייט. בפרט אז פ ע ר ס י ש ע הערשאפט איז בא אידן שטענדיג געווען ווי אן אנזאג פון גאולה. און א פאלשער משיח ווייזט זיך, וואס גייט פאראויס דעם פאלק. און דאס פאלק, אין איין פארצווייפלונג, גייט אים נאך. אבער דאס דאזיגע קאנוואולסירן פון די אידן ברענגט בלויז דערצו, אז די שטעט צפורי, טבריה, לוד און אנדערע ווערן לחלוטין חרב און פיל אידיש בלוט ווערט פארגאסן. און אז קאנ־סטאנטינ'ס קרוב, דער קייזער יוליאן דער אפטריניגער, האלט ניט פון קריסטענטום און טוט חסדים מיט אידן, האט ער אויך קיין קיום ניט. און איידער נאך ער האט צייט משפיע צו זיין אויפ'ן אידישן מצב, ווערט ער גע'הרג'עט אין א מלחמה (363). די ערש־טע צייט נאך זיין טויט לאזט מען נאך אידן אין ארץ ישראל מער אדער ווייניגער רואיג לעבן. עס גילטן נאך אמאל די אלטע פאר־שטעלונגען פון רוימישער, פרייער בירגערליכקייט. אבער נאכדעם ווי אין 395 ווערט דער מערב־טייל פון דער רוימישער מלוכה אפ־געטיילט פונ'ם מזרח טייל (ארץ־ישראל אריינגערעכנט) ווערט קאנסטאנטינאפאל — פריער ב י צ א נ ץ — וואו די קאטוילישע גייסטליכע האבן גרויסן איינפלוס אויף דער רעגירונג, ווערט די קריסטליכע הערשאפט א גיהנם פאר אידן אין ארץ־ישראל. די קאטוילישע ביצאנץ קאן ניט דולדן קיין אידישע אויטאנאמיע אין דעם לאנד, וואס איז ניט בלויז אן אזיאטישע פראווינץ, נאר „דאס הייליגע לאנד". „דאס לאנד פון די מופתים פון דער עוואנגעליע, דאס לאנד פון גאט'ס קבר, פון די טבילות אין ירדן, פון נצרת און בית־לחם". זי דארף האבן דאס גאנצע לאנד פון אירטוועגן, פון איר אמונה וועגן. אידן מאכן איר דארט ענג. זענען איר דארט אומבאק־

ווען, ווייל זיי זענען היסטאָרישע עדות געגן זאַכן און „פאַקטן“, וואָס זאָלן בלייבן פאַרהוילן. „דער אידישער נשיא פון טבריה און דער קריסטליכער ביסקופ אין ירושלים זענען ווי צוויי פיינטלאַכע קרעפטן“, מוז דער נשיא אָפּריינינגן דעם פּלאַץ. ווערט אינגיכן (425) בטל די נשיאות, בטל די סנהדרין — די איינציגע איבערבלייבענישן פון אַמאָליגער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט. בתי־מדרשים און שולן ווערן פאַרברענט. צו לערנען אידישע למודים ווערן פאַרבאָטן. די ישיבות ווערן פאַרמאַכט. ווילן אידן ניט ליידן די נגישות און שווייגן. איז פון צייט צו צייט שטעלן זיי זיך אַנטקעגן. דערהויפּט טרעטן־אויף אין אַזוינע פאַלן די שומרונים. ווערן זיי טאַקע כמעט אַלע אומגעבראַכט — אויסער די דאָרפישע ערד־אַרבעטער, וואָס זענען ניצליך געווען, ווי שטייער־צאָלער. אָבער אינ'ם גאַנצן דאָזיגן אומרואיגן לעבן, פאַרזעען עס ניט די אידישע געלערנטע צו־נויפנעמען אַלץ, וואָס איז אין אַ משך פון צוויי הונדערט יאָר געשאַפן געוואָרן אין די ישיבות; זיי אָרדנען דאָס, פאַרשרייבן דאָס און לאָזן עס איבער פאַר דער צוקונפט. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער תלמוד ירושלמי. נאָר מיט עטלאַכע צענדליג יאָר שפּעטער, אַז די געלערנטע אין בבל חתמ'ענען אָפּ דעם תלמוד בבלי (אַן ערך 500), זעט מען, אַז אָט דער קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט זיכערט פאַר ב ב ל די בכורה אין אַלע רעליגיעזע אנגעלעגנהייטן בא אידן...

אָבער אַלע צרות און אַלע ערנידריגונגען און אַלע געפאַלנקייטן קאָנען דאָך ניט באַוועגן די גוטע און די פרומע צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד וואו דאָס גיהנם־פייער פונ'ם קאַטאָליציזם איז קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן. אַלע נגישות טראָגן זיי אריבער, בלייבן אָבער אויפ'ן פּלאַץ, ביז בעסערע צייטן. און אין אַלץ, וואָס עס איז ג ע ג ן מלכות־ביצאַנץ זעען זיי דאָס ב ע ס ע ר ע. שוין איר אומגליק בלויז, איז זייער גליק — ווייל אַלע נגישות, אַלע צוואַנגס־שמד און אַלע העצערייען מצד דער קאַטוילישער קירך, ברענגען זיי צו אַזאַ פילן, צו אַזאַ דענקען. זעען זיי אין יאָר 614 ווי די פּערסער קומען, נעמען־איין ירושלים, הרג'נען אויס 90,000 קריסטן, טרייבן אַרויס די גלחים, מאַכן חרוב די קירכן — איז עס אַ געגנוגטואונג פאַר

זיי. די אידן העלפן די פערסער — ווייל האָפנונגען אויף ישועות זענען פאַרבונדן מיט זיי, און ווייל זיי האָבן געבראַכט שטראָף און נקמה אויף די קירכליכע טיראַנען. אָבער מיט פערצן יאָר שפּעטער קומען ווידער די ביצאַנצער. דאָס מאָל זענען זיי די שטאַרקערע. און טויזנטער און טויזנטער אידן ווערן מיט גוואַלד צו שמד געפירט. און מער ווי אַזוי פיל ווערן אויף שיפן געזעצט און אויף ווייטע מערק געפירט, זיי צו פאַרקויפן פאַר קנעכט. נאָר ווייניגע געלינגט עס צו אַנטלויפן קיין מצרים. אַ פולשטענדיגע אויסראָטונג איז איצט פאָרגעשטאַנען די אידן אין ארץ ישראל — אָבער די גוטע און די פרומע זענען געבליבן צוגעשמידט צום באָדן. געליטן און געוואַרט אויף בעסערע צייטן, וואָס האָבן דאָס מאָל געלאָזט וואַרטן אויף זיך בלויז איינע צען יאָר. דאַן שטייען אויף די אַראַבער — באַגייסטערט פון זייער יונגן מחמד'אַנישן גלויבן — נעמען אָפּ בא די ביצאַנטינער פיל שענע פראָווינצן און צווישן זיי אויך ארץ־ישראל. די אידן נעמען אויף די אַראַבער ווי באַפרייער, ווי שטאַם־ברידער ווי אייגענע. מ'שטייט זיי ביי באַם איינעמען דאָס לאַנד — ניט קוקנדיג דערויף וואָס ט אָ מ ע ר וועט זיך דאָס גליק ווידער אומקערן צו די ביצאַנטינער, ווי עס איז געוועזן פאַר צען־יאָרן. אָבער דאָס מאָל האָט זיי די האָפנונג ניט אָפּגענאַרט, הגם זי איז אויך איצט ניט אינגאַנצן מקוים געוואָרן. ב ע ס ע ר ווי בא די קריסטן איז עס די אידן געוועזן, אָבער צרות האָבן זיי אויך דאָ געהאַט ניט ווינציג.

דער קאַליף אָמאַר (634—644) איז דער זיגער. אויפ'ן הר־הבית, אויף דעם פּלאַץ וואו אַמאָל איז דער בית־המקדש געשטאַנען און איצט די רוימיש־קריסטליכע הייליגטימער, בויט ער אויס די באַרימטע אָמאַר־מאַשעע, וואָס גילט, ווי דאָס דריטע מאַכמע־דאַנישע הייליגטום נאָך מ ע ק א און מעדינאַ. די בירגערליכע רעכט פון אידן און קריסטן ווערן פאַרקלענערט. בלויז געדולדעט ווערן זיי. אָבער זייערע שטייערן ווערן פאַרגרעסערט. צום גליק פון די אידן אַנטוויקלט זיך שנעל אַ גרויסע מוסולמאַנישע (מאַכמע־דאַנישע) מלוכה, וואָס נעמט אַרום גרויסע און רייכע פראָווינצן,

און דאס קליינע פּאַרוויסטע פּאַלעסטינע פּאַרנעמט דאָ זייער אַ ווינציגן פּלאַץ. קימערט זיך מלוכה ווייניג־וואָס וועגן דעם. האָפּט ווייניג דערפון. און אידן, אַז מ'קימערט זיך נאָר ניט אום זיי, לעבן זיי רואיג. און ווידער הויבן זיי אָן ביסלעכווייז זיך צו אנטוויקלען. ווידער הויבן זיי אָן וואַקסן און זיך דערהויבן אי מאַטעריעל אי גייסטיג. און ווידער ווערט וואך דער ווילן צו שפּילן אַ ראָלע אין אידנטום. מ'פּאַרנעמט זיך ווידער מיט לערנען, מיט פּאָרשן דעם תלמוד. וואָס ווייטער עס גרייכן די גרעניצן פון דער אַראַבישער מלוכה (כאַליפאַט), אַלץ נאָענטער קומען־צו אידן צו אידן אין די פּאַרשידענע פּראָווינצן. דער תלמוד־בבלי ווערט אומעטום פּאַרשפּרייט און אנערקענט. ער רופט אָבער אַרויס געגנערשאַפט אויך. סיי אין ארץ־ישראל, סיי אין בבל. אין דער ערשטער העלפט פון אכטן יאָרהונדערט שטייען אויף אין ארץ־ישראל און אין סיריען פּאַלשע משיחים, וואָס זאָגן צו דעם פּאָלק באַפּרייאונג פון מאַכמעדאַנישן, פּאָליטישן עול און אויך פונ'ם תלמוד'ישן, רעליגיעזן עול. און זיי געפינען אָנהענגער. פון די ישועות קומט גאָרנישט אַרויס. אָבער אין די מוחות בלייבט איבער די קריטיק, וואָס מ'האָט אויסגעדריקט געגן תלמוד. און אין בבל איז ע נ ן ב ן דוד, אַן אָנגעזעענער מענש פון דער משפּחה פון ריש־גלותא, אַרויסגעטראָטן געגן דעם תלמוד. ער גרינדעט אַ סעקטע קראים (מקרא — דער חומש), וואָס אנערקענט בלויז דאָס, וואָס אין דער ת ו ר ה שטייט, אין פּסוק, אָבער ניט וואָס תלמוד'יסטן האָבן א ו י ס ג ע ד ר ו נ ג ע ן פון די פּסוקים. קאָן אָבער די סעקטע ניט עקזיסטירן אין בבל — וואו עס געוועלטיגט דער ריש גלותא און עס הערשן די גאונים. קלייבן זיי זיך אַריבער קיין ארץ־ישראל, פּאַרשפּרייטן זיך איבער'ן לאַנד און ווערן אין לעבן מערקליכער און אָנגעזעענער ווי די תלמוד'ישע אידן. ענן, דער גרינדער פון דער סעקטע, בויט אַ שול אין ירושלים, וואָס עקזיסטירט אַ האַלבן יאָרטויזנט. די קראים, אָדער קאַראַאימען, פּאָרשן די תורה, זענען גרויסע בעלי־דקדוק, פּאַרנעמען זיך מיט מסורה, ד. ה. מיט פּאַרגלייכן די פּאַראַנענע טעקסטן פון תנ"ך. דערמיט צווינגען זיי זייערע

תלמוד'ישע געגנער אויך זיך צו פארנעמען מיט מסורה און מיט דקדוק. קומט אינגיכן אויף א שול אין ט ב ר י ה, וואס אירע פעסטשטעלונגען אין דקדוק, אין מסורה און אין פונקטאציע (נקודות) ווערן פונ'ם גאנצן אידנטום אנערקענט, און די איינציגע ריכטיגע טבריה'ר געלערנטע באקומען א שם. דער נאמען פון ארץ־ישראל ווערט דערהויבן. אידן ווערט ערלויבט צו וואוינען אין ירושלים. דאס פארגרעסערט די איינוואנדערונג. דער ישוב אין לאנד ווערט גרעסער. א גרויסע ישיבה ווערט געשאפן און דער ראש ישיבה טראגט אפיציעל דעם טיטל „ראש ישיבה גאון יעקב". עס שטייגערט זיך דער ווילן און ס'לעבט די טאט — צו קאנקורירן מיט בבל ארום דער בכורה אין אידנטום. אין אנהויב פון צענטן יארהונדערט טרעפט מען אין ארץ־ישראל א פולשטענדיגע ארגאניזאציע פון ישיבות מיט ראשי־ישיבות. מיט סופרים און שופטים, וואס אלע אינאיינעם מאכן זיי אויס א גרויסן סנהדרין און א קליינעם סנהדרין — גאר ווי אמאל פריער אין יבנה. די צענטראלע ישיבה איז אין טבריה. די ראשי ישיבות פירן זייער יחוס פון הלל'ן. זענען זיי זייער גרויס בא זיך. און נאך גרעסער זענען זיי בא זיך דערמיט, וואס צו זיי געהערן די מעררעכט, וואס עס קומט ארץ ישראל געגן בבל. און איינער פון די ראשי־ישיבות, בן־מאיר, פארלאנגט (920), אז בבל זאל זיך אונטערווארפן צו ארץ־ישראל אין אלץ וואס עס איז נוגע דעם לוח, ד. ה. פעסטשטעלן די צייט פון די ימים־טובים —א פריווילעגיע, פון וועלכער דער נשיא הלל דער צווייטער (330—366) האט זיך מיט קנאפע זעקס הונדערט יאר צוריק אליין אפגעזאגט (359). בבל, וואו עס האט דעמאלט געווירקט דער גאון און פילאזאף רבי סעדיה גאון, נעמט ניט אן די פאדערונג, און ארץ־ישראל לאזט עס זיך וואוילגעפעלן. אפשר דערפאר, ווייל זי האט נויטיג די שטיצע פון רבי סעדיה, אלס קעמפער נעגן די קאראאימען, וואס האט אין קאמף געהאט מער ערפאלג ווי זיי דא אין ארץ־ישראל... נאר אויב אין תלמוד'ישער וויסנשאפט, ווי אין וועלטליכע וויסנשאפטן, שטייט בבל פאראויס, איז אין דיכטונג און פיוט, און מדרש, שטייט ארץ־ישראל פאראויס. דא האבן די ערשטע פיטנים

געלעבט און געווירקט, און ערשט נאָכדעם האָבן זיך געפונען נאָכ־אַמער אין אַלע לענדער.

פון אינווייניג, מצד די מוסולמאַנישע הערשער, האָבן אידן רו אין אַ געוויסער מאָס. אָבער פון אויסן לויערט אויף זיי דאָס שווערד. אין קאָנסטאַנטינאָפאָל האָט מען זיך נאָך ניט אָפּגעזאָגט פון דער הערשאַפט איבער דעם לאַנד, וואו די זיילן פון דער קריסטליכער אמונה זענען געשטאַנען. איז אין ערך 959 קומט אַ ביצאַנצער חיל קיין ארץ־ישראל און פאַרוויסט שטאָט און דאָרף, ראָט־אויס אַלע עקזיסטענץ־מיטלען. פאַרברענט הייזער און תבואה־פעלדער. פרוכט־בוימער ווערן אויסגעהאַקט, וואַסער־קוואַלן פאַרשטאָפּט. האָב און גוטס ווערט אויסגערויבט. די מענשן פאַר שקלאַפן פאַר־קויפט. און פון איצט אָן ווערט עס אויף אַ לענגערער צייט כמעט אַ שטייגער: אַלע יאָר איבערצופאַלן ארץ־ישראל און מאַכן אַ חורבן אויף אַ חורבן, פאַרגיסן בלוט אויף בלוט...

אָבער אידן נעמען דאָס אָן פאַר „חבלי־משיח" — פאַר די יסורים, וואָס מוזן קומען אויף אידן איידער משיח וועט קומען. און זיין קומען האָבן מיסטיקער באַשטימט אויף דעם יאָר 960. און פון גאַנץ ווייטע געגנדן אין אייראָפּאַ, ווי אין אזיע, ווענדט מען זיך צו די רבנים אין ארץ־ישראל און מען פרעגט בא זיי צי עס איז אמת, אַז משיח איז שוין געקומען אָדער אַז ער האַלט ביים קומען. דאָס געשעעט אויך אין קומענדיגן יאָרהונדערט. מקובלים האָבן אויסגערעכנט, אַז קוים איז משיח ניט געקומען אין יאָר 960, וועט ער זיכער קומען אין יאָר 1096. און דער קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט. זעכצן געמיינדעס פון די „כוזרים", פון ארום קאַווקאַז, האָבן איבערגעלאָזט האָב און גוטס און זיך אַוועקגעלאָזט איבער מדבריות קיין ארץ־ישראל. און די אידישע קהלות ארום רהיין האָבן בריוו געשריבן און שליחים גע־שיקט קיין ארץ־ישראל כדי זיך צו ערקונדיגן וואו האַלט עס מיט משיח'ן. און דאָס אייגענע קומט־פאָר אויך צווישן די אידן אין די מזרח־לענדער.

נאָר אויב אין דעם דאָזיגן יאָר האָט ווירקליך געוואָלט געשען עפּעס אויסערגעוויינליכעס — איז עס געשען, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן. אינ׳ם זעלבן יאָר (1096) קומט אַ קאַליף (אַלמוסטאַלי) פון מצרים קיין ארץ־ישראל, נעמט־איין דאָס לאַנד און ברענגט־אום אַלע איינוואוינער מיט שווערד און פייער. דאָס טרעפט אַמשווערסטן די קריסטן. אין אייראָפּאַ מאַכט עס אַ שרעקליכן איינדרוק. גילט עס ווי די לעצטע סכּנה, אַז אייראָפּאַ זאָל זיך באַוואָפענען און גיין באַפרייען יעזוס׳עס קבר פון מוסולמאַנישע הענט. נאָך אינ׳ם זעלבן יאָר ריכטעט מען זיך אויס אין ערשטן „קרייצצוג". מ׳קוילעט־אויס טויזנטער אידן אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך — אַלס אָנהויב פון די הייליגע מעשׂים, וואָס די קרייצפאָרער האָבן אונטערגענומען. אין 1099, אַז זיי זענען אַריינגעקומען קיין ירושלים, האָבן זיי „זיבעציג טויזנט מאַכמעדאַנער אויסגעקוילעט, ווי מ׳קוילעט שעפּסן, און טויזנטער אידן האָבן זיי אין אַ שול פאַרטריבן און לעבעדיגערהייט זיי פאַרברענט". דעם 15טן יולי זענען זיי אין שטאָט אַריינגעקומען, און דעם 22טן איז אין שטאָט ניט געווען מער קיין שום לעבעדיגער נפש, אויסער קריסטן. אין אַ יאָר אַרום ווערט אין ירושלים אויפגעריכט אַ מלוכה אַ „הייליגע", אַ פּעאָדאַלע, וואָס עקזיסטירט זיבן און אַכציג יאָר. אידן זענען, נאַטירליך, ניטאָ דערביי. אויבן־אויף געזעען זענען זיי אין לאַנד ניטאָ. די לעבעדיג געבליבענע אידן ליגן באַהאַלטן צווישן די בערג. אין די הייל̈ן. אין די חורבות אַרום שטאָט. מיט דער צייט באַווייזן זיי זיך. איינציגווייז, ביסלעכווייז, אין שטענדיגן פּחד, אין שטענדיגער נידערגעשלאָגנקייט. זיי געפינען וואָס צו טאָן אין די הויפן פון די נייע פּריצים, וואָס זענען פון אייראָפּאַ געקומען. זיי האַנדלען, מאַכן געלט־געשעפטן, טוען מלאכות, זענען גלעזער, פאַרבער, וועבער און דאָס גלייכן, און אין פּלעצער ווייט פון צענטר פאַרנעמען זיי זיך אויך מיט שיף־פאַרט. אָבער דאָס לעבן איז ניט איינגעשטעלט, ניט זיכער. פון צייט צו צייט הערט מען אַלץ פון נייע קרייצפאָרער, וואָס רייסן זיך קיין א״י. די איינע בלייבן אין קליין־אַזיען, אַנדערע גרייכן ביז מצרים. אָבער דער טומל וועגן זיי וואַרפט אַ שרעק

אויפ'ן ביסל אידן (טויזנט פאמיליעס, פון זיי 200 אין ירושלים) אין לאנד. און דער הייליגער צאָרן פון די גייסטליכע אין ארץ־ישראל, דערהויפט אין ירושלים, ווערט ניט געשטילט. קומען צייטן, ווען מ'טרייבט ארויס פון שטאָט אלע אידן און מ'לאָזט איבער בלויז יענע, וואָס טוען די נויטווענדיגסטע מלאכה — וועבן און פארבן. אזוי דויערט עס קרוב צו 90 יאָר. וואָרים אין 1187 נעמט ס א ל א ד י ן, דער הערשער פון מצרים, איין סיריען און פאַ־לעסטינע. נאָר די שטאָט ע כ ו בלייבט באַ די קריסטן אין די הענט ביז צום יאָר 1291. אָבער אויך אין דער צייט פון דער קריסט־ליכער מערדערישער הערשאפט אין לאנד הערן ניט אויף קיין גרויסע מענשן צו אימיגרירן קיין ארץ־ישראל. גענוג צו דערמאָנען רבי יהודה הלוי, דער רמב"ם, בנימין פון טודעלא, פתחיה פון רע־גענסבורג און אנדערע ווייניגער באַרימטע אָדער גאָרניט באַ־וואוסטע. אין עכו געפינען זיך תלמידי־חכמים, און אין דמשק עק־זיסטירט א ישיבה וואָס הייסט „די ישיבה פון ארץ־ישראל". אזוי איז אפילו אין די פינסטערסטע צייטן ניט אינגאנצן אויסגעראָט געוואָרן דער איד פון אידישן לאנד. און נאָך סאלאדינ'ס נצחון, אז אין לאנד איז פרייער געוואָרן, זעען מיר אין יאָר 1211 ווי דריי הונדערט רבנים פון ענגלאנד און פראנקרייך, צווישן זיי „בעלי תוספות", פאָרן ארויס קיין א"י, אויב ניט צום לאנגן לעבן, איז כאָטש צו שטארבן דאָרט. און מיט פינף יאָר שפעטער (1216), אז רבי יהודה אלחריזי קומט קיין ארץ־ישראל, טרעפט ער שוין אין ירושלים א קליינע אידישע געמיינדע ווידער. אָבער די אָנגעקומענע זענען אָרגאניזירט אין לאנדסמאנשאפטן, וואָס איז פון איצט־אָן א גרויסער שטער אויפ'ן וועג פון אנטוויקלען אן אלגעמיינע אידישע געזעלשאפטליכקייט אין לאנד.

ביז 1240 רוט דאָס לאנד און רוט די שטאָט. אָבער אין ד ע ם יאָר דרינגען אריין מאָנגאָלן אין לאנד, און מיט 20 יאָר שפעטער ווערט ירושלים ווידער חרב ומחרב. אין 1267, אז דער ר מ ב " ן (רבינו משה בן נחמן) קומט פון שפאניען קיין ירושלים, טרעפט ער דאָרט בלויז צוויי אידן, פ א ר ב ע ר. ער לאָזט ארויס אן אויפ־

רוף צו די אידן אין לאנד, און אין משך פון דריי וואכן צייט האט ער שוין ארום זיך א געמיינדע. אין א חורבה ארדנט מען איין א שול, און פון וואך צו וואך ווערט דער קבוץ אלץ גרעסער. א י ם — דעם פילאזאף און מקובל, למדן און פרשן — איז ער באשערט געוועזן צו ווערן דער גרינדער פון א נייעם ישוב אין ארץ־ישראל. בלויז 3 יאר לעבט ער נאך. אבער אין דער קורצער צייט גרינ־דעט ער אין ירושלים א גרויסע ישיבה, און תלמידים קומען צו אים פון בבל און פון מצרים, פון דמשק און פון ארם־צובה, און סתם עולים פון פארשידענע לענדער הויבן אן צו קומען, און דאס לאנד ארום ווערט באזעצט פון אידן. עס בייטן זיך די הערשער פון לאנד. אבער דער ישוב הערט מער ניט אויף. און אויך די איינוואנדערונג הערט ניט אויף. אין ירושלים לעבן די אידן אין א באזונדער קוואר־טאל. פירן זייער באזודער קהלה־לעבן. אין 14טן יארהונדערט פלעגן אידן פון חמת, דמשק, קאירא, אלעקסאנדריע, ארם־צובה און אנ־דערע עולה־רגל זיין קיין ירושלים און האלטן דארט יום־טוב. ווי אין פסוק שטייט, ווי אין הארץ איז געשריבן. אלע פייערליכקייטן ווערן אפגעהאלטן אויפ׳ן הר־הזיתים, און פון דארט־אויס, ווי פון דעם איינציגן אידישן צענטער, האבן די אידן פון לאנד מתפלל געוועזן פאר די אידן פון דער גאנצער וועלט. און אין באוואוסטזיין פון די אידן אין אלע לענדער ווערט ווידער וואך דער געפיל, אז ירושלים איז דער צענטער פון אידנטום. אפילו די ריש־גלותא׳ס פון בבל אנערקענען דעם אלט־נייעם צענטער. אין 14טן יארהונדערט גילט עס ווי א גוטער אידישער טאן צו באזוכן ארץ־ישראל, און די איידל־סטע פון פאלק טוען דאס. ס׳רוב עולים קומען פון די ראמאנישע לענדער, פראנקרייך און שפאניען. ערשט אין פופצענטן יארהונ־דערט הויבן־אן צו קומען אידן פון דייטשלאנד אויך. נאר דאס אלץ איז געווען פון יהודה. אבער אין גליל געפינען זיך די גאנצע צייט — פון 13טן ביז׳ן 15טן יארהונדערט — היבשע אידישע קהלות אין צפת, חיפה, גוש־חלב, מירן, בית־שאן און דאס גלייכן. די תלמידי חכמים צווישן זיי פארנעמען זיך אפילו מיט לערנען גמרא און קבלה און לעבן אויף קהל׳שן חשבון. אבער ניט ב ל ו י ז

אויף קהל׳שן חשבון. דאמאלסדיגע לומדים זענען נאך ניט אינ־גאנצן פרעמד פון דער וועלט. זיי קענען ס׳רוב מעדיצין, מאטע־מאטיק, אסטראנאמיע און פארנעמען זיך מיט איבערשרייבן ספרים און זיי פארקויפן. פארשידענע בעלי־מלאכות געפינען זיך צווישן זיי. אויך מענשן, וואס באשעפטיגן זיך מיט פיך־ און שאף־צוכט, סוחרים מיט וויין און מיט אויל און דאס גל., און די פאר־דינסטן געניגן צו דערהאלטן דאס לעבן.

אבער שוין אין אנהויב פון 15טן יארהונדערט הויבן זיך אן קריגערייען צווישן די פארשידענע לאנדסמאנשאפטן. זיי קומען צוליב שלעכטע צייטן, צוליב שטייערן־דרוק, עפידעמיע, פאנאטישע אויסברוכן פון די מוסולמאנער, אומגערעטעניש, הונגער־נויט און שטיצע פארדערונג. דאן (1420) ארגאניזירט זיך די ערשטע א ש כ נ ז ׳ י ש ע קהלה אין ירושלים. זארגן די פארשטייער פון ד ע ר קהלה פאר אירע מיטגלידער. קויפן הייזער און הויפן פאר זייערע ארימע. אבער די עפידעמיע פון 1434 ווילדעוועט אין די דאזיגע אשכנז׳ישע ארימע הויפן. דערהויפט צווישן די ניי־אנגע־קומענע, וואס האבן זיך נאך ניט צוגעוואוינט צום קלימאט. אבער די געמיינדע לעבט. און לעבט אויף גרויסע צרות. ווארים אין 1440 לייגט דער עגיפטישער סולטאן ארויף אויף דער קהלה א יערליכן שטייער פון 400 דוקאטן, אויסער די פריערדיגע שטייערן, וואס זי איז לחלוטין ניט אימשטאנד צו צאלן. אבער די באהערדן רעכענען זיך ניט דערמיט. עס הויבן זיך אן נגישות. די פארנעמע זעצט מען אין געפענגניש. די רייכע פייניגט מען. צעלויפט מען פון שטאט. עס בלייבן נאר פרויען און קליינע קינדער. נעמט מען אן מיטלען ווי איינצוטרייבן די שטייערן, איז אבער וואס שטרענגער די מיט־לען, אלץ ווייניגער מענשן בלייבן אין שטאט. און איידער מ׳בא־פרייט זיך פון איין יאר שטייערן, קומט־אונטער דאס צווייטע יאר. מ׳פארקויפט די ספר־תורה׳ס פון די שולן. די שולן גופא. אבער עס קלעקט אלץ ניט. דער דלות וואקסט. די חובות אויך. עס קומט צו גרויסע פראצעסן, און די אשכנזים פון דער ירושלים׳ער קהלה ווערן אזוי פארארימט, אז אין 1487 באשליסט מען צו שיקן א

ש ל י ח אין די גלות־לענדער צו זאמלען געלט פאר דער ארימער קהלה אין ירושלים. וואס פון דער דאזיגער שליחות איז ארויסגע־קומען ווייסט מען ניט. אגב, איז דאס קומענדיגע יאר געווען א גרויס גרעטעניש אין לאנד, און די לאגע פון די אידן אין ירושלים האט זיך פארבעסערט.

אין דעם זעלבן יאר (1488) קומט פון איטאליע קיין ארץ־ישראל דער בארימטער געלערטער רבי עובדיה ברטנורא. ער טרעפט אין ירושלים זיבעציג אידישע פאמיליעס, אבער זייער פיל אלמנות, עגונות און יתומים. אלע לעבן זיי אין איין קווארטאל, טוען פאר־שידענע מלאכות און לעבן אין דלות. דער דלות הענגט אויך איבער דער גאנצער שטאט. די אנהענגער פון אלע דריי רעליגיעס קאנען ניט אויפריכטן די שטאט פון אירע חורבות. אבער מארק־פלעצער זענען דא. סחורות זענען דא. ווארים אלע יאר פלעגט קומען א האנדלס־שיף פון איטאליען צו די ברעגן פון יפו און אהער ברענגען פארשידענע אייראפעאישע סחורות. אבער ווער האט דערפון? דער שטייערן־דרוק מאכט אומדערטרעגליך דעם דלות. דער דלות דעמא־ראליזירט די מענשן. רבי עובדיה באמיט זיך צו מילדערן דעם יאך פון די שטייערן. ער לערנט אויך דאס פאלק און קערט עם אום צום דרך הישר. ער איז א גרויסער דרשן און א גרויסער חכם. ער בא־נוצט זיך מיט דער קענטשאפט און פירער־גייסט פון די שפאנישע אידן, וואס הויבן־אן ענדע 15טן יארהונדערט, נאכ׳ן גירוש־שפאניע, קומען קיין ארץ־ישראל. אין א משך פון 15 יאר פארמאגט שוין ירושלים אליין איבער פופצן הונדערט נפשות. נאך רבי עובדיה׳ס טויט, ארום 1530, בילדעט זיך א ס פ ר ד ׳ י ש ע קהלה, וואס נעמט אריין אין זיך אלע אראביש־שפרעכנדע אידן. אבער מיט דער צייט ווערט דאך די אשכנז׳ישע קהלה די שטארקערע — ווייל די אשכנזים זענען מער אי אין לאנד, אי אין אויסלאנד.

ביני־לביני איז ארץ־ישראל איבערגעגאנגען אין נייע הענט. אין 1517 נעמט איין דער טערקישער סולטאן סולים דער 1טער סיריען, פאלעסטינע און מצרים. איצט הערשט אין ארץ־ישראל א רעזשים, וואס איז געשטיצט בלויז אויף דער פויסט. ווערט אויפ־

געהאלטן דורך דער „בארימטער" פאשא־ווירטשאפט, מיט זיין שטייער־דרוק, נאכלעסיגקייט, אומגערעכטיגקייט, און אן זארג און שוץ פאר דער באפעלקערונג. צו אידן איז די רעגירונג גוט גענויגט. פונדעסטוועגן זענען זיי קיינמאל ניט זיכער פון מאכמעדאנישע פאנאטישע אויסברוכן, גוואלדטאטן מצד דער ארטיגער פארוואל־טונג און ווער רעדט שוין פון אנפאלן און רויבערייען מצד די שבטים, וואס וואנדערן אום אין דערבייאיגן מדבר. מער ווי 300 יאר בלייבט די פאליטישע לאגע אין לאנד ניט געענדערט. אידן האבן פיל מאל צו ליידן פון דעם דאזיגן פויסט־רעזשים. זיי ליידן אפט פון דער אומפאראנטווארטליכער, געלט־גיעריגער פארוואלטונג. זיי ליידן פון איבערפאלן, פון הונגער, פון עפידעמיעס. אבער אן ראדיקאלע ערשיטערונגען. און די ארץ־ישראל־אידן לעבן זיך איין אין טערקיי, ווייסן אירע שוואכקייטן און רשעות'ן, און בא אלעם דעם פארפעסטיגן זיי זיך. אין פארגלייך דערמיט, וואס אידן האבן אין יענער צייט אויסצושטיין אין אייראפעאישע לענדער, איז טערקיי, דערהויפט ארץ־ישראל, א גן־עדן. עס זעט־אויס ווי א גייס־טיגער צענטר פאר אידן וואלט דא ווידער געשאפן געווארן. עס קומט אפילו אויף די אידעע, אז מ'זאל דאס גאנצע רעליגיעזע אידנטום אונטערטעניג מאכן דעם ארץ־ישראל אידנטום, אין דעם זין, אז נאר דער מעג זיין א רב בא אידן, וואס האט באקומען סמיכה בא די רבנים אין ירושלים. דאס איז די אידעע פון גרויסן תלמודיסט יעקב בירב פון צפת, וואס איז פון שפאניען אהין גע־קומען. דערמיט איז מסכים אויך דער גאון און מקובל רבי יוסף קארו — דער מחבר פון שלחן־ערוך, אבער דער ירושלים'ער רב, לוי בן חביב, איז נעגן דעם. און דער פלאן ווערט בטל.

אבער ארץ־ישראל בלייבט דער צענטר און פעסטער פונקט אינ'ם ווירוואר פונ'ם אידישן לעבן אויף גאר דער וועלט. יעדער, וואס האט עפעס נייעס אנצוזאגן דעם אידישן פאלק; יעדער, וואס וויל עפעס גרויסעס אונטערנעמען פאר'ן אידישן פאלק; וואס זוכט הייליגקייט און גאט־נאענטקייט אין אידישן פאלק, קומט קיין ארץ־ישראל. פון דאנען זאל דאס נייע ווארט, די נייע אונטערנעמונג,

די הויכע קדושה אויסגיין. עס קומען דאָ אהער און ווירקן דאָ אין 16טן יאָרהונדערט די גרעסטע מקובלים, די גרעסטע גאונים, די איינגעבילדעטע משיחים און שאַפן אַן אייגנאַרטיגע אַטמאָספערע אין לאַנד, אַן אַטמאָספערע אַן א י ב ע ר וועלטלאַכע, אַ רוחניות'דיגע, וואו מענשן לעבן מיט דער צוקונפט, מיט די גאַל־דענע חלומות פון דער צוקונפט און לאָזן זיך ניט אונטערגעבן דעם אָרימען הייגט. און אַז די לאַגע איז שוין גאָר אַ פאַרצווייפלטע, קומט דער מקובל ר ב י מ ש ה א ל ש י ך פון צפת (פריער אין ווענעדיג) און שיקט אַרוים (1594) משולחים קיין ווענעדיג, צו זאַמלען געלט פאַר די באַדערפטיגע אין ארץ־ישראל. ס'ווערט געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע מיט גבאים, משולחים און מיט'ן געזאַמלטן געלט ווערט געמאַכט אַ טיילונג (חלוקה) צווישן די אָרימע. באַלד ווערט דער שטייער אַנגענומען אויך אין פּוילן, בעהמען, דייטשלאַנד, אונגאַרן און אַזוי ווייטער. עס ווערן געשאַפן כ ו ל ל י ם לויט די לאַנדסמאַנשאַפטן. און יעדער כולל זאָרגט פאַר זיינע אָרימעלייט. דערמיט איז געשאַפן געוואָרן די באַוואוסטע „חלוקה“ — שטענדיגע שטיצע פאַר די אָרימע אין לאַנד — אויף לאַנגע יאָרהונדערטער. דאָס 17טע און 18טע יאָרהונדערט גייט אָן אַן אומאויפהערלאַכע איינוואַנדערונג פון מקובלים. עס קומען אהין דעם בעל־שם'ס תלמידים. און אין 1800 קומען אהין אויך די תלמידים פון ווילנער גאון, וואָס גרינדן די קהלות פון „פרושים“. פול איז דאָס לאַנד געווען מיט רוחניות, שמות, מלאכים, רוחות. די צדיקים, גאונים און מקובלים האָבן אַליין זיך ניט געקאָנט מפרנס זיין. פון פּראַקטישן, מאַטריעלן אויפריכטן דאָס לאַנד אָדער אַ טייל פון דעם, איז בלויז צוויי מאָל געווען די רייד. און ביידע אָן פּראַקטישע פאָלגן. דאָס ערשטע מאָל אין 16טן יאָרהונדערט, פון דן י ו ס ף ה נ ש י א, וועמען דער סולטאַן סולים דער צווייטער האָט באַשטימט טבריה און אַ גרויסע שטרעקע אַרום כדי ער זאָל דאָרט באַזעצן אויסשליסליך אידן, און דאָס צווייטע מאָל אין 18טן יאָרהונדערט, ווען נאַפּאָלעאָן האָט (אין יאָר 1799 אָדער 1800) צוגעזאָגט די אידן צו שאַפן פאַר זיי אַ מלוכה אין ארץ־ישראל.

פון ביידע הבטחות האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. ערשט אין 19טן יאָרהונדערט ווערט ארץ־ישראל סעקולאריזירט נאָכדעם, ווי די אייראָפעאישע מלוכות באַקומען רעכט צו מאַכן אָרדנונג אין טערקיי, — פּאַלעסטינע איינגעשלאָסן, — לאָזן דאָרט גילטן זייערע געריכטן און האָבן שוץ אויף זייערע אונטערטאַנען. פון דאַן אָן הויבט מען ביסלעכווייז אָן דאס לאַנד צו קולטיווירן. פון 1869 הויבן אָן דייטשן זיך צו פאַרנעמען אין ארץ־ישראל מיט דאָרפס־ווירטשאַפט אויף א ראַציאָנאַלן שטייגער. עס אַנטוויקלט זיך האַנדל. עס קומען־אויף וועלטליכע שולן. און אידישע יונגעלייט הויבן־אָן מקנא צו זיין די אַנדערע און הויבן אויך אָן צו שטרעבן צו מלאכה און ערד־אַרבעט און פּטור ווערן פון דער חלוקה. זיי צו הילף קומט משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו טאָן פאַר דערהויבן דעם מצב פון די אידן אין ארץ ישראל, און אויך די חברה „כל ישראל חברים" האָט דורך אירע שולן ארויסגעריסן פיל פון דער אידישער יוגנט פון דער חלוקה־אַטמאָספערע, און זיי דער־נעענטערט צו מלאכה און אייראָפּעאישער קולטור. שוין אין די 70גער יאָרן גרינדן ארץ ישראל אידן די קאָלאָניע פּתח־תקוה, און די „כל ישראל חברים" גרינדעט אָן אַגראַר־שול „מקוה ישראל", בא יפו. די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד פון 1881—1882 האָבן ארויס־געטריבן פון לאַנד גרויסע מענשן־מאַסן און צווישן זיי—א באַלייִ־דיגטע אידישע יוגנט, וואס איז פול געווען מיט אידעען און אידע־אַלן פון אַלמענשליכער און נאַציאָנאַלער פרייהייט. און זיי ווענדן זיך קיין ארץ ישראל מיט דעם שטאַרקסטן ווילן און טיפסטן גלויבן, אַז מ'קאָן, און זיי ווען אָנהויבן צו שאַפן א אידיש ארץ־ישראל, א פריי ארץ־ישראל, דורך ערד־אַרבעט. ניט פון חלוקה ווילן זיי זיך שפּייזן, נאָר פון זייער אַרבעט, צו וועלכע זיי טרעטן שוין צו מיט ליידיגע הענט. און אין משך פון די נאָענטע צוואַנציג יאָר, ד. ה. ביז צום יאָר 1900, האָט שוין א"י פאַרמאָגט קרוב צו דרייסיג אידישע דערפער מיט קנאַפּע זעקס טויזנט איינוואוינער.

און א יונגע שכינה האָט אָנגעהויבן צו שוועבן איבער'ן אַלטן לאַנד. א נייער פרישער מאָרגן איז אין דעם לאַנד אויפגעגאַנגען,

און נייע מענשן האָבן אַ נײ לעבן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אונטער זיינע הימלען.

אויפס־ניי ווערט דאָ דאָס אידישע פאָלק געבוירן. און אַ נייע געשיכטע פון אידישן פאָלק הויבט דאָ אָן געשריבן צו ווערן...